STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05084

EKHOS FUN A VAYTN NEKHTN

Lili Berger

Permanent preservation of this book was made possible
by Ruth Frankfurt
in honor of
Daniel Frankfurt's 75th birthday, 05-28-00

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לילי בערגער

עכאָס פֿון אַ ווײַטן נעכטן

דערציילונגען, חומש־מעשהלעך, עסייען און סקיצן

פאַרלאַג „ישראל־בוך"

לילי ברגר
הדים מיום אתמול כי עבר

LILI BERGER

ECHOS DES TEMPS LOINTAINS

I.S.B.N. 965—430—012—5

©
כל הזכויות שמורות

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"
הילפספאַנד פאַר יידיש־שאַפונג
רחוב איתמר בן־אבי 4, תל־אביב, ת.ד. 1777

Israel-Book Publishing House
4, Itamar Ben-Avi Str., Tel-Aviv, P.O.B. 1777

נדפס בישראל תשנ"ג — 1993
Printed in Israel, 1993

דפוס „שמגר 1986", ת"א, טל. 828704

דערציילונגען

צוליב צוויי קליינע זאַצן

דער פֿרילינגדיקער אָוונט איז צוגעפֿאַלן ראַפּטעם. דער בלויער הימל האָט זיך פּלוצלינג אײַנגעוויקלט אין אַ גרויעם לבוש. די יונגע ביימלעך אין גערטנדל פֿאַרן הויז האָבן אָנגעהויבן זיך טרייסלען ווי אין קדחת. אַ ווידערקול ווי פֿון באָמבאַרדירונגען האָט אָפּגעהילכט אין דער לופֿטן. מיט אַמאָל האָט דער טונקל־גרויער הימל זיך אָנגעהויבן שפּאַלטן מיט פֿײַערדיקע בליצן. ס'האָט נישט גענומען לאַנג ווי אַ שלאַקס־רעגן, ווי אַ מבול האָט זיך מיט אַ טראַסק אַראָפּגעלאָזט פֿון פֿאַרשוואַרצטן הימל. גראָבע טראָפּנס רעגן זענען צוגעפֿאַלן צו דער ערד מיט אַ שטאַרקן, קלינגנדיקן אָפּהילך.

אַזאַ שטאַרקער, רוגזהדיקער רעגן האָט אַ טבע נישט לאַנג אָנצוהאַלטן. איז ער טאַקע ביסלעכווײַז איבערגעגאַנגען אין דראָבנע געדיכטע קײַקעלעך מיט אַ מינאָרן אָפּקלאַנג. אַזאַ רעגן האָט אָבער אַ טבע זיך צו לאָזן ווילגיין ווי לאַנג עס גלוסט אים און מענטשן מיט שוואַכע נערוון פֿאַרטראָגן אים ערגער ווי אַ שלאַקס רעגן מיט זײַן געפּילדער.

✶

דער שרײַבער יוסף קאַנץ פֿאַרטראָגט נישט ביידע סאָרטן רעגן. ביידע דערמאָנען אים די האַרבסטיקע רעגנס אין אוישוויץ, די לאַנג־דויערנדיקע דראָבנע רעגנס וואָס האָבן זיך געשאָטן פֿון נידעריקן גרויעם הימל ווען מ'האָט געיאָגט צו דער אַרבעט און צוריק־וועגס. ווי אַ קליפּה האָבן זיך צוגעטשעפּעט צו אים די דערינערונגען און קלאַפּן שטאַרק אָן אין זײַן זכרון יעדעס מאָל ווען ס'רעגנט, בפֿרט ווען ס'גיסט אָן אויפֿהער. זינט זײַן פֿאָטער, דער געוועזענער דעפּאָרטירטער, האָט זיך צעשיידט מיט דער וועלט און ער איז געבליבן אַליין אין דער רחבותדיקער דירה, זענען די דערינערונגען נאָך שטאַרקער. די גרויסע דירה פֿון 4 צימערן מיט אַ היפּשער קיך פֿאַרגרעסערט זײַן איינזאַמקייט. אַן אײַנפֿאַל געוועזן זיך אײַנצוהאַנדלען אַזאַ „פּאַלאַץ" נאָך אוישוויץ! אָבער ס'איז געווען נאָך דעם ווי מ'האָט זיי באַצאָלט פֿאַר די עינויים וואָס מ'האָט זיי, און דער גאַנצער משפּחה, אָנגעטאָן. דער טאַטע האָט געהאַלטן, אַז מ'דאַרף דאָס געלט „פּלאַסירן". דערצו האָט ער אַרײַנגערעדט אין אים, אַז ער דאַרף אויפֿסניי חתונה האָבן.

אַ לעבן פֿון צוויי מאַנסבילן אָן ווײַבער איז קיין לעבן נישט, האָט ער געטענהעט. ער האָט דעם טאַטן צוליב געטאָן — און פּאַרוואָס לייקענען, אַז זיך אויך — און חתונה געהאַט מיט אַ דרײַסיק יאָריקער געוועזענער דעפּאָרטירטער וואָס האָט כמעט געפּאַכעט מיט דער נשמה. צוויי יאָר האָט ער געהאַט אַ צווייט ווײַב. ער האָט אַלץ געטאָן זי צו דערהאַלטן בײַם לעבן, נאָר דאָס לעבן האָט ביסלעכווײַז אויסגערונען בײַ איר. נאָך דער חתונה האָט ער ערשט אַנטדעקט, אַז דאָס האַרץ גייט בײַ איר ווי אַן אַלטער וואַנט-זייגער. ס'האָבן שוין נישט געהאָלפֿן קיין דאָקטוירים. אַ בײַנאַכטיקער האַרץ-שלאַג איז געקומען אומגעריכט. און אַז אַ מענטש איז נישט באַשערט צו האָבן אַ ביסל מנוחה, האָט מען אים צוגעשאַנצט אַ נײַע הויז-באַדינערין, אַן עלטערע פּרוי פֿון אַ ווײַטער אומגעקומענער משפּחה, אויך אַן איינזאַמע, וואָס האָט זיך אײַנגעקוואַרטירט בײַ אים. און מיט איר גאַנצער גוטסקייט און געטרײַשאַפֿט דערגייט זי אים די יאָרן. נישט זי זאָל זײַן, חס וחלילה, אַ מרשעת, אָדער זי זאָל נישט אויספּילן אירע פֿליכטן, נאָר איר באַרעדעוודיקייט. ער האָט זיך קיינמאָל נישט פֿאָרגעשטעלט אַ מענטש זאָל קאָנען אַזוי פֿיל רעדן און האָבן אַזאַ שטאַרקע באַדערפֿעניש אויסצודערציילן. אַלץ וואָס זי ווייסט און וואָס ליגט איר אויפֿן האַרץ, מוז זי דערציילן.

אין אַזאַ רעגנדיקן אָוונט איז בײַ איר די באַדערפֿעניש צו רעדן, דערציילן וואָס ס'טוט זיך בײַ דעם און בײַ יענעם — אין לשער.

אויף אַזעלכע צרות און אָנשיקענישן האָט ער איין עצה: פֿאַרמאַכן זיך אין זײַן אַרבעטס-צימער — פֿאַרמאַכן הייסט: פֿאַרשליסן די טיר — און שרײַבן, אָדער לייענען. אמת, פֿריידל — אַזוי הייסט זי — קלאַפּט אָפּטמאָל אָן אין טיר, אָבער ער דערקענט אין איר קלאַפּן צי ס'איז וועגן אַ נייטיקער זאַך, צי סתּם לשם רעדן.

✶

יוסף האָט נאָכן אָוונט-ברויט פֿאַרשטאַנען, אַז דער רעגן, וואָס הערט נישט אויף, קלײַבט זיך פֿאַרצוזעצן אַ גאַנצע נאַכט. ער זאָל קאָנען שלאָפֿן ווען עס קאַפּעט אַזאַ רעגן איז אָפּגערעדט. וואָלט געווען ווען אָפּצושטאַטן אַ וויזיט, וואָלט ער אַפֿילו אונטערן רעגן געגאַנגען. די ווייניקע באַקאַנטע וואָס זענען נאָך פֿאַרבליבן, זענען כמעט אַלע חולהוואַטע; אין אַזאַ וועטער לייגט מען זיך אין בעט. אַזוי טראַכטנדיק האָט ער זיך דער־מאָנט, אַז מיט שיינע עטלעכע וואָכן צוריק האָט ער אײַנגעפּעדעמט, חוץ עטלעכע אַנדערע אַרבעטן וואָס זענען פֿאַרטראַכט, אַ נאָוועלע וואָס איז

אים נישט געגאַנגען גלאַטיק. און אַ טבע האָט יוסף, אַז אויב ס'גייט נישט גלאַטיק דאַרף מען איבערריַיסן, אָוועקלייגן און זיך נעמען דערצו אַן אַנדערש מאָל, אין אַן אַנדער שטימונג. אַזאַן עקספּערימענט האָט ער שוין נישט איינמאָל געמאַכט און ס'איז נישט געווען אומזיסט.

פֿריידל וואָס האָט געבאַלעבאַטעוועט אין קיך האָט געהאַט אַנגעשטעלט די טעלעוויזיע ביַי זיך אויף דער העכסטער גאַטע צו פֿאַרטריַיבן, האָט זי געזאָגט, דאָס „כריפּען" פֿון רעגן. יוסף איז דאָס מאָל געוואָרן שטרענג, באַפֿוילן אַראָפּצונידערן די נודנע מוזיק און נישט קומען אַנקלאַפּן אין זיַין טיר, נישט צו שטערן אים אין זיַין אַרבעט.

— אָבער אַ גלאָז הייסע מילעך אַריַינגעבן דאַרף מען דאָך.

— ניין, דאָס מאָל דאַרף מע נישט קיין מילעך, איך דאַרף רו, מע דאַרף מיר נישט שטערן. איך אַרבעט.

— ווער שטערט איַיך? איר זענט דאָך אַ קראַנקער מענטש, געווען 4 יאָר אין אוישוויץ, איך מוז איַיך פּילעווען.

— נישט היַינט. היַינט זאָלט איר נישט אַנקלאַפּן אין מיַין טיר.

— און ס'זאָל, די שעה זאָל קיין שעה נישט זיַין, אויסברעכן אַ שׂריפֿה, זאָל איך אויך נישט אַנקלאַפּן?

— ס'וועט נישט אויסברעכן קיין שׂריפֿה, שרעקט מיך נישט, איך מוז היַינט פֿאַרענדיקן אַן אַרבעט, שטערט מיר נישט.

— ווער שטערט דען איַיך? איך היט צו איַיער געזונט, מ'זאָל נישט דאַרפֿן כסדר צו האָבן צו טאָן מיט דאָקטוירים און איר האַלט דאָס פֿאַר שטערן איַיך. איך מוז איַיך כסדר דערמאָנען, אַז איר זענט געווען 4 יאָר אין אוישוויץ, וואָס האָט אויסגעצויגן פֿון איַיך דאָס גאַנצע געזונט. און איר וואָלט נאָר טאָג און נאַכט געזעסן אַנגעבויגן איבערן טיש אָדער איבער דעם מאַשינדל.

— אַז איר ווייסט וואָס ס'איז געווען אוישוויץ טאָ לאָזט מיר דאָס באַשריַיבן, אַנדערע מענטשן זאָלן אויך וויסן וואָס דאָס איז געווען.

— ווער זאָגט דען, אַז מע דאַרף נישט באַשריַיבן? אָבער דאָס אונטערגעבראָכענע געזונט דאַרף מע צוהיטן, יאָ צי ניין?

— טאָ גיט־זשע איצט אַריַין אַ טעפּל הייסע מילעך און לאָזט מיך צו רו. היַינט קלאַפּט נישט אין מיַין טיר!

✶

יוסף האָט דאָס מאָל די טיר נישט פֿאַרשלאָסן. מע וועט זען ווי זי וועט האַלטן וואָרט. ער האָט אַרויסגעצויגן פֿון שופֿלאָד די אָנגעהויבענע

נאָוועלע, איבערגעלייענט איין מאָל, אַ צווייט מאָל און דאָס מאָל צופֿרידן געווען פֿונעם אָנהייב. די צײַט דערנענטערט זיך צו האַלבער נאַכט און דער רעגן טריפֿט נאָך אַלץ. געוויינלעך ווערט ער שלעפֿעריק אין אַזאַ שעה. הײַנט פֿילט ער נישט קיין שום באַגער צו שלאָפֿן. דערינערונגען, פֿאַרשידענע געדאַנקען קרײַזן אין קאָפּ. ער מוז זיי אַרויסוואַרפֿן פֿון זיך. ער הייבט אָן שרײַבן, ס׳גייט ווי געשמירט. ער האָט בײַם אָנהייב מיט עטלעכע וואָכן צוריק נישט געטראַכט וועגן די עפּיזאָדן וואָס שווימען איצט אויף אין מוח, ווי זיי וואָלטן אײַנגעשלאָפֿן געווען אין זײַן זכרון. איצט, אין די שפּעטע נאַכט־שעהען האָבן זיי אויפֿגעוואַכט. ווי גוט האָט ער געטאָן וואָס ער האָט דעם אָנהייב אָפּגעלייגט. אַזוי דאַרף מע זיך פֿירן. קיין שום שרײַבערישע אַרבעט דאַרף נישט זײַן אויפֿגעצוווּנגען. יעדער זאַך דאַרף פֿריִער זיך אויסשטיין, רײַף ווערן. דער קאָפּ איז נישט קיין מאַשין...

אַזוי טראַכטנדיק זענען געשעענישן אויפֿגעשטיגן אין קאָפּ, נײַע ביל־דער זענען געבוירן געוואָרן. ער האָט געפֿירט מיט דער פֿעדער גיך איבערן פּאַפּיר און ניט געפֿילט ווי די צײַט איז געלאָפֿן. צומאָל נישט באַמערקט ווי דער זלידנער רעגן האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט געכאַפּט אַ קוק אויפֿן האַנט־זייגער. ס׳דערנענטערט זיך צו פֿיר פֿאַרטאָג. ער כאַפּט אַ קוק אויף די פֿאַרשריבענע בויגנס. אַ סך מער ווי ער האָט פֿאַרפּלאַנירט. די בלעטלעך ליגן אויפֿן טיש אַזוי, אַז מע דאַרף זיי נישט אײַנסאָרטירן, אַזוי ווי שטענדיק. עס כאַפּט אים אָן אַ חשק דורכצולייענען. שלעפֿעריק איז ער סײַווי נישט. ער לייענט דורך גיכער ווי געוויינלעך די דרײַסיק זײַטלעך און איז צופֿרידן פֿון זיך ווי זעלטן ווען נאָך פֿאַרענדיקן אַן אַרבעט. איצט האָט ער פֿאַרדינט אַ גוטן שלאָף. זאָל אים נאָר פֿריידל נישט אויפֿוועקן, אויב ער וועט אַרײַנשלאָפֿן אַ שטיק אין טאָג.

✶

יוסף האָט פֿאַרלאָזט זײַן אַרבעט־צימער כאַפּנדיק אַ קוק אויף זײַן גרויסער ביבליאָטעק בעת ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אַ נײַ בוך איז אים אָנגעקומען און ער קומט נישט אויס מיט דער צײַט צו לייענען. ער איז אַרײַן אין דערנעבנדיקן שלאָף־צימער, געלייגט זיך אין בעט, נאָר דער שלאָף איז נישט געקומען, הגם אַ צופֿרידענער פֿון דער אָפּגעטוענער אַרבעט. אַ סברה, אַז די צופֿרידנקייט האָט אים פֿאַריאָגט דעם שלאָף. פּלוצלינג האָט אים אַ געדאַנק אָנגעקלאַפּט אין מוח: אויפֿן פֿופֿצנטן זײַטל האָט ער געדאַרפֿט צוגעבן אַן עפּיזאָד וועגן וועלכן ער האָט געטראַכט נאָך בײַם

ערשטן אָנהייב. אַ זאַץ בלויז. ניין, ס'וועט אַרויסקומען אַ צו לאַנגער זאַץ. בעסער צוויי קורצע זאַצן. גלייך ווי ער וועט אויפשטיין פון שלאָף וועט ער די צוויי זאַצן צוגעבן. וואָלט ער דאָ געהאַט אַ פעדער און פאַפיר, וואָלט ער עס פאַרצייכנט. אַ שאָד, אַ שאָד וואָס ער האָט דאָ איצט נישט קיין שרייב־מאַטעריאַל. נאָר ווי גיך ער וועט זיך אינדערפרי איבערוועקן, וועט ער עס גלייך מאַכן. און אפשר זאָל ער עס גלייך איצט מאַכן? צו זיין אַרבעטס־צימער איז בלויז עטלעכע טריט. צי קאָן ער האָבן צוטרוי צו זיין אָפּגעשוואַכטן זיכּרון, וואָס האָט אים שוין נישט איין מאָל פאַרפירט?

*

יוסף האָט אָנגעצונדן דאָס נאַכט־לעמפּל, אַרויסגעשטעלט קודם די פיס פון בעט, אונטערגעהויבן דעם לאַנגן אָבער נישט שווערן קערפער און צוגעשלייכט צו דער טיר. זאָל נאָר פריידל נישט דערהערן, זי וואָלט אים געמאַכט אַ סקאַנדאַל. ער האָט געמאַכט אַ נישט געשיקטן טריט. דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט און — בענץ! ער ליגט אויסגעצויגן אויפן טעפיך אין וועלכן ער האָט פאַרטשעפעט אַ פוס. צו גליק געפאַלן אויף דער פּלייצע. נו, וועט ער אונטערליגן אַ ביסל וועט דער שאַרפער ווייטיק איבערגיין. ער וועט זיך אויפהייבן און שוין גיין צוריק אין בעט אַריין. אָבער זיין קערפער האָט נישט געוואָלט זיך אויפהייבן. אַט הייבט ער זיך אויף, נאָר אַ שטאַרקער ווייטיק האַלט אים אין קלעם.

אוי, פריידל... פריידל... פריידל...

פריידל האָט אַ שאַרפן אויער און אַ גוט האַרץ. זי האָט כּמעט נישט געהערט זיין שטיל רופן, אָבער זי איז שטענדיק געווען אומרויִק וועגן אים. זי האָט אין שלאָף געפילט אַן אומרו. זי האָט זיך אויפגעריסן און אונטער־געהערט, יאָ, ער קרעכצט. זי גייט שוין מאַכן אַ טרונק, אים עפּעס געבן אין מויל. רפואות האָט זי אַן אַ שיעור.

זי האָט פאַרוואָרפן אויף זיך דעם שלאָפראָק, זי וועט זיך דאָך נישט ווייזן אין אַ נאַכט־העמד פאַר אַ מאַנצביל. זי האָט זיך געלאָזט מיט באָרוועסע פיס צו יוסף'ס שלאָף־צימער.

— אוי, אַ בראָך איז צו מיר! ער ליגט דאָך אַ פאַרחלשטער. האָט זי אויסגעשריִען.

זי איז צוריקגעלאָפן, געכאַפּט אַ טעפּל קאַלט וואַסער און מיט דער האַנט אים באַשפּריצט ס'פּנים, אים אויפצומינטערן. דעמאָלט האָט יוסף מיט אַלע כּוחות אויסגעשריִען: כ'האָב נישט געחלשט, געפאַלן, העלפט מיר זיך אויפהייבן.

— אוי, אַ בראָך צו מײַנע יאָרן, אויף אַ געפֿאַלענעם האָב איך געשפּריצט קאַלט וואַסער!

זי האָט אָנגעשטרענגט אַלע כּוחות אים אויפֿצוהייבן, אָבער פֿאַר יעדער מאָל האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ האַרצרײַסנדיקן געשריי.

— ס׳האָט זיך עפּעס צעבראָכן אין מיר, קלינגט אין דער „גיכער־הילף". דער טעלעפֿאָן איז בײַ מיר אויפֿן שענקל.

זי האָט אַרײַנגערעדט אין טעלעפֿאָן מיט אַ געיאָמער: אַ שרײַבער, אַן אוישוויצער, איז געפֿאַלן און צעבראָכן הענט און פֿיס, אויב קומט מען נישט באַלד, שטאַרבט ער די רגע, אַוועק. זי האָט דרײַ מאָל איבערגעחזרט דעם אַדרעס.

די „גיכע־הילף" איז געקומען מיט אַזאַ גיכקייט און מיט אַזאַ פּערסאָנאַל ווי צו לעשן אַ פֿלאַקערדיקע שׂרפֿה אין שטאָט. זיי האָבן דעם פֿאַרשמאַכטן שרײַבער אַרויפֿגעלייגט אויף אַ טראָג־בעטל און אײַליק געבראַכט אים אין נאָענטסטן שפּיטאָל.

ער האָט זיך נישט טועה געווען, יוסף קאַנץ. דער לינקער היפּט איז געווען בײַ אים צעבראָכן. פֿריידלען האָט די קראַנקן־שוועסטער נישט געקאָנט אָפּיאָגן פֿון דעם בעט פֿון אָפּערירטן, און כאָטש דער דאָקטער האָט איר פֿאַרזיכערט, אַז ס׳איז נישט קיין געפֿערלעכע אָפּעראַציע, האָט זי געוויינט און געקלאָגט. ווען זי איז אויף צו מאָרגנס געקומען נאָכדעם ווי מ׳האָט זי דעם ערשטן טאָג געהאַט אַרויסגעבעטן, האָט זי אין אַ ווינקל שטילערהייט אײַנגעטעהנעט מיט זיך:

— אַז אָך און ווי איז צו מיר, וואָס פֿאַראַ „אָפּיעקונקע" איך בין. געלאָזט אים נעבעך פֿאַלן. מסתּמא געדאַרפֿט גיין דאָרט ווו דער קיסר גייט צו פֿוס...

דאַקעגן, ווען יוסף קאַנץ האָט זיך שוין געהאַט אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף נאָך דער אַנעסטעזיע און שוין געהאַט געקומען צו זיך, זענען זײַנע ערשטע ווערטער וואָס ער האָט אַרויסגעמורמלט צו זיך אַליין געווען: „דאָס אַלץ צוליב צוויי קליינע זאַצן".

דער וועג צום לעבן

ס׳איז געווען אין דער צײַט פֿון וועל ד׳היוו דעם 16טן יולי 1942. אין איינעם פֿון די לעצטע טעג ווען מ׳האָט נאָך געכאַפּט ייִדן, אַרויס־געשלעפּט זיי פֿון זייערע באַהעלטענישן און אײַנגעזאַמלט אין גרויסן צירק „וועלאָדראָם ד׳היווער״. מאַדלען איז יענעם טאָג פֿאַרשלאָפֿן נאָכן האָבן אין דער געהיימער מאַנסאַרדע ביז שפּעט בײַנאַכט זיך צוגעהערט בײַ איר פּערפֿעקטן אַפּאַראַט די ידיעות פֿון לאָנדאָן. דרײַ מאָל שטילער־הייט קלאַפּן אין איר טיר פֿונעם פֿינעף־שטאָקיקן צימערל האָט זי איבער־געוועקט און איבערגעשראָקן. ווער קאָן דאָס זײַן? — האָט זי געטראַכט. זי האָט ראשית־כּל אַוועקגעשאַרט דעם שוואַרצן, געדיכטן פֿאָרהאַנג פֿונעם פֿענצטער. זאָל אַרײַן אין צימער אַ ביסל ליכט פֿון דרויסן.

*

געוויינלעך פֿלעגט מאַדלען פֿינקטלעך 8 אַזייגער אינדערפֿרי זײַן פֿיקס־און־פֿאַרטיק אַוועקצוגיין מיט די ידיעות וואָס זי האָט אויפֿגענומען און פֿאַרפּאַקט אין דער טאָפּלטער דנאָ פֿון איר עלעגאַנטן בײַטל און זיך געלאָזט צופֿוס צו דאָקטער זשאַן אַראָזשיי, דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פֿון דער חודש־שריפֿט „איך באַשולדיק״, אַ טיטול אויסגעבאָרגט בײַ עמיל זאָלאַ־„זש׳אַקיז״. דאָס מאָל האָט זי אין דער געוויינטלעכער צײַט נישט געדאַרפֿט אַרויסגיין צוליב דער ייִדן־כאַפּערײַ וואָס איז באַזונדער פֿאָרגע־קומען אין איר קאַרטיע. זי האָט טאַקע אַ פֿראַנצויזישע קאַרטע דידאַנטיטע, אָבער אַ נאָכגעמאַכטע. דערצו האָט זי נישט קיין גוטן אַקצענט. אויב מ׳זאָל זי נעמען אויפֿן צימבל, וועט נישט פֿריילעך זײַן. חוץ דעם ליגט אַ צוגעגרייטע צײַטונג צום דרוק. זי וואַרט אויפֿן זעצער. מיט איין וואָרט, זי האָט נישט געמוזט אַרויסגיין. די דרײַ מאָל שטילע קלאַפּ־צייכנס האָבן מאַדלענען צעטומלט.

די שלעפֿעריקייט האָט זי שוין געהאַט אינגאַנצן פֿאַרלאָזט. זי האָט מיט שטילע טריט זיך דערנענטערט צו דער טיר, האָט צוגעלייגט דאָס אויער צו איר. איצט האָט זי דײַטלעכער דערהערט דאָס שטילע קלאַפּן דרײַ מאָל לויט אַן אייגענעם אָפּמאַך. דאָס אויער האָט אויך אויפֿגעכאַפּט אַ שטילן קלאַנג ווי אַ כליפּ פֿון אַ קינד. דער פֿאַרשטיקטער כליפּ האָט איר געגעבן מער זיכערקייט.

— ווער ?

— קלאָד.

— ביסט אַליין ?

— עפּן, גיכער !

מאַדלען, אַ צעשראָקענע האָט געעפֿנט די טיר און צום ערשטן מאָל געזען קלאָדן אַ פֿאַרזאָרגטע, אָן אַ שמייכל אויפֿן פּנים. מיט דער רעכטער האַנט האָט זי געדריקט צו זיך אַ מיידעלע. מאַדלען איז בלאַס געוואָרן קוקנדיק אויף די צווײ פֿרימאָרגנדיקע געסט.

— וואָס איז געשען, קלאָד ? — האָט זי זיך צוגעאײַלט צו פֿרעגן.

— באַלד בײַ דער טיר דיר דערציילן ? לאָז זיך אונדז פֿריִער צי זעצן.

זיי האָבן זיך אַלע דרײַ באַזעצט אויף דער אַלטער קאַנאַפּע וואָס האָט מאַדלענען גענוצט פֿאַר אַ בעט. דאָס פֿינעף־יאָריקע מיידעלע האָט זיך דאָ דערפֿילט פֿרײַער און גאַנץ שטיל אָנגעהויבן וויינען. צוליב פֿאַרזיכטי־קייט האָט זי ביז איצט אַפֿילו נישט געטאָרט וויינען.

— וויין נישט, מײַן קינד, מ׳וועט אַלץ דערליידיקן. ווי איז דײַן נאָמען ? — האָט מאַדלען געפֿרעגט, כּדי זי צו מאַכן היימישער.

— זיזי. און זי האָט זיך ווידער שטילערהייט צעוויינט.

קלאָד מיט איר שטענדיק וואַרעם האַרץ האָט די קליינע אַרײַנגענומען אין אירע אָרעמס, איר געטאָן אַ קוש אין קעפּל און אייבצײַטיק געפֿרעגט מאַדלענען צי מען הערט דאָ נישט דורכן וואַנט. ווען מאַדלען האָט איר פֿאַרזיכערט, האָט זי אָנגעהויבן דערציילן :

— די משחיתים האָבן נאָך נישט פֿאַרענדיקט זייער טײַוולאָנישע אַרבעט. זיי יאָגן זיך ווידער נאָך ייִדישע קרבנות. נאָך דרײַ טעג האָבן זיזיס עלטערן געמיינט, אַז די טײַוולאָנישע שפּיל איז פֿאַרענדיקט. פֿאַר יעדן פֿאַל האָבן זיי זייער טעכטערל באַוואָרנט, געלאָזט זי שלאָפֿן בײַ זייער גוטער קאָנסיערשן, זיי האָבן אַרײַנגעשטעלט בײַ איר אין אַ ווינקל אַ בעטל. פֿאַרטאָג זענען פֿראַנצויזישע מיליציאַנטן (יאָ, פֿראַנצויזישע!) גע־קומען, אויפֿגעריסן די טיר און צוגענומען זיזיס עלטערן. די קאָנסיערש האָט זיך דערשראָקן און וויל מער זיזין נישט האַלטן בײַ זיך.

— מיט וואָס קאָן איך העלפֿן ?

— הער, מאַדלען, מ׳דאַרף זיזין אַרויספֿירן פֿון פּאַריזער גיהינום, ווי מ׳האָט אַרויסגעפֿירט אַנדערע קינדער. איך גופֿא האָב אָפּגעראָטעוועט צוויי.

די 5־יאָריקע זיזי, הערנדיק די ווערטער האָט זיך ווידער שטילער־הייט צעוויינט.

— ווײַן נישט, זיזי, וועסט נישט זײַן אַליין, שוין פֿאַראַן דאָרט צוויי פּאַריזער, דו וועסט דאָרט זײַן בײַ גוטע מענטשן.

— ווו געפֿינט זיך דאָס רעטונגס־אָרט ? — האָט מאַדלען געפֿרעגט.

— די צרה איז, וואָס ס׳איז נישט זייער נאָענט. אָבער אויך נישט זייער ווײַט. נאָר ס׳איז נישטאָ קיין באַן ביזן דאָרף. דעריבער וואָלט איך נישט געוואָלט פֿאָרן מיט איר אַליין. דו קאָנסט אַרויסהעלפֿן. כ׳האָב שוין גערעדט מיט דאָקטער אַראַזשיי. מײַן פּלאַן געפֿעלט איר, דו זאָלסט זײַן די צווייטע באַגלייטערין. די צײַטונג איז פֿאַרטיק, וואַרט אויפֿן זעצער. זי איז פֿרײַ, וועט קאָנען די ידיעות פֿון לאָנדאָן אַליין אויפֿנעמען.

מאַדלען האָט אויסגעהערט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. זי איז מסכּים.

זי האָט זיך אויפֿגעריסן, אַרויפֿגעשטעלט וואַסער אויף דער גאַז־מאַשינקע, אַרויסגעצויגן פֿון שענקל מילך, ברויט און וואָס זי האָט פֿאַר־מאָגט דאָרט. קלאָד איז געוואָרן אויפֿגעלייגט, געשלונגען די ביסנס און גערעדט, געמאַכט דעם פּלאַן: זיזי בלײַבט בײַ מאַדלען ביז זי וועט אַלץ דערליידיקן, אויך באַן־בילעטן, אַפֿילו אַ טייל פֿון זיזיס „גאַרדעראָבע" וועט זי ברענגען. זיבן אַ זייגער גייט אָפּ די באַן, מ׳וועט דאָרט זײַן זעקס אַ זייגער, אפֿשר האַלב זיבן, אָבער בעסער זעקס אַ זייגער. מאַדלען האָט זיך אײַן עפּעס דערמאָנט.

— האָסט געזאָגט, אַז די באַן גייט בלויז ביזן שטעטל. און פֿון שטעטל ביזן דאָרף ווי אַזוי ?

— זאָרג נישט, ס׳גייט אַן אויטאָבוס און ס׳איז נישט ווײַט.

זיי האָבן זיך געאײַלט, דער עיקר קלאָד. זיי האָבן זיך אויפֿגעשטעלט און זיך צעקושט. אַפֿילו זיזי האָט זיך אויסגעלײַטערט. פֿון צײַט צו צײַט צומאָל אַפֿילו געשמייכלט. זי האָט אויך געשטעלט אַ „זאַכלעכע" פֿראַגע: ווי אַזוי וועט זי זיך קאָנען דערוויסן ווו ס׳געפֿינען זיך אירע עלטערן און ווען וועט מע זיי אָפּלאָזן, זיי זאָלן קאָנען קומען אַ היים ? מאַדלען האָט זיך אָפּגערופֿן די ערשטע:

— ווען מיר וועלן זיך נאָר עפּעס דערוויסן, וועלן מיר דיר צו וויסן געבן.

קלאָד האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ מיט אַ פֿריילעכער מינע, אָבער די טרערן האָבן איר געשטיקט.

*

פּאַריזער ייִדישע געגנטן האָבן אויסגעזען ווי נאָך אַ יאָגד אויף חיות.

פֿון דאָ און דאָרט האָט מע נאָך אַרויסגעשלעפּט עמעצן פֿון אַ באַהעלטע־ניש. אָט פֿירט מען אַ שוואַנגערע פֿרוי וואָס בעט צו נעמען אין באַטראַכט איר צושטאַנד. און אָט שטופּט מען אַרויס פֿון אַ טויער אַ פֿאַרפֿאָלק מיט צוויי קינדער. דאָס ייִנגערע האַלט דער פֿאָטער אויף די הענט. דאָס גרע־סערע פֿירט די מאַמע פֿאַר אַ הענטל. מ׳האָט בײַ זיי אויפֿגעריסן די טיר און אַזש 4 פֿראַנצויזישע מיליציאַנטן רינגלען זיי אַרום, וואָרעם דער ייִד האָט זיך קעגנגעשטעלט, ער האָט יונגע קינדער האָט ער געטענהעט. קלאָד וואַרפֿט בליקן מיט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ, זי האָט נישט קיין צײַט, אײַלט זיך. זי דאַרף ראַטעווען אַ קינד. דער טאָג רוקט זיך און זי האָט נאָך אַזוי פֿיל צו דערליידיקן. קודם מוז זי נאָך אַרײַנכאַפּן זיך צו דאָקטער אַראָזשיי. זי דאַרף איר אינפֿאָרמירן וואָס זי האָט דערליידיקט מיט מאַדלען בײַ וועלכער זי האָט געלאָזט זיזין. און איצט דער געלט־ענין: די רײַזע הוצאות און דער מאָנאַט־אָפּצאָל פֿאַרויס פֿאַר דער פֿרוי איז פֿאַר איר אַ גרויסער פּראָבלעם. צוליב דעם אויך מוז זי קודם זײַן בײַ דאָקטער אַראָזשיי.

ס׳איז קיין פּראָבלעם נישט, באַרויִקט זי דאָקטער אַראָזשיי, איר באַקומט פֿון מיר איצט וויפֿל אײַך איז נייטיק. כ׳וועל מיך אויסרעכענען מיט חברים.

— אויב אַזוי, גיי איך גלײַך קויפֿן בילעטן, זאָגט קלאָד מיט פֿרייד.

— ניין, איך ראָט אײַך נישט. די באַן גייט אָפּ ערשט 7 אַזייגער. ס׳קאָן זײַן פֿאַרדעכטיק אַזאַ לאַנגע צײַט פֿאַרויס צו קויפֿן בילעטן. און אײַער אויסזען איז אויך נישט קיין גוטער. צופֿיל פֿאַררויטלט. גייט בעסער צון אײַך אין שטוב אָפּעטעמען. איר וועט גלײַכצײַטיק נעמען דאָס וואָס איר האָט בײַ אײַך פֿאַרן מיידעלע. גייט נישט צו יענער קאָנסיערזש. מאַכט אײַך באַקוועם. פֿירט אײַך אויף נאַטירלעך. איך בין אַ דאָקטער. אײַערע אויגן ברענען, דאָס געזיכט פֿלאַקערט. ס׳קאָן ווערן פֿאַרדעכטיק. איר האָט מיר געזאָגט, אַז איר קענט גוט די געגנט. צום שטעטל סואַסאָן גייט די באַן אַנדערהאַלבן שעה און צום דאָרף ריזאַנסקי, האָט איר מיר געזאָגט, גייט אַן אויטאָבוס אַ צוואַנציק מינוט. ס׳זעט אויס, אַז איר קענט גוט די געגנט. פֿון דעסט וועגן דאַרף מען זײַן פֿאָרזיכטיק. אויך דאָ.

קלאָד האָט געפֿאָלגט דעם דאָקטער אַראָזשיי און געגאַנגען נאָך בילעטן אַ שעה פֿאַרן אָפּגיין פֿון דער באַן. אַ האַלבע שעה האָט זי צוגע־געבן זי זאָל באַוויזן אַן אײַלעניש צו מאַכן דעם מאַרשרוט צו מאַדלען און צוריק צום באַן, אויב מ׳וועט קיין טאַקסי נישט קריגן און מ׳וועט

דאַרפֿן פֿאָרן מיט דער מעטראָ, כאָטש טוישן וועט מע נישט דאַרפֿן. די געלאָסענע, געמיטלעכע צוואַנציק יאָריקע קלאָד האָט הײַנט פֿאַרלוירן די געלאַסנקייט. ס'האָט געברענט אין איר, וואָס ס'איז קענטיק געווען אויפֿן פֿאַררויטלטן פּנים, דאָס האָט אַזוי, אַ סברה געווירקט אויף איר אינדערפֿרי די אַנגעטראָפֿענע דאָ און דאָרט ייִדן אַרויסגעשלעפּטע פֿון די באַהעלטע־נישן.

*

אַ פֿערטל נאָך זעקס איז דער דרײַלינג שוין געווען אויפֿן באַנהויף. אַ שכן פֿון פֿערטן שטאָק, אַן „אייגענער" האָט זיך אָנגעשטויסן וואָס דאָ קומט פֿאָר און באַגעגנדיק מאַדלענען אין אַ נישט־געוויינלעכער שעה אין דערנעבנדיקן גאָרטן מיט אַ קינד בײַ דער האַנט, האָט ער איר פֿאַרגעלייגט זײַן אויטאָ. מאַדלען האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ.

— אויף ווען?

— כ'וועל אָנקלאַפּן אין אײַער טיר.

ווען קלאָד איז אַ פֿאַרסאַפּעטע, אַ מידע, צוריק געקומען און דער־הערט אַזאַ נײַעס, האָט זי ראשית־כּל געפֿרעגט צי ס'איז אַן „אייגענער", דערנאָך געריבן זיך די הענט פֿון שׂמחה. „אין דעם ים פֿון רישעות זענען נאָך דאָ מענטשלעכע מענטשן". זי האָט געברענט פֿון אומגעדולד צו זײַן פֿרי אויפֿן באַנהויף, צו קאָנען פֿאַרנעמען באַקוועמע פּלעצער. די היץ איז הייַנט אַ ברענענדיקע.

— נישט ערגער ווי נעכטן, נאָר דו ברענסט, רו דיך איצט אַ ביסל אָפּ — האָט איר געראָטן מאַדלען.

און אָט זענען זיי שוין אויפֿן באַנהויף. ס'איז אַ זונטיק. זיזי איז אָנגעטאָן אין אַ יומטובדיק קליידל און אַ באַשיידענע קאָקאַרדע אין די האָר. אירע צוויי באַשיצערינס זענען אין זומערדיקע, זונטיקדיקע קליידלעך, און יעדער איינע פֿון זיי האַלט אַ באַשיידן פּעקל — זיזיס „גאַרדעראָבע". די באַן איז געווען באַלאַגערט. זיי האָבן זיך קוים אַרײַנגעשטופּט. אַן עלטערער, עלעגאַנטער מאַן האָט זיך צוגעדריקט צו זײַן שכן און געמאַכט אַן אָרט פֿאַר זיזין. די קליינע האָט זיך איבערגעקוקט מיט קלאָדן. קלאָד האָט זיך צעשמייכלט מיט אַ קינסטלעכן שמייכל. באַדאַנקט דעם עלעגאַנטן מאַן און אוועקגעזעצט זיזין.

די צײַט האָט זיך פֿויל געשלעפּט און די באַן האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט. ווען זיי האָבן דערהערט אַ פֿײַף און די באַן האָט זיך גערירט,

אַנגעהויבן אַלע מאָל גיכער גיין, האָבן זיי אָפּגעטעמט, ווי די פינעף־יאָריקע זיזי וואָלט שוין געווען אויסער יעדער געפאַר. אָבער די באַן האָט זיך געשלעפט ווי זי וואָלט קיין כּוח נישט געהאַט צו פירן אַזאַ מאַסע פּאַסאַזשירן. זיזי איז אַראָפּ פון איר געשענקטן פּלאַץ און זיך צוגעטוליעט צו קלאַדן. קלאַד איז צוגעשטאַנען צו דער אויסגעבלייכטער מאַדלען זי זאָל פאַרנעמען דאָס אָרט. מאַדלען האָט אָנגענומען זיזין פאַרן האַנט, זיך אָוועקגעזעצט, און זיזין גענומען אויפן שויס. אין דעם מאָמענט האָט די טראַנטע־באַן זיך אָפּגעשטעלט — שוין צום דריטן מאָל — ס׳זענען גאָר נידעריק ווידער דורכגעפלויגן דייטשישע עראָפּלאַנען.

די באַן האָט לסוף דערגרייכט די סטאַציע. די פּאַסאַזשירן האָבן אָפּגעטעמט. קלאַד, מאַדלען מיט זיזין ביַי דער האַנט זענען אַראָפּ פון דער באַן צעקנייטשטע, פאַרמאַטערטע, אָבער מיט דער האָפענונג, אַז נישט לאַנג וועט שוין געדויערן די מאַטערניש. מיטן אויטאָבוס וועלן זיי אין אַ פופצן־צוואַנציק מינוט אַרום זיַין אויפן דערלייזערישן אָרט. ווי אַ קלאַפּ מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ איז אָבער געווען די ידיעה, אַז דער אויטאָבוס גייט שוין נישט זינט עטלעכע טעג.

זיזי האָט זיך צעוויינט. קלאַד האָט איר געווישט די טרערן און זי געטרייסט, אַז ס׳איז נישט וויַיט און זי קען גוט דעם וועג. פאַראַן צומאָל צווי וועגן, מיטן שאָסיי און מיטן וואַלד, וואָס ציט זיך אין דער לענג פון שאָסיי. בעסער וועט זיַין צו גיין מיטן וואַלד. אויפן שאָסיי גייען אומ־אויפהערלעך דייטשישע סאָמאָכאָדן.

★

די זון האָט שוין לאַנג געהאַט אַראָפּספּאַצירט פון איר הויכן פּיעדעסטאַל, געשאַרט זיך פאַמעלעך צום האָריזאָנט. ווען דער דריַילינג איז אַריַין אין וואַלד איז נאָך געווען בין־השמשות. אין וואַלד האָט דער בין־השמשות זיך גיך פאַרטונקלט. קלאַד האָט זיי געטרייסט. זי קען דעם וועג אַפילו אין דער פינצטער, ער גייט לענג־אויס דעם שאָסיי. מ׳האָט איר געזאָגט, אַז מיטן וואַלד איז נענטער צום דאָרף ווי מיטן אויטאָבוס. קלאַד האָט גענומען זיזין פאַרן האַנט און איר דערציילט ווי אַזוי זי האָט דאָס ערשטע מאָל אַליין געטראָפן אין דאָרף אַריַין. מאַדלען איז געגאַנגען ביַי זייער זיַיט אַ שוויַיגעדיקע. וואָס טונקעלער ס׳איז געוואָרן אַלץ מער שוויַיגעדיקער איז דער דריַילינג געוואָרן. די סטעזשקע איז כּמעט אַ גליַיכע, האָט פאַרגעזעצט קלאַד, נאָר נאָענט פון דאָרף פאַרדרייט זי זיך אויף רעכטס. מאַדלען און זיזי האָבן שוויַיגנדיק אויסגעהערט אירע דערקלערונגען און

קענטענישן וועגן וואַלד און געשוויגן. קלאַדן איז נמאס געוואָרן צו רעדן צו שוויַיגערס און האָט אויך אָנגעהויבן שוויַיגן. זענען זיי געגאַנגען אין דער פֿינצטערניש ווי זיי וואָלטן געדרימלט. פּלוצלינג האָט זיך דער דריַי־לינג צעשאָטן און פֿון זייערע פֿאַרטרוקנטע העלדזער האָבן זיך אַרויס־געריסן געשרייען. די ערשטע איז געקומען צו זיך קלאַד: — ס'איז דאָך אַ האָז! — אַ האָז איז דורכגעלאָפֿן צווישן אונדזערע פֿיס. ער איז אַנט־לאָפֿן אויס מורא פֿאַר אונדז. ער האָט מורא פֿאַר אונדז ווי מיר האָבן מורא פֿאַר אים. כ'האָב פֿאַרגעסן אייַך צו זאָגן, אַז דאָ זענען פֿאַראַן אַ סך אַזעלכע חיהלעך, נאָר זיי טוען נישט קיין שלעכטס. — טאָ פֿאַרוואָס האָסטו אַ געשריי געטאָן? — האָט געפֿרעגט מאַדלען.

— ווייַל כ'האָב געהאַט פֿאַרגעסן. כ'האָב זיך אָבער באַלד דערמאָנט וויפֿל מעשׂיות מ'האָט מיר דערציילט וועגן די חיהלעך דאָ.

זיזי האָט זיי איבערגעריסן דעם שמועס מיט אַ געוויין, זי איז פֿאַר־מאַטערט און די פֿיס טוען איר שטאַרק ווייַ פֿון אַזוי פֿיל גיין.

קלאַד האָט אָפּגעגעבן דאָס פּעקעלע מאַדלענען, אָנגעבויגן זיך און אַרויפֿגענומען זיזין אויף די פּלייצעס. זי האָט איר געעצהט ווי אַזוי אַרומ־צונעמען מיט די הענטלעך דעם האַלדז, און אירע פֿיס האָט זי גענומען אין די הענט אַריַין. בלויז די צוויי מיידלעך זענען איצט געגאַנגען מיט די אייגענע פֿיס. ווען קלאַד האָט געטראָגן זיזין אַ לענגערע שטרעקע און מאַדלען האָט זיך געבעטן בײַ איר זי זאָל איר געבן צו טראָגן אַ ביסל דאָס קינד, האָט קלאַד סאַפּענדיק איר געגעבן אַ זאָג:

— דו טראָגסט אויף דײַנע פּלייצעס גענוג ייִדישע צרות, איך טראָג בלויז אַ קליין מיידעלע.

— האָסט נישט נאָר אַ גוט ייִדיש האַרץ, נאָך אויך אַ ייִדישן קאָפּ, טאָ זאָג מיר, גייען מיר כאָטש מיט אַ גוטן וועג?

— וואָס פֿאַרא פֿראַגע? איך בין מיט דעם וועג געגאַנגען עטלעכע מאָל. און רעדנדיק, סאַפּענדיק גיט זי צו: — אָט זע איך שוין פֿון דער וויַיטנס אַ פֿלאַך בערגל. בײַם סוף וואַלד זענען פֿאַראַן בערגלעך. ווען ס'וואָלט געווען ליכטיק, וואָלט מע שוין געזען דעם ראַנד וואַלד. לאָמיר צוגיין. אויף אַ נידעריק, פֿלאַך בערגל, קאָן מע זיך אויסציִען, אויסגלייַכן די ביינער.

דאָס בערגל איז גאָר נידעריק־פֿלאַך. מ'דאַרף נישט הייבן די פֿיס. זיי האָבן זיך אָוועקגעזעצט, אויסגעצויגן די פֿיס און קוים אָפּגעעטעמט. קלאַד האָט נישט באַוויזן אָפּצושעפּן זיזין פֿון די פּלייצעס, ווי פּלוצלינג האָבן

זיך בײדע אָפּגעריסן פֿון דער ערד װי מע װאָלט זײ פֿון אונטן אונטער־געגאָסן קאָכעדיק װאַסער; ס׳האָט געברענט, געשטאָכן, געביסן.

— אוי געװאַלד! מיר האָבן זיך געזעצט אויף מוראַשקעס, האָט אויסגעשריִען מאַדלען.

זיזי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון דרימל און זיך צעװײנט. קוים װי זײ האָבן זיך דערװיסטערט פֿון פֿאַרפּעסטיקטן אָרט, האָבן זײ גענומען בודק־חמץ זײַן דאָס קינד װאָס האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון דרימל און געמאַכט קולות. מ׳האָט זי אויסגעטאָן נאַקעט און מיט די נאָזטיכלעך אויסגעװישט איר דאָס גאַנצע לײַב; אויפֿגעמאַכט אַ פּעקל, אַרויסגענומען אַ קלײדל, אַנדערע סאַנדאַלן, װי זײ װאָלטן זיך געקליבן צו גײן מיט איר צו געסט. פֿאַרטיק געװאָרן מיט זיזין האָבן זײ זיך איבערגעטראָגן װײטלעך פֿון די מוראַשקעס, אױעקגעזעצט זיזין אויף אַ זיכערן אָרט און גענומען זיך גופֿא אָפּרײניקן פֿון די מוראַשקעס. די מוראַשקעס האָבן שוין אָבער צו ביסלעך זײערס געהאַט אָפּגעטאָן. ס׳האָט דאָ און דאָרט געביסן, געשטאָכן... צום װײניקסטן האָט, װי ס׳האָט זיך אויסגעװיזן, געליטן זיזי. נאָכן אָפּכאַפּן דעם אָטעם פֿון דער מוראַשקע־אַװאַנטורע האָבן זײ בײדע אָנגענומען זיזין פֿאַר די הענטלעך און געלאָזט זיך אין װעג. זיזי האָט שטילערהײט געװײנט.

— מיר דוכט, אַז מיר זענען כמעט בײַם ראַנד פֿון דאָרף, ס׳איז מיר אָבער נישט קלאָר צי מ׳דאַרף זיך פֿאַרנעמען אויף רעכטס צי אויף לינקס. איך װעל מאַכן עטלעכע טריט פֿאָרויס, װוּ די בײמער זענען שיטערער, װעל איך װיסן צי מיר זענען פֿון דער גוטער זײַט. רירט אײַך נישט פֿון אָרט, האָט קלאָד אָנגעזאָגט.

זי האָט זיך אָפּגעריסן פֿון מאַדלען מיטן קינד, געװאָלט מאַכן דאָס װאָס גיכער און געגעבן אַ לויף, פֿאַרטשעפּעט אַ פֿוס אין אַן אויסגעדאַרט צװײַגל און געפֿאַלן. זי האָט אַרויסגעלאָזט אַן „אוי” און געבליבן ליגן עטלעכע מינוט. דער עכאָ פֿון „אוי” איז דערגאַנגען צו מאַדלען. זי האָט גענומען זיזין אויף די פּלײצעס, װי זי האָט דאָס שוין עטלעכע מאָל געטאָן, און גענומען שפּרײַזן אין דער ריכטונג אין װעלכער קלאָד איז אַװעק. דער עכאָ פֿון אירע פֿאַרמאַטערטע טריט איז דערגאַנגען צו קלאָדן.

— איך... איך בין דאָ, דאָ! קומט! מיר זענען שוין אָנגעקומען!

— קלאָד! קלאָד! װוּ ביסטו?

— דאָ! דאָ! מיר זענען שוין לעבן דאָרף. כ׳בין, כ׳בין געפֿאַלן!

װען מאַדלען איז צוגעקומען איז קלאָד שוין געזעסן, נאָר דער שטאַר־

קער קלאַפּ אין פּוס האָט איר נאָך נישט דערלויבט אַליין זיך אויפצוהייבן. ווען מאַדלען האָט זי דערזען זיצן האָט זי זיך שטיל צעכליפּעט; זי האָט געמיינט אַז זי האָט צעבראָכן די פּיס. זיזי האָט קוקנדיק אויף ביידע אירע באַשיצערינס זיך ערשט גוט צעוויינט.

— וואָס וויינט איר? מיר זענען שוין אין דאָרף, אַנטקעגן דעם פּינפּטן הויז. נאָר כ׳האָב געקריגן אַ קלאַפּ אין רעכטן פּוס, כ׳קען אַליין זיך נישט אויפהייבן.

— דער פּוס איז נישט צעבראָכן?

— נישט צעבראָכן, די הויט נאָר צעריסן, גיב אַ האַנט, וועל איך זיך אויפהייבן.

מאַדלען האָט איר געגעבן ביידע הענט. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, געמאַכט עטלעכע טריט.

— זעסט, אַז דער פּוס איז נישט צעבראָכן, די הויט בלויז אַ ביסל צעריסן. מיר זענען אין דאָרף. מיר זענען אַנטקעגן דעם פּינפּטן הויז, מאַרי מאַרצענאָס הויז איז אַנטקעגן אונדז.

— וועסט קאָנען גיין, אָדער זאָל איך מיט זיזין גיין און בעטן עמע־צער זאָל קומען מיר העלפן דיך ברענגען.

— איך גיי מיט אײַך ביידע.

מאַדלען האָט גענומען אונטערן אָרעם קלאָדן, מיט דער צווייטער האַנט געהאַלטן פאַרן הענטל זיזין און מ׳איז אַרויס פון וואַלד. קלאָד האָט אונטערגעהינקט. אין אַ צען מינוט אַרום זענען זיי געווען פאַר מאַריס הויז. קלאָד האָט אַרײַנגעשריען אין אָפּענעם פענצטער: מאַרי! מאַרי! אַ מיטליעריקע פרוי איז אַרויס צו זיי אין דרויסן, גענומען אין אירע אָרעמס קלאָדן, אַרײַנגענומען די נאַכטיקע געסט אין שטוב און אָנגעהייבן זיך פאַרען אַרום זיי. זייער געשיכטע האָט זי אויסגעהערט ווען זיזי איז שוין געשלאָפן אין בעט.

דער לעצטער טאָג

צו דער 50סטער יאָרצײַט פֿון יאַנוש קאָרטשאַק

(דראַמאַטישע סקיצע)

אַ באַשײדן ביוראָ־צימער. בײַ אײן װאַנט צװײ קלײנע ביוראָ־שענ־קלעך מיט קאַרטאָטעקעס. בײַ דער קעגנאיבערדיקער װאַנט — אַן אַלטע שאַנק מיט שלעכט־צוגעמאַכטע טירלעך; אױבן אױף דער פֿאָדערשטער װאַנט אַ לאַנגער פּילפֿאַרביקער אױפֿשריפֿט אין דער פֿאָרעם פֿון אַ קראַנץ: „קינדער־הױז". דאָ און דאָרט אױף די װענט קינדער־אַרבעטן: צײכע־נונגען, אַקװאַרעלן, אױסשניטן. אױפֿן פֿענצטער — בלומען־טעפּלעך מיט ראַביטישע פּעליאַרגאָניעס. אױף רעכטס אַ פֿאַרמאַכטע טיר. אין מיטן צימער אַן אַלט ביוראָ־טישל, צװײ שטולן. בײַם טישל זיצט אַ פֿעסט־געבױטע פֿרױ אין די פֿופֿציקער, מיט אַן ערנסט, ענערגיש פּנים. זי איז פֿאַרזונקען אין מחשבות. איר אָנגעשטרענגט געזיכט זעט אױס, װי זי װאָלט עמעצן מיט אומרו דערװאַרט. ס׳איז סטעפֿאַניאַ װילטשינסקאַ, די פֿאַרװאַלטערין פֿון יתומים־הױז. זי איז װי שטענדיק אָנגעטאָן אין אַ שװאַרצן סאַטינענעם אַרבעטס־פֿאַרטעך. די שװאַרצע האָר, דורכגעװעבט מיט זילבערנע פֿעדעם זענען גלאַטיק פֿאַרקעמט. אַט שפּאַרט זי אונטער דעם קאָפּ מיט בײדע הענט, װאַרפֿט אומרויִקע בליקן, שפּיצט אַן די אױערן. אַרום איז שטיל. עס דערגײט בלױז פֿון מאָל צו מאָל אַ קינדער־שטימע פֿון הױז. און אַט גראָבט זי אײַן דעם קאָפּ אין אַ שטױס קינדער־אַרבעטן, װאָס ליגן פֿאַר איר. זי נעמט אײנע, אַ צװײטע, באַקוקט מעכאַניש און לײגט אַװעק, װי דער מוח װאָלט געװען פֿאַרנומען מיט גאָר עפּעס אַנדערש. עס דערהערט זיך אַ לײַכטער קלאַפּ אין טיר. אין דער האַלב־אָפֿענער טיר באַװײַזט זיך אַ קאָפּ פֿון אַן עלטערער, פֿאַראומערטער פֿרױ — די קעכין פֿון קינדער־הױז. זי קוקט אַ װײַלע פֿאַרשעריש אַרײַן. שלײַכט זיך לאַנגזאַם אַרײַן אין צימער, בלײַבט שטײן בײַ דער טיר און פֿרעגט נישט דרײַסט:

די קעכין: אַנטשולדיקט, מ׳קאָן? כ׳דאַרף צו אײַך...

סטעפֿאַניאַ װילטשינסקאַ: (אױפֿדרײענדיק דעם קאָפּ צו דער פֿרױ) אין װאָס גײט?

די קעכין: (גײט צו נענטער צום טיש, פֿאַרלײגט פֿאַרזאָרגט די הענט)

פאַני סטעפּאַניאַ, וואָס זאָל איך גרייטן צום אָוונטברויט? דאָס מיטאָג היינט אַזאַ קאַרגס, צו ווייניק קאַשע געווען. אויף איבער צוויי הונדערט מיילער. וויפל פאַלט אויס אויף אַ מויל, ס׳איז קוים דעם הונגער אָפּצוטרייבן. אפשר עפּעס מער אויף אָוונטברויט?

סטעפּאַניאַ ווילטשינסקאַ: מאַכט נאָר נישט אַזאַ אומגליקלעכע מינע! ווייניק קאַשע געווען, דערפאַר מער פערדיש בלוט. ס׳איז נאַרהאַפּט. און צו אָוונטברויט ווייסט איר וואָס.

די קעכין: (וויל אויסבאַהאַלטן די פאַראומערטקייט און דאָס פּנים פאַרקרימט זיך איר נאָך מער) דאָס ברויט אַזוי פאַרטרוקנט, ס׳איז דען ברויט? אַ שטיק האַרט ליים, דאָס מעסער נעמט עס נישט. די ציינער קאָן מען זיך צעברעכן. אפשר דאָס מאָל אַ ביסל קאַרטאָפל?

סטעפּאַניאַ ווילטשינסקאַ: דאָס ביסל קאַרטאָפל דאַרף מען לאָזן פאַר מיטאָגן. און דאָס ברויט דאַרף מען אָפּפרישן, צעשניידן, טונקען אין וואַסער און לאָזן אָפּפרישן אין באַק־אויוון. דער עיקר זייט נישט אַזוי פאַראומערט, פאַרזאָרגט. ס׳איז נאָך נישט קיין הונגער ביי אונדז. ביז היינט נאָך אויך נישט געווען קיין הונגער. האַרט ברויט איז אויך ברויט. איר וועט עס אָפּפרישן וועט עס זיין פריש.

די קעכין: כ׳האָב געוווסט איר וועט געבן אַ גוטע עצה, אַ געזונט אויף אייך. וואָס וואָלט אין אַזעלכע צייטן געוואָרן פון אונדז אָן אייך? מיר וואָלטן אונטערגעגאַנגען, (ס׳פאַרקרימט זיך ביי איר דאָס פּנים ווי צו וויינען, אָבער זי האַלט זיך איין) אַזעלכע ביטערע צייטן געקומען אויף אונדז, אַזעלכע ביטערע... (טראָגט צו דעם פאַרטעך צו די אויגן און גיט אַ ווייש) מ׳זאָגט, אַז מ׳וועט ווידער...

סטעפּאַניאַ ווילטשינסקאַ: (האַרט שטראָפּעריש) וואָס ווידער פאַר אַ קלאָגן! אונדזערע קינדער האָבן נאָך נישט געהונגערט ווי אַנדערע. מ׳דאַרף נישט מאַכן אַזאַ אומגליקלעכע מינע. די קינדער דאַרפן נישט זען פאַרזאָרגטע פּנימער ביי די דערוואַקסענע, זיי דאַרפן נישט זען קיין טרערן.

די קעכין: (ווישט גיך אויס אַ טרער אין אויג) נאָר פאַר אייך דאָ, ווען קיינער זעט נישט, אַפילו ווען דאָס האַרץ גייט איבער, ווען ס׳ווערט צעריסן פון דעם אַלעמען, האַלט מען זיך איין. נעכטן האָט מען ווידער... מ׳זאָגט, אַז מ׳וועט... אינדערפרי האָב איך געהערט ווי מ׳האָט דערציילט...

סטעפּאַניאַ ווילטשינסקאַ: (רייסט איר איבער) הערט נישט וואָס מען דערציילט. און הערט אויף צו וויינען! איר זענט אַ דערוואַקסענער מענטש

און אַרום זענען קינדער. איר, מיר אַלע דאַרפֿן זײַן פֿאַר זיי אַ בײַשפּיל. זיי טאָרן נישט זען קיין שרעק. (שטרענג) איר פֿאַרשטייט?

די קעכין: (פֿאַרענטפֿערט זיך) כ'פֿאַרשטיי, אַוודאי פֿאַרשטיי איך, נאָר בײַ מיר די טרערן ווען די קינדער זעען נישט, פֿאַר זיי מאַך איך אַ גוטע מינע, פֿאַר אײַך אָבער, פּאַני סטעפֿאַניאַ, דאַרף מען זיך אַ מאָל אַראָפּרעדן פֿון האַרץ. כ'האָב אײַך געוואָלט דערציילן, כ'האָב געהערט זאָגן אַז...

סטעפֿאַניאַ ווילטשינסקאַ: (רײַסט איר ווידער איבער) מ'דאַרף גאָר־נישט דערציילן. און זיך נישט צוהערן וואָס מ'זאָגט. טראַכט נישט דער־וועגן! מיר זענען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר איבער צוויי הונדערט קינדער, און נאָר וועגן זיי דאַרפֿן מיר טראַכטן. זיי טאָרן נישט זען קיין אומעט, קיין טרערן. אַזאַ פֿאַרקרומט פּנים קאָן זיי נאָר שאָדן ברענגען. מיר דער־וואַקסענע מוזן זיי העלפֿן בײַקומען די שווערע צײַט. צי פֿאַרשטייט איר דאָס?

די קעכין: (שאָקלט מיטן קאָפּ און ווישט אויס מיט דער האַנט אַ טרער אין אויג) אַוודאי פֿאַרשטיי איך. פּאַני סטעפֿאַניאַ, כ'על שוין נישט. אַזאַ יאָר אויף מיר ווי איר זענט גערעכט. שטענדיק ווען איך רעד מיט אײַך, ווערט מיר לײַכטער אויפֿן האַרץ; מיט אײַך ווערט דאָס געמיט גרינגער. (מיט אַ קינסטלעכער געמיטלעכקייט) כ'על שוין אַלץ צוגרייטן ווי ס'גע־הער צו זײַן (גייט אָפּ מיט גיכע, דראַבנע טריט און פֿאַרשווינדט הינטער דער טיר).

(סטעפֿאַניאַ ווילטשינסקאַ עטעמט שווער אָפּ. זי שפּאַרט אונטער דעם קאָפּ מיט ביידע הענט און בלײַבט זיצן אומבאַוועגלעך. די שפּאַנונג אויפֿן פּנים ווײַזט, אַז דער מוח איז אָנגעשטרענגט. עס דערהערן זיך טריט פֿון הינטער דער טיר. סטעפֿאַניאַ הייבט אויף דעם קאָפּ, קענטיק, אַז זי דער־וואַרט עמעצן מיט אומרו. באַלד מאַכט זיך אויף די טיר און אין צימער פֿאַלט אַרײַן מיט נערוועזע טריט אַן עלטערער מאַן — אַ מיטלוווקסיקער, דראַבנער, אויסגעדאַרטער מיט אַ גלאַנציקן קאָפּ אָן האָר, מיט אַן אויס־געצערט, קרענקלעך פּנים און אַ בלאָנד שפּיציק בערדל. ער איז פֿאַר־סאָפּעט און זעט אויס פֿאַרמאַטערט. — ס'איז דאָקטער יאַנוש קאָרטשאַק־גאָלדשמידט.)

סטעפֿאַניאַ: (גלײַכט זיך אויס, קענטיק ס'איז איר לײַכטער געוואָרן, איר פּנים ווערט געמיטלעכער) אָ, גוט וואָס איר זענט שוין דאָ צוריק! כ'האָב מורא געהאַט איר וועט הײַנט נישט צוריקקומען אַזוי פֿרי.

קאָרטשאַק: (רוקט אָפּ אַ שטול פֿון בילדער־טיש, זעצט זיך אַוועק און

עטעמט שווער אָפּ) פּרי? פּרי זאָגט איר סטעפאַ? שוין באַוויזן אויסצוויַין אַ וועלט, די זומפּיקע, פינצטערע יידישע וועלט, אויסצומעסטן עטלעכע געטאָ־גאַסן, אָפּצושטאָטן נישט ווייניק וויזיטן און איר, סטעפּאַ, זאָגט, אַז פּרי; איר מעסט נאָך אַלץ די צייַט מיט אַ נאַרמאַלן זייגער. עטלעכע שעה זיך דורכשלייַכן דורך די געטאָ־גאַסן, עטלעכע שעה אָפּרייַסן די שוועלן, בעטלען. (בויגט אָן דעם קאָפּ, רעדט ווי צו זיך אַליין) אַ בעטלער געוואָרן אין געטאָ. אַמאָל בלויז געפאָדערט וואָס ס׳קומט דעם יתומים־הויז, הײַנט מוז איך אי פאָדערן, אי אויסקריגן זיך, אי בעטלען, אַלץ איז רעכט, אַבי פאַרזאָרגן די קינדער.

סטעפאַניאַ: נישט קיין גוטער טאָג הײַנט, אומזיסט געגאַנגען.

קאָרטשאַק: (הייבט אויף דעם קאָפּ) אומזיסט? ניין פאַרקערט, דווקא הײַנט איז די מאַטעריעל נישט געווען אומזיסט, כ׳קום הײַנט נישט מיט ליידיקע הענט (מיט אַ געצוווּנגענעם גרימאַסע־שמייכל פול מיט איראָניע) אַרויסגעריסן וואָס ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט, אין איין אָרט 30 קילאָ קאַשע, אין אַ צווייטן דרייַ זעקלעך קאַרטאָפל און 10 קילאָ ווורשט, אמתן וורשט. איר הערט? וורשט! כ׳האָב געפרעגט צי ער איז נישט אַמאָל פון מענטשיש פלייש? האָט מען מיַין פראַגע געטומען גאָר ערנסט און פאַרזיכערט מיר, אַז פון פערדיש פלייש. נישט פון מענטשיש, נאָר פון פערדיש. דעם אמת געזאָגט, פאַרוואָס זאָל מען אזא פראַגע הײַנט נישט נעמען ערנסט? פאַראַן אַ קלאַנג, אַז די דייַטשן מאַכן פון מענטשישע לייַבער זייף. פאַרוואָס נישט וורשט? ווו איז די גרענעץ? ווו? (בייגט אָן דעם קאָפּ) זי איז שוין פון לאַנג איבערגעטראָטן די מענטשלעכע גרענעץ.

סטעפאַניאַ: (לייגט נישט קיין אַכט אויף זייַנע לעצטע ווערטער, ווי זי וואָלט נישט דערהערט) נישט געריכט זיך ס׳זאָל זיך אייַך הײַנט אַזוי אייַנגעבן, דער עיקר איר זענט שוין דאָ צוריק.

קאָרטשאַק: זעט איר, הײַנט אָפּגעקומען מיט ווייניקער אַמפּערנישן, דווקא הײַנט אַ גוטער שניט. אַ ביסל געלט אויך. באַלד וועט די שפּייַז אָנקומען. אויך דאָס שנעלע איבערשיקן האָט זיך אייַנגעגעבן. ווידער אָפּגע־טריבן אויף אַ שטיקל צייַט דאָס געשפּענסט פון הונגער. כ׳וועל זיך נאָך הײַנט צוכאַפּן, ביז וואַנען ס׳לאָזט זיך. מ׳דאַרף אויסנוצן יעדע געלעגנהייט. כ׳וועל אָפּכאַפּן אַ ביסל דעם אָטעם און ווידער זיך לאָזן איבערן גיהנום.

סטעפאַניאַ: (מיט זאָרג) הײַנט שוין נישט, לאָזט אויף אַן אַנדערש מאָל, אויף מאָרגן...

קאָרטשאַק: מאָרגן, מאָרגן, ביַי אייַך, סטעפּאַ, איז די צייַט נאָך אייַנ־

געטיילט אין אַ הײַנט און אַ מאָרגן. (איראָניש) לאָזן אויף מאָרגן אין געטאָ! ווער ווייסט ווי אַזוי דער מאָרגן וועט אויסזען. וואָס ס'איז דאָ צו טאָן דאַרף מען שוין הײַנט, שוין איצט, און נישט אָפּלייגן אויף מאָרגן. (הייבט זיך אויף גרייט אַוועקצוגיין).

סטעפֿאַניאַ: (ווי זי וואָלט זײַנע ווערטער נישט גענומען אין באַטראַכט, רעדט צו אים מיט זאָרג) איר זעט אויס זייער פֿאַרמאַטערט, איר טאָרט נישט אַזוי אויספּרעסן פֿון זיך די כּוחות. דערווײַל וועלן מיר דאָך האָבן שפּײַז, איר זענט נאָך אַ קראַנקייט. מ'דאַרף אײַנשפּאָרן די כּוחות ווי ווײַט ס'איז מעגלעך, איר מוזט אַ ביסל טראַכטן וועגן זיך אויך.

קאָרטשאַק: איך מוז קודם כּל טראַכטן וועגן די קינדער. כ'בין אַ פֿאָטער פֿון איבער צוויי הונדערט קינדער. מײַן געזונט וועט שוין סײַ ווי גאָרנישט העלפֿן. און איר, סטעפֿאַ, נעמט אויף זיך אַן איבעריקע צוגאָב־זאָרג. אַלץ איז אויף אײַערע פּלייצעס, די גרעסטע משא פֿאַלט אויף אײַך און איר זאָרגט זיך נאָך וועגן מײַן געזונט. נייטיק אײַך אַ צוגאָב־זאָרג?

סטעפֿאַניאַ: (ווי מיט אַ פֿאָרוווּרף, נאָר האַלב איראָניש, האַלב ערנסט) איך פֿאַרקוק מיך אויף אײַך, איר האָט דאָך גענומען אויף זיך אַ גרעסערע צוגאָב־זאָרג.

קאָרטשאַק: דאָס יתומים־הויז אויף דזיעלנע, האַ? כ'האָב פֿאַרשטאַנען, געפֿילט אײַערע פֿאָרוווּרפֿן.

סטעפֿאַניאַ: כ'וואָרף גאָרנישט פֿאָר. כ'שטעל נאָר פֿעסט.

קאָרטשאַק: (מיט פֿאַרביטערונג און אומעט) איר קאָנט פֿעסטשטעלן אַ נײַע מפּלה מײַנע.

סטעפֿאַניאַ: נישט דאָס האָב איך געמיינט. און איר טרײַבט מסתּמא אַ ביסל איבער.

קאָרטשאַק: איבערטרײַבן... נאָך אַ וואָרט, וואָס האָט שוין נישט קיין שום גילטיקייט. וואָס קאָן מען שוין הײַנט איבערטרײַבן? איר הערט, סטעפֿאַניאַ, זיי שטאַרבן דאָרט אויס, די קינדער. מיט יעדן טאָג מער. איך קוק ווי זיי שטאַרבן אויס און קאָן גאָרנישט העלפֿן. כ'בין אָנמעכטיק! יעדעס מאָל ווען איך קום דאָרט אויף די עטלעכע שעה שטעל איך נאָר פֿעסט מײַן אומענדלעכע אָנמעכטיקייט. קינדערישע שאָטנס, אײַנגעדאַרטע גופֿימלעך, צעפּרעסענע פֿון הונגער און קראַנקייטן. כ'קוק אויף זיי און ס'ווילט זיך מיר שרײַען, רופֿן נאָך הילף. שרײַען אויף וועמען? צו וועמען? צו וועמען רופֿן נאָך הילף? און צי ווייסט איר ווי אַזוי ס'קוקט הײַנט אַ קראַנק קינד אויף אַ דאָקטער? ניין, נישט ווי אַמאָל. אַמאָל האָט עס מורא

געהאַט, געוויַיכט פֿון אַ דאָקטער. היַינט פֿאַרקערט, וואַרט אויף אים, דער־וואַרט פֿון אים הילף, מאַנט, פֿאָדערט פֿון אים. די קינדערשע אויסגעלאָ־שענע אויגן קוקן אויף איַיך אומאויפֿהערלעך. אוי, די בליקן זייערע! זיי מאָנען, בעטן, בעטלען. אַן 8־יאָריק מיידעלע האָט מיך געפֿרעגט: דאָקטער, וועל איך לעבן? איך וויל נישט שטאַרבן, לאָזט מיך נישט שטאַרבן! וואָס טאָן, זיי זאָלן נישט שטאַרבן? און איר, סטעפֿאַ, דערמאָנט מיר כּסדר כ׳זאָל אַכטונג געבן אויף מיַין געזונט!

סטעפֿאַניאַ: אַז איר געדענקט אַליין נישט, מוז מען איַיך דערמאָנען.

קאָרטשאַק: (גיט אַ מאַך מיט דער האַנט) לאָזט צו רו! וואָס פֿאַר אַ באַדיַיטונג האָט מיַין עלטער, צעבראָכענער נפֿש, ווען יעדער שעה, יעדער מינוט ווערן פֿאַרשניטן אַזוי פֿיל קינדערישע לעבנס?

סטעפֿאַניאַ: איר האָט אַמאָל געהאַט געשריבן, אַז ווען עס ברענען וועלדער, דאַרף מען קאָנען ראַטעווען רויזן. אַזוי האָט איר געשריבן, נישט אמת?

קאָרטשאַק: (נערוועז און מיט דערווידערונג) געשריבן! געשריבן! דערמאָנט עס בעסער נישט. וואָס געווען איז פֿאַרשוווּנדן. ס׳האָט פֿאַר־לוירן דעם זין, די באַדיַיטונג. אומרעאַל די נעכטיקע וועלט, רעאַל נאָר דאָס, וואָס אַרום אונדז — געטאָ, הונגער, מאָרד, אַקציעס.

סטעפֿאַניאַ: (רעדט צו אים ווי צו אַ קראַנק קינד) היַינט וועט איר שוין נישט אַרויסגיין. איר וועט זיך אַ ביסל אָפּרוען, זיך איבערשלאָפֿן. איר שלאָפֿט דאָך כּמעט נישט. דעם גאַנצן טאָג אויף די פֿיס און ביַינאַכט רוט איר אויך נישט. איר שריַיבט גאַנצע נעכט.

קאָרטשאַק: די נאַכט איז געננג לאַנג צו שריַיבן, צו טראַכטן, צו רוען, צו שלאָפֿן. (פֿאַרטראַכט זיך אַ וויַילע און שטיל ווי צו זיך אַליין) אַזוי פֿיל מאָל האָט מען מיר פֿאָרגעלייגט צו שריַיבן זכרונות און קיינמאָל האָב איך נישט געהאַט קיין ציַיט און קיין חשק דערצו. איצט פֿאַראַן אי ציַיט, אי חשק, און די נאַכט איז פּאַסיק דערויף. (ווענדט די אויגן צו סטעפֿאַניאַ און מיט אַ טרויעריקער איראָניע) קאָן מען זיך פֿאָרשטעלן אַ מער פּאַסיק אָרט פֿאַר דער דאָזיקער אַרבעט ווי מיַין אָפּגעצוימטע קאָמער לעבן דעם איזאָלאַציע־צימער? פֿון דער צווייטער זיַיט וועגטל קראַנקע קינדער, איך הער זייער שוואַך עטעמען, טיילמאָל דוכט זיך מיר, אַז איך זע זייערע קאָשמאַרנע חלומות. יאָ, דורך דער וואַנט הער איך און זע אַלץ. (קוקט זיך אַרום צי די טיר איז פֿאַרמאַכט, רעדט שטיל) ווער ווייסט ווו ס׳וואַרט אויף אונדז דער טויט.

סטעפֿאַניאַ: איר זענט דערשעפּט און דערפֿאַר אַזעלכע שוואַרצע געדאַנקען.

קאַרטשאַק: ניין, מײַן ליבע סטעפֿאַ, נישט מער דערשעפּט ווי אַן אַנדערש מאָל. נאָר דעם אַלטן דאָקטער האָט זיך אַ ביסל אויפֿגעבונדן די צונג. צו וואָס זאָל איך פֿאַר אײַך אויך אויסבאַהאַלטן? דער מוח ווערט שטענדיק צעשפּרונגען, צעזעצט פֿון אַזעלכע געדאַנקען. ביז איצט געטראַכט צוממיינסטן ווי אַזוי אויסצומײַדן די קינדער זאָלן נישט הונגערן. דאָס געשפּענסט פֿון די פֿאַרהונגערטע קינדער מיט די אויפֿגעבלאָזענע בײַכער פֿאַרלאָזט קיינמאָל נישט, אַפֿילו נישט אין שלאָף. נאָר פֿון דער פּלאָג קאָן מען זיך נאָך ווי נישט איז ווערן. פֿאַרהיט זיי ביז איצט. ווי אַזוי זיי פֿאַר־היטן פֿון אַנדערע פּלאָגן? ווי אַזוי? (שטעלט זיך אויף, שפּאַנט נערוועז הין און צוריק איבערן צימער). נו, כ׳מוז שוין גיין. די שפּײַז וועט אָנקו־מען, דאָס געלט אויך. אויב כ׳וועל זיך פֿאַרשפּעטיקן...

סטעפֿאַניאַ: (רײַסט אים איבער און האַלב בעטנדיק, האַלב באַפֿעלע־ריש) ניין, איר טאָרט שוין הײַנט נישט אַרויסגיין! כ׳בעט אײַך, בלײַבט אין שטוב. אין אַזעלכע טעג אומאויפֿהערלעך אַרומקריכן איבער די גאַסן...

קאַרטשאַק: אין אַזעלכע טעג אָדער אין אַנדערע. אַ געטאָ־טאָג איז ענלעך איינער צום אַנדערן.

סטעפֿאַניאַ: מ׳דאַרף אָבער נישט קריכן דעם וואָלף אין פּיסק אַרײַן. און איר דאַרפֿט זיך אויך אָפּרוען. די קינדער דאַרפֿן אײַך, איר זענט לעצטנס ווייניק מיט זיי.

קאַרטשאַק: יאָ, ווייניק צײַט פֿאַר זיי. געדאַרפֿט זײַן ייִנגער. כ׳וואָלט טראָץ אַלעמען געוואָלט זײַן יונג. (מיט ביטערער איראָניע) יונג זײַן... דער מלאך המוות טרעט אויף די פּיאַטעס און ס׳ווילט זיך דיר יונג זײַן! (ווענדט די אויגן צו סטעפֿאַ) ס׳נוצט צו גאָרנישט, סטעפֿאַ, אויסצובאַהאַלטן צווישן אונדז ביידע. איך וואָלט געוואָלט ס׳זאָל געלינגען אויסצובאַהאַלטן ביזן לעצטן מאָמענט פֿאַר זיי; איך ווייס נאָך נישט גענוי ווי אַזוי. און איך ווייס אויך נישט וואָס איך וואָלט אין לעצטן מאָמענט די קינדער געזאָגט. כ׳וואָלט אָבער געוואָלט קענען רעדן צו זיי ביזן לעצטן אָטעם־צוג...

סטעפֿאַניאַ: (קוקט אויף אים די גאַנצע צײַט אַ דערשיטערטע, אָבער אַ באַהערשטע) איר זענט הײַנט באמת שטאַרק דערשעפּט. אַזאַ דער־שעפּונג פֿירט... איר וועט שוין הײַנט נישט אַרויסגיין. איר מוזט גיין אָפּרוען.

קאַרטשאַק: (אַן אומצופֿרידענער אָבער נאָכגעביק) נו, גוט, זאָל זײַן, אָפּלייגן אויף מאָרגן די אַנדערע וויזיטן אין די אינסטיטוציעס. איר סטעפֿאַ מוזט אַלע מאָל אויספֿירן. אפֿשר זענט איר גערעכט, מ׳דאַרף ווידמענען אַ ביסל מער צײַט די קינדער, כ׳בלײַב צו ווייניק מיט זיי. (פֿאַרטראַכט זיך, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט) וואָס האָט איר אָקערשט געזאָגט, סטעפֿאַ? מ׳דאַרף נישט קריכן דעם וואָלף אין פּיסק? צי קאָנען זיי אַ מאָל אַליין נישט טרעפֿן צו אונדז די וועלף? (וואַרט אַ ווײַלע זי זאָל זיך אָפּרופֿן, סטעפֿאַ קוקט אויף אים אַ שווײַגנדיקע) איר ווייסט וואָס ס׳איז דאָס ערגסטע? די שרעק. איר זיצט אין שטוב, סטעפֿאַ, איר ווייסט נישט וואָס פֿאַר אַ פּנים ס׳האָט די שרעק.

סטעפֿאַניאַ: (ווי זײַנע ווערטער וואָלטן זי כּלל נישט איבערראַשט) איך ווייס, איך ווייס, זיי דערגייען צו מיר אַהער אומאויפֿהערלעך די קלאַנגען.

קאַרטשאַק: אין דער איצטיקער סיטואַציע דאַרף מען זען קודם כּל אויסצומײַדן שרעק, פֿאַרהיטן די קינדער פֿון פּאַניק־שטימונגען. אַזוי לאַנג ווי ס׳איז מעגלעך. אַזוי לאַנג ווי מיר זענען דאָ אויפֿן אָרט, דאַרף מען אײַנהאַלטן אַן אַטמאָספֿער פֿון אַ מענטשלעך לעבן, אַ נאָרמאַלן סדר פֿון טאָג. אונדזער קינדער־הויז איז געווען אַן אינדזעלע אויפֿן ווילד־צעשטורעמטן ים, נישט דערלאָזט ביז איצט די צעווילדעוועטע כוואַליעס זאָלן עס פֿאַרגיסן. אַזוי דאַרף מען ווײַטער, סטעפֿאַ. מ׳מוז פֿאַרהיטן די קינדער פֿון דער געטאָ־אַטמאָספֿער, פֿונעם פּחד וואָס קאָן פֿאַרסמען די קינדערישע הערצער, צעטרייסלען זיי. כ׳ווייס, כ׳ווייס, סטעפֿאַ, דער שטורעם קאָן זיך אַראָפּלאָזן אויך אויף אונדזער אינדזעלע, אָבער די קינדער טאָרן דאָס נישט פֿאַרויסזען, טאָרן נישט לעבן אין דערוואַרטונג פֿון... מיטן באַוווסטזײַן פֿון אַן אָנקומענדיקער סכּנה. דער פּערסאָנאַל דאַרף דאָס פֿאַרשטיין.

סטעפֿאַניאַ: (מיט פֿאַרוווּרף) פֿאַרוואָס אָבער פּײַניקט איר זיך גופֿא מיט אַ סכּנה, וואָס קאָן זיך אָנרופֿן? איך פֿאַרשטיי אײַך נישט. איר מאַטערט זיך מיט געדאַנקען פֿון דראָענדיקע געפֿאַרן און גלײַכצײַטיק ווילט איר שאַפֿן אַן אַטמאָספֿער פֿון רויִקייט. ס׳זעט מיר אויס ווי איר וואָלט געוואָלט אונדז אײַנוויגן. ס׳וואָלט אפֿשר גלײַכער געווען צוגעגרייט צו זײַן צו אַן עווענטועלן... אויב... אויב ווי איר האָט מורא, זאָל דער קלאַפּ נישט טרעפֿן פּלוצלינג. מ׳זאָל זײַן צוגעגרייט...

קאַרטשאַק: (לאָזט איר נישט פֿאַרענדיקן) ווער זאָל זײַן צוגעגרייט?

סטעפֿאַניאַ: זײַט רויִק, ס׳האַנדלט זיך אין אונדז גופֿא, אין די דער־

וואַקסענע. אין פֿאַל... אויב ווי איר טראַכט... זײַן צוגעגרייט, פֿאַרויסזען ווי אַזוי אויפֿצונעמען דאָס עווענטועלע...

קאַרטשאַק: (מיט קעגנערשאַפֿט) די קינדער טאָרן זיך נישט אָנשטויסן! זיי כאַפּן בחוש אויף די מינדסטע שפּאַנונג. זיי טאָרן קיינמאָל נישט אָנען וועגן עווענטועלע געפֿאַרן.

סטעפֿאַניאַ: די קינדער זעען ווי שטענדיק פֿאַרנומען מיט זייערע באַשעפֿטיקונגען. ס׳האַנדלט זיך וועגן אונדז גופֿא. איך זע אײַער גרויסן אומרו: אפֿשר וואָלטן מיר פֿאַרט געזען וואָס ס׳איז דאָ צו טאָן. מיר האָבן שטענדיק געוואָרט אויף אײַערס אַ וואָרט.

קאַרטשאַק: (צעלייגט אין פֿאַרצווייפֿלונג די הענט) וואָס ס׳איז דאָ צו טאָן? איר ווייסט דאָס אַזוי גוט ווי איך, אַז מיר קאָנען גאָרנישט טאָן. וואָס זאָל איך אײַך נאָך זאָגן? מיר מוזן דערווײַל אַזוי האַנדלען נישט צו דערלאָזן די קינדער זאָלן אָנען וועגן געפֿאַרן. די שרעק זאָל זיך נישט באַזעצן אין זייערע הערצער. מ׳דאַרף זיי אײַנשפּאָרן די פּײַן פֿון אַנגסט. איר ווייסט ווי לײַכט ס׳איז אָנצושטעקן קינדער מיטן געפֿיל פֿון אַ דראָ־ענדיקער סכנה. אַפֿילו... אַפֿילו אין אַנבליק פֿון אַן עווענטועלער סכנה דאַרפֿן מיר האַנדלען אַזוי זיי זאָלן אַלץ אויפֿנעמען רויִק, אָן פּחד, אָן שרעק־קראַמפּן. נישט לײַכט. אונדזער אָנשטרענג וועט זײַן אַ גרויסער... (הייבט זיך אויף און גייט אָפּ מיט פּאַמעלעכע טריט).

סטעפֿאַניאַ: (זי שרײַט אים נאָך) גייט פֿריִער, איידער איר גייט צו די קינדער, אַ ביסל זיך צולייגן! רוט אָפּ אַ ביסל!

סטעפֿאַניאַ אַ צעקלעמטע, מיט קענטלעכער אָנשטרענגונג אויסצובאַ־האַלטן איר צערודערונג, ברענגט מעכאַניש אין אָרדענונג אַלץ וואָס געפֿינט זיך אויפֿן טיש און פֿאַרלאָזט מיט ברענענדיקע אויגן דאָס צימער.

די לעצטע נאַכט

שווערע נאַכטיקע שאָטנס האָבן איינגעוויקלט דאָס קליינע, אָרעמע צימער. דאָס לעמפּל אויפֿן שרייבטישל, אָן איבערדעקטס מיט אַ טיפֿן טונקלען אַבאַזשור, וואַרפֿט קוים אַ בלאַסן אָפּשיין אַרום זיך. די אַראָפּגעלאָזענע שוואַרצע פּאַפּיר־ראָלעטע איבערן פֿענצטער זעט אויס ווי אַ טרויער צודעק איבער אַן אָרון. אַ געדיכטער קלעפּיקער אומעט געמישט מיט אומרו פֿילט אָן דעם קליינעם חלל. אומעט און אַנגסט פֿלעכטן זיך צוזאַמען, דרייען זיך אין דער לופֿט אין משונהדיקע זיגזאַגן, קריכן צוזאַמען מיט די שאָטנס אויף די ווענט, פֿילן אויס אַלע ווינקעלעך, אַלאַרמירן, שרייען שטומערהייט, ווי הונדערטער געפֿערלעכע שלאַנגען וואָלטן פֿון דרויסן באַלאַגערט, אַרומגעדרענגט דאָס הויז, געשלייכט זיך דורך די ווענט, געשטופּט זיך דורך אַלע שפּאַרונעס, געסישטשעט דראָענדיק דורך די גיפֿטיקע ציינער.

דאָס אַלטע פֿאַרזשאַווערטע אייזערנע בעטל איז אויפֿגעבעט, אָבער ליידיק. דער האַרטער געלעגער וואַרט אויפֿן קאַרגן ביישלעפֿער. די מי און מאַטערניש פֿון טאָג האָבן אים נישט געבראַכט דעם שלאָף. די בהלה אין האַרץ האָט אים פֿאַריאָגט. דער וואַכיקער זיצט ביים טישל אַנגעבויגן איבערן פּאַפּיר, פֿירט איילִיק מיט דער פֿעדער איבערן בייגעלע, באַדעקט דאָס ווייסע פּאַפּיר מיט דראָבנע שוואַרצע צייכנס, אויסגיסנדיק אין זיי דערינערונגען פֿון אַמאָל, אַנטרויענדיק זיי די איצטיקע איבערלעבונגען. דער מידער קאָפּ הייבט זיך פּלוצלינג אויף. די פֿעדער פֿאַלט אַרויס פֿון האַנט. דער וואַכיקער רייסט זיך אָפּ פֿון טישל מיט וועלכן ער איז געווען ווי צוזאַמענגעוואַקסן.

אַן אויסגעדאַרטער, איינגעטריקנטער, זעט ער אויס אויף אַ קרענקלעך, שלעכט אַנטוויקלט יינגל. איבערן אויסגעמאַטערטן, איינגעשרומפּענעם גוף הייבט זיך אָבער שטאָלץ אַ הויכער, קלוגער שטערן, פֿון אונטער וועלכן ס׳קוקן אַרויס צוויי טיפֿע, בלוי־וואַרעמע אויגן. איבערן לענגלעכן, אויסגעצערטן, צעאַקערטן פּנים איז אויסגעגאָסן אַן אַ שיעור צער און גוטסקייט, ווייטיק און ליבשאַפֿט. דער אַלטער מאַן מיטן איינגעשרומפּענעם גוף בלייבט שטיין אַ פֿאַרגליווערטער. בלויז דער קאָפּ באַוועגט זיך לאַנג־

זאַם און אומרויִק. דאָס געדיכטע בערדל ציטערט אונטער בײַ יעדער באַוועגונג פֿון קאָפּ. צוויי אומרויִקע, פֿאַרשערישע אויגן קוקן אַרום זיך, ווי זייערע בליקן וואָלטן געוואָלט מיט זייער שאַרף אַדורכדרינגען דורך די ווענט, אויספֿאָרשן די געפֿאַרן, כדי זיי אויסצומײַדן

✶

דאָס געטאָ איז פֿאַרזונקען אין נאַכטיקער שטילקייט. די שטילקייט איז געגליכן צום אײַנהאַלטן פֿונעם אָטעם בײַ אַ שווער באַדראָטן, וואָס באַהאַלט זיך אויס פֿאַר זײַן פֿאַרפֿאָלגער הינטער אַ גאַר נאָענטער וואַנט. פֿון צײַט צו צײַט רײַסט זיך דורך דער נאַכטיקער שטילקייט אַ טויטער קלאַנג פֿון אַ זאַלפּ.

דאָס געטאָ איז אײַנגעוויקלט אין אַ געדיכטן נעפּל פֿון אַנגסטיקער שרעק. איבערן געטאָ הענגט אַ שוואַרצער, דראָענדיקער הימל. די אויגוסט־לופֿט איז אַ הייסע, אַ פּאַרנע, אַ שטיקנדיקע, אָבער מענטשן ליגן אויף זייערע געלעגערס אין די באַהעלטענישן אײַנגעדרענגט, אײַנגעקאַרטשעט, ווי פֿון אַ שטאַרקער פֿראָסטיקער קעלט. דאָ און דאָרט איז אַ משפּחה פֿאַרבליבן ווי אַ צעקאַליעטשעטער קערפּער פֿון וועלכן מ׳האָט אָפּגעהאַקט גלידער. גאַנצע הײַזער זענען אויסגעלײדיקט. זינט דעם 22טן יולי ווערט דאָס געטאָ מיט יעדן טאָג שיטערער. מיט זעקס טויזנט, צען טויזנט אַ טאָג.

בײַטאָג גייט דער טויט אַרויס אין דרויסן, ער הוליעט אויף די געטאָ־גאַסן, אויף די הייפֿן; ער יאָגט זיך ווילד נאָך די בעטלערס, נאָך קינדער, וואַרפֿט זיך אויף יעדערן, וואָס שטעקט אַרויס דעם קאָפּ. דער טויט באַפֿעלט, אַפּעלירט צו קומען צו אים פֿרײַוויליק. ער זאָגט צו צו באַלוינען די פֿרײַוויליקע מיט דרײַ קילאָ ברויט און אַ קילאָ מאַרמעלאַד...

דאָס געטאָ איז אַן אַרומגעצוימט, פֿאַרמאַכט יאַגד־פֿעלד. דער טויט האָט פֿונאַנדערגעלאָזט זײַנע יאַגד־הינט, זיי שנאָרכן אויס, שטעקן אַרײַן זייערע שפּיציקע מאָרדעס אין אַלע נאָרעס. בלויז דער אַנגעהויפּטער פֿינקערט־וואָגן פֿון וועלכן ס׳רינט בלוט, קורסירט אומגעשטערט. לאַנגע קאַראַוואַנען ציִען זיך פֿון פֿרי ביז נאַכט צום אומשלאַג־פּלאַץ. דער דײַטשישער מלאך־המוות שנײַדט דערווײַל זײַן שניט בלויז בײַטאָג, לויט דעם שטייגער פֿון אַן אַרבעטס־טאָג — ביז 6 אַזייגער.

✶

דאָס געטאָ איז פֿאַרזונקען אין אימהדיקער נאַכטיקער שטילקייט, אין

אַנגסטיקער דערוואַרטונג. אויף בוידעמער און קעלערס שלאָפֿן מענטשן מיט אַן אומרויִקן, קאַשמאַרן שלאָף. ד״ר יאַנוש קאָרטשאַק שלאָפֿט נישט. יאַנוש קאָרטשאַק וואַכט אין די נעכט — שרײַבט, באַטירט, הערט זיך אײַן אין דער דראָענדיקער שטילקייט, טראַכט נאָך, זוכט עפּעס צוצוטראַכטן. אַרום אים, אויבן און דערנעבן, שלאָפֿן איבער צוויי הונדערט קינדער, זיי גלייבן אין אים, האָבן צו אים אַזוי פֿיל צוטרוי. זיי שלאָפֿן מיט אַ האַרטן קינדערישן שלאָף. די געטאָ־בהלה איז צו זיי נישט אַרײַנגעדרונגען. קאָרטשאַק דערלאָזט נישט אַז פּאַניק און אימה זאָלן זיך באַזעצן אין זײַן הויז, אַז שרעק זאָל צעקלעמען די קינדערשע הערצער. זיי זעען אויס צו זײַן רויִק, זײַנע קינדער. וואָס האָבן זיי זיך צו שרעקן, אַז דער דאָקטער, זייער שטענדיקער באַשיצער, איז מיט זיי? האָט ער זיי דען נישט געשיצט קעגן הונגער און שלאָפֿקייטן? קעגן אַלע פּלאָגן? מיט זייער דאָקטער פֿילן זיי זיך זיכערע אין דער שווערער בהלה־צײַט. זיי שלאָפֿן נאָך אין זייערע בעטלעך.

יאַנוש קאָרטשאַק שלאָפֿט ווייניק בײַנאַכט. איצט דוכט זיך אים, אַז ער הערט ווי די קינדער עטעמען שווער, ער זעט זייערע קאַשמאַרע חלו־מות, פֿילט ווי זייערע אויגן זענען געוועגדט צו אים; זיי שטרעקן אויס צו אים די הענט, קלאַמערן זיך אין אים שטאַרק, זייער שטאַרק. ווי אַזוי זאָל ער זיי ווײַטער שיצן און באַשיצן? ווי אַזוי? אין האַלדז שטיקט, ער וויל שרײַען, רופֿן נאָך הילף. אָבער צו וועמען? צו דער וועלט? ער פֿירט איצט מיט איר אַ דעבאַטע, אַ שטומע דעבאַטע מיט דער וועלט. און מיט זיך גופֿא. מיט פֿאַרלייגטע הענט אויף הינטן און מיט אַ שטומען מאָנאָלאָג אויף די ליפּן, שפּאַנט ער לאַנגזאַם מיט באַרוועסע פֿיס הין און צוריק, קוים אָנרירנדיק דעם דיל:

— ביסט טויב און בלינד, וועלט, מיר שרײַען, רופֿן צו דיר און דו הערסט נישט; מיר גייען אָפּ אין בלוט און דו זעסט נישט. אונדזערע אויגן קאָנען שוין נישט וויינען, די טרערן האָבן זיך אויסגעטריקנט. מיר קענען שוין נישט שרײַען מיט קיין מענטשלעכער שטים, מיר ברומען ווי געיאָגטע, פֿאַרווונדעטע חיות. מיר כאָרכלען אונטערן חלף אין גסיסה־קאָנוווּלסיעס. דערגייט עס נישט צו דיר? און אפֿשר פֿאַרשטאָפּסטו דיר די אויערן? אפֿשר...? האָסט באַנקראָטירט, וועלט! האָסט אַליין אַרויס־געגעבן אויף זיך אַן אורטייל. דײַן ציוויליזאַציע, דײַנע גרויסע אידעאַלן, דײַנע... דײַנע... אַלץ, אַלץ באַנקראָט! און איך... איך אויך באַנקראָט, אַ גרויסער באַנקראָט. געזאַמלט אַ גרויסן קאַפּיטאַל. געזאַמלט, געזאַמלט

צוטרוי בײַם קינד, גלויבן אין גוטס און שיינס. אַזוי פֿיל ווערטער, באַגריפֿן — מענטשלעכקייט, ווירדע, געוויסן, פֿרײַנדשאַפֿט, ברידערלעכקייט... אַך ווי זיי שטעכן, די ווערטער...

עטלעכע זאַלפֿן האָבן דורכגעשניטן די זומערדיקע געטאָ־לופֿט און איבערגעריסן דעם שטומען מאָנאָלאָג. קאַרטשאַק בלײַבט שטיין אין מיטן צימער, הייבט אויף דעם קאָפּ און מיט אָנגעשפּיצטע אויערן הערט ער זיך אײַן אין דער צוריק אײַנגעשטעלטער, שוואַרצער שטילקייט. זײַנע אויגן זענען צעעפֿנט ווי בײַ אַ גוסס, זײַן פֿאַרשרישער בליק פֿאַלט אויף זײַן אייגענעם שאָטן, וואָס קריכט אויף דער וואַנט. ער איז אומרויִק, דער שאָטן זײַנער, באַוועגט זיך אומגעלומפּערט, שפּרינגט אונטער, שרומפּט זיך אײַן, וואַקסט ווידער אויס גרויס.

וואָס ציטערט ער אַזוי דער שאָטן זײַנער? קאַרטשאַק פֿאָרשט אים מיט די בליקן. זײַנע ברייט־צעעפֿנטע אויגן פֿאַרמאַכן זיך אַ ווײַלע. אויפֿן אָרט פֿון זײַן שאָטן באַווײַזט זיך עפּעס אַ מראה. ניין, ס׳איז אַן אַלט־באַקאַנטע... ס׳איז... ס׳איז לאַאָקאָאָן מיט זײַנע זין... ריזיקע שלאַנגען שלײַכן זיך אַרויס פֿון די ווענט — ים־כוואַליעס וויקלען זיך אַרום זייערע קערפּערס, דרייען זיך אײַן אין זיי, בײַסן זיך אײַן אין זייערע לײַבער מיט די גיפֿטיקע ציינער, שטיקן זיי, שטיקן ביז ס׳רינט אויס דאָס לעצטע טראָפּן לעבן... ער זעט דעם פֿון ווייטיק צעקרימטן פּנים פֿון פֿאָטער, די גסיסה־צאַפּלענישן פֿון זײַנע זין. ער רײַסט אויף די אויגן. די מראה פֿאַרשווינדט, ס׳בלײַבט דער שאָטן. זײַן אייגענער שאָטן צי לאַאָקאָאָנס? דער גריכישער פּריסטער האָט געהאַט לעבן זיך צוויי אומגליקלעכע קינדער. ער האָט איבער צוויי הונדערט. ער ווייסט וואָס פֿאַראַ געפֿאַרן עס לאָקערן אויף זיי. ער דאַרף, ער מוז זיי באַשיצן קעגן די גיפֿטיקע שלאַנגען. ווי אַזוי אָבער? ווי אַזוי?! ער ברעכט צוזאַמען די הענט אין אַ פֿאַרצווייפֿלטער באַוועגונג:

— וואָס טאָן זיי צו שיצן? אַך, די אָנמעכטיקייט, די אָנמעכטיקייט. נישטאָ קיין שרעקלעכערע זאַך ווי אונדזער אָנמעכטיקייט. וואָס טאָן? וואָס צוטראַכטן? אַזוי פֿיל וווּנדער־משׂהלעך אויסגעטראַכט און איצט קאָן דער מוח גאָרנישט צוטראַכטן. אַך, ווען מ׳וואָלט דאָס געקאָנט אַזאַ כּישוף־מעשׂהלע צוטראַכטן, מיט עפּעס אַ שפּרוכוואָרט זיי אויף כּישוף־פֿליגלען אונטערן שלייער פֿון דער נאַכט איבער די געטאָ־מויערן איבער־טראָגן אין ווײַטע, זיכערע מקומות ברעגנען... ווען מ׳וואָלט... ווען מ׳וואָלט...

— אוי, דו אַלטער נאַר, פּלאַפּלסט, כּישוף־מעשהלעך חלומען זיך דיר; טרוימסט נאָך וועגן שוץ־פֿליגלען, ווער וועט זיי דיר... ? ווער... ? און אפֿשר... אפֿשר וועלן זיי נישט וואַגן ? אפֿשר איז די געפֿאַר אויסגע־וואַקסן אין מײַן קראַנקן מוח ?... סטעפֿאַ זאָגט ס׳קומט פֿון שלאָפֿלאָזיקייט און דערשעפּונג. פֿון דערשעפּונג, זאָגט זי, קומען שוואַרצע מחשבות. אפֿשר איז זי גערעכט ? כ׳בין ווי אַן אַלטע צעבראָכענע כּלי, ווי אַן אַלטער שטאַרק אָפּגענוצטער בגד, אַלץ רײַסט זיך, אַלץ טרענט זיך פֿונאַנדער. נישטאָ אין מיר קיין גאַנצער פֿאָדעם. אַלץ ברעכט זיך אין מיר, דער אַלטער גוף שיט זיך פֿונאַנדער. און דער מוח ? ניין, דער מוח איז נישט קראַנק, ער באַנעמט נאָך קלאָר. יאָ, יאָ, דער מוח באַנעמט, אַז הינטער אונדז איז טויט און פֿאַר אונדז איז טויט. דער טויט מיט טויזנטער פּני־מער פֿון אַלע זײַטן. ווו זוכן רעטונג פֿאַר זיי ? ווי אַזוי זיי שיצן קעגן... ?

אַן אומגעהויערער צער צעשפּרייט זיך איבערן געלן, מאָגערן געזיכט. דער צער און ווייטיק פֿאַרפֿלייצט דאָס גאַנצע וועזן. דאָס האַרץ קלאַפּט שטאַרק, ווי ס׳וואָלט געוואָלט צעזעצן, אַרויסשפּרינגען פֿון דער ברוסט. אַן אײַנגעבויגענער, אײַנגעקאַרטשעטער, ווי ער וואָלט אין זײַנע טראַכ־טענישן נאָך קלענער און מאָגערער געוואָרן, גייט ער מיט פּאַמעלעכע טריט און פֿיבערדיקע אויגן צו צו דער שטול, לאָזט זיך אַראָפּ אויף איר, ווי זײַנע פֿיס וואָלטן אים אָפּגעזאָגט ווײַטער צו האַלטן אויף זיך. ער לענט אַן ביידע הענט אין טישל און שפּאַרט מיט זיי אונטער דעם שווערן קאָפּ. אין מוח קלינגט אַן אַליאַרם־גלאָק, געדאַנקען יאָגן, שטויסן זיך. אַזוי ווי עס רײַסן זיך אָפּ פֿון אַ בוים אין אַ שטורעם צווײַגן, בלעטער, אַזוי רײַסן זיך אָפּ, טיילן זיך אויס פֿונעם גערויש אין מוח געדאַנקען, טראַכטענישן. דער אַלטער דענקער פּרוווט צונויפֿנעמען די צעשפּליטערטע מחשבות, צווינגט אויף דעם מוח צו טראַכטן נאָר וועגן איין זאַך. ער זעצט פֿאַר דעם שטומען מאָנאָלאָג:

— שיצן זיי ווייניקסטנס קעגן... קעגן שרעק. קעגן די לײַדן וואָס ס׳ברענגט דער פּחד. דאָס אפֿשר קאָן איך טון פֿאַר זיי, נאָר אַזוי זיי שיצן, העלפֿן בײַקומען... אַטראָפֿירן די שרעק, ווי מען אַטראָפֿירט אַ פֿיזישן ווייטיק. העלפֿן זיי אויפֿנעמען דאָס ערגסטע... רויק אויפֿנעמען... פֿאַריאָגן פֿון זיי די אַנגסט... אײַנשפּאָרן זיי... אוי, ווי אין מוח רוישט ! אַ שטורעם... אפֿשר טרײַב איך איבער... סטעפֿאַ זאָגט... פֿון דערשעפּונג... דערשעפּונג... מאָנישן דאַרף מען לאָזן אין בעט, פֿיבער... שלאָמעקס צייכענונג... אַ טאַלאַנט... וויטאַמינען... כ׳מוז שאַפֿן, מוזן האָבן... שטאַרק אָפּגעמאָגערט...

וואָס ווילן זיי פֿון מיר? געדענקען די פֿון יענער זײַט... צוגעשטאַנען... דורכגיין... דורכגיין... ראַטעווען זיך... זיך אַליין? קיינמאָל נישט! העלפֿן בײַקומען די שרעק... סטעפּאַ זאָגט שוואַרצע מחשבות... נישט מעגלעך, וועלן נישט וואָגן... זיי וועלן... וועלן נישט...

אַ שווערע קלעפּעדיקע שלעפֿרישקייט האָט פֿאַרנעפּלט זײַנע געדאַנקען און זיי פֿאַרפּלאָנטערט אין חלום. די אונטערגעשפּאַרטע, מידע הענט האָבן מער נישט אויסגעהאַלטן די וואָג פֿון קאָפּ און ער איז אַרונטערגעפֿאַלן צום טיש. דער דערשעפּטער קערפּער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. דער דרימל האָט זיך האַסטיק איבערגעריסן. דער אַלטער דאָקטער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, זיך אַרומגעקוקט, פּאַמעלעך זיך אונטערגעהויבן. מיט אַ ציטערנדיקער האַנט אויסגעלאָשן דאָס בלאַסע ליכט פֿון קאַרבידן־לעמפּל און מיט שטילע טריט צוגעגאַנגען צום געלעגער. דאָס אײַזערנע אַלטע בעטל האָט לײַכט אַ קרעכץ געטאָן. קאַרטשאַק האָט אויסגעגלײַכט די פֿאַרשטײַפֿטע גלידער און טיף אָפּגעאָטעמט. די דריקנדיקע משא אויפֿן האַרץ האָט נאָכגעלאָזט. ער האָט זיך דערפֿילט דערלײַכטערט, ווי ער וואָלט אין זײַנע טראַכטענישן אַ באַרויִקונג געפֿונען, ווי זײַנע מחשבות וואָלטן די געפֿאַרן פֿון זײַנע קינדער פֿאַריאָגט.

דער שלאָף איז דאָס מאָל געקומען גיך. ער איז געווען אַ באַלזאַם פֿאַרן קראַנקן גוף און ביז ווייטיק אָנגעשטרענגטן מוח. דאָס אויסגעצערטע, בלאַסע געזיכט איז אין שלאָף נאָך אויסגעצערטער, בלאַסער. די הויט איז איצט אַזאַ דינע, דורכזיכטיקע. דער שלאָפֿנדיקער זעט אויס, ווי ער וואָלט געלעגן אַ פֿאַרחלשטער.

דער שלאָף בײַ קאָרטשאַקן איז אַ צעשויבערטער. בײַ יעדן שאָרך רײַסט ער זיך ווי שפּינוועבס. די זומערדיקע נאַכט לויפֿט גיך אַוועק. די שוואַרצע ראַלעטע איבערן פֿענצטער ווערט ביסלעכווײַז באַלויכטן דורכן קאַיאַר־ליכט. דער בלויער פֿאַרטאָג שפּאַרט זיך אַרײַן אין צימער מיט אַ דינעם בלויען פּאַסיקל בײַ די ראַלעטן־ראַנדן. דער שלאָפֿנדיקער באַוועגט זיך נערוועז אויפֿן געלעגער, רײַסט זיך פּלוצלונג אויף, פֿירט מיט די אויגן איבער די ווענט, פֿון וואַנען ס׳האָבן זיך אַרויסגעשלײַכט די גיפֿטיקע שלאַנגען... ניין, זיי זענען אַרויס פֿון די ים־כוואַליעס, געוואָרפֿן זיך אויף לאַקאַאָנען און זײַנע זין, געשטיקט זיי, געוואָרגן, געוואָרגן... די גרענעץ צווישן חלום און וואַכיקייט איז אַזאַ שמאָלע, קוים־קוים באַמערקלעכע. אָט נעמט די אויבערמאַכט דער חלום און באַלד ווידער די וואַכיקייט. די רעכטע האַנט גיט מיט אַ נערוועזער באַוועגונג אַ וויש איבערן פּנים, ווי

צו פֿאַרטרייבן פֿון דמיון די קאַשמאַרע וויזיע. דער מידער קאָפּ פֿאַלט צו צום קישן. דער גוף און דער מוח אין זייער דערשעפּונג גיבן זיך ווידער אונטער דעם דערלייזערישן שלאָף.

✶

די זון האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון האָריזאָנט, געשאַרט זיך אַלע מאָל העכער איבערן הימל און צו להכעיס די רוצחים אַרײַנגעשיקט אירע גאָל־דענע שטראַלן אין געטאָ. ד״ר יאַנוש קאָרטשאַק האָט יענעם פֿרימאָרגן פֿאַרשלאָפֿן. די קאָשמאַרע חלומות זענען אויסגערונען פֿון זײַן דמיון. דער שלאָף האָט זיך געשטאַרקט, געוואָרן טיפֿער, האַרטער. ווי אַן אויסגע־הונגערטער האָט דער מידער קערפּער איצט געשלונגען, געשלונגען דעם שלאָף און זיך געקוויקט. פּלוצלונג האָט דער שלאָפֿנדיקער זיך אַ שלײַדער געטאָן ווי פֿון אַ שטאַרקן דונער. אַ ווילדע געפּײַפֿערײַ האָט איבערגעהאַקט דעם געשמאַקן שלאָף. אַ חיהשע ברומערײַ האָט אים אַרויסגעיאָגט פֿון בעט. ער ציט אַרויף מיט נערוועזע באַוועגונגען די הויזן. זײַנע הענט ציטערן. ער לויפֿט צו צום פֿענצטער און ציט אַרויף די שוואַרצע ראָלעטע. דאָס צימער ווערט פֿאַרגאָסן מיט ליכט. צוזאַמען מיטן ליכט רײַסן זיך אַרײַן ווילדע געשרייען: יודען הערױס!! יודען הערױס!! שנעל הערױס!! אין דער געקומענער שטילקייט דערהערט זיך אַ גערודער אין הויז.

קאָרטשאַק ציט גיך אַרויס די שיך פֿון אונטערן בעט, הייבט אָן זיי אָנטאָן. נאָר אָט עפֿנט זיך אויף דאָס נידעריקע טירל פֿון איזאָלאַציע־צימער. צו קאָרטשאַקן פֿאַלן אַרײַן אין די נאַכטהעמדער דרײַ 8—10 יאָריקע קראַנ־קע קינדער. זייערע אויגן פֿיבערן פֿון היץ און שרעק. זיי קלאַמערן זיך צו קאָרטשאַקן. אַ מיידעלע באַוואַרפֿט אים מיט פֿראַגן:

— דאָקטער, וואָס וועלן זיי טאָן מיט אונדז? כ׳האָב אַזוי מורא!

קאָרטשאַק גלעט איר איבערן קעפּל, רעדט אין איר אַרײַן:

— נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. ביסט אַ קלוג מיידל און פֿירסט זיך אויף אַזוי נאַריש!

אַ צווייט קראַנק מיידעלע טוליעט זיך צו קאָרטשאַקן און פֿרעגט:

— דאָקטער ווו וועלן זיי אונדז אַוועקפֿירן? דער דאָקטער וועט פֿאָרן מיט אונדז?

— יאָ, יאָ, איך פֿאָר מיט אײַך. מסתּמא אויף אַ דאָרף, ס׳איז דאָך זומער.

ער רײַסט אָפּ די קינדער פֿון זיך און יאָגט זיי אונטער:

— גייט איַיך אָנטאָן, נישטאָ וואָס מורא צו האָבן.

אַ קראַנק 10־יעריק ייִנגל פֿרעגט שטילערהייט:

— דאָקטער מ׳וועט אונדז אַוועקפֿירן אויף אַ דאָרף?

— כ׳האָב דאָך שוין געזאָגט. אַזעלכע גרויסע קינדער און פֿירן זיך אויף ווי בעבעס. גייט איַיך אָנטאָן, גיכער!

— צי דאָרף מען, דאָקטער, אַלץ מיטנעמען? די ביכער? די העפֿטן? אַ פּילקע קאָן מע מיטנעמען?

קאָרטשאַק האָט נישט באַוויזן צו ענטפֿערן. צוויי קראַנקן־שוועסטערס זענען שוין געווען אין צימער און אַוועקגענומען די קינדער. קאָרטשאַק ציט אַרויף אין איַילעניש די מאַרינאַרקע און פֿאַרנעמט זיך אַרויסצוגיין. נאָר אָט עפֿנט זיך די טיר פֿון לינקס און ס׳פֿאַלט אַריַין סטעפֿאַניאַ ווילט־שינסקאַ. זי איז בלאַס אָבער רויִק. איר שטימע ציטערט לייַכט. קענטיק, אַז זי שטרענגט זיך אָן צו זייַן באַהערשט. זי רעדט שטיל, איר שטימע קומט פֿון ערגעץ וויַיט. זי גיט אים אַ רענצל און העלפֿט איַינפּאַקן דאָס נייטיקסטע. קאָרטשאַק פֿאַרענטפֿערט זיך פֿאַר איר.

— געלאָזט איַיך אַליין און איר קומט מיר נאָך העלפֿן. כ׳האָב פֿאַר־שלאָפֿן, דערצו זענען נאָך די קינדער אַריַינגעפֿאַלן, געמוזט זיי באַרויִקן. נישט ווי געהעריק אויסגעפֿירט מיַין אויפֿגאַבע.

— איר פֿירט שטענדיק אויס איַיער אויפֿגאַבע. די קינדער ווייסן, אַז איר פֿאַרט מיט זיי. אַלץ איז גרייט, אָן פּאַניק, אונטער איַיער ווירקונג אַלץ צוגעגרייט. מ׳פֿאַרנעמט זיך מיט די קראַנקע קינדער. די רענצלעך זענען צוגעגרייט דער פּערסאָנעל העלפֿט אין אַלעמען צו די ייִנגסטע קינדער. איר האָט מיך אייגנטלעך צוגעגרייט, אַז אַלץ זאָל זייַן צוגע־גרייט.

קאָרטשאַק פֿאַרפּאַקנדיק זיַין רענצל בעט זיך ביַי סטעפֿאַניאַ זי זאָל גיין צו די קינדער. ער דאַרף פֿון קיינעמען נישט האָבן קיין הילף, אָט איז ער פֿאַרטיק און קומט צו די קינדער.

— צי זענען זיי רויִק? נישט דערשראָקן?

— יאָ, רויִק, נישט דערשראָקן, זיי ווייסן אַז איר פֿאָרט מיט זיי, איַיער פּערזאָן גיט זיי זיכערקייט.

— זיכער מיט מיר... גלייבן נאָך אַז איך...

סטעפֿאַניאַ מאַכט עטלעכע טריט צו דער טיר, קאָרטשאַק וואַרפֿט אַוועק ס׳האַנטעך מיט וועלכן ער האָט זיך געווישט ס׳פּנים און שריַיט־אויס מיט אַ געדריקטער שטימע:

— סטעפּאַ! כ׳בין איך, כ׳בין דיר אַ סך שולדיק! זײַ מיר מוחל! מיר װעלן זיך שוין נישט צעשיידן!...

סטעפּאַניאַ האָט אַ װײַלע געקוקט אויף אים מיט ליבשאַפֿט. אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפּולט מיט טרערן און אָן אַ װאָרט צו זאָגן איז זי אװעק.

קאָרטשאַק האָט גענומען זײַן קלומעקל און געלאָזט זיך צו דער טיר. דעם װעג האָט אים פֿאַרשטעלט אַן אומבאַקאַנטער מאַן.

— איר זענט דאָקטער יאַנוש קאָרטשאַק, דאָקטער הענריק גאָלד־שמידט?

— איך. נאָר איך האָב איצט קיין צײַט נישט. כ׳דאַרף זײַן מיט די קינדער.

אײַלט אײַך נישט דאָקטער. אײַער קינדער־הויז װערט איבער־געזידלט.

— כ׳װייס.

— איך װייס, אַז איר װייסט. אָבער איר קענט בלײַבן, איר זענט אַ דאָקטער, איר זענט נייטיק.

איך בין נייטיק מײַנע קינדער, כ׳האָב נישט קיין צײַט צו פֿאַרלירן.

— מ׳האָט אויסגעפּועלט איר זאָלט בלײַבן אויפֿן אָרט.

— מײַן אָרט איז צװישן מײַנע קינדער.

— באַרעכנט אײַך, דאָקטער גאָלדשמידט, ביז ס׳איז נאָך צײַט, ס׳איז אײַער לעצטער שאַנס.

קאָרטשאַק קוקט אויף אים מיט פֿאַרביסענע ליפּן, ענטפֿערט נישט, װיל אַװעקגיין. דער אומבאַקאַנטער מאַן נעמט אים אָן פֿאַרן אָרעם, פּרוּװט אים איבערצייגן:

— באַטראַכט אײַך דאָקטער גאָלדשמידט.

— צופֿיל צײַט מיט אײַך פֿאַרלוירן, איך דאַרף זײַן מיט די קינדער!

באַלד דערגייט צום פֿרעמדן מאַן דורך דער אָפֿענער טיר אַ מונטערע, פֿאָטערלעכע שטימע. קאָרטשאַק פֿאַראָרדנט די קינדער זיך אײַנצושטעלן אין רייען און ער גופא שטעלט זיך אין אויבנאָן פֿון צוג מיטן יינגסטן בײַ דער האַנט און מיט געזאַנג אויף די ליפּן, שיצנדיק זײַנע קינדער קעגן דער שרעק.

די פּאַפּירענע אוצרות

ס׳איז אַ זוניקער פֿרימאָרגן. אָנהייב אויגוסט 1968. דער דיכטער און טיכטיקער שרײַבער דוד שפּיעוואַק האָט זיך היינט געפֿעדערט פֿרי, אָבער ער זעט נישט די גאָלדענע זון און דעם פּראַכט פֿון זומערדיקן פֿרימאָרגן. ער שטייט אָנגעבויגן איבער זײַן גרויסן אַרבעטס־טיש און קוקט אויף די שטויסן פֿונאַנדערגעוואָרפֿענע מאַנוסקריפּטן, כּל־ערליי שריפֿטן, ווי ער וואָלט דאָס צום ערשטן מאָל געזען. דאָס פּנים צעפֿלאַמט, די אויגן ברענען מיט אַן אומהיימלעכן ברען, אין מוח דרייט זיך אומאויפֿהערלעך די זעלבע פֿראַגע: וואָס טאָן דערמיט? וואָס יאָ און וואָס נישט לייגן אין די רײַזע־וואַליזקעס? ער נעמט הילפֿלאָז פֿונאַנדער די הענט, לאָזט זיי אַראָפּ מאַכט־לאָז. ווי זיי, די הענט זײַנע, וואָלטן שטומערהייט אָפּגעזאָגט אויסצופֿירן די אַרבעט, וואָס דער „שׂכל־הישר״ באַפֿעלט זיי אויסצופֿירן.

אויפֿן לאַנגן טיש איז אַן אָנוואַלגעריש, אַן אָנוואָרפֿעניש פֿון קאַרטאָ־טעקעס; גרויסע אָנגעשוואָלענע קאָנווערטן, אָנגעפּראָפּטע מיט פֿאָטאָגראַ־פֿיעס, בריוו; אַ ראַמש מיט צעשיטע מאַנוסקריפּטן, העפֿטן, העפֿטלעך, נאָטיץ־ביכלעך, איינצלנע פֿאַריתומטע בלעטלעך מיט פֿאַרשידענע פֿאַר־צייכענונגען. דאָס מאָל האָט דוד אַרויסגעשלעפּט אַלץ, צום לעצטן מאָל שוין. ס׳מוז נעמען אַ סוף, אַן עק, אַהער אָדער אַהין. ס׳ליגן איצט פֿאַר אים סײַ נישט־לאַנג־צוריק פֿאַרשריבענע בויגנס, צוזאַמענגעשפּיליעטע און באַזונדערע, נאָך „רויע״ און שוין אויסגעקאַרעגירטע, צוגעגרייטע איבער־צושרײַבן אויף דער מאַשין; סײַ אַלטע, פֿאַרגעלטע אויסגעריבענע בלעט־לעך, פֿאַרשריבענע מיט אַ נערוועזער שריפֿט, מיט אַ ציטערדיקער האַנט געצייכנטע מיט אַ פֿערטל יאָרהונדערט צוריק. ער האָט זיי געהאַט גע־פֿלעגט און געצערטלט, אויסגעהיילט נאָך אַ דרײַ־יאָריקער פֿײַכטקייט־חולאת, וואָס דאָס ביליקע פּאַפּיר צוזאַמען מיט דער שריפֿט האָט געהאַט געכאַפּט אין דינעם בלעכענעם שעכטל. און כאָטש דאָס דעמאָלט פֿאַר־שריבענע האָט פֿון לאַנג באַקומען אַ תּיקון אין שריפֿטן און אין ביכער, האָט ער די אויסגעקרומטע, אויסגעמאַטערטע בלעטלעך אויסגעקלעפּט אויף געזונטן פּאַפּיר און געהיטן זיי ווי דאָס אַפּל פֿון אויג. איצט קוקט ער אויף דעם אַלעמען מיט אומעטיקע אויגן און אין קאָפּ קנוילן זיך

מחשבות: אַ חילול־השם דאָס אויך צו געבן צו דער קאָנטראָל, אַז אַזעלכע הענט זאָלן דאָס באַרירן, אַז שפּיציקע אויגן זאָלן דאָס דורכשטעכן.

דוד שפּיעוואַק האָט זיך האַסטיק אָוועקגעזעצט, ווי די פּיס וואָלטן זיך ביַי אים אונטערגעהאַקט. ער האָט מיט אַ נערוועזער באַוועגונג פֿון דער האַנט צוגערוקט דעם ביוראָ־קויש צום טיש, ווי ער וואָלט זיך דאָס מאָל מיטן קוישל געוואָלט אַן עצה האַלטן.

*

שוין קרוב צוויי וואָכן ווי דוד ציט אַרויס פֿון אַרכיוו־שאַנק, פֿון ביבליאָטעק און פֿון שופֿלאָדן פֿאַרשידענע מאַנוסקריפּטן, אַלערליי צונויפֿ־געבונדענע פּעקלעך פֿון פֿונאַנדערגעשיטע „שמות". נישט איינמאָל איז דאָס אַלץ שוין דורכגעזיפּט געוואָרן דורך זיַינע פֿינגער, דורכגעלויכטן געוואָרן דורך זיַינע באַברילטע אויגן. ס'ווערט יעדעס מאָל אַ ביסל ווייני־קער און ס'איז נאָך אַלץ פֿאַראַן אַ סך.

די ערשטע כפּרה זענען געווען די בריוו. גיי זעץ זיך אַוועק קאָנטראָ־לירן אַזוי פֿיל בריוו. פֿרעמדע ווי פֿרעמדע, נאָר זיַינע אייגענע. אַן איַינפֿאַל געהאַט! געלאָזט זיך קאַפּיעס פֿון זיַינע אייגענע בריוו. ער פֿלעגט זיך פֿאַר זיַינע נאָענטע פֿריַינד און קאָלעגן וויצלען: צו וואָס מטריח זיַין מענטשן זיי זאָלן נאָך זיַין טויט דאַרפֿן צונויפֿקליַיבן זיַינע בריוו צום אַרויסגעבן? בעסער איבערלאָזן אַלץ צוגעגרייט. צוריק געשמועסט, בעסער אויך נישט צופֿיל זיך פֿאַרלאָזן אויף יענעם...

ס'איז ביַי אים פֿאַרבליבן אַן אָפּגעראַטעוועטער בריוו פֿון ברונאָ שולץ. ווי האָט ער זיך דעמאָלט געגרייסט, דער יונגער דיכטער און שריַיבער, מיטן בריוו פֿון דראָהאָביטשער קאַפֿקאַ! אָפּגעראַטעוועט אים אין אַ בלעכענעם שעכטל. באַך איינער פֿון דער קליינער צאָל פֿאַרבליבענע פֿון איבער דריַי טויזנט בריוו. ס'וואָלט היַינט געווען עטלעכע בענדער.

קוקנדיק איצט אויפֿן בריוו פֿון ברונאָ שולץ האָט ער דערזען ווי דער געשטאַפּאָ־אָפֿיציר האָט אָנגעכאַפּט דעם שריַיבער און מאָלער אין דראָהאָביטשער געטאָ פֿאַרן קאַרק, לאַנג אים אַריַינגעקוקט אין די צעשראָ־קענע אויגן און דערנאָך ערשט אים אַריַינגעשאָסן אַ קויל אין קאָפּ. צי האָט שולץ אין יענע מינוטן געטראַכט וועגן זיַינע צעוואָרפֿענע, באַדראָטע מאַנוסקריפּטן און בילדער?

ניין, אים כאַפּט קיינער נישט אָן פֿאַרן קאַרק. קיינער שטייט נישט איבער אים מיט אַ פּיסטאָלעט. ברונאָ שולץ איז אַנטלאָפֿן. דער דיַיטש

איז געווען פֿלינקער און שטאַרקער. ער, דוד, דאַרף נישט אַנטלויפֿן. קיינער דראָט אים נישט מיט קיין רעוואָלווער. וואָס איז דאָס אײַלעניש? פֿאַרוואָס זיך אונטערגעגעבן? איצט, ווען ס׳וועט פֿון אַלץ ווערן אַ באַרג אַש?

ניין, ער האָט זיך לײַכט נישט אונטערגעגעבן. קיין שום זאַך איז אים לײַכט נישט אָנגעקומען. נישט דאָס פֿאַרניכטן דאָס, וואָס ער האָט שוין פֿאַרניכטעט און נישט דער באַשלוס צו פֿאַרלאָזן דאָס געבוירן־לאַנד זײַנס פּוילן.

ווי אַזוי נעמט מען דאָס אַלץ מיט? וועט דען די שטרענגע קאָנטראָל נישט פּסול מאַכן דאָס, וואָס ס׳איז אים צום נאָענסטן צום האַרץ? ס׳איז דער לעצטער אַרגומענט וואָס ער האָט געגעבן דעם ווײַב. און זי, די ווײַב זײַנע, ווי גיך ס׳האָט זיך געעפֿנט אַ פֿענצטערל, איז זי גרייט געווען אַרויסצופֿליִען, צומאָל איבערלאָזן אַלץ וואָס מ׳פֿאַרמאָגט. ער וואָלט אויך אײַנגעגאַנגען אַלץ איבערצולאָזן, אָבער נישט דאָס־אָ.

— אפֿשר וועט מען דאָך אָפּוואַרטן אַ שטיקל צײַט? ס׳קאָן זײַ אַ ביסל איבערגיין דער משוגעת לגבי ייִדן. ס׳קאָן ווערן לײַכטער מיטצונעמען אַזאַ באַגאַזש.

זײַן ווײַב ברעכט אויס אין אַ ספּאַזמאַטישן געוויין:

— צוליב דײַנע פּאַפּירענע אוצרות וועלן מיר דאָ אומקומען! זיי וועלן אונדז דערשטיקן מיטן גיפֿט וואָס זיי גיסן פֿונאַנדער אין די צײַטונגען, אין ראַדיאָ און טעלעוויזיע, פּונקט ווי מ׳האָט דערשטיקט מיט ציקלאָן־גאַז. זאָל זײַן אַז נישט צום טויט, אָבער זיי צעשפּרייטן סם יעדן טאָג! איך קאָן שוין מער נישט איבערטראָגן! די קאַשמאַרן פֿון אַמאָל קומען יעדע נאַכט צוריק, האָט זי אויסגעשריִען מיט טרערן אין האַלדז.

דער פֿאַרגלײַך האָט אים זייער ווי געטאָן. מיט אַ צײַט צוריק וואָלט ער איר דאָס אַזוי טרוקן נישט דורכגעלאָזט. נאָר דעמאָלט האָט ער נאָך אויך נישט געזען פֿאַר די אויגן ברונאָ שולץ אין דראָהאָביטשער געטאָ. ער האָט עס אָבער אויך איצט פֿאַרן מויל נישט געבראַכט. ער האָט געשוויגן ווען דאָס ווײַב האָט אים יעדן טאָג געיאָגט אָנצוגעבן אויף צו פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד. ער האָט פֿאַרביסן די ליפּן ווען פֿרײַנד און באַקאַנטע זענען געקומען דערציילן וואָס ס׳טוט זיך אין די „הויכע פֿענצטער“. געשוויגן אויך ווען מ׳האָט בײַ אים געפֿרעגט אַן עצה, אָבער אין אים האָט עפּעס משונהדיק געשריִען. ער האָט אַליין נישט געוווסט צי צוליב דעם ווײַבס פֿונאַנדערטרייסלונג, איר אונטעריאָגן אים, צי צוליב דעם אינעווייניקסטן

געשריי. האָט ער אַנטשיידט מער נישט צו וואַרטן. אָנגעגעבן אויף אַן אַרויספאָר קיין ישראל, ווי דאָס ווייַב האָט דאָס פאַרלאַנגט און באַקומען אַן ענטפער אַ סך גיכער ווי זיי האָבן זיך גערעכט.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן אייַלעניש. מיט וואָס פריִער זיך פאַרנעמען? טאָג איין, טאָג אויס שפּאַנט מען פון איין אַמט אין צווייטן. מע טרייַבט אים אַרויס און ער מוז נאָך אַליין צוגרייטן די קאָמפּליצירטע פּראָצעדור פון דער פאַרטרייַבונג. און ווי אַזוי אין דריַי קאַרגע וואָכן אַלץ צוגרייטן? צו פאַרלאָזן אויף שטענדיק דאָס געבורטס־לאַנד? דאָס ווייַב האָט זיך געהאַלטן בייַ אירס: זי וועט נישט אַרומלויפן אייַנקויפן וואַליזעס, וועט זיך נישט שלעפּן מיט דער גאַנצער באַלעבאַטישקייט, וועט פאַרקויפן ווי אַזוי און וואָס ס׳לאָזט זיך און מיטנעמען בלויז דאָס נייטיקסטע.

דערויף איז דוד לייַכט אייַנגעגאַנגען. אָבער ווי אַזוי נישט מיטנעמען דאָס וואָס איז אים דאָס טייַערסטע? דאָס וואָס איז אַ טייל פון אים גופא?

אין וואַרשעווער געטאָ האָט ער שטענדיק געהאַט מזל. אַ פאַרבינדלער געוועזן צווישן אַ סך מענטשן און דעם „עונג־שבת״. אַלץ וואָס מ׳האָט אים איבערגעגעבן האָט ער בשלום דערפירט דאָרט, וווּ מ׳האָט געדאַרפט. מיטן לייגן אין די מילעך־קאַנען און בלעכענע קעסטלעך, מיטן באַגראָבן האָט ער זיך נישט פאַרנומען. אָבער זייַנע אייגענע פאַרצייכענונגען, פאַרשריַ־דענע שריפטן האָט ער אַליין באַשטאַט. אין קליינע מעטאַלענע שעכטלעך באַגראָבן אין קעלער פון הויז וווּ ער האָט געוווינט און דאָס הויז איז על פּי נס שטיין געבליבן ווי אַ נאַקעטער סקעלעט, בלויז אָפּגעבערענט געוואָרן. ער האָט פריִער נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעם געטאָ ביז וואַנען ער האָט נישט אַלץ באַשטאַט. הייַנט... עס דראָט דאָך נישט דאָס, וואָס דאָרט. אַנטלויפן ריזיקירנדיק צו פאַרלירן... אַלץ צוליב איר יאָגעניש; זי איז אינגאַנצן פונאַנדערגעטרייסלט. „כ׳בין פאַרסמט, פאַרסמט״! טראָגט אים אונטער די צייַטונגען: „נאַ, זע וואָס ס׳טוט זיך״! יאָגט אים אונטער, זאָל מען שוין באַלד ווי מ׳וועט באַקומען דאָס אַרוספאָרצעטל, פאָרן. נאָר פאַרוואָס זאָל ער אַלץ אָפּלייגן אויף איר? עפּעס אין אים יאָגט דאָך אויך אונטער. ס׳איז דער שטומער געשריי, דער יאָמער, וואָס יאָמערט אין האַרץ, יאָגט אונטער.

ער האָט זיך אויסגעגלייכט, געוואָלט פאַרטרייַבן פון זיך די מחשבות, וואָס זענען ווי זשמודנע פליגן צוריקגעקומען.

אַן אָנגעשוואָלענער, גרויסער קאָנווערט איז פאַרדעכטיק געוואָרן.

ער האָט געוואָלט עס מאַכן געלאַסן און קעגן זײַן ווילן אויסגעשאָטן די אויסגעסאָרטירטע בריוו. שוין איין מאָל געהאַט דורכגעקוקט: אייגענע בריוו-קאָפּיעס, געשריבענע נאָכן „פּוילישן אָקטאָבער”. מ׳האָט דעמאָלט געלאָזט פֿרײַ די פֿעדער. געשריבן דעמאָלט צו פֿרײַנד, באַקאַנטע אין אַלע עקן וועלט, פּונקט ווי נאָך דער מלחמה. צי איז כדאי צוליב דעם...? זיינע הענט האָבן זיך אויסגעצויגן צונויפֿצונעמען מיטן מיין צו צערײַסן, אָבער זײַנע הענט האָבן די בריוו ווי נישט מיט זײַן ווילן צוריק געשטופּט אין קאָנווערט. „זאָלן זיי אַליין בודק זײַן, זאָלן זיי... טאָן וואָס זיי ווילן...”

דוד האָט אַרײַנגעוואָרפֿן דעם קאָנווערט אין דער אָפֿענער וואַליזע, וואָס דאַרף גיין צום קאָנטראָל און גענומען זיך צו אַ שטויס פּאַפּירן. אויך דאָס שוין געהאַט דורכגענישטערט אָבער נישט אויסגעסאָרטירט. ס׳מוז געמאַכט ווערן מיט אַ קאַלטן קאָפּ. נאָר לאהלע איז גערעכט. ער וועט זיך אַזוי לאַנג גראַבלען אין דעם אַלעמען ביז ס׳וועט ווערן צו שפּעט. מאָרגן פֿרי דאַרף דאָס אַלץ זײַן בײַ דער קאָנטראָל.

ער האָט זיך באַמיט צו זײַן רויק, צונויפֿגענומען אַלע כּוחות. ער נעמט זיך צו די קאַרטאָטעקעס, צו די מאַנוסקריפּטן, געשריבן פֿאַר אויסלאַנד. ער גראָבט אײַן אין זיי דעם קאָפּ. די באַברילטע אויגן זיפּן גיך־גיך די שורות. ער האָט דאָך דאָס אַלץ שוין דורכגעקוקט. די הענט הייבן אָן גיך זיך באַוועגן: אַ מאַנוסקריפּט אויף רעכטס, אַ מאַנוסקריפּט אויף לינקס. ס׳גייט ווי געשמירט. אויפֿסנײַ לייענען איז שוין נישט נייטיק. מיט אַ גרויסן נאָטיץ־בוך גייט עס אָבער שוין נישט גלאַטיק. דאָך געפֿינט ער אָן עצה: אַרויסנעמען דעם מיטלסטן טייל, דאָ און דאָרט אַ בלעטל. ס׳וועט זײַן ווי אַ קערפּער מיט עטלעכע אָפּגעשניטענע גלידער. שנײַדט מען דען נישט אָפּ אַ גליד כּדי צו ראַטעווען דעם קערפּער? די פֿינגער באַוועגן זיך פֿיבערדיק, פֿלינק. די אַרויסגעריסענע בלעטלעך גייען אויף לינקס. דער פֿאַרווונדעטער העפֿט אויף רעכטס. ער קוקט אויף רעכטס, קוקט אויף לינקס און פֿרעגט זיך אַליין מיט פֿאַרווונדערונג: ווי אַזוי האָט זיך דאָס פֿאַרט אַזוי פֿיל אָנגעזאַמלט אין די עטלעכע צוואַנציק יאָר? אַזאַ מיאוסע טבע בײַ אים, שטענדיק מוז ער אויסגיסן אויפֿן פּאַפּיר וואָס ער טראַכט. פֿאַרטראַכט אַן אַרבעט, אַ בוך, ער נאָטירט שוין, אָפּגעריסענע זאַצן, פֿראַגמענטן, געדאַנקען. גיי ווייס, אַז געדאַנקען קאָנען ווערן פֿאַרדעכטיק. ערגער: ער מאַכט איין ווערסיע, אַ צווייטע און צײַטנווײַז אַ דריטע. און אַז מע טראַכט אַזוי פֿיל אַרײַן כאַפּט זיך אַלע מאָל אַרײַן עפּעס אַ נישט־כּשרער געדאַנק. בעת דער אַרבעט האָט ער זיך דערמיט געצאַצקעוועט.

גיי ווייס, אַז ער וועט האָבן דערמיט צרות. אַזוי טראַכטנדיק האָט ער מיט רוגזה צעריסן אָן אַ שיעור בלעטלעך, צעוואָרפֿענע, צעשפּרייטע שפּראָצונגען פֿון מוח, שפּראָצונגען, וואָס האָבן נישט אויפֿגעבליט. קיין האַניק וואָלט ער איצט פֿאַר דעם נישט געלעקט.

ער האָט ווידער געטריבן פֿון זיך די טראַכטעניש, נאָר דעם שטומען געשריי, וואָס האָט געשריִען אין אים האָט ער נישט געקאָנט אײַנשטילן. פֿון מאָל צו מאָל האָט זיך אים געדוכט אַז ס׳הערט זיך אַ ווידערקול פֿון זײַן אייגענעם אינערלעכן געשריי, פֿון פּראָטעסט. ער האָט צומאָל אָנגעשפּיצט די אויערן. ניין, אַרום איז שטיל, ס׳הערט זיך בלויז דער טיקטאַק פֿונעם וועקער וואָס דערגעבן אויפֿן שענקעלע. ער מעסט די צײַט, דער וועקער. און זי, די צײַט, וויל זיך נישט פֿאַרהאַלטן אויף קיין איין רגע. זי אײַלט אים אונטער: מאָרגן דער לעצטער טערמין. ער מוז דאָס אַלץ צושטעלן צו דער צײַט צום קאָנטראָל־אַמט, אויב ער וויל...

זײַנע בליקן זענען ווידער געפֿאַלן אויף אַ דיקן העפֿט מיט אַן אויפֿשריפֿט: „שמועסן מיט זיך אַליין״. ווי לאַנג האָט ער געפֿירט די שמועסן מיט זיך אַליין? ער געדענקט שוין אַליין נישט. פֿון דעם האָט געזאָלט געבוירן ווערן... ס׳וועט שוין נישט.

ער האָט גענומען דעם העפֿט אין האַנט ווי ער וואָלט אויסגעפּרוּווט זײַן וואָג, געפֿירט מיט די אויגן רעכטס און לינקס, לסוף אָפּגעלייגט באַזונדער, אָן אײַנזאַמען. וואָס באַטײַט דאָס אָפּלייגן ווייסט ער נאָך אַליין נישט, אָבער צופֿיל אײַלן זיך טאָר מען אויך נישט. צו פֿאַרברענען האָט ער נאָך צײַט.

ס׳האָט אים אָנגעהויבן שטיקן ווי אין צימער וואָלט פֿאַרפֿעלט לופֿט. די אָנגעבויגענע פּלייצע האָט אָנגעהויבן זיך בייזערן, צו וויסן געבן, אַז שוין באַלד דרײַ וואָכן בייגט ער זי טאָג און נאַכט איבערן טיש. זי קאָן דאָס מער נישט אויסהאַלטן. ער האָט זיך אונטערגעגעבן, אויפֿגעהויבן זיך און אָנגעהויבן שפּאַנען הין און צוריק איבערן צימער. דער טיקטאַק פֿונעם זייגער האָט אים אָבער פֿאַרפֿאָלגט. ער האָט געכאַפּט אַ קוק אויף די ווײַזערס און זיך צוריק געזעצט. ס׳האָט אים געדוכט, אַז די שטויסן אויפֿן טיש זענען גרעסער געוואָרן ווי זיי וואָלטן אָנגעווירן. זײַנע הענט האָבן זיך פֿון זיך אַליין אויסגעצויגן, צונויפֿגעקלאַמערט דעם מיטעלן שטויס, דעם „נײַטראַלן״, אַרויסגעריסן גאַנצע הויפֿנס און מיט רוגזה געפֿליקט ביז דער מיטן טיש איז ליידיק געוואָרן און דער קויש דערלעבן, אויף לינקס איז פֿול געוואָרן.

דוד האָט זיך אומגעדרייט, געזוכט מיט די אויגן בײַ דער רעכטער זײַט טיש די וואַליזקע. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מ׳מוז אַלץ געגוי פֿאַר־שרײַבן. דרײַ קאָפּיעס פֿון דער רשימה דאַרף מען צושטעלן צו דער קאָנט־ראָל. צו דעם מוז ער שוין האָבן לאהלעס הילף. ער וועט צוװאַרטן אויף איר. זי וועט אויך אַן עצה געבן ווי אַזוי פּטור צו ווערן פֿון לינקן שטויס.

אין מוח האָבן ווידער אָנגעהויבן ווירבלען געדאַנקען. בילדער האָבן אָנגעהויבן שפּרינגען פֿאַר די אויגן, בילדער פֿון מיט אַ פֿערטל יאָרהונ־דערט צוריק. דעמאָלט האָט ער... ער האָט געגלייבט, אַז מ׳וועט די בלע־כענע שעכטלעך אויסגראָבן. אויב נישט ער, וועלן אַנדערע. געגלייבט, אַז מ׳וועט מער נישט דאַרפֿן אויסבאַהאַלטן. שפּרײַזנדיק איבערן צימער האָבן פּלוצלונג אָנגעקלאַפּט אין מוח פֿערזן ווי זיי וואָלטן איצט אויפֿסנײַ געוואָלט זיך אײַנקריצן אין זכרון:

אַ טאָג וועט זײַן, ווען זײַן וועט דאָן אַן ייִדן פּוילן,
אַ וואַרשע אָן נאַלעווקעס, אַ וואַרשע אָן אַ ייִד,
און בלײַבן ווי אַן עכאָ נאָר אין שורות פֿון אַ ליד...

— איר הערט? — אין ליד, נאָר דאָרט וועלן זיי פֿאַרבלײַבן שטענדיק, אין ליד...

— ווען און ווו האָט ער אַזוי געדיכטעט יוסף רובינשטיין?

דאָס ווײַב האָט אים נישט געלאָזט קיין צײַט זיך צו פֿאַרטראַכטן. ער האָט נישט געהערט ווי לאהלע איז אַרײַן אין צימער אַ פֿאַרסאָפּעטע. געקומען אַ דערשעפּטע, דענערווירטע און געטראָפֿן אים מיט די שטויסן פּאַפּיר. זי איז געווען זיכער, אַז ער האָט זיך שוין אָפּגעפֿאַרטיקט דערמיט. ס׳האָט איר פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ ווען זי האָט אים דערזען מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענט און פֿאַרט האָט זי אויסגעשיִען:

— דו זיצט נאָך אַלץ איבער דײַנע פּאַפּירענע אוצרות! מאָרגן אינ־דערפֿרי דאַרף דאָס דאָרט זײַן. דו פֿאַרגעסט, אַז אין צען טעג אַרום מוזן מיר פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד. קיין איין טאָג לענגער טאָרן מיר נישט בלײַבן.

דוד האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, אויסגעגלײַכט זיך אַ ביסל, און שטיל, אַזוי ווי מעכאַניש, איבערגעחזרט דעם ווײַבס ווערטער:

— קיין איין טאָג לענגער טאָרן מיר דאָ נישט בלײַבן.

פּאַריז, סעפּטעמבער 1968

דער ויכּוח צווישן פּאַפּיר און אותיות...
(אַ מעשׂהלע)

פּאַפּיר און אותיות האָבן צווישן זיך אַלטע חשבונות. נישט איין מאָל פּאַרטראַגט מען זיך נישט. אָפּגעשאָקלט וואָלט איינע פון די אַנדערע. פרעגט מען אָבער בײַ זיי נישט קיין דעה. פּאַרט מע זיי צוזאַמען, איז נישט צו צעשיידן זיך. אַז צוגעקלאַפּט דער שידוך, איז צוגעקלאַפּט און גייט רופט עמעצן קנאַק־ניסל!

האָט זיך געטראָפן אַז אַזאַ שידוך איז נישט דערגאַנגען — אַלץ קאָן זיך דאָך טרעפן אויף דער וועלט. אותיות אײַנגעשטעלטע אין ווערטער, אויסגעמושטרירטע, צוגעגרייטע צו דער באַהעפטונג מיטן ווײַס פּאַפּיר האָבן זיך צעטרייסלט, ווי זיי וואָלטן זיך צעבונטעוועט אינגאַנצן זיך צעשאָטן. און אַז אינגאַנצן צעשאָטן איז אַרויסגעוואָרפן.

האָבן די אותיות זיך געטראָפן אויפן אָרט פון אָפּפּאַלעכצן מיט פּאַפּיר־אָפּפּאַלעכץ, אָבער בתולהדיקס נאָך, נישט געפּאָרט מיט קיין שוואַרצע צייכנס.

האָבן אותיות און פּאַפּיר ראשית־כל זיך אָפּגעגעבן אַ ברייטן שלום־עליכם. מע טראַגט טאָקע אָפּטמאָל אויף זיך אַ בייז האַרץ, אָבער פּאָרט אַלטע מחותנים. און וויפל גוטע, געבענטשטע זיווגים זענען פון זיי צוזאַמען אַרויסגעקומען און קומען אַרויס. אָבער דאָס וואָס ליגט אויפן האַרץ טאָר מע נישט אויסבאַהאַלטן. ובכן, נאָכן אָפּגעבן זיך דעם ברייטן שלום־עליכם האָט מען פון אָנהייב געלאָזן, מיט טאַקט, אָנגעהויבן אַרויסלייגן וואָס ס'ליגט אויפן האַרץ, יעדער צד האָט אַרויסגעלייגט זײַנע טענות:

די אותיות האָבן שטיל און העפלעך געפרעגט: ווי קענסטו זויבער־ווײַס פּאַפּיר אַרויפנעמען אויף זיך אַזוי פיל פאַלשע רייד, ליגנס, ניבול־פּה און סתם אויסגעדראָשענע, אומזיניקע פראַזן; דו, וואָס באַשאַפן ביסט אויף דײַנע באַרקעס איבערצוטראָגן פון דור צו דור ביז אין דער אייבי־קייט דאָס איידלסטע און דאָס סאַמע ווירדיקע. צי זעסטו נישט ווי מע שיקט פונאַנדער דורך דיר פאַלשע שליחתן? ווי מע שמוגלט דורך דורך דעם ווייסן שליח שוואַרצע קאָנטראַבאַנדע? אוי, אוי, פּאַפּיר, ווי פאַר־טראָגסטו דאָס?

דעם פּאַפּיר האָט דאָס האַרץ שיער נישט געפּלאַצט און מיט אַ וויינענ־

דיק קול אַרויס מיט לשון: אַלץ וואַרפֿט מען אַרויף אויף מײַנע אויס־געמאַטערטע פּלייצעס! איר, חשובע אותיות, האָט אויך טענות! לײַכטער צו מוסרן יענעם ווי זיך גופֿא אויסצומוסרן. פֿון אײַך, קאַלעגן אותיות, הייבט זיך דאָס אָן, מע פֿאַרעמט אויס פֿון אײַך די סאַמע פֿאַלשע רייד, די אָממיינסטן אויסגעדראָשענע ווערטער. קיינער זעט נישט זײַן אייגע־נעם גאַרב. קוקט אײַך אײַן אין שפּיגל, זעט וואָס פֿאַרא פּאַסקודסטווע מע מאַכט אָפֿטמאָל פֿון אײַערע אויסגעטאַקטע פֿיגורעלעך, די אַזוי־גערו־פֿענע אותיות, דערנאָך וואַרפֿט מע זיי אַרויף אויף מײַן רוקן און כ׳מוז דאָס שטענדיק טראָגן. איר האָט נאָך די חוצפּה צו באַשולדיקן דאָס פּאַפּיר.

די אותיות האָבן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אָנגעהויבן זיך פֿאַרענט־פֿערן: ווען ס׳וואָלט אין אונדז געווענדט געווען! אומבאַהאָלפֿן, מאַכט־לאָז זענען מיר. מיר זענען געגליכן צו ליים, ווי אַ טייג זענען מיר וואָס מ׳קאָן דערפֿון אויסקנעטן וואָס מ׳וויל. אויך ווי ציגל זענען מיר וואָס מ׳קאָן בויען פֿון זיי אַ שיינעם פּאַלאַץ און אַ העסלעכע תּפֿיסה. פֿאַלן מיר אַרײַן אין גענײטע נאָבעלע הענט, ציט מען אַרויס פֿון אונדז וואַרהאַפֿטיקע און דערהויבענע געזאַנגען, און דער עיקר דעם אמת פֿונעם לעבן; פֿאַלט מען אַרײַן אין פֿאַרטאַטשנע הענט, ווער שמועסט נאָך אין אומרייניע הענט, מאַכט מען אונדז צו שפּאָט און צו שאַנד; אַש און בלאָטע ווערט פֿון אונדז. דאָס ערגסטע ווען ס׳נעמען זיך צו אונדז פֿאַנאַטיזירטע נפֿשות מיט פֿעסטע עלנבויגנס, אָ, דעמאָלט פֿאַרשוואַרצט מען אונדז דאָס פּנים. די אויגן קריכן אונדז אַרויס פֿון קאָפּ פֿאַר חרפּה און דאָס האַרץ פּלאַצט פֿון ווייטיק. און למאַי לייקענען, דעמאָלט ווערט אונדז פֿאַרדריס־לעך וואָס דו, ווײַס־ריין פּאַפּיר, בעמסט אויף זיך אַרויף די מיאוסע סחורה און גיסט צומאָל נישט קיין טרייסל מיטן קאָפּ זי אַראָפּצושלײַדערן פֿון זיך.

דאָס פּאַפּיר האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרקער צו פֿאַרטיידיקן, איבער־געגאַנגען אין אָנגריף: ס׳איז דען פֿאַראַן אַן עצה? אַז מ׳לייגט מיט געוואַלד אַרויף מוז מע טראָגן! אַ ברירה האָט מען? אוי, וואָלט איך ליבערש געוואָלט נעמען אויף מײַנע אַקסלען רייד קלוגע, ווערטער דער־הויבענע, נאָבעלע! אוי, ווען איך וואָלט געקאָנט נישט לאָזן אַרויפֿלייגן אויף מיר די פּוסטע רייד, די שקר־ווערטער! נעמט מע מיך אָבער אין קלעם און מע פּרעסט אַרויף אויף מיר, און דאָס לייגט מען דאָך אויף מיר אײַערע אותיות ביגוואַלד! פֿון אײַך הייבט זיך אָן דאָס אומגליק. און איר ווילט נאָך זײַן די גערעכטע.

די אותיות האָבן אַרויסגעצויגן אַ נײַעם אַרגומענט צו זייער פֿאַרטיי־

דיקונג: אמת, פֿון אונדז הייבט זיך דאָס אָן, אָבער לײַכט קומט זיי נישט אָן די פֿאַרטאָטשנע, אומרײַנע הענט. מיר לאָזן זיך אַזוי גרינג נישט קנעטן! די וואָס ווילן אונדז צו שאַנד מאַכן מוזן גוט שוויצן, מאַכן כּל־ערליי דריידלעך, קונצשטיק ביז זיי מאַכן פֿאַרטיק זייער סחורה. איר קאָלעגן פּאַפּיר גיט זיך לײַכט אונטער. קיין שום צרות האָבן זיי נישט מיט אײַך. וואַרפֿט מען אַרויף אויף אײַך אַ מיאוס פּעקל, טראָגט איר. איז דען נישט ריכטיק דאָס ווערטל: פּאַפּיר פֿאַרטראָגט אַלץ?

דאָס פּאַפּיר איז געוואָרן אויסער זיך: איר שיט אונדז נאָך זאַלץ אויף די ווונדן און אַליין זענט איר דער אָנהייב פֿון אַלע צרות! פֿון אײַך, פֿון אײַך קומען די אויסגעדראָשענע רייד. מ׳מאַכט פֿון אײַך וואָס מע וויל.

דאָס פּאַפּיר האָט זיך אין זײַן ערגערניש פֿאַריאָגקעט. די אותיות האָבן זיך געשמירט דאָס האַרץ; אָט וועלן זיי דעם פּאַפּיר איצט אַרײַנזאָגן פֿאַר דעם וואָס עס פֿאַרטראָגט אַלץ: — הוי קאָלעגע פּאַפּיר, ס׳געפֿעלט אונדז נישט, הייבסט זיך אָן זידלען, דער בעסטער סימן אַז ביסט נישט גערעכט.

אָן אַלטע צעוואָקסענע, אײַנגעבויגענע ווערבע מיט אָן אָנגעדראָלענער קאָרע, ווי בײַ אַ זקן די צעקנייטשטע הויט אויפֿן פּנים, איז געשטאַנען דערלעבן און אײַנגעהערט זיך מיט קאָפּ אינעם ויכּוח און זיך לסוף אַרײַנגעמישט:

— אומזיסט, אימזיסט עסט איר איינע די אַנדערע אָפּ די גאַל.

— טאָ פּסקן דו! האָסט דאָך זיך צוגעהערט, טאָ זאָג ווער איז גערעכט!

די ווערבע האָט געשאָקלט מיטן אַלטן קלוגן קאָפּ און שטיל געענטפֿערט:

— ווי זאָל איך פּסקענען, אַז גערעכט זענט איר ביידע. צום שווערסטן צו פּסקענען איז ווען אַלע צעקריגטע צדדים זענען גערעכט.

וואַרשע 1960

דאָס אינדזל פּאַלאַפּאַלופּולו

זוכט נישט דאָס אינדזל פּאַלאַפּאַלופּולו אויף דער וועלט־מאַפּע, איר וועט עס נישט געפינען, די מאַפּע־מײַסטער האָבן פאַרגעסן עס אַרײַנצורעכענען אין חשבון פון דער וועלט, אָבער דאָס אינדזל איז דאָ, אַ ראיה ס׳זענען דאָ די אײַנוווינער פון אינדזל, איך בין אײנער פון זיי. כ׳האָב באַשלאָסן אָנצושרײַבן אַ צוואה, ביז וואַנען דער זכרון דינט נאָך, אויב וואָס־ווען, די שעה זאָל קיין שעה נישט זײַן, זאָל די וועלט זיך דערוויסן וועגן נאָך אַ פאַרזעעניש אירס. איך גלייב אין דער וועלט, כאָטש אינדזלער פאַרגעסן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ וועלט אויסער פּאַלאַפּאַלופּולו. אַי, ווי אַזוי שיקט מען איבער אַ צוואה, ווען מען איז פאַרשפּאַרט הינטער די ווענט פון ים־כוואַליעס?

אַמאָל פלעגן פאַרלוירענע אויפן ים אַרײַנוואַרפן אין אַ פלאַש אַ מאמר און לאָזן שווימען מיט די כוואַליעס. נישט שטענדיק איז דאָס דערשווומען צו אַ ברעג, דערגרייכט צו אַ מענטשלעכער האַנט, געטראָפן צו אַ מענטש־לעך הארץ. ס׳טרעפט אָבער, אַז יאָ; מ׳דאַרף שטענדיק ריזיקירן. ראשית כל אויפשרײַבן בקיצור ווי נאָר מעגלעך, אין ערגעץ האָט מען מסתמא נישט ליב צו לייענען קיין לאַנגע מאמרים. אַן איצטיקער שרײַבער וואָלט געמאַכט פון דער גאַנצער געשיכטע אַ דינעם, קאַרגן ראָמאַן און אפשר מיך פאַרן הויפטהעלד, כאָטש יעדער אינדזלער פאַרדינט צו זײַן אַ הויפּט־העלד און די מעשה וועגן די אינדזלער קאָן סטאַיען אויף דיקע בענדער. איך בין נישט קיין שרײַבער, און נישט די צײַט און נישט דאָס געמיט איז צו באַשרײַבן אַלץ מיט אַלע פּיטשעווקעס.

ווי איך האָב שוין געזאָגט בין איך אַן אײַנוווינער פון פּאַלאַפּאַלופּולו, אַ היגער און נישט קיין היגער. פון וואַנען און ווי אַזוי כ׳האָב זיך אַהער גענומען ווייס איך אַליין נישט ווי לאַנג איך דריי זיך שוין אַרום דאָ אויפן אינדזל — אויך נישט. פּאַלאַפּאַלופּולו האָט אַזאַ קלימאַט, וואָס שאַדט צום זכרון, מען פאַרגעסט אַ סך זאַכן. די אינדזלער קימערן זיך נישט דערמיט, פאַרקערט, אַ פּאַלאַפּאַלופּולער האַלט, אַז ס׳איז לײַכטער צו לעבן מיט אַ שלעכטן זכרון. פונדעסטוועגן ווייסט מעז צו דערמאָנען, אַז איך בין נישט קיין היגער, אַ לעבנגעבליבענער נאָך אַ גרויסער ים־קאַטאַסטראָפע, אַן

אַרויסגעוואָרפֿענער אויפֿן אינדזל דורך די ים־כוואַליעס. געווען אויך דע־מאָלט אַן ערדציטערניש, וואָס האָט שיער נישט דאָס גאַנצע אינדזל איינ־געשלונגען. די אינדזלער לעבן אָבער ווי ס׳וואָלט קיינמאָל גאָרנישט געשען, איך בתוכם, כאָטש איך בין שוין נישט קיין יונגערמאַנטשיק און געמעגט פֿריִער אין דער זאַך מער אַריינטראַכטן. לויט מיין אויסרעכענונג, אויף וויפֿל דער זכרון דינט מיר, דאַרף איך זיין אַ מאַן אַרום די חמישים, אָבער ביי די פֿולע כּוחות נאָך, און לויט ווי פֿאַר אַן אייבווינער פֿון פּאַלאָפּאַ־לופּולו, ביים קלאָרן זכרון נאָך. די פּאַלאָפּאַלופּולער האַלטן, אַז ס׳לעבט זיך זיי גוט. לויט מיין אייגנזען — גוט אין דר׳ערד. אַ וואָרעם זיצט אין ביטערן כריין און מיינט ס׳איז זיס. נאָר נישט אין דעם גייט איצט ס׳גייט אין אַ געשעעניש וואָס האָט אויפֿגערודערט אַלע אינדזלער, מיך מער פֿון זיי אַלע. שיִער צוליב מיין אויפֿגערודערטקייט נישט אומגעקומען.

געווען איז דאָס אַזוי: אַנומלט ביינאַכט בין איך געשלאָפֿן ווי אַ בער אין זיין ווינטערדיקער נאָרע. אין האַרטן שלאָף האָט אַנגעקלאַפּט אַ וואַיעניש, אַ קנאַלן. כ׳האָב זיך אויפֿגעריסן און גענומען זוכן ווי אַזוי צו מאַכן ליכטיק. אַ טרייסלעניש און ריטשעניש האָבן געמאַכט ציטערן די הענט. זיי האָבן נישט געקאָנט אויספּילן מיין ווילן. פֿון אָנהייב געמיינט, אַז אַ נייע ערדציטערניש, כאָטש אינדזלער פֿאַרגעסן, אַז ס׳איז געווען אַמאָל אַן ערדציטערניש, צוליבן אינדזל־קלימאַט, וואָס שוואַכט אָפּ דעם זכרון. אַז ס׳דערהערט זיך אָבער אַזאַ טראַסקעריי קומט נישט אייגעם אויף פֿאַר די אויגן, ווי ס׳האָט דעמאָלט געשפּריצט מיט פֿייער, ווי די ערד האָט זיך געשפּאָלטן און פֿייערדיקע קנוילן האָבן פֿאַרצוקט קינד און קייט. נישט אייגעם כאַפּט דעמאָלט אַן אַ חשק אַנטרינען צו ווערן פֿון פּאַלאָ־פּאַלופּולו. פּאַלאָפּאַלופּולער קאָן מען אָבער אַלץ אויסטייטשן. פֿאַראַנען אויפֿן אינדזל מענטשן מיט קלוגע קעפּ, אַפֿילו שטערנזעערס; כ׳האָב מיט מיינע אייגענע אויגן און אויערן צוגעזען און צוגעהערט, ווי שטערנזעערס האָבן לויט צייכנס פֿון הימל אָנגעוויזן, אַז ס׳וועט שוין קיינמאָל קיין ערד־ציטערניש נישט זיין. און חכמים גרויסע האָבן מיט גרויס חכמה אויפֿגע־קלערט ווי אַזוי מ׳וועט פֿון אינדזל מאַכן אַ גן־עדן, וואָרעם צו זייער רשות שטייט דער גאַנצער ים. און ער איז ברייט און טיף און רייך אָן אַ שיִער, באַפֿרוכפּערט די ערד מיט זיינע וואַסערן און באַשפּייזט די אינדזלער מיט זיינע פֿיש פֿון כּל המינים און מיט כּלערליי אַנדערע גוטע זאַכן, זיין שימערירנדיקער וואַסער־שפּיגל שמייכלט יעדן אינדזלער אַנטקעגן. ער צאָרנט אויך, דער ים, פֿון מאָל צו מאָל וואַיעט ער בייז און דראָט צו

פֿאַרשוועקן דאָס אינדזל. דערויף איז ער אַ ים, און פֿאַלאָפּאַלופּולער חכמים געפֿינען אויף אַלעמען אַ באַשייד: אַז ער צאַרנט און וואָיעט, דער ים, האָט ער פֿאַרוואָס, מען דאַרף אַנטקעגן קומען זײַן ווילן. ווי אַזוי? — וועט איר זיך באַלד דערוויסן. צוליב דעם באַשרײַב איך יענע נאַכט.

ווען כ׳האָב זיך אויפֿגעריסן פֿון מײַן געלעגער, געטראָפֿן צו דער טיר, בין איך אַרויס פֿון מײַן געצעלט. אַ קליינע עדה אינדזלער האָבן זיך שוין געהאַט געפֿעדערט פֿאַר מיר — די בעלי־חכמה. זיי קענען זיך מיטן ים אויפֿן ווונק, זיי וויסן וואָס זײַן דראָען באַדײַט און מאַכן זיך קיין גרויסן צימעס נישט דערפֿון. ס׳וועט דורכגיין, ווי גיך ער וועט זײַנס באַקומען, זאָלן נאָר די אינדזלער נישט מאַכן קיין רעש.

דאָס ברומען פֿון ים האָט קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט. ווען כ׳בין צו צו זײַן ברעג האָט עס מיך פֿאַרטויבט, פֿאַרהאַקט דאָס לשון: דער געוויינ־לעך גלאַנציקער שפּיגל־אויבערפֿלאַך האָט זיך צעריסן, צעפֿליקט, צעשמע־טערט, ווי אַ שפּיגל וואָס פֿאַלט אַראָפּ אויף אַ באַרג שטיינער. כ׳האָב שוין געהאַט געזען דעם ים אין אַלע קאָלירן. דאָס מאָל איז ער געווען פּעך־שוואַרץ און געזידט ווי געקאָכטע סמאָלע. הויכע שוואַרצע זײַלן האָבן זיך אויפֿגעהויבן מיט אַ געברום אין דער הויך, צוריקגעפֿאַלן מיט רוגזה, אײַנזינקנדיק טיף אין קאָכעדיקן תּהום. דער ים האָט זיך געוויגט, גע־טרייסלט, אַרויסגעשטויסן פֿון זײַן קאָכעדיקן אינגעווייד באַרגיקע זײַלן, אויסגעגראָבן אָפּגרונטן מיט ווײַסן שוים אויף די שוואַרץ־סמאָליקע ליפּן, געריטשעט, געשטשירעט מיט די ציין. דער ווײַסער שוים האָט געשפּריצט מיט גרינער גאַל — אַט־אַט לאָזט ער אויס, דער ים, זײַן גאַנצן צאָרן צום אינדזל. די ווילדע כוואַליעס רײַסן זיך שוין ווי חיות־רעות צו זײַנע ברעגן, אַט־אַט ווערט דאָס אינדזל פֿאַרפֿלייצט צוזאַמען מיט די אינדזלער.

— אינדזלער! — האָב איך אַ געשריי געטאָן — לאָמיר נישט שטיין מיט פֿאַרלייגטע הענט! לאָמיר! לאָמיר...

— שאַ! פֿאַרמאַך דאָס מויל!

אָפּגעענטפֿערט האָט מיר אַ פֿעסטער, הויכער אינדזלער מיט גלעזערנע אויגן און פֿאַרריסענער נאָז. זײַן שטימע האָט געקלונגען באַפֿעלעריש, רוגזהדיק. פֿונדעסטוועגן האָב איך זיך ווידער אָפּגערופֿן, געוואָלט איבער־צײַגן, גערעדט אַ ביסל צו הויך, וואָרעם כ׳האָב מורא געהאַט, אַז מײַנע ווערטער זאָלן נישט פֿאַרלוירן גיין אין גערויש פֿון ים:

— אינדזלער! האָט רחמנות אויף זיך, גיט אַ קוק, לאָמיר... ביז וואַנען ס׳איז נישט צו שפּעט.

אַ שטאַרקע האַנט, ווי אַן אײַזערנע צוואַנג, האָט צוזאַמענגעדריקט מײַן קאַרק, אויסגעדרייט מיר דעם קאָפּ; כ'האָב דערזען אַ בייז, רויט געזיכט, אַ מויל האָט זיך ברייט געעפֿנט און אַרײַנגעשריִען מיר אין פּנים:

— דרך־ארץ! וואָס פֿאַראַ איינער ביסטו זיך קעגנצושטעלן דער קראַפֿט פֿונעם ים? זאָלסט נישט דערצאָרענען! די צונג צווישן די ציין, הערסט?

ער האָט מיך אַזאַ שטויס געטאָן פֿון זיך, אַז כ'בין געפֿלויגן ווײַט פֿון אים און אומגעפֿאַלן. דאָס אַלץ האָבן צוגעזען די אַנדערע אינדזלער און צוגעבאַמקעט: „גערעכט, גערעכט אויף אים, זאָל ער נישט דערצאָרענען דעם ים". אייניקע האָבן געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן די קעפּ, די אויגן אײַנגעגראָבן אין דער ערד, קענטיק געווען, דאָס זיי זענען נישט געווען אויף דער זײַט פֿון דעם רוגזהדיקן אינדזלער. נאָר גייט פֿאַרשטייט וואָס דאָ קומט פֿאָר, אַז זיי זענען אי געשטאַנען פֿאַרשעמטע, אי האָבן פּאַטאַקעוועט.

אַ באַיאָרטער אינדזלער מיט אַ גרויען קלוגן קאָפּ און אַ יונג פּנים האָט זיך הינטערווײַלעכץ צוגעשאַרט צו מיר, ווען כ'בין שוין געשטאַנען אויף די פֿיס אָנגענומען מיך פֿאַרן אַקסל, כלומרשט צו פֿאַריאָגן פֿון דאַנען און פֿלוצלינג שטיל אַרײַנגעשושקעט מיר אין אויער: „מאַך אַ שווײַג, איין שוואַלב וועט קיין פֿרילינג נישט מאַכן, צוויי אויך נישט". דערבײַ אַזאַ ווונק געגעבן, אַז כ'האָב זיך געקאָנט אָנשטויסן דאָס דער צווייטער שוואַלב איז ער גופֿא. ס'איז געוואָרן אַ ביסל לײַכטער כ'בין נישט איינער אַליין. ווער ווייסט וויפֿל נאָך אַזעלכע, ווי דער צווייטער „שוואַלב", אפֿשר וועלן מיר פֿאַרט...

ער האָט מיך אָבער נישט געלאָזט ווײַטער טראַכטן: — „גיי דיר, גיי פֿון דאַנען, שטעק נישט די נאָז, וווּ מען דאַרף נישט". געיאָגט מיך און שטילערהייט געגעבן צו פֿאַרשטיין, מיט רמזים, מיט אָנצוהערענישן, ווי ס'פּאַסט פֿאַר אַן אינדזלער מיט גרויסע דערפֿאַרונגען. אַזוי האָט ער מיך געטריבן ביז די געצעלטן, און דאָ האָט מיך אויף ס'נײַ אַרומגעכאַפּט אַ פּחד: אינדזלער האָבן אַרויסגעקוקט מיט צעשראָקענע אויגן. מיט שטומע מײַלער געפֿרעגט, געוויזן מיט די בליקן אַהין, וווּ ס'האָבן זיך פֿאַרזאַמלט די פּני פֿון פּאַלאַפּאַלופּולו. כ'האָב נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַר וועמען זיי האָבן מורא, צי פֿאַרן ים, צי פֿאַר יענע פּאַלאַפּאַלופּולער, וואָס אויפֿן ברעג. מײַן באַגלייטער האָט מיר ווידער מיט אָנצוהערענישן געגעבן צו פֿאַרשטיין: דער ים מוז האָבן קרבנות, להבדיל אין די אַמאָליקע צײַטן אַ מזבח, ער האָט טאַקע ליב די אינדזלער ווי אַ פֿאָטער, אָבער שטראָפֿט אויך ווי אַ שטרענגער פֿאָטער ווען מען פֿאַרזינדיקט זיך.

ער האָט זיך פֿאַרכאַפּט, ווי ער וואָלט געזאָגט מער ווי ער האָט געוואָלט. איך בין צוגעשטאַנען מיט טרערן אין די אויגן. זאָל ער מיר זאָגן דעם גאַנצן אמת. ער האָט ביטער געשמייכלט און געמוסרט מיך:

— דעם אמת, דעם אמת, אַז אינדזלער ביסטו אַ צוציק, ווייסט נישט, אַז אין פּאַלאַפּאַלופּולו האָט מען דעם אמת פֿאַרמויערט אין אַן אונטערערדי־שער הייל און די פּאַלאַפּאַלופּולער פֿוילן זיך אים צו זוכן. מ׳זאָגט אַפֿילו, אַז מ׳האָט זיך יאָ צו אים דערגראָבן, נאָך באַשעדיקט ביַים אויסגראָבן. דער אמת איז זיך צעפֿאַלן אויף שטיקער, אויף אַ סך אמתן, צעקאַליע־טשעטע, צעקוועטשטע, צעדריבלטע.

— און דער ים? די אינדזלער, וואָס...?

ער האָט מיר נישט געלאָזט פֿאַרענדיקן מיַין פֿראַגע, אין פּאַלאַפּאַלו־פּולו שטעלט מען נישט קיין לאַנגע שאלות, ער האָט אָפּגעענטפֿערט:

— דער ים איז ים און אינדזלער זענען אינדזלער, אַ שפּיל צווישן אַ קאַץ און אַ מויז.

— ווער די קאַץ און ווער די מויז?

דער באַיאָרטער אינדזלער האָט אויפֿגעהויבן אויף מיר די קלוגע אויגן, געשאָקלט מיטן גרויען קאָפּ און שטומערהייט אויסגעלאָכט מיַין אומ־וויסנקייט. מיר זענען פונקט צוגעקומען צו מיַין געצעלט, וויַיט פֿון מענטשלעכע אויגן און אויערן. פֿונדעסטוועגן האָט מיַין באַגלייטער מיך נאָך אַלץ געטריבן, אַריַינגעשטופּט אינעווייניק ווי ער וואָלט געדאַרפֿט אויספֿירן איבער מיר אַ פּסק־דין. ער האָט אָנגעהויבן רעדן שטיל, טאַקע ווי פֿאַר מיַיז אין די לעכער, נאָר אַלץ נישט מיט קלאָרע דיבורים, דער־ציילט די מעשה ווי אַזוי אבינו אברהם האָט אויפֿן פֿאַרלאַנג פֿון גאָט געבראַכט זיין זון יצחקן צו דער עקדה; ווי אַזוי אַגאַמעמנאָן האָט אויפֿן פֿאַרלאַנג פֿון דער געטין אַרטעמידע אָפּגעגעבן זיַין טאָכטער איפֿיגעניע פֿאַר אַ קרבן — יהוה האָט אָבער אונטערגעשיקט אַ מלאך, אַרטעמידע האָט איפֿיגעניען אויסבאַהאַלטן; דער ים ווייסט נישט פֿון קיין קונצן, די פּאַלאַפּאַלופּולער חכמים אויך נישט, דער ים פֿאָדערט און זיי קומען אים שטענדיק אַנטקעגן.

דעם נמשל פֿון משל איז מיר שוין נישט שווער געווען אַרויסצושיילן. ס׳איז מיר באַפֿאַלן אַנגסט און שרעק — דאָס מאָל וועלן זיי מיך אויס־קליַיבן, כ׳האָב געוואַגט צו געבן נאַרישע עצות. איין שוואַלב וואָס האָט געוואָלט...

ווי כ׳האָב מיר אַזוי געטראַכט, איז ראַפּטעם דער צווייטער שוואַלב

נעלם געוואָרן, מסתמא זיך געכאַפּט, אַז ער האָט צופיל מיך אַרײַנגעפירט אין די פּאַלאַפּאַלופּולער סודות. ווער ווייסט, אפשר האָט ער מורא פאַר מיר — איך פאַר יענע, ער פאַר מיר. מורא! פאַר וועמען נאָך? צי נישט איינער פאַרן אַנדערן? אַז אַלע קרענקען אויף דער זעלבער חולאת, קאָן מען אפשר צוזאַמען?...

ס'איז מיר אויף דער הייסער מינוט דורכגעלאָפן אַ געדאַנק אין קאָפּ: לויפן צו די געצעלטן, צונויפזאַמלען אַלע, עפּעס צוזאַמען צוטראַכטן. טראַכטן? צוזאַמען? — האָט אין מוח אַ פּיק געטאָן, ווי אַ רויב־פויגל וואָלט דאָרט אַ זעץ געטאָן. אין פּאַלאַפּאַלופּולו ווען דער ים וואָיעט און דראָט ווערט דער זכרון אַפּגעפרישט, די אינדזולער דערמאָנען זיך זאַכן, וואָס זיי האָבן לאַנג געהאַט פאַרגעסן. איך האָב זיך גראָד דערמאָנט, וואָס מײַן מאַמע האָט געהאַט פאַרשריבן אין איר צוואה. נישט אירע אייגענע ווערטער, זי האָט זיי געבראַכט פון עמעצנס אַ ספר: „איין מענטש אין אַ געפאַר טראַכט, עטלעכע מענטשן אין אַ געפאַר בעראַטן זיך, אַ צעשראָ־קענער המון אין אַ געפאַר טראַכט נשט און בעראַט זך נשט".

דער צווייטער שוואַלב האָט געהאַט שוין געמאַכט פּליטה, נישט געווען מיט וועמען זיך צו בעראַטן. האָב איך געטראַכט, און טראַכטנדיק איז מיר אײַנגעפאַלן אָנצושרײַבן די־אָ צוואה. פון טראַכטן אָבער ביז טאָן. איינער אַליין אין געצעלט. ווער ווייסט צי יענער האָט זיך נישט פאַרשטעלט פאַר אַ שוואַלב. ס'פעלן מיר נישט קיין זינד, אָט־אָט וועלן זיי זיך אַ נעם טאָן צו מיר, שפּילן זיך מיט מיר, אַ קאַץ מיט אַ מויז. מע דאַרף שרײַבן שנעל. די האַנט האָט אָבער געציטערט, די פעדער האָט געראַצט און נישט באַוויזן נאָכצופאָלגן די צעשרויפטע מחשבות; מ'וועט סײַווי דערפון גאָר־נישט פאַרשטיין, אַפילו ווען ס'וועט דערגיין.

אַלץ האָט אָבער אַ סוף. אַפילו אין פּאַלאַפּאַלופּולו. דאָס וואָיען פון ים האָט אויפגעהערט. צו מײַן געצעלט האָבן אָנגעהויבן דערגיין אַנדערע קלאַנגען פון די אינדזולער. זיי זענען אַרויס פון די געצעלטן ווי גיך זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז דער ים האָט באַקומען זיינס. איך האָב אומזיסט אומנישט געצאַפּלט פון אַנגסט, ס'איז געווען אַ גרעסערער זינדיקער. יענער איז אַמאָל געווען פול מיט התפעלות פאַרן ים, נאָר די פּאַלאַפּאַלו־פּולער פּני האָבן שוין לאַנג געהאַט אויף אים אַן אויג.

אין פּאַלאַפּאַלופּולו האָט דער טאָג זיך אויפגעהויבן ווי געוויינלעך אָן אָנגעכמורעטער. די אינדזולער האָבן אַ ביסל פאַרשלאָפן און געאײַלט זיך צו זייערע באַשעפטיקונגען ווי קיינמאָל גאָרנישט. דער ים האָט גע־

גלאַנצט, שימערירט מיט אַלע קאָלירן פֿון בלוי־זילבער און שמאַראַגדן־זילבערדיק. די אינדזלער האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּלויבן פֿון זײַן גלאַנציקייט. און ווי איר ווייסט שוין האָט דער פּאַלאַפּאַלופּולער קלימאַט אַזאַ איינגעשאַפּט, וואָס מאַכט אַ תּל פֿון זכּרון. די פּאַלאַפּאַלופּולער האָבן איינדערפּרי פֿאַרגעסן די בײַנאַכטיקע געשעעניש.

איך האָב נאָך נישט געהאַט פֿאַרגעסן, וואָרעם איך בין אַ היגער און נישט קיין היגער, אַ פּאַלאַפּאַלופּולער און נישט קיין פּאַלאַפּאַלופּולער. כ׳האָב זיך געאײַלט דאָס אַלץ אויפֿצושרײַבן. דער ים קאָן זיך ווען דאָס איז ווידער צעצאָרענען פֿאָדערן זײַנס, ס׳קאָן זײַן מײַן ריי. מע דאַרף אויפֿשרײַבן די צוואה, אפֿשר וועט זי דערגיין ערגעץ? אפֿשר וועט עס זײַן אַ סגולה אויסצוהיילן דעם ים פֿון זײַן גרים־צאָרן?

וואַרשע, יולי 1966

דער לערער זאַמינסקי און זײַן שילערין רבקהלע

צי זאַמינסקי איז געווען אַ פּראָפֿעסיאָנעלער לערער האָט קיינער נישט געוווסט און ס׳איז קיינעמען נישט געגאַנגען אין לעבן צו וויסן. צי האָט ער אין זײַן היימשטאָט זיך אויך פֿאַרנומען מיט לערערײַ איז אויך די שטעטלדיקע נישט אָנגעגאַנגען. גענוג געווען אַז ווען אונטער זײַן השגחה איז אַרײַנגעפֿאַלן אַ דינסט־מיידל וואָס האָט קיינמאָל נישט גענומען קיין פֿעדער אין האַנט און האָט נישט אָנגעקוקט קיין אות צווישן צוויי טאָוולען, האָט ער, זאַמינסקי, אין אַ זעקס וואָכן זי אויסגעלערנט אָנשרײַבן קאָרעקט אַ בריוול און לייענען כּמעט ווי אַ וואַסער. ס׳איז גענוג געווען, אַז זײַן לערערישע רענאָמע זאָל בליִען.

שיינע־ברכה האָט צווישן ווײַבער דערציילט, אַז דאָס פֿאַרעלטערטע דינסט־מיידל בײַם שניט־קרעמער, בײַ וועמען פֿון דער שווערער אַרבעט האָט פֿון קינדווײַז אָן געציטערט די האַנט ווי גיך זי האָט געפּרוווט פֿירן מיט דער פֿעדער איבערן פּאַפּיר, האָט דער לערער זאַמינסקי באַוויזן אַ נס אין די אָוונטן, ווען זי איז פֿרײַ פֿון דער אַרבעט, זי זאָל שרײַבן גלאַטיק אָן ציטערניש פֿון דער האַנט. הכּלל, אַ שם ווי אַ לערער האָט ער געהאַט גאָר אַ געהויבענעם.

געווען מאַמעס וואָס האָבן שטילערהייט באַדויערט וואָס דער לערער קומט אין שטעטל בלויז אויף דרײַ חדשים, זומער אויף דאַטשע. ווי גיך ער האָט אָפּגעדאַטשעוועט ווערט ער נעלם. דעמאָלט האָבן איינע שטילערהייט באַדויערט, אַנדערע האָבן געדאַנקט גאָט וואָס זיי זענען פּטור געוואָרן פֿון אַן אַפּיקורס. און אַממײַנסטן האָט דעמאָלט געדאַנקט גאָט רבקהלעס טאַטע ר׳ אברהם, דער אָנגעזועענסטער חסיד פֿונעם שטעטל.

און אַ שטעטל איז דאָס געווען כּמעט בײַ אַ גרענעץ, און גרויס ווי אַ גענעץ. איין גאָס אין דער לענג, אויסגעצויגן ווי אַ לאָקש, פֿלעגן לצנים זאָגן, דערצו נאָך אָן אַ נאָמען. נאָר מיינט נישט אַז דאָס איז געווען דאָס גאַנצע שטעטל. הינטער דער גלאָוונער לאַנגער שורה הײַזער און הײַזקעס זענען געווען אַנדערע צעוואָרפֿענע ייִדישע הײַזער און הײַזקעס; צומאָל

דאָרט געווען דער בית־מדרש, די מקווה, אַ חדר און אַפילו אַ ספּעציעלע דירה פאַרן רב.

ווײַטער הינטערן שטעטל האָבן זיך אויסגעשפּרייט פעלדער און גרינע לאָנקעס און ווײַטער, נאָך די לאָנקעס, האָט מאַיעסטעטיש געפלאָסן דער טײַך בוג. דאַקעגן, אַנטקעגן דער פראָנטאָאווער גאַס אָן אַ נאָמען האָט זיך געצויגן אַ שאָסיי, הינטערן שאָסיי אַ ראַמפּע און נאָך דער ראַמפּע אויף רעכטס הייבט זיך אָן דער גרויסער וואַלד. דער קליינער וואַלד דאַקעגן הייבט זיך אָן פון רעכטס אויף די „זאַמדן", ווו ס'ענדיקט זיך דאָס שטעטל.

איז וואָס פאַרא שייכות, וועט איר אפשר פרעגן, האָט דאָס אַלץ מיטן לערער זאַמינסקי? די מעשה איז די, וואָס דער לערער האָט שטאַרק ליב געהאַט וואַלד, און היות ער האָט זײַן קוואַרטיר געהאַט בײַ אַ ווײַטער קרובה אין דער העלפט פון דער לאַנגער נאָמענלאָזער גאַס, שפּאַנט ער דורך מיטן שאָסיי צום וואַלד לענגאויס אַ שטיק שטעטל.

וואָלט דאָס אויך קיין צרה פאַר די שטעטלדיקע נישט געווען. איז אָבער די צרה וואָס דער לערער טראָגט נישט קיין היטל, גייט צווישן ייִדן פראָסט פשוט מיט אַ גאָלן קאָפּ. און פרומע ייִדן, בפרט פרומע ייִדענעס, האָבן אים געווונטשן, אַז דער קאָפּ זאָל אים אָפּגעדאַרט ווערן, דעם משומד. צום מײַנסטן איז זײַן אָפּגעדעקטער קאָפּ מיט דער שוואַרצער טשופּרינע אָנזעעוודיק געווען ווען ער האָט זיך דערנענטערט צו „די זאַמדן", און אויב אברהם, דער גערער חסיד, האָט אים דערזען פון דער נאָענט, צי פון דער ווײַטנס, מיטן גאָלן קאָפּ, האָט ער חס וחלילה נישט געשאָלטן, נאָר אָפּגעדרייט דעם קאָפּ און שטיל געמורמלט, אַז דער אייבער־שטער זאָל זיך מרחם זײַן אויף דעם זינדיקן.

קיין צופיל נחת האָט אויך ר' אברהם נישט געהאַט פון אַלע זײַנע אייגענע זעקס זין. ער האָט אַפילו זיי געשיקט אין דער באַרימטער ישיבה אין לאָמזשע. דער צווייטער פון די זין האָט אַפילו געענדיקט די ישיבה און באַקומען סמיכה אויף רבנות. גרויס איז אָבער געווען דער צער פונעם פאָטער ווען דער זון איז אַוועק אויף אַן אַנדער וועג. דעם בעסטן סימן האָט ער געהאַט ווען ער האָט געפונען אין ייִנגלישן צימער אַן אויסבאַ־האַלטענעם „מורה נבוכים" פון רמב"ם, וואָס ער האָט גלײַך אַרײַנגעוואָרפן אין דער ברענענדיקער הרובע. דער פאָטער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דעם „טריף־פסול" האָט אַרײַנגעבראַכט און אויסבאַהאַלטן נישט קיין אַנ־דערער ווי אהרון, וואָס האָט געענדיקט דער ערשטער די ישיבה. פון די

צען קינדער איז פֿון די זין קיין איינער נישט געגאַנגען מיטן וועג פֿון טאַטנס פֿרומקייט, כאָטש אַלע אָפּגעהיטענע ייִדן. לויט דעם טאַטנס פֿרומ־קייט האָט זיך דווקא געפּירט אַ מיידל, דאָס צווייטע טעכטערל, רבקהלע. וואָס קומט אָבער אַרויס פֿון דעם, אַז ס׳איז אַ מיידל? און ווער ווייסט וואָס ס׳קאָן נאָך פֿון איר אויסוואַקסן? זי איז צופֿיל אַרײַנגעטאָן אין נישט ווײַבערישע ספֿרימלעך, האָט ר׳ אברהם געטראַכט.

✶

און רבקהלע איז טאַקע געוועזן אַזוי פֿרום ווי דער טאַטע. פֿון זעקס יאָר אָן האָט זי שבת געטראָגן דעם קרבן־מינחה אָדער אַ מחזור פֿאַר דער מאַמען אין דער ווײַבערישער שיל, אָבער צו צען יאָר האָט זי שוין נישט געטאָרט אויספֿירן די־אַ פֿונקציע. זי טאָר אויך שוין נישט טראָגן אין שבת. דאָס נאָז־טיכל האָט זי שבת אַרומגעוויקלט אויף דער האַנט זי זאָל נישט טאָן קיין עבירה און נישט טראָגן אין דער קעשענע פֿון דער שבתדיקער יאַקע. זי האָט אָבער איין מאָל נישט ווילנדיק יאָ געטאָן אַן עבירה. זומער, ווען זי האָט זיך געלאָזט מיט די חברטאָרינס אין וואַלד, האָט זי נישט באַמערקטערהייט אַרויפֿגעטראָטן מיטן שוועך באַשיכטן פֿוס אויף אַן אויסגעטרוקנטן צווײַגל און עס צעבראָכן אויף שטיקלעך. רבקהלע האָט געוווסט, אַז פֿאַר אַן עבירה דאַרף מען אָפּקומען. האָט זי אויסגע־קליבן אַזאַן אָפּקומעניש: אַרײַנגענומען דעם מיטלסטן פֿינגער פֿון דער רעכטער האַנט אין מויל און אַזוי אײַנגעביסן מיט די שאַרפֿע ציינדלעך, אַז טרערן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פֿון די אויגן. די חברטאָרינס האָבן זי אַ פֿאַרוווּנדעטע אָפּגעפֿירט אַ היים, ווו די פֿרומע מאַמע האָט אָנגעשריִען אויף איר און פֿאַרבונדן דעם פֿינגער. דער טאַטע, דער שווײַגער, האָט זײַטיק און דיסקרעט אונטערגעשמייכלט. דער זיידע, דאָקעגן דער מתנגד, דער מאַמעס טאַטע, דער אַלמן האָט איר אַ קוש געגעבן אין קעפּל און איר געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז דער רבונו של עולם וואָלט סײַווי דאָס נישט פֿאַררעכנט פֿאַר אַן עבירה ווײַל זי האָט דאָס נישט געטאָן אומישנע. רבקהלע איז געווען זײַן ליבלינג. ער האָט דער טאָכטער אָפּט געזאָגט:

— אַ שאָד, אַ שאָד וואָס רבקהלע איז נישט געבוירן געוואָרן אַ ייִנגל. זי וואָלט אויסגעוואַקסן אַ רב און אפֿשר אַ גרויסער רבי.

— ווייסט, טאַטע, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן? ס׳איז שוין גענוג פֿאַר מיר, אַז מײַן מאַן האָט צו טאָן בלויז מיט גאָט־זאַכן. ס׳איז מיר אויך נישט געווען צום האַרץ ווען ער האָט געוואָלט מאַכן פֿון אַלע אונדזערע

זין בלויז באַנק־קוועטשערס. און וואָס שייך אַ מיידל — דאַרף זי זײַן צו גאָט און צו לײַט, זי קאָן אויף איר אופֿן דינען דעם רבונו של עולם.

און רבקהלע האָט טאַקע אויף איר אופֿן געדינט דעם רבונו של עולם. צו צען יאָר האָט זי שוין געהאַט פֿיל מאָל דורכגעבלעטערט די צאנה־וראנה, נישט דורכגעלאָזט קיין איין ווײַבערישן ספֿר. הײַנט דעם תנ״ך, וואָס דער זיידע האָט געקנעלט מיט איר אָן דעם טאַטנס וויסן. אויך אַ מיידלשן מלמד האָט רבקהלעס מאַמע, די אשת־חיל, געהאַלטן פֿאַר די מיידלעך.

✶

קיין שולע איז אין שטעטל נישט געווען. אַ גויִשע שולע איז יאָ געווען, אָבער אַ צוויי־דרײַ קילאָמעטער פֿון שטעטל. פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגט זיך אַראָפּכאַפּן אַ יידישער לערער. ווען ס׳האָט זיך באַוויזן אין שטעטל דער לערער זאַמינסקי איז רבקהלע געווען אין דרײַצנטן יאָר און געווען כמעט אָן „אויטאָדידאַקט״. איר פֿרומקייט איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיטן דורשט צו לערנען. איר מאַמע, די אשת־חיל, האָט בסוד סודות איבערגעגעבן רבקהלען אַ מינדלעכן מעסאַזש אַוועקצוטראָגן דעם לערער זאַמינסקין און רבקהלע האָט דעם מעסאַזש איבערגעגעבן וואָרט בײַ וואָרט: „מײַן מאַמע האָט מיך געשיקט אײַך צו בעטן צו געבן לערן־שעהען יעדן טאָג איר טאָכטער רבקהלען, וואָס וועט מיטברענגען איר יינגער שוועסטערל. די מאַמע בעט דעם לערער די לעקציעס זאָלן פֿאָר־קומען פֿון אַכט אַ זייגער אינדערפֿרי״. דער לערער האָט אויסגעהערט דעם מעסאַזש און געפֿרעגט פֿאַרוואָס גראָד 8 אַ זייגער אינדערפֿרי?

— ווײַל מײַן טאַטע איז דעמאָלט אין בית־מדרש... און... און זי האָט זיך פֿאַריאָנקעט. זי האָט זיך באַלד נאָך עפּעס דערמאָנט און צוגעגעבן:

— דעם שכר־לימוד וועט מײַן מאַמע צושיקן; דער לערער דאַרף נאָר זאָגן וויפֿיל.

דאָס געשעפֿט איז אין אַ מזלדיקער שעה געמאַכט געוואָרן און אויף צומאָרגנס האָבן אויך אין אַ מזלדיקער שעה אָנגעהויבן די לעקציעס בײַם לערער זאַמינסקי.

✶

די פֿרימאָרגנדיקע לעקציעס זענען געגאַנגען ווי געשמירט. רבקהלע איז געווען אַ גרויסע מתמידה, געשלונגען די ווערטער וואָס דער לערער האָט אַרויסגעלאָזט פֿון מויל. בײַם שרײַבן האָט זי זיך אַ ביסעלע גערויטלט,

מחמת זי האָט געשריבן מיט דער לינקער האַנט, כאָטש אין שטוב האָט זי זיך געסטאַרעט צו צוגעוווינען צו שרײַבן מיט דער רעכטער האַנט, ס'זענען אָבער אַרויסגעקומען קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס און נישט קיין נאָרמאַלע אותיות. טראָץ דעם האָט דער לערער זי כסדר געלויבט פֿאַר אירע פֿאַרשריטן. אַמײַנסטן האָט זיך געפֿרייט די מאַמע מיט אירע נײַע קענטעניש פֿון חשבון. מיט אירע נײַע קענטעניש וועט זי איר צונויף קומען אין אירע סוחרישע ענינים. איין טענה האָט זי געהאַט צו רבקהלען, וואָס זי וועקט אַזוי פֿרי דאָס שוועסטערל אירס וואָס איז געווען אַ ביסל אַ פֿלעגמאַטישע. ווען רבקהלע איז שוין געווען פֿיקס און פֿאַרטיק, איז די קליינע נאָך געשמאַק געשלאָפֿן.

— לאָז צורו דאָס קינד, זי וועט קומען אַ ביסל שפּעטער, זי וועט טרעפֿן דעם וועג אָן דיר. אָבער רבקהלע האָט געוואָלט אָפּהיטן דעם פּרעסטיזש פֿון איר שוועסטערל און זוכנדיק מיטלען איז איר אײַנגעפֿאַלן אַזאַ געדאַנק: זי האָט אָנגענומען אַ מויל וואַסער, אַ שפּריץ געטאָן איבער איר פּנים. די קליינע שלעפֿערקע האָט זיך אויפֿגעריסן. אַז די מאַמע האָט אָבער דאָס דערזען האָט זי אויסגעשריִען:

— וואָס טוסטו, דאָס איז דאָך אַ בפֿירושע עבירה אַזעלכעס צו טאָן מיט אַ קינד!

אַז רבקהלע האָט דערהערט, אַז זי טוט אָן עבירה האָט זי שיִער נישט אַרײַנגעכאַפּט אַ פֿינגער אין מויל, נאָר זי האָט זיך דערמאָנט, אַז די מאַמע האָט איר דאָס פֿאַרווערט.

— מאַמע, ווער וועט אָבער זאָגן מיט איר „מודה אני", אַז איך וועל נישט זײַן דאָ?

— מ'וועט שוין זאָגן מיט איר, דו זײַ נישט גאָטס קאָזאַק!

דערפֿאַר האָט זיך רבקהלע אָפּגענומען אין אָוונט. אין דער געווייג־לעכער אָוונט־שעה ווען זיי זענען בײדע געלעגן אין זייער סאָפּקע, די הענט געהאַט געוואַשן, האָט רבקהלע מיטן גאַנצן האַרץ געלייענט מיטן יינגערן שוועסטערל קריאת שמע. און די קריאת שמע איז אַרויסגעקומען פֿון איר מויל טיפּ־טאַפּ. און נאָך אַזאַ הייסע תּפֿילה איז דאָס שוועסטערל גיך אײַנגעשלאָפֿן. און עס פֿלעגט גאַר אָפּט געשען, אַז דער טאַטע איז געזעסן ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אין דער דערנעבנדיקער קליינער קאַמער, אָנגעבויגן איבער דער גמרא און שטיל־שטיל אונטערגעזונגען, האָט רבקהלע מיט אינטערעס זיך אײַנגעהערט; ס'איז איר געפֿעלן געווען דאָס זינגוועדיקע מורמלען. אָבער ווען דער טאַטע איז געווען איבערגעבויגן איבערן

תהילים און מיט אַ שטילן ניגון אויסדעקלאַמירט די ווערטער: „אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים..." האָט שוין רבקהלע שטילערהייט נאָכגעזאָגט מיטן זעלבן ניגון, ביז זי האָט זיך איַינגעחזרט פּסוקים פֿון תהילים וואָס זענען איר אַממיַינסטן צוגעפֿאַלן צום האַרץ.

*

ס'איז געווען ביַים סוף פֿון זומערדיקן סעזאָן. דער לערער האָט פֿאַרגעלייגט אַ צוגאָב־לעקציע פּריַיטיק אינדערפֿרי. (פּריַיטיק זענען קיין לעקציעס נישט געווען) צי ער האָט די לעצטע קומענדיקע וואָך געוואָלט פֿאַרלענגערן מיט אַ לימוד־טאָג, צי גיכער פֿאַרויסגעזען, אַז פּריַיטיק וועט די יינגערע שילערין נישט קומען און ער וועט זיך פֿילן פֿריַיער. די צוגאָב־לעקציע האָט ער געווידמעט נאַטורוויסנשאַפֿט: פֿון וואַנען ס'קומט אַ רעגן, ווי אַזוי עס ווערן אין הימל וואָלקנס אָדער פֿאַרוואָס פֿאַרוואַנדלט זיך ווינטער דער רעגן אין שניי און ענלעכע ניסים פֿון דער נאַטור, האָט ער שוין באַריכות געהאַט דערציילט. אויף דער פּריַיטיקדיקער לעקציע האָט ער פֿאַר רבקהלען געמאָלן זייער פּלאַסטיש ווי אַזוי די ערד אויף וועלכער מיר לעבן דרייט זיך אָן אויפֿהער און פֿאַרוואָס עס קומט אַזוי פֿאַר, און נאָך אַנדערע סודות פֿון קאָסמאָס. לסוף האָט ער זי געפֿרעגט:

— אינטערעסירן דיר אַזעלכע זאַכן?

— פֿאַרוואָס נישט? כ'וויל אַלץ וויסן. איך בין דאָך שוין אַ גרויס מיידל. אין זעקס חדשים אַרום וועל איך ווערן דריַיצן יאָר, כ'וועל שוין זיַין אַ דערוואַקסענע. איך וואָלט שוין געוואָלט אַלץ וויסן.

— נו, אויב די וואָלסט געוואָלט אַלץ וויסן, וועל איך דיר געבן עפּעס צו לייענען.

ער האָט אַרויסגעצויגן פֿון שופֿלאָד אַ קליין ביכל. אויפֿן טאָוול איז געווען אויפֿגעשריבן מיט גרויסע בוכשטאַבן „נאַטור־וויסנשאַפֿט".

— לייג עס אַריַין אין דיַין רענצל און וויַיז קיינעם נישט! ווען עס איבערלייענען קיינער זאָל דאָס נישט זען, און זונטיק וועסטו עס מיר צוריק ברענגען.

— דער מאַמען און דעם זיידן זאָל איך אויך נישט וויַיזן?

— קיינעמען! הערסט? קיינעמען! זאָגסט מיר צו?

— יאָ, לערער, איך זאָג צו. כ'וועל איבערלייענען און צוריקברענגען עס דעם לערער.

שבת נאָכן טשאָלנט איז רבקהלע פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. מ'האָט נישט

געוווּסט ווו זי איז פֿלוצונג אָהינגעקומען. דער זיידע, וואָס האָט שטענדיק געהאָט פֿאַר רבקהלען און וועגן איר אַן אויפֿקלערונג, האָט אַלע באַרויִקט, פֿאַרזיכערנדיק, אַז זי איז זיכער אַוועק אין וואַלד ווו עס טרעפֿט זיך שבת די יידישע חברה. דער מאַמען האָט פֿאַרדראָסן וואָס זי האָט נישט געזאָגט אַז זי גייט ערגעץ. דער טאַטע האָט געשוויגן מיט אַזאַ שווייַגן וואָס האָט באַטייַט אַז איר פֿירעכץ געפֿעלט אים נישט. און געבליבן איז, אַז רבקהלע איז אַוועק צו חברה אין גרויסן וואַלד. אָבער רבקהלע איז גאָר געזעסן אויפֿן בוידעם. זי האָט זיך צוגעאייַלט אָפּצועסן וואָס פֿריִער, זיך קונציק אַרויסגעגליטשט פֿון שטוב דורך דער הינטערשטער טיר, ווו אין פֿאַרהויז שטייט אַ לייטער, אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן בוידעם, ווו עס שטייען אין קעסט־לעך פֿאַרפּאַקט די פּסחדיקע כּלים. זי האָט אַרויסגעצויגן פֿון הינטער דער שבתדיקער יאַקע דאָס דינע ביכל, אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ קעסטל און אָנגעהויבן לייענען. ס'איז איר נישט געגאַנגען זייער לייַכט, אַ ביסל שווערלעך געווען צו צעקייַען דעם אַרייַנפֿיר. איז זי שוין אָבער פֿאַרקראָכן אויפֿן בוידעם, דער עיקר צוגעזאָגט דעם לערער, אַז זי וועט איבערלייענען, האָט זי זיך נישט געפֿוילט אָנצוהויבן לייענען אַ צווייט מאָל. דאָס צווייטע מאָל איז שוין געגאַנגען גלאַטיקער, און וואָס מער ס'איז איר קלאָר געוואָרן, אַלץ מער איז איר שווער געוואָרן אויפֿן האַרץ. עפּעס אַ צעטומלעניש אין קאָפּ.

— ווו ביסטו פֿאַרפֿאַלן געוואָרן?! מ'האָט דיך געזוכט און ביסט אויסגערונען געוואָרן! — האָט איר געמוסרט די פֿאַרזאָרגטע מאַמע, ווען זי האָט זיך באַוויזן.

— כ'בין געגאַנגען כאַפּן אַ ביסל לופֿט אין סעדל, כ'האָב זיך אַוועק־געלייגט אויפֿן גראָז און אייַנגעשלאָפֿן, כ'בין... כ'בין געווען פֿאַרמאַטערט...

— יאָ, יאָ, האָט די מאַמע באַשטעטיקט, ביסט צופֿיל אויסגעמאַטערט, ווילסט אַלץ אַרייַנכאַפּן, ליגסט שטענדיק אין די קאַיעטן און ביכלעך, ספּרימלעך. זעסט אויס ווי ס'וואָלט היינט נישט שבת געווען.

רבקהלע איז טאַקע יענעם שבת אַרומגעגאַנגען ווי אַ פֿאַרטשאַדעטע. דעם „גאָט פֿון אברהם, פֿון יצחק און יעקב...‟ וואָס זי פֿלעגט יעדן שבת פֿאַרנאַכט מיטהאַלטן מיט דער מאַמען, האָט זי שוין דאָס מאָל דורכגע־לאָזט, כּדי די מאַמע זאָל נישט דערקענען איר צערודערונג. באַלד נאָך הבדלה האָט זי אין מיידלשן צימער אַרויסגערוקט די סאָפֿקע, אַליין צורעכט געמאַכט דאָס געלעגער און זיך געלייגט שלאָפֿן. די אומרויִקע מאַמע האָט

צוגעלייגט איר האַנט צו דער טאָכטערס שטערן און נאָך אַמאָל געשטעלט די דיאַגנאָזע:

— פֿאַרמאַטערט, דערשעפּט. כ'וועל דיך שוין, טאָכטערשי, צוהיטן. זײַנע לעקציעס פֿאַרמאַטערן דיך, גאָט צו דאַנקען וואָס ס'ענדיקט זיך.

געזאָגט האָט זי דאָס אַזוי שטיל, אַז נאָר רבקהלע האָט דאָס געקאָנט קוים הערן, און זי, רבקהלע, האָט געטראַכט דאָס איריקע.

זונטיק אינדערפֿרי איז רבקהלע אויפֿגעשטאַנען פֿריִער ווי שטענדיק, באַוועגט זיך אויף די שפּיץ־פֿינגער נישט אויפֿצוּוועקן דאָס שוועסטערל. די מאַמע איז געווען פֿאַרנומען אין געוועלבל. רבקהלע האָט זיך געצווונ־גען אויפֿצופֿעסן דאָס גאַנצע שיסעלע גריץ וואָס די מאַמע האָט ווי יעדן טאָג אָפּגעקאָכט אויף אָנבײַסן. זי האָט געמאַכט אַ פֿריילעכע מינע מ'זאָל זי אין גאָרנישט ניט חושד זײַן. זי וועט הײַנט קאָנען אַליין אָן עדות זיך אויסטענהען מיטן לערער.

— לערער, כ'האָב אײַך צוריקגעבראַכט אײַער ביכל... (זי האָט אָפּ־געכאַפּט דעם אָטעם) כ'האָב עס גוט אויסבאַהאַלטן, קיינער זאָל עס נישט זען.

— נו, ביסט צופֿרידן וואָס דו האָסט דאָס ביכל געלייענט?

זי האָט אָנגעהויבן זיך יאָנקען, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, גערעדט שטילער ווי געווײנלעך.

— לערער, ס'קומט דאָך אויס, אַז די וועלט האָט זיך באַשאַפֿן פֿון זיך אַליין, מער גאָרנישט געווען... מער קיינער... פֿון זיך אַליין...

— נו, געפֿעלט עס דיר נישט?

— איז וואָס איז מיט „בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ“...

זי האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער אין איין אָטעם און מיט אַ פֿאַרשטיק־טער שטימע ווי זי וואָלט אײַנגעהאַלטן אַ כליפּ.

— רבקהלע, דער חומש איז זייער אינטערעסאַנט, זייער שיין געשרי־בן. מיר דערוויסן זיך פֿון אים אַ סך קלוגע זאַכן, נאָר ס'איז געשריבן געוואָרן מיט טויזנטער יאָר צוריק. מענטשן האָבן דעמאָלט אַנדערש געטראַכט. האָבן זיי אַנדערש געשריבן...

— איז גאָט אויך דעמאָלט געווען אַנדערש ווי הײַנט?

— דאָס ווייס איך נישט... אַז דו וועסט ווערן אַ דערוואַקסענע, אַ מענטש מיט אַ סך וויסן, דערפֿאַרונגען, וועסטו מסתּמא בעסער קאָנען באַגרײַפֿן... נו, דו ביסט הײַנט מיד, זעסט אויס שלעכט. און איך מוז גיין עפּעס דערליידיקן. וועלן מיר מאָרגן האָבן אַ לענגערע לעקציע... גיי אין

שטוב איידער דײַן שוועסטערל קומט. וועסט זי אפֿשר טרעפֿן אויפֿן וועג און זי מיטנעמען אַ היים.

ס׳זענען געווען די לעצטע טעג פֿון דער דאַטשע. דער לערער זאַמינסקי האָט חרטה געהאַט אויף דער גאַנצער מעשׂה. צו וואָס האָט עס אים געטויגט? געוואָלט פֿון אַ פּרום מיידעלע מאַכן אַ פֿרײַדענקערין? זי וועט מסתּמא צו די עטלעכע לעצטע לעקציעס נישט קומען. זי איז אָבער יאָ געקומען. מיטגעבראַכט אַפֿילו דאָס שוועסטערל. נאָר זי איז שוין נישט געווען די זעלבע רבקהלע. פֿון אירע פֿריילעכע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַן אומעט.

✶

ס׳זענען אָפּגעלאָפֿן אַ וואָסערע אַכצן יאָר. רבקהלע, די איצטיקע רבקה פּירמאַל האָט זיך פֿאַרשפּעטיקט צום מיטאָג אין אַ דיפּי־רעסטאָראַן פֿאַר לעבנגעבליבענע דעפּאָרטירטע וואָס האָבן נישט געוואָלט זיך אומקערן אין זייערע צעשטערטע היימען און וועלכע מ׳האָט גערופֿן „דעפּלאַסירטע פּערסאָנען״. רבקה איז געזעסן אַליין אין עס־צימער און געטראַכט ווי לאַנג זי וועט נאָך מוזן פֿאַרבלײַבן אויף דער פֿאַרשאָלטענער דײַטשישער ערד. קיין פּוילן וויל זי בשום אופֿן זיך נישט אומקערן. די דײַטשישע רוצחים האָבן די איריקע אומעטום אויסגעמאָרדעט. זי האָט זיך דערוווּסט, אַז אַפֿילו איר שטעטל איז אויך אָפּגעווישט געוואָרן. זאָל זי וואַרטן ביז דער „דזשאָינט״ וועט אָפּגעפֿינען אין מאָנטרעאָל איר מאַמעס ברודער און זײַן משפּחה? דעם אַדרעס זייערן האָט זי נישט געהאַט צו געבן נאָר בלויז דעם נאָמען און דער „דזשאָינט״, דורך זײַן אָפּטיילונג אין קאַנאַדע, האָט צוגעזאָגט צו זוכן, זאָל זי וואַרטן ביז ס׳וועט עמעצער זיך אָפּרופֿן און באַוויליקן זי אַריבערצונעמען? זי וואָלט גערנער געפֿאָרן קיין פּאַריז. מ׳זאָגט אַז פֿאַראַן דאָרט אַן אַקטיווער „דזשאָינט״. זאָל זי נאָך אַמאָל זיך ווענדן צום היגן „דזשאָינט״ און בעטן העלפֿן איר אַריבערפֿאָרן קיין פּאַריז? זי האָט אָבער שוין צופֿיל פֿאַרדרייט זיי דעם קאָפּ. זיי וועלן מסתּמא ווידער ראָטן צו האָבן געדולד און דערוויַיל וואַרטן אויף אַן ענטפֿער פֿון קאַנאַדע. מ׳דאַרף אויסנוצן, זאָגן זיי, אַלע משפּחה־מיטלען. ס׳וועט אָבער דאָך נישט אויסמאַכן נאָך אַ מאָל זיך ווענדן צום „דזשאָינט״. וואָס מער, זאָגט מען, מע זיצט זיי אויפֿן קאָרק, אַלץ גיכער געפֿינען זיי אַן אויסוועג.

✶

זי איז געווען אַזוי אַרײַנגעטאָן אין אירע טראַכטענישן אַז זי האָט

נישט געהערט אַז די טיר האָט זיך געעפֿנט. זי האָט פּלוצלינג דערפֿילט ווי פֿון דער ווײַטנס בײַסן זיך אײַן אין איר צוויי אויגן. זי האָט אויפֿגע־הויבן דעם קאָפּ און דערזען אַ פֿאַרעלטערטן מענטש מיט אַ פּנים אַ באַ־דעקטן מיט צייכנס. זי האָט אַ ציטער געטאָן. דער מענטש האָט איר געשענקט אַ ברייטן שמייכל, גענומען זיך פּאַמעלעך דערנענטערן צו איר רונדן טיש און אַ שטאַרקן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי אַ צייכן פֿון אַ באַגריסונג. זײַן אויסזען מיטן באַדעקטן קאָפּ מיט אַ שוואַרצן היטל האָט אָנגעוואָרפֿן אויף איר אי שרעק, אי רחמנות.

— איר זענט רבקה פּירמאָל?

— יאָ, אַזוי הייס איך, אָבער פֿון וואַנען קענט איר מײַן נאָמען?

— זוכנדיק אין „דזשאָינט" אויף די אויסגעהאַנגענע ליסטעס האָב איך דערזען אײַער נאָמען?

— ווער זענט איר וואָס ס'אינטערעסירט אײַך מײַן נאָמען?

— איך הייס זאַמינסקי...

— זאַמינסקי? האָט זי פֿאַרוווּנדערט געפֿרעגט.

ער האָט אַ מאָדנעם שמייכל געטאָן, ס'איז געווען אין אים אי ביטער־ניש, אי איראָניע.

— איר האָט דאָך אַ מאָל געהאַט אַ לערער וואָס האָט געהייסן זאַ־מינסקי. איר דערמאָנט זיך נישט?

— איז וואָס, אַז איך האָב געהאַט אַ לערער זאַמינסקי?

דאָס בין איך, אײַער אַמאָליקער לערער.

— מאַמעלעך! — האָט זי אויסגעשריען, ווי מע פֿלעגט אויסשרײַען אין איר שטעטל בײַ אַן אויסטערלישער געשעעניש, וואָס רופֿט אַרויס פֿאַרוווּנדערונג.

— וואָס איז געשען מיט אײַך וואָס איז אײַך נישט צו דערקענען?

— ס'איז געשען מיט מיר דאָס זעלבע וואָס מיט אײַך, נאָר אַפּשר אַרײַנגעכאַפּט צופֿיל קלעפּ.

רבקה האָט געקוקט אויף אים, געוואָלט געפֿינען עפּעס אַ שטריך פֿון איר אַמאָליקן שיינעם לערער און נישט געפֿונען.

— נעמט אַראָפּ דאָס היטל, צוװאָס טראָגט איר אַ שוואַרץ היטל אין אַזאַ ברענענדיקער היץ?

— ווײַל איך בין אַ ייִד, טראָג איך אַ היטל, אַן אמתער ייִד טראָגט אַזאַ היטל.

זי האָט באַגערט אים היימישער צו מאַכן:

— לערער, איר קערט זיך נישט אום אַ היים?

— איך האָב דאָרט נישט קיין היים, אויך קיינעמען נישט.

— געהערט איר דאָך צו דער זעלבער קאַטעגאָריע וואָס איך. ווו רעכנט איר צו פֿאָרן?

— איך רעכן צו פֿאָרן, מיט גאָטס הילף, קיין אַמעריקע, מעגלעך אין גיכן, ווי מע זאָגט מיר צו.

— און איר, ווו רעכנט איר צו פֿאָרן?

— כ׳האָב גערעכנט צו פֿאָרן צו משפּחה קיין קאַנאַדע, נאָר איך האָב נישט זייער אַדרעס, מ׳זוכט זיי לויטן צונאָמען. ווער ווייסט צי ס׳וועט עפּעס אַרויסקומען פֿון דער זוכעניש. איך וואָלט גערן געפֿאָרן קיין פּאַריז, גערעדט שוין וועגן דעם אין „דזשאָינט‟, נאָר איך, זעט איר, רעכן נישט אויף גאָטס הילף. גאָט איז אונדז אין אונדזערע גרויסע אומגליקן צו הילף נישט געקומען, אַפֿילו ווען מ׳האָט פֿאַרפּייניקט און אויסגעמאָרדעט אונדזערע קליינע קינדער — האָט זי מיט ווייטיק, געמישט מיט סאַרקזאַם, געזאָגט.

זאַמינסקי האָט אַ ווײַלע דיסקרעט אונטערגעשמייכלט ווי ער וואָלט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס צילט מען אין אים. באַלד האָט ער רויִק זיך אָפּגערופֿן ווי אַ לערער וואָס גיט צו פֿאַרשטיין:

— בעת גרויסע אומגליקן געשעט, אַז מענטשן ענדערן זיך. צײַטנווײַז טרעפֿט אַז מע געפֿינט אָפּ גאָט און מע ווערט אַ הייסער ייִדישער מענטש. און ס׳געשעט אויך אַז מען פֿאַרלירט גאָט. אין מײַנע פּיריאָריקע איבערלעבענישן, צוזאַמען מיט אַנדערע אנוסים, האָב איך געהאַט געלעגנהייטן צו אָבסערווירן אַזעלכע נשמה־צושטאַנדן.

— איך, לערער, ביך אויך אַ הייסער ייִדישער מענטש, ווי איר באַצייכנט זיך. איר זענט אָבער אַמאָל געוועזן מײַן לערער, געהאַט פֿאַרוואָרפֿן אַ קערנדל אין מיר. דאָס קערנדל האָט פּאַמעלעך גענומען שפּראָצן און בײַ געוויסע באַדינגונגען וועגן וועלכע איר האָט אָקאָרשט דערמאָנט, האָט די שפּראָצונג אויפֿגעפֿלאַקערט. נו, איך בין פֿאַרבליבן אײַער שילערין.

זאַמינסקי איז געבליבן פֿאַרשטומט. ער איז אַ ווײַלע געשטאַנען פֿאַרטראַכט. דערנאָך נישט דרייסט אַנגענומען איר האַנט, צוגעטראָגן זי ביז די פֿאַרטרוקענטע ליפּן, אָבער נישט באַרירט מיט זיי אירע פֿינגער. ער האָט שטומערהייט זיך געזעגנט מיט איר מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ אָן אַ

וואָרט צו זאָגן. ווען ער איז שוין געווען דערגאַנגען צו דער טיר, איז ער שטיין געבליבן אַ לאַנגע ווײַלע, זיך אומגעקערט און מיט פֿרײַנדלעכע ווערטער געגעבן צו וויסן זײַן אַמאָליקער שילערין, אַז מ׳וועט זיך נאָך זען.

— יאָ לערער, מיר וועלן זיך נאָך זען — האָט רבקה פֿירמאַל מיט אַ שמייכל אים געענטפֿערט.

חומש־מעשׂהלעך

אַלץ צוליבן ווײַב, אָדער — דער ערשטער סיכסוך צווישן מענטש און גאָט

נאָך דעם ווי גאָט האָט באַשאַפֿן אָדמען, האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ: ט'האָסטו דיר! אַ באַשעפֿעניש אין אייגענעם געשטאַלט! ווער ווייסט וואָס אַזאַ איינער קאָן זיך מיינען?! צי וועט נישט אַמאָל אַזאַ אָדמען זיך פֿאַרגלוסטן צו האַלטן זיך פֿאַר זײַנס גלײַכן און וועלן געוועל־טיקן איבער הימל און ערד, ווי ער וואָלט אַליין געווען אַ גאָט?

האָט גאָט שיעור נישט חרטה באַקומען וואָס ער האָט פֿונעם שטויב פֿון דער ערד אַ מענטש אויסגעפֿורעמט. נאָר, וואָס אָפּגעטאָן איז אָפּגע־טאָן. און דער אַלמעכטיקער האָר האָט כּהרף עין צוגעטראַכט אַ פֿאַרטל: באַגיין וועט ער זיך מיטן דאָזיקן אָדמען אַזוי, אַז ס'זאָל אים פֿון קיין פֿויגל־מילעך נישט פֿעלן, נאָר טאָן וועט ער טאָן אַלץ כּדי אים צו האַלטן אין אומוויסנקייט. און שרעקן וועט ער אים שרעקן מיט אַזעלכע שרעקע־נישן, אַז ער זאָל נישט וואַגן צו פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון וויסן. אַ, דעמאָלט וועט שוין נישט זײַן וואָס מורא צו האָבן! אין אומוויסנקייט וועט ער געהאָרכזאַם און אונטערטעניק זײַן.

אַ צופֿרידענער פֿון זײַן אײַנפֿאַל האָט גאָט געגלעט זײַן לאַנגע, ברייטע באָרד און מער שוין קיין חרטה נישט געהאַט וואָס ער האָט אָדמען באַשאַפֿן. וואָרעם וואָס פֿאַראַ פּנים וואָלט דען געהאַט זײַן וועלט אָן דעם מענטש? ווער וואָלט אים געדינט, געלויבט און געבוקט זיך פֿאַר אים? וועמען קאָן מען אַזוי באַפֿעלן און ווער קאָן אַזוי באַפֿעלן אויספֿירן ווי אַן אָדם?

און גאָט האָט אָנגעהויבן פֿאָטערלעך זיך פֿאַרנעמען מיט אָדמען. אים אײַנגעקוואַרטירט אין אַ גאָרטן אַ שיינעם, וואָס ער האָט געפּלאַנצט פֿאַר זײַנעטוועגן אין עדן, און אָנגעזאָגט אַז די פֿרוכטן פֿון אַלע ביימער מעג ער עסן, נאָר נישט פֿון די ביימער וואָס אין מיטן גאָרטן; וועט ער, חס וחלילה, פֿאַרזוכן די פֿרוכט פֿון אָט יענע צוויי ביימער, וועט ער, די שעה זאָל קיין שעה נישט זײַן, שטאַרבן.

און דאָס שפּיצל האָט זיך אײַנגעגעבן.

אַז אָדם האָט דערהערט אַזעלכע רייד, איז ער אויפֿגעציטערט געוואָרן:

שטאַרבן גאָר איצט! אַזאַ מחיהדיקער גאָרטן! אַ נחת צו לעבן דאָ, און פּלוצעם גאָר אַזאַ געפֿאַר. צוליב עפּעס אַ שיין עפּעלע וועט ער, חס וחלילה, גיין פֿון דער וועלט. ניין, ער וועט זיך נישט צורירן, ער וועט נישט צושמעקן!

און אָדם האָט געוויַיכט פֿון דער וויַיטנס פֿון די ביימער, וואָס אין מיטן גאָרטן.

איז גאָט צופֿרידן געווען פֿון זיַין אָדמען און וויַיטער געטאָן טאָן צון אים גרויס חסד, וואָרעם געזען האָט ער, אַז דעם מענטש איז אומעטיק צו זיַין אַליין. וואָס נאָך איז דען אַ מענטשן אַזוי שווער איבערצוטראָגן ווי איינזאַמקייט? האָט גאָט געבראַכט פֿאַר אָדמען אַלע חיות פֿון דער ערד און אַלע פֿייגל פֿון הימל ער זאָל פֿון זיי זיך אויסקליַיבן אַ פּאַרטנער לויט זיַין געשמאַק. אָבער אָדם האָט זיך געבלאָזן, געהאַלטן זיך אין גרויסן, קיין שום באַשעפֿעניש איז אים נישט אָנגעשטאַנען. וואָסי? ער איז אַבי ווער? איז ער דען געגליכן צו עפּעס אַ חיה אָדער בהמה? האָט אים דען גאָט נישט געמאַכט אין זיַין אייגן געשטאַלט, כּמו אַן אויטאָפּאָרטרעט?

גאָט, דער באַשעפֿער, האָט אַפֿילו איַינגעזען, אַז ס'איז אַ ביסל חוצפּה־דיק, אָבער אָדם איז פּאָרט אָדם, אין זיַין גליַיכעניש באַשאַפֿן, און האָט נאָכגעגעבן. תּיכף ומיד אַ שלאָף אַ שטאַרקן געבראַכט אויף אים, אַ ריפּ פֿון זיַין ליַיב אויסגעשניטן, אויסגעמיַיסטרעוועט פֿון איר חוהן, דערנאָך אַ זאָג געטאָן צו אָדמען: ט'האָסטו דיר אַ דיַינס גליַיכן, זעסט, ביַי מיר איז אמתע דעמאָקראַטיע, קאָנסט אויסקליַיבן וואָס דו ווילסט נאָר.

אָדם האָט אַפֿילו אַ פּינטל געטאָן מיט אַן אויג, אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען, וואָס האָט געזאָלט מיינען, אַז אַך און וויי איז צו אַזאַ דעמאָקראַ־טיע, ווען מען מוז נעמען וואָס מען רוקט אונטער אונטער דער נאָז. קאָנסט אויסקליַיבן! ווי ס'וואָלט געווען פֿון וואָס צו קליַיבן. נאָר צופֿרידן איז ער דאָך געווען, פּאָרט אַ באַשעפֿעניש אין זיַינער און אין גאָטס געשטאַלט. און אָנגערופֿן האָט ער זיַין פּאַרטנערין אישה, כּדי זי זאָל וויסן, אַז פֿון אַן איש איז זי גענומען געוואָרן, און צו אים געהער זי, און דאַרף אים געהאָרכיק זיַין.

אָבער אַן אשה, ווי אַן אשה, האָט ליב אומעטום אַריַינצושטעקן די נאָז, דאָ כאַפּן אַ שמועסל, זיך דערוויסן אַ ניַיעסל, דאָ ווידער עפּעס צוטראָ־גן, דאָרט עפּעס איבערדערציילן. האָט חוה אָנגעהויבן אַרומדראַלעווען אין גאָרטן פֿון עדן און שליסן באַקאַנטשאַפֿטן. וואָס דען? זי וועט זיך האַלטן ביַי דער פּאָלע פֿון אָדמען, דעם לעקיש? אירע שונאים זאָלן האָבן איין

מאַן און אײן העמד! סתּם איז מיט אַ מאַן ווי מיט אַ טשינאַווניק; טרוקן, גרויס, אָן אַ ביסל פּאָעזיע. זי, חוה, וועט נישט זײַן קײן שטוב־זיצערקע. זי וועט גײן זוכן געזעלשאַפֿט.

און אַזוי זוכנדיק חברותא, האָט חוה באַגעגנט די שלאַנג (די שלאַנג איז נאָך דעמאָלט געווען אַן אָנשטענדיקע, גײענדיקע באַשעפֿעניש, און נאָך נישט געקראָכן אויפֿן בויך). און געווען איז זי די שלאַנג ממזר־קלוג, פֿאַרשטאַנען דורך און דורך די דרײדלעך פֿון גאָט. האָט זי שעלמיש אַ פֿרעג געטאָן דער דאַמע פֿון גאָרטן, ווי האַלט עס דאָרט מיט די צווײ בײמער וואָס אין סאַמען מיטן. חוה, נישט קאָנענדיק האַלטן קײן סוד, האָט זיך געטראַכט, וואָס איז דאָ אויסצובאַהאַלטן? און זי האָט באַריכות דערצײלט, אַזוי און אַזוי.

די שלאַנג האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער, דערנאָך שטילינקער־הײט איבערגעגעבן, אײַנרוימענדיק דער דאַמע פֿון גאָרטן אויפֿן אויער, ווי אַזוי גאָט פֿירט זײ פֿאַר דער נאָז.

חוה האָט שיער נישט געפּלאַצט פֿון פֿאַרדרוס. אַזוי גאָר! אַרײַנגע־נאַרט זײ! וואָס מײנט ער זיך, גאָט? זײַנע שטאָט־נאַראָנים זענען זײ? אַ מענטש דאַרף וויסן וואָס גוט און וואָס שלעכט!

דער ווײַבערישער בײַגיר האָט זי אַ שפּאַר געטאָן. זי האָט זיך געלאָזט העגדום־פּענדום צום בוים, וואָס אין מיטן גאָרטן, אָפּגעריסן אַן עפּל און געשלונגען די ביסנס. אײַ, אַן עפּל, ס'האָט טויזנט טעמים, ס'צעגײט אין אַלע אברים, אָט עפֿענען זיך שוין אירע אויגן, און אָסור זאָל איר זײַן, צי ס'קאָן שאַטן.

זי האָט זיך ווידער געלאָזט העגדום־פּענדום צו אָדמען און אָנגעהויבן אים צורעדן: נאַ, אָדם־קרוין, פֿאַרזוך, אַן אמתער טעם גן־עדן, ס'זאָל מיר דאָס זײַן וואָס ס'קאָן דיר פֿאַרשאַטן, אָסור צי דו וועסט דערפֿון שטאַרבן, וועסט זיך נאָר דערוויסן וואָס גוט און וואָס שלעכט הײסט.

און אָדם איז ווײַטער זיך געזעסן אונטער אַ פֿײַגנבוים אַ מרוקעוואַטער, געפּינטלט מיט די אויגן און מורא געהאַט צו נעמען די פּרוכט אין מויל. ער קוקט ווי חוה שלינגט גיריק די ביסנס, די שליונקע קומט אים אַזש אין מויל און וואַגט נישט טועם צו זײַן. אַזאַ פּחדנות האָט שוין חוה נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן, איז זי אַרויס מיט נײַן מאָס רײד, דאָ אים אויסגע־לאַכט, דאָ ווידער צוגעשטאַנען אויפֿן ווײַבערישן שטײגער: בהמה אײנער, לעקיש, טויגעניכטס, גאָט נאַרט דיך אַרײַן אין זאַק און דו לאָזט זיך. אָדמשי, זײַ אַ מענטש, נאַ, פֿאַרזוך, וועסט דערפֿילן דעם אמתן ייִדישן טעם,

ס׳וועט דיר ליכטיק ווערן אין די אויגן, ווי מיר; האַרץ מײַנס, פֿאָלג אַ ווײַב.

און אָדם האָט געפֿאָלגט. הן צוליב פּרעסטיזש, דאָס ווײַב זאָל אים נישט האַלטן פֿאַר קיין פּחדן, הן צוליב נײַגיר. האָט ער גענומען דעם עפּל און געגעסן. און דאָס ערשטע וואָס זיי האָבן זיך ביידע דערוווּסט, איז אַז זיי זענען נאַקעט, אַזוי נאַקעט ווי דער מלך פֿון אַנדערסענס מעשׂהלע. און זיי האָבן נישט נאָר זיך געשעמט, נאָר אויך מורא באַקומען. גיי ווייס וואָס גאָט קאָן אָפּטאָן מיט אַ נאַקעטן מענטש. איז דערווײַל נישט געבליבן עפּעס אַנדערש ווי זיך אויסצובאַהאַלטן.

אָבער גאָט האָט דאָס אַלץ אונטערגעקוקט (אַזאַ טבע האָט ער געהאַט, גאָט, אַרומצושפּאַצירן אין שאָטן פֿון די ביימער אויסבאַהאַלטענערהייט און אונטערקוקן דעם מענטש), געמאַכט זיך תּמעוואַטע, כּלומרשט ער ווייסט פֿון גאָרנישט, און אָנגעהויבן ציִען פֿאַר דער צונג. אָדם האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ער איז טויט־בלאַס געוואָרן, וואָרעם ער איז בטבע געווען אַ שטיקל פּחדן. האָט ער נישט לאַנג געטראַכט און אַלץ אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן ווײַב, אָנגעהויבן שטאַמלען: האָסט מיר געגעבן, האר מײַן האַר, אַ ווײַב, און דאָס ווײַב האָט מיר געגעבן די פֿרוכט פֿון בוים, האָב איך געטאָן איר ווילן, ווי איך טו דײַן ווילן.

חוהן האָט אָפּילו שטאַרק פֿאַרדראָסן אַזאַ פּחדנות פֿון אָדמען, פֿון דעסטוועגן האָט זי אים נאָכגעטאָן און אַלץ אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף דער שלאַנג.

צו דער שלאַנג האָט זיך גאָט שוין נישט מטריח געווען, זי וועט אויך זיכער געפֿינען אויף וועמען אַרויפֿצוּוואַרפֿן דאָס, וואָס זי האָט אַליין אָפּגעטאָן. האָט גאָט געטראַכט און געטראַכט און דערטראַכט זיך, אַז אויב איינער וואַרפֿט אַרויף אויפֿן אַנדערן, פֿאַרדינען זיי ביידע דעם פּסק־דין. און גאָט האָט זיי אַלע פֿאַרמשפּעט אויף דער שטראָף וואָס מיר ווייסן.

פֿון דעמאָלט אָן איז אויס מיט אַ גן עדן אויף דער וועלט.

אוי, האָבן אָדם און חוה געבענקט נאָכן גן עדן! און די דאָזיקע בענקעניש האָבן זיי בירושה איבערגעגעבן זייערע קינדער און קינדס־קינדער לעולם ועד.

אָדם און חוה מאַכן אַן אַפּעלאַציע צו גאָט

אָדם און חוה זענען געווען אויסער זיך, געבונטעוועט זיך: אַזאַ גאָטס שטראָף! אַזאַ האַרבער פּסק־דין! פֿאַרטרײַבן זיי פֿון גאָרטן עדן, אַזאַ מחיהדיקער גאָרטן. דאָס האַרץ גייט אויס פֿון בענקשאַפֿט נאָך אים. דערצו וועלן זיי איצט דאַרפֿן מיטן שווייס פֿון זייער פּנים זייער ברויט פֿאַראַרבעטן, און אין ווייטיקן גרויסע וועט חוה קינדער געבעירן. זענען דען זייערע זינד אַזוי גרויס? וואָס האָבן זיי בסך־הכּל אַזעלכעס געטאָן? איז דען גאָט אַליין ריין פֿון זינד? האָט ער זיי דען נישט געטאָן נאַרן? געזאָגט אַז שטאַרבן וועלן זיי שטאַרבן אויב זיי וועלן עסן פֿון יענעם בוים. און ער, אָדם, איז דאָך נאָר אַ פּשוטער בשר־ודם.

אַז חוה האָט געזען ווי אין אָדמען קאָכט עס און עס זידט, האָט זי נאָך אונטערגעהייצט: גאָט איז טאַקע גאָט, אָבער מיר זענען מענטשן, צו גאָט דעם באַשעפֿער זענען מיר געגליכן און נישט צו דער בהמה און חיה אין וואַלד און אין פֿעלד, וואָס ווייסט נישט וואָס גוטס און וואָס שלעכטס. וואָס מיינט ער זיך גאָט? פֿאַרבאָטן צו עסן פֿון בוים פֿון וויסן, מיר זאָלן בלינד זײַן. מיר וועלן זיך נישט לאָזן, אָדם! די ענגלענדער זאָגן, אַז אַפֿילו אַ קאַץ מעג קוקן אויפֿן קעניג. זאָלן מיר נישט קאָנען זיך אויסטענהן מיט אונדזער באַשעפֿער, וואָס אין זײַן גלײַכעניש האָט ער אונדז באַשאַפֿן?

אָדם האָט געזען אַז זײַן חוה איז גערעכט. גאָלדענע ווערטער! ס'איז נישט הפֿקר אַ וועלט. מע טאָר נישט אַראָפּשלינגען אַן עוולה. ער וועט אַפּעלירן צו גאָט און אויפֿווײַזן דאָס אומרעכט!

✶

זינט אָדם איז פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון גאָרטן־עדן איז ער אַן אַנדער מענטש געוואָרן: אָנגעהויבן אַרײַנטראַכטן אין זאַכן, אַרײַנקוקן פֿון וואַנען עפּעס וואַקסט און דער עיקר — אָנגעהויבן זוכן יושר. האָט ער זיך אָוועקגעזעצט מיט זײַן חוה אויפֿן ברעג פֿון חידקל צו באַטראַכטן וואָס אונטערצונעמען קעגן זייער עוולה. פּלוצלינג האָט ער אין בלוי־גרינעם שפּיגל פֿון טײַך זײַן פּנים דערזען און גרויס מוט באַקומען: אַ מענטש בין איך! האָט ער אַ געשריי געטאָן, אַז חוה האָט זיך אַזש אויפֿגעריסן פֿונעם אָרט. אין געשטאַלט פֿון גאָט בין איך! צום בוים פֿון וויסן בענק איך!

זײַן שטימע האָט אַזוי דונערנדיק געהילכט, אַז די כוואַליעס פֿון חידקל האָבן זיך צום טאַקט געוויגט און דער ווינט האָט דעם עכאָ צעטראָגן. יעדעס מאָל ווען אָדם האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ האָבן די שטראַלן פֿון דער זון דאָס מענטשלעכע פּנים געגלעט און די ביימער האָבן זיך געשאָקלט און אים רעכט צוגעגעבן; און די בלעטער האָבן זיך געשושקעט און געשמייכלט צון אים. חוה גופֿא האָט אַנדערש אָנגעהויבן קוקן אויף איר מאַן.

דערזען, אַז אַלץ איז אויף זײַן צד, האָט אָדם אַ ווונק געטאָן צו חוהן מ׳זאָל זיך נעמען צו דער אַרבעט. מ׳ע שרײַבט אַן אַפּעלאַציע! איך וועל זיך נישט לאָזן שפּײַען אין דער קאַשע, חוה, נישט בײַ אָדמען!

חוה האָט געשטראַלט פֿון נחת. אויס בעל־פּחדן איר אָדם. מיט אַזאַ מאַן קאָן מען עפּעס אויפֿטאָן! זי האָט אַן אויפֿגעלייגטע אַ כאַפּ געטאָן אַ שטראַל, אײַנגעטונקן אים אין פֿרישן טוי און אַרײַנגערוקט אָדמען אין דער רעכטער האַנט, אַ בינטל בלעטער אין דער לינקער האַנט, און אים אונטערגעזאָגט: אָט שוין, נאַ, שרײַב אָדמשי, נאָר מיט קאָפּ, מיט שׂכל. לייג אַרויס אָפֿן אַלץ וואָס קוועטשט אונדז, האָב נישט קיין מורא. וואָס מער מיר וועלן מורא האָבן, אַלץ מער וועט גאָט אונדזער באַשעפֿער האָבן דאָס געצאַר פֿון אונדז.

און אָדם האָט געשריבן און געשריבן, די טענות צו גאָט אַזוי לאַנג און ברייט אַרויסגעלייגט, אַז ס׳האָבן קוים בלעטער געסטאַיעט.

וואָס גאָט האָט אָדמען און חוהן אויף זייערע טענות געענפֿערט איז נישט באַוווּסט. ס׳איז נאָר באַוווּסט, אַז די אַפּעלאַציע איז אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן.

אָדם און חוה האָבן אָבער נישט באַדויערט וואָס זיי האָבן פֿון דעם פֿאַרבאָטענעם בוים געגעסן. זיי האָבן נאָר שטאַרק באַדויערט וואָס זיי האָבן פֿון צווייטן פֿאַרבאָטענעם בוים נישט פֿאַרזוכט.

קין און הבל — אָדער די אומשולדיקע שולד

קין איז אַרומגעגאַנגען אַ בייזער, אַ צעהיצטער. דאָס בלוט האָט געזידט און געקאָכט אין אים. פֿאַר פֿאַרדרוס קריצט ער מיט די ציין. ווידער זײַן ברודערקע הבל! אומעטום איז פֿול מיט אים. דאָס אויבערשטע פֿון שטייסל. בײַ גאָט אויך: געשטופּט זיך מיטן קרבן און גלײַך אָנגענומען געוואָרן. אַזאַ לײדיקגייער און דאָס האָט אומעטום מזל!

ער, קין, אַקערט מיט דער נאָז די ערד; מיטן שוויס פֿונעם פּנים האָרעוועט ער אויפֿן אויסקומעניש, אַרבעט זיך אויס אַ הויקער אויף די פּלייצעס און מאַזאָליעס אויף די הענט. און זײַן ברודערקע הבל שפּאַצירט זיך אַרום מיט די סטאַדעס. און דאָס מאַכט נאָך אַן אָנשטעל באשר בכן ער האָדעוועט די סטאַדעס. זײַן פֿאַרדינסט וואָס די רינדער און שעפּסן פּרוכפּערן און מערן זיך? אַ שיינער פֿאַרגלײַך מיט זײַן, קינס, האָרעוואַניע; פֿון זײַן פּראַצע האָט הבל אַ פּאָר אויסגעפּאַשעטע פּיסקעס; ער, קין, מוז האָרעווען אַזוי שווער און יענער שלעפּט זיך אַרום מיט די סטאַדעס און שפּילט זיך צו אויף אַ פֿײַפֿל. איז ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז גאָט זאָל הבלס קרבן גלײַך יאָ אָננעמען און זײַנעם, קינס, נישט?

ניין, די גאַנצע מעשׂה איז נישט גלאַטיק, ס'שטעקט דאָ אַ קאַמבינאַציעלע. מײַן ברודערקעס אַ שווינדל. מ'וועט אים לאָזן, הבלען, וועט ער גאָט און די גאַנצע וועלט באַשווינדלען. מ'דאַרף באַצײַטנס אים דערלאַנגען איבערן קאָפּ. איידער ער הייבט אָן צו פֿיל אַרומצורודערן.

אין דעם האָט זיך גאָטס קול דערהערט און קין האָט אַראָפּגעלאָזט די פֿאַרבײַלטע פֿויסט. דעם קאָפּ אויך. וואָרעם אַ פּנים האָט ער דעמאָלט געהאַט! נאָר גאָט האָט סײַווי געוווּסט זײַנע טראַכטענישן. פֿון דעסטוועגן איז דער בורא־עולם צוגעשטאַנען צון אים מיט גוטע רייד, פֿאָטערלעך אים אויסגעשטראָפֿט, פֿאַרוואָס ס'פֿאַרדריסט אים אויף זײַן ברודער הבל. פֿאַרוואָס ער עסט זיך אָפּ די גאַל? אַ שאָד דאָס געזונט; זאָל ער בעסער זיך סטאַרעווען אַ ביסל לײַטישער צו ווערן; זאָל ער נאָר געוועלטיקן איבער זײַנע שלעכטע גלוסטונגען, מענטשן זאָלן נישט זען ווי די זינד הויזט בײַ זײַן טיר, און ער, גאָט, וועט דערפֿאַר אים שוין פֿאַרגיטיקן.

גאָטס רייד האָבן קינען שיער פֿון די כּלים נישט אַרויסגעפֿירט:

שלעכטע גלוסטונגען! זינד! וואָס פֿאַרא נאָך אויסטערלישע זאַכן וועט ער אויסגעפֿינען בײַ אים? פֿון דעסטוועגן האָבן גאָטס פֿאָטערלעכע שטראָף־רייד אים צוגעגעבן קוראַזש. אויב גאָט האָט זײַנע טראַכטענישן געטראָפֿן און בלויז אים אָ קאָפּעטשקע מוסר געזאָגט איז אָ סימן... אָ סימן, אַז ער, קין, וועט קאָנען צעפֿירן די הענט, זאָל נאָר זײַן אָ געלעגנהייט...

אַזוי טראַכטנדיק איז אים הבל אָנגעקומען אַנטקעגן. דאָס בלוט האָט ווידער אָנגעהויבן צו קאָכן און זידן. און הבל ווי הבל, געהאַלטן זיך פֿאַר אָ קלוגן און באַגאַנגען בלויז נאַרישקייטן, ליב געהאַט צו קריכן דעם וואָלף אין פּיסק אַרײַן. האָט ער אָ צופֿרידענער, מיט אָן איראָניע־שמייכל (כאָטש ער האָט געוווּסט וואָס פֿאַרא סחורה קין איז) זיך גענענט צו אים און אָנגעהויבן צו פֿאַרפֿירן אָ שמועס. וואָסי, ער וועט מורא האָבן פֿאַר אים? פֿאַר דעם דאָזיקן שוטה? אָ הונט וואָס בילט בײַסט נישט. אָ וואָרט צו אָ וואָרט און קין האָט אָנגעהויבן זיך קאָכן. הבל גיט אים מיטן גראָבן פֿינגער פֿילאָזאָפֿיש צו פֿאַרשטיין אָן ענין און דער קראַקעט שוין ווי אָ ווילדע ראָב, דער כּעס שרײַט אַרויס פֿון אים. די קנאה פֿאַרשפּינט מיט שׂנאה איז אים אַרײַנגעקראָכן אין האַלדז, פֿאַרגרילצט דאָס מענטשלעך לשון. דערנאָך איז די שׂנאה אַרײַן אין די אויגן, זיי פֿינצטער געמאַכט, ער האָט שוין נישט געזען זײַן ברודער הבל, נאָר עפּעס אָ מיאוס באַשעפֿעניש; ער האָט בלינ־דערהייט אויפֿגעהויבן די מאַזאָלנע פּויסט און אָ זעץ געטאָן, נאָך און נאָך אָ זעץ, און פֿאַרטיק.

צו דער גאַנצער שפּיל האָט גאָט, דער האַר פֿון דער וועלט, זיך צוגע־קוקט פֿון זײַן הויכער שטול אַראָפּ און נישט פֿאַרהאַלטן קינס האַנט, צומאָל קיין פּיפּס נישט געטאָן. ערשט אחר המעשׂה האָט ער גענומען קינען אויפֿן צימבל. נישט מאַכנדיק זיך ווייסן, אָ פֿרעג געטאָן קינען ווו זײַן ברודער הבל איז אַהינגעקומען? קין האָט אָבער געהאַט אָ גראָבן קאָפּ און אויף קיין דריידלעך זיך נישט פֿאַרשטאַנען, געמאַכט אָן אומשולדיקע מינע און געענטפֿערט: כ׳בין דען אָ היטער פֿון מײַן ברודער? ווער זאָל ווייסן ווו אַזאַ תּכשיט קאָן פֿאַרקריכן? אָ לײַכטער קאָפּ. וואָס דען? ווי איך מוז ער נישט מיט דער נאָז אָקערן די ערד!

האָט גאָט געזען, אַז זײַן קין האָט נישט קיין ברעקל חרטה, וויל זיך נאָך אַרויסדרייען פֿון דער גאַנצער מיאוסער מעשׂה, און אַרויס מיט קלאָרע דבורים: דו אַזעלכער און אַזעלכער! און תּיכּף ומיד אַדורכגעפֿירט אָ משפּט און אַרויסגעטראָגן אָ פּסק־דין וואָס איז אונדז באַקאַנט.

בײַ קינען איז דאָס בייזע בלוט פֿאַרגליווערט געוואָרן, אָ רגע געשטאַ־

נען ווי אַ גולם, געגלאָצט מיט די אויגן. ער איז אָבער באַלד צו זיך געקו־מען, געפֿאַלן אויף די קני און אָנגעהויבן בעטן רחמים: איז ער דען שולדיק וואָס דאָס בלוט האָט אים אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ? אַ נישט גוטער איז אַריַין אין אים און באַפֿוילן אים צו הרגענען. איז דען די שטראָף נישט צו שטאַרק פֿאַר זיַין אומשולדיקער שולד? צו וואָס דינט עס ער זאָל נע וונד זיַין און ווער ס׳וועט אים טרעפֿן זאָל אין אים נקמה נעמען?

צוממיינסטן האָט קין מורא געהאַט מ׳זאָל נישט טאָן מיט אים דאָס, וואָס ער האָט געטאָן מיט הבלען. די קללה אַז די ערד זאָל אים קיין פֿרוכט נישט געבן און נע ונד זאָל ער זיַין, האָט ער נאָך בשעת מעשׂה אַראָפּ־געשלונגען, ער וועט זיך דערפֿון אַרויסדרייען. אָבער דער געדאַנק, אַז מ׳קאָן אים דערהרגענען ווי ער האָט דערהרגעט הבלען, איז נישט געווען אָנצונעמען. האָט קינ׳דל אויפֿגעהויבן אַ געשריי און אַ יללה: ער איז אומשולדיק! אומשולדיק!

גאָט, דער האַר פֿון דער וועלט, האָט שוין געהאַט וואַסער אין די אויערן פֿון דעם גאַנצן ליאַרעם; ער האָט געוואָלט פּטור ווערן פֿון דעם גאַנצן עסק. אַזאַ טאַראַראַם צוליב אַ הבל! און אַרויסגעטראָגן אַ מילדערן אורטייל: נע ונד זאָל קין וויַיטער זיַין, נאָר כּדי קיינער זאָל אים נישט דערשלאָגן זאָל ער טראָגן אַ צייכן אויפֿן שטערן.

צום האַרצן איז דאָס קינען נישט געווען. פֿון אָנהייב נישקשהדיק זיך געשעמט מיטן צייכן. איין קלייניקייט אַ צייכן פֿון פֿאַרגאָסענעם ברודער־בלוט און דאָס אויבן אָן, אויפֿן שטערן. איז קין אַרומגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. געוואָרן באַשיידענער, נישט געליאַרעמט, נישט געשריִען; ער האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט כּמעט געוואָרן אַ בעל־תשובה־ניק, און מ׳האָט אָנגעהויבן רחמנות האָבן אויף אים. אין הבלען האָט מען גיך פֿאַרגעסן. וואָס באַגראָבן איז באַגראָבן.

קין האָט מער נישט באַדאַרפֿט. געוווּנג אָפּגעקומען פֿאַר הבלען! און מענטשן־קינדער האָבן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אָן עסק מע מאַכט דאָס מיט אַ הבל! ס׳פֿעלן אַנדערע דאגות? און גאָט האָט זיך צוגעקוקט צו קינס טראַכטענישן און ווידער געשוויגן. דער בורא־עולם האָט אויך אַנדערע דאגות. האָט קין אויפֿגעהערט זיך שעמען מיטן צייכן. צוריק פֿאַרריסן דעם קאָפּ.

פֿון דעמאָלט אָן גייען קינס אַרום אויף דער ערד מיט אויפֿגעהוי־בענע קעפּ.

נח מאַכט אַ קאָנטראַקט מיט גאָט

יונג און פֿריש איז געווען די ערד און מענטשן אויף איר נאָך ווייניק, נאָר פֿיל, אָן אַ שיעור, איז געווען אויף איר שלעכטס.

האָט גאָט דער באַשעפֿער פֿון הימל און ערד געזען דאָס דאָזיקע און אַ חרטה אַ גרויסע איז אים באַפֿאַלן וואָס ער האָט דעם מענטש באַשאַפֿן. אַ כּבוד אַ גרויסן האָט ער אים אָנגעטאָן דעם מענטש אין זײַן אייגענער גלײַכעניש אים געמאַכט. און וואָס איז דערפֿון אַרויסגעקומען? פֿירט זיך אויף גראָב ווי אַ בהמה און ווילד ווי אַ חיה, פֿאַרשוועכט זײַן געטלעכע געשטאַלט. צו וואָס האָט אים, גאָט, געטויגט די גאַנצע טירחה? וואָס פּאַראַ ברואים! וואָס מער זיי מערן זיך אַלץ מער פֿאַרפּאַסקודזשען זיי זײַן שיין וועלטל.

אַזוי טראַכטנדיק האָט גאָט מיט זײַן געטלעך אויג אַרומגעכאַפּט זײַן גאַנץ גרויס ווערק וואָס ער האָט אין זעקס טעג באַשאַפֿן, און געקוואָלן פֿון נחת: אײַ, אַ וועלטל, אַ שיינס! אַזאַ יאָר אויף מיר און מײַנע מלאכים, אַ מחיה צו קוקן דערויף. אַ פֿײַן שטיקל אַרבעט אָפּגעאַרבעט! מײַנסטער־שאַפֿט!

נאָר דער מענטש! דאָס דאָזיקע באַשעפֿענישט איז מיר נישט געראָטן. נישט עס זאָל צו גאָרנישט טויגן, נאָר עפּעס האָט זיך אין דעם אַרײַנגע־כאַפּט אַ נישט גוטס, איינס דאָס אַנדערע קריכט אַרײַן אין די געדערים, גרייט די בעבעכעס אַרויסצולאָזן! דער טײַוול ווייסט וואָס אין דעם שטעקט. ווער ווייסט וואָס ס'קאָן אים נאָך אײַנפֿאַלן. קאָן נאָך אַמאָל אַ תּל מאַכן פֿון זײַן, גאָטס, גאַנצן וועלט־באַשאַף.

וואָס מער גאָט האָט זיך אַנטציקט מיט זײַן וועלט־באַשאַף, אַלץ מער איז ער געוואָרן אומרויִק פֿון וועגן דעם מענטש: און דאָס האָט געזאָלט זײַן דאָס העכסטע פֿון מײַן באַשאַף? נישטאָ ווער ס'זאָל לאַכן!...

האָט בײַ גאָט אין מוח אַ פּיק געטאָן אַ געדאַנק: כ'וועל אָפּמעקן דעם מענטשנס געביין פֿון דער ערד און פּטור אָן עסק! מ'דאַרף קענען זיך צוריקציִען פֿון אַ שלעכט געשעפֿט.

און אַזוי טראַכטנדיק האָט זיך דער בורא־עולם דערטראַכט צו ברענ־גען אַ מבול אויף דער ערד. ס'איז אָבער לײַכט צו זאָגן אָפּמעקן גענצלעך

דאָס אייגענע ווערק. און ווען ס׳איז נישט אַזוי אײַ־אײַ, טוט נישט ווי דאָס האַרץ אָפּצווישן דאָס, וואָס ער אַליין האָט אַזוי מײַסטעריש אויסגעפֿאָרעמט? און טאָמער זענען צווישן די פֿאַרדאָרבענע פֿאַראַן אויך רעכטפֿאַרטיקע? ער, גאָט, קאָן אויך אַ טעות מאַכן. בראשית האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַלץ איז גוט און שיין — כּי טוב! איצט, אַלע מענטשן שלעכט. ס׳איז, להבדיל, ווי מענטשן טראַכטן מיט קאַטעגאָריעס שוואַרץ אָדער ווײַס.

אין דער הייסער מינוט האָט זיך גאָט דערמאָנט אין נחן, דעם זון פֿון למכן. דער דאָזיקער נח איז שוין קיין יונגערמאַנטשיק נישט געווען, וואָרעם 600 יאָר זענען אים געזעסן אויפֿן קאַרק. פֿון דעסט וועגן איז ער אַ פֿלײַסיקער און אַרבעטזאַמער אַקערמאַן. פֿאַרדינט זײַן אויסקומעניש מיטן שווייס פֿון זײַן פּנים, אויף קיינעמס און קיינעמען שטייט ער נישט אָן. און כאָטש ער האָט ליב די כּוסה און שיכּורט צו צו מאָל, איז ער דער גאָטפֿאָרכטיקסטער פֿון זײַן דור.

האָט גאָט זיך געוואָנדן צו נחן און קורץ און שאַרף אַרויסגעלייגט פֿאַר אים די גאַנצע זאַך: אַזוי און אַזוי, די ערד איז פֿול מיט אומרעכט פֿון וועגן די מענטשן. ער וועט זיך מיט זיי נישט צאַצקעווען, ער ברענגט אַ מבול און באַסטאַ! נאָר אים, נחן מיט זײַן געזינדל, און אַ פּאָר פֿון יעדן לעבעדיקן מין, וועט ער אָפּראַטעווען. זאָל ער נח תּיכּף ומיד זיך מאַכן אַ תּיבה פֿון פּימסנהאָלץ. דאָס איבעריקע זאָל ער זיך פֿאַרלאָזן אויף אים, גאָט.

נח האָט אויסגעבאָלושעט די אויגן און געבליבן שטיין ווי אַ פֿאַרלוירן שעפּעלע. איין קלייניקייט! מאַך דיר אַ תּיבה זי זאָל קאָנען אַרײַננעמען אַזאַ רומל צוויי פּיסיקע און פּיר־פּיסיקע. ער איז דען אַ בוימײַסטער? אָפּילו נישט קיין סטאָליאַר. אַן אַרכיטעקט וואָלט מע באַדאַרפֿט דערצו, אַ פּלאַן!

אַז דער בורא־עולם האָט געזען נחס צעטומלעניש, האָט ער גלײַך אויפֿן אָרט אָנגעצייכנט אַ פּלאַן פֿון דער תּיבה: דרײַ הונדערט איילן די לענג, פֿופֿציק איילן די ברייט, דרײַסיק איילן די הויך און אַ גיבל־דאַך פֿון אויבן. און דער אַרײַנגאַנג פֿון דער זײַט, און דרײַ שטאָק, און באַזונדערע קעמערלעך פֿאַר די פֿאַרשידענע באַשעפֿענישן. און אַז מ׳האָט אַ גרייטן פּלאַן איז גענוג זיבן טעג פֿאַר דער מלאכה.

נח האָט געשוויגן און געאײַלט זיך. אַ פּאָר שטאַרקע הענט צו דער אַרבעט האָט ער געהאַט. וויסן האָט ער געוווסט, אַז קיינער דאַרף פֿון דער

גאַנצער זאַך נישט וויסן, ס'זאָל נישט ווערן קיין מהומה, און אין געהיים, אין איַילעניש, אויסגעמיַיסטערט אַ תּיבה מיט אַלע פּיטשעווקעס. און אַז ער האָט איַינגעקוואַרטירט דאָס וויַיב, די זין מיט די וויַיבער, די פּאָרלעך פֿון אַלע מינים חיות און פֿייגל, האָט גאָט אַ צעפּראַל געטאָן אַלע פֿענצטער פֿון הימל און אַלע קוואַלן פֿון תהום און אָפֿן געלאָזט פֿערציק טעג: 150 טעג האָט דאָס וואַסער זיך געהויבן העכער און העכער ביז ס'האָט פֿאַרדעקט די העכסטע שפּיצן פֿון די ביימער און פֿון די בערג. און אונדזער נח זיצט זיך אין די שטעק־שיך אין דער תּיבה און די תּיבה שוועבט איבערן שפּיגל פֿונעם וואַסער ווי, להבדיל, אַ קאָסמישע שיף אין רוים.

אָבער מאַרצעפּאַנעס ווערן אויך צוגעגעסן, בפֿרט קיין דאגות האָבן נחן נישט געפֿעלט. די וויַיבער האָבן אַלע מאָל מער אונטערגעקרעכצט, אַלע מאָל מער געליטן אויף דער ים־קרענק, וואָרעם די תּיבה האָט זיך אַלע מאָל מער געוויגט. נח האָט געמוזט זי פֿאַרקערעווען צום באַרג אַררט, פֿאַרהאַלטן זי אַ ביסל מע זאָל קאָנען אָפּעטעמען.

ווי אַזוי ס'האָט אויסגעזען מיט די מענטשן און אַנדערע באַשעפֿענישן אונטן, אויף דער ערד האָט נח נישט באַשריבן. לכתחילה האָט ער אַפֿילו געטראַכט צו פֿירן אַ טאָג־בוך, נאָר דערנאָך איז אים דער קאָפּ נישט געווען דערצו. אַז מ'האָט אַרום זיך אַזאַ קאַפּעליע ליגט נישט אין זינען צו כאַפּן אַ קוק דורכן פֿענצטער וואָס ס'טוט זיך אונטערן וואַסער. צוגעקוקט זיך צו דעם אַלעמען האָט בלויז דער בורא־עולם אַליין. געקוקט, געשאָקלט טרויעריק מיטן געטלעכן קאָפּ און געטראַכט זיַינע טראַכטענישן.

ערשט לאחר המעשה האָט זיך דער בורא־עולם אַרומגעזען, אַז די גאַנצע שפּיל איז אומזיסט געווען. זיך מודה זיַין דערצו איז אָבער נישט קיין געטלעכע זאַך. וואָס אָפּגעטאָן איז אָפּגעטאָן. און פֿאַראַן בילכערע זאַכן. ראשית כּל איז דעם בורא־עולם געקומען אַ מזבח פֿאַרן חסד וואָס ער האָט געטאָן טאָן צו נחן. און נחן האָט מען קיין פֿינגער אין מויל נישט געדאַרפֿט שטעקן. ס'איז אים טאָקע געווען גאָר קאַלעמוטנע אויפֿן הארץ, אומגעקומען אַזוי פֿיל זיַינע לאַנדסליַיט. האָט נח פֿאַרט, איידער ער האָט נאָך אַ טראַכט געטאָן וועגן אייגענעם נפֿש אויף דער פֿאַרוויסטער ערד, אויסגעבויט אַ פֿיַינעם מזבח און געבראַכט צו גאָט בראַנדאָפּפֿערס פֿון אַלע רייַנע חיות און פֿייגל.

נח האָט אָפּגעטאָן זיַינס. די אָפּגעראַטעוועטע פֿון מבול האָבן געטאָן זייערס. אויסגעפֿירט דעם געטלעכן געבאָט פֿון פּרו ורבו ומלאו את הארץ. און דער בורא־עולם האָט טראַכטנדיק זיַינע טראַכטענישן אין אַ מינוט

פֿון גוטברודערשאַפֿט צוגעזאָגט נח, אַז מער וועט ער קיין מבול נישט ברענגען ס׳האָט נישט געלוינט, וואָרעם דער בן־אָדם איז פֿון דער יוגנט אָן נישט ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן. זײַן טראַכטונג איז שלעכט.

נח איז שיִער פֿון דער הויט נישט אַרויסגעשפּרונגען, אײַנגעהאַלטן דעם דרך־ארץ צום בורא־עולם און פֿאָרט אַרויס מיט לשון: איז דער בן־אָדם נישט ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן פֿון געבוירן אָן, איז צו וואָס האָט געטויגט דער מבול? פֿאַרוואָס האָסטו, האַר פֿון דער וועלט, נישט צוגעטראַכט אָן אַנדער פֿאָרטל? און וואָסזשע וועט ווײַטער זײַן? אָט גיב אַ קוק אויף מײַנע דרײַ בנים. שטעלן זיך שוין אונטער אַ פּיסל איינער דעם אַנדערן. מײַן חם האָט קרענקלעכע אַמביציעס, אַנדערש קאָן ער נישט באַשטיין נאָר פֿון אים זאָל אַרויסקומען דאָס שטאַרקסטע פֿאָלק. די אַנדערע צוויי, שם און יפֿת זענען אויך נישט קיין צדיקים, ווילן צעשפּרייטן זיך און אײַננעמען די גאַנצע וועלט. רײַסן זיך שוין בײַ די נעז. וואָס וועט שפּעטער זײַן? וואָס וועסטו שפּעטער טאָן, אַלמעכטיקער האַר? וועסט זיך צוקוקן און שפּעטער...

ער האָט נישט דערזאָגט, אָבער גאָט האָט געזען, אַז בײַ נחן איז שוין קיין צוטרוי נישטאָ מ׳דאַרף בײַ דעם גערעכטן מאַן אײַנפֿלאַנצן צוטרוי אין זײַן האַרץ. האָט ער פֿאַרבויגן זײַן געטלעכע מאַיעסטעט און צוגעזאָגט צו שליסן מיט אים, נחן, אַ בונד, אַז קיין מבול וועט ער שוין מער נישט ברענגען.

נח האָט ווי נישט מיט זײַן קול געמורמלט: ווערטער, ווערטער, גאַראַנטיעס דאַרף מען. צו שליסן אַ בונד דאַרף מען אַ קאָנטראַקט, און אַ קאָנטראַקט דאַרף זײַן מיט עפּעס געצייכנט.

האָט דער בורא־עולם געזען אַז זײַן נח לאָזט זיך נישט שפּײַען אין דער קאַשע. ער קאָן נאָך צעבונטעווען אַלע איבעריקע קעגן זײַן געטלעכער מאַכט. און איז ער דען נישט גערעכט? האָט זיך גאָט דער האַר באַרעכנט און דעם קאָנטראַקט מער נישט צו ברענגען קיין מבול אונטערגעצייכנט מיט אַ פֿײַערדיקן, פֿילפֿאַרביקן בויגן אין די וואָלקנס.

אַז נח האָט אַרויסבאַקומען פֿון בורא־עולם אַזאַ קאָנטראַקט, אַן אונטערגעצייכנטן מיט אַ פֿײַערדיקן זייל, אַז מער וועט ער קיין מבול נישט ברענגען, האָט ער פֿון גרויס שמחה זיך אַ נעם געטאָן צום גלעזל, איבערגעכאַפּט די מאָס, אָנגעשיכּורט זיך, אײַנגעשלאָפֿן ווי אַ בער אין ווינטער און דערנאָך אין אַלעמען פֿאַרגעסן.

ווי אַזוי אבינו האָט געוואָלט ראַטעווען סדום

ווען גאָט האָט געשיקט זײַנע פֿאַרשטעלטע מלאָכים צו אברהמען אים אָנזאָגן די גוטע בשורה, אַז זײַן ווײַב שרה וועט אים געבוירן אַ זון, האָט ער די שליחים אין איין וועגס געגעבן אַ צווייטע שליחות: אַראָפּכאַפּן זיך קיין סדום און אויספּרווון די מענטשן פֿון דער רישעותדיקער שטאָט פֿון וואַנען די געשרייען און געוואַלדן פֿון איר רײַסן זיך ביזן הימל.

האָבן די פֿאַרשטעלטע מלאָכים זיך ראשית אָפּגעפּאַרטיקט מיט דער ערשטער שליחות. אַרויס פֿון אברהמס הויז און אין געהיים פֿאַרקערעוועט אין דער ריכטונג צו סדום. און כאָטש אברהם האָט זיי גאָר פֿײַן אויפֿגענומען, דערנאָך זיי באַגלייט, האָבן די שליחים זיך געהאַלטן רעזערווירט, אויסגעהיטן זיך נישט צו לאָזן פֿאַלן אַן איבעריק וואָרט. די צווייטע שליחות איז דאָך זיי אָנגעטרויט געוואָרן אין געהיים. און אַז קאָנספּיראַציע איז קאָנספּיראַציע. האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ בערגל און געקוקט צו סדום, ווי סדום וואָלט זיי לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען, אָט קוקן זיי סתם אַזוי.

בינו לבינו האָט זיך דער רבונו־של־עולם מישוב געווען: ער וועט נישט אויסבאַהאַלטן פֿאַר זײַן ליבלינג אברהם וואָס ער רעכנט צו טאָן צו סדום. אָבער אַרויסלייגן אַלץ שוואַרץ אויף ווײַס איז אויך נישט כּדאַי. האָט דער אַלמעכטיקער בלויז אים אַ שושקע געטאָן אויפֿן אויער, אַז דאָס געשריי פֿון סדום און עמורה איז גרויס און זייערע זינד זענען שווער און ער, גאָט, שיקט אַהין זײַנע שליחים...

אַברהמען האָט מען קיין פֿינגער אין מויל נישט געדאַרפֿט אַרײַנלייגן. פֿון גאָטס ווערטער האָט ער פֿאַרשטאַנען מיט וואָס דאָס שמעקט. האָט דער גאָטספֿאַרכטיקער מאַן אויף דער הייסער מינוט אַ טראַכט געטאָן, אַז ער קאָן דאָ אויסנוצן זײַן פּריווילעגירטע פּאָזיציע בײַ גאָט און זיך אײַנשטעלן פֿאַר אַן עדה, זינדיקע טאָקע, אָבער פֿאָרט אָדמס קינדער. און טאָמער זענען דאָרט אויך פֿאַראַן ערלעכע מענטשן? אָט, אַ שטייגער, ווױנט דאָרט זײַן נאָענטער קרוב, לוט, אַ מענטש אַ ברילאַנט. זאָל לוט

אומקומען צוליב די זינד פֿון אַנדערע? אָבער צו דערמאָנען לוטן, וואָלט אברהם געדאַרפֿט זײַן אַן אַ ברעקל דיפּלאָמאַטיע. דער אויבערשטער וואָלט געקאָנט דאָס אויסטײַטשן, ווי ער, אברהם, זוכט פּראָטעקציע בלויז פֿאַר אַן אייגענעם. בעסער וועגן לוטן צו מאַכן אַ שווײַג.

האָט אברהם הכנעהדיק געבוקט זיך און אַ פֿרעג געטאָן מיט אַ טאָן פֿון אַ מליץ־יושר: נישט שוין זשע וועסטו אומברענגען די אומשולדיקע מיט די שולדיקע? טאָמער זענען דאָ פֿופֿציק אומשולדיקע אין שטאָט? און גאָט האָט אַ פֿאַרטראַכטער געשוויגן. האָט אברהם פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט געטראָפֿן אין פּינטל, געוואָרן דרײַסטער און צוגעשטאַנען היימישלעך, ווי אַן עצה־געבער: חלילה צו טאָן אַזאַ זאַך, צו טויטן דעם אומשלדיקן מיטן שולדיקן.

און ער האָט אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט פֿירגעהאַלטן וועגן יושר און גערעכטיקייט, אַז דער בורא־עולם האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אין זײַנע פּלענער. צומערשט אַ ביסל אַראָפּגעלאָזט די: אויגן, גענומען זיך פֿאַרענט־פֿערן, באַלד געכאַפּט זיך, אַז ס׳פּאַסט נישט פֿאַר זײַן געטלעכער מאַיעס־טעט, אויפֿגעהויבן דרײַסט דעם ווײַסן געטלעכן קאָפּ און פֿאַרזיכערט אַברהמען, אַז אויב ס׳וועט זיך געפֿינען אין סדום פֿופֿציק אומשולדיקע וועט ער פֿאַרגעבן דער שטאָט און דעם גאַנצן אָרט.

און אַז געמאַכט אַ גוטן שריט און אויסגעפּועלט עפּעס וואָס, האָט אברהם אָנגעהויבן אַראָפּדינגען פֿון די פֿופֿציק; נישט מיט איין מאָל נאָר צו ביסלעך, מיט טאַקט און שׂכל. פֿריִער געבעטן מחילה וואָס ער, אַ פּשוטער שטערבלעכער, דערלויבט זיך אַרײַנצומישן אין דעם אויבערשטענס ענינים, און ווידער אַ פֿרעג געטאָן, וואָס דער בורא־עולם וועט טאָן אויב צו פֿופֿציק וועלן צופֿעלן פֿינעף. צי וועט דער רבונו של עולם צוליב פֿינעף צעשטערן אַ גאַנצע שטאָט מיט מענטשן?

צוריקציען זיך האָט דעם בורא־עולם נישט געפּאַסט, בפֿרט בלויז צוליב פֿינעף, און באַשטאַנען נישט אומצוברענגען סדום אויב סוועט זײַן פֿינעף און פֿערציק.

און אפֿשר, האָט פֿאַרגעזעצט אברהם, וועט מען דאָס מאַכן מיט אַ קלענלעכדיקער צאָל? פֿון פֿינעף און פֿערציק צו פֿערציק איז בסך־הכּל פֿינעף. זאָל מען אָננעמען אַז פֿערציק גערעכטע וועלן בלויז זײַן. חלילה דיר, האָט אברהם מיט אַ טאָן פֿון פֿאָדערונג, זאָלסט אויך דאָן אומברענגען אַ שטאָט מענטשן; חלילה דיר, האָט אברהם געוואָגט צו זאָגן צום בורא־עולם. און אברהם האָט ווײַטער געדונגען און געדונגען זיך מיטן רבונו־של־

עולם און אַראָפּגעדונגען ביז צען. און אברהם האָט זיך געפּרייט, דער־גרייכט זיינס: אויב ס'וועלן בלויז צען זײַן אומשולדיקע וועט דער אַלמעכ־טיקער, האַר פֿון דער וועלט נישט צעשטערן סדום און דאָס אָרט.

אָבער קיין צען אומשולדיקע זענען אין סדום נישט געווען. בלויז איין איינציקער לוט האָט זיך איינגעשטעלט פֿאַר גאָטס שליחים, וואָס די סדומער האָבן געוואָלט דערהרגענען. שווער, זייער שווער איז אברהמען געוואָרן אויפֿן האַרץ, ווען ער האָט זיך דערוווּסט וועגן איבערפֿאַל אויף די הייליקע שליחים. אַזוי זיך קאָמפּראָמיטירט פֿאַרן רבונו של עולם! קיין צען אומשלדיקע אַפֿילו נישט געווען אין דער גאַנצער שטאָט! ווי וועט ער ווידער קאָנען זיך משתדל זײַן פֿאַר עמעצן, שוין אָפּגערעדט אַז פֿאַר זיך גופֿא וועט פּריקע זײַן צו בעטן אַ טובה. איז אברהם געזעסן אַ פֿאַראומערטער מיט זײַנע טראַכטענישן און געשוויגן.

שרה זײַן ווײַב האָט געזען דעם צער פֿון איר מאַן, געוואָלט אים אָנלערנען און געמוסרט אים: רעכט אויף דיר! מיש זיך נישט אין נישט־דײַנע געשעפֿטן! זיי נישט קיינעמס אַדוואָקאַט! פּופּוציק, פֿינף און פֿער־ציק פֿערציק, דרײַסיק, צוואַנציק, צען! אַ דינגעניש פֿאַר פֿרעמדע מענטשן וואָס דו קענסט זיי נישט און ווייסט זיי נישט. ט'האָסטו דיר, אַפֿילו קיין צען עפּעס רעכטס נישט געווען. שטעל דיך אײַן פֿאַר זיי! אַז מע שטעלט נישט אײַן, פֿאַרשפּילט מען נישט.

אברהם האָט אויסגעהערט זײַן ווײַב און געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט: נישט אינגאַנצן פֿאַרשפּילט, שרהניו מײַן ווײַב. טרייסטן זאָלן מיר זיך כאָטש טרייסטן, וואָס איינער אָן אומשולדיקער, דערצו אַ גערעכטער איז יאָ געווען.

די זינד פֿון דור הפּלגה

נאָכן מבול האָט די ערד אויסגעזען... אוי, האָט זי געהאַט אַן אויסזען! אַ מדבר, אַ וויסטעניש. די וואַסערן, וואָס האָבן 150 טעג געכליופּעט האָבן אַלץ אַראָפּגעשווענקט. נאָר די ערד ווי די ערד, זי טוט אירס — ס׳האָט נישט לאַנג גענומען און זי האָט זיך באַדעקט מיט יונגע געוויקסן פֿון אַלע מינים און פֿאַרגעסן וואָס געווען.

און מענטשן ווי מענטשן, זיי האָבן אויך געטאָן זייערס — געפּרוכ־פּערט און געמערט זיך און, ווי זייער טבע, אויך פֿאַרגעסן וואָס געווען. נח און זײַן הויזגעזינד האָבן פֿון אָנהייב נאָך דערמאָנט די דערטרונקענע. קיין דענקמאָל האָט מען אָבער נישט געשטעלט נאָך זיי, בלויז מיט אַ זיפֿץ האָט מען זיי דערמאָנט. ס׳האָט געטראָפֿן, אַז דער און יענער פֿון צווישן די, וואָס זענען אַרויס פֿון דער תּיבה און מיט זייערע אייגענע אויגן געזען וואָס ס׳איז געשען, האָט דערמאָנענדיק יאָ פֿאַרגאָסן אַ טרער און בײַ דעם איז דאָס פֿאַרבליבן. נח און זײַנע זין האָבן נישט באַשריבן דעם מבול, אי זיי זענען נישט געווען זייער גראַמאָטנע, אי זיי האָבן געהאַט אַנדערע דאגות אויפֿן קאָפּ. די שרײַבער זענען דאָך בעתן מבול דערטרונקען גע־וואָרן. קיינער האָט נאָך זיי נישט פֿאַרגאָסן קיין טרער. צו וואָס דאַרף מען זיי? וועמען זענען זיי נייטיק, אַזעלכע בריאים וואָס אַ ליאַדע וואָרט צעלייגן זיי אויף אַלע טעלערלעך, לייגן אײַן וועלטן מען זאָל זיי דאָס שרײַבעכץ אָפּדרוקן און דערנאָך שלעפּן זיי זיך אַרום מיט זייערע ספֿרימלעך פֿון שטוב צו שטוב, רײַסן אָפּ די פּאָלעס, שטעקן אַרײַן אַ יעדערן זייער סחורה מ׳זאָל זיי עפּעס אין האַנט אַרײַנשטעקן? האָט מען נישט געוויינט וואָס ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאָל גענוי באַשרײַבן דעם מבול און די דערטרונקענע. און מ׳האָט אין גיכן אין אַלץ און אַלעמען פֿאַרגעסן.

ביסלעכווײַז האָט זיך די ערד ווידער אָנגעפּולט מיט אָדמס קינדער, נאָר דערווײַל נאָך איין פֿאָלק געווען, און איין־און־דאָס־זעלבע לשון גערעדט. אַ מחיה געווען, מ׳האָט נישט געדאַרפֿט קיין פֿרעמדע לשונות זיך לערנען, אין ערגעץ האָט מען נישט געדאַרפֿט קיין איבערזעצער האָבן.

און די זון האָט געשײַנט און געוואַרעמט. און די וואָלקנס האָבן די

ערד צו דער צײַט אָנגעטרונקען, און די ערד האָט אירע פֿרוכטן בשפֿע אַרויסגעגעבן, און די אָפּשטאַמיקע פֿון אָדמען און נחן האָבן זיך ווײַטער געפּרוכפּערט און געמערט. און זייערע גלוסטונגען האָבן זיך אויך גע־מערט. אָבער, כאָטש קנאה און שׂנאה האָט נישט געפֿעלט, זענען נאָך די מענטשן־קינדער צווישן זיך ווי נישט איז דורכגעקומען.

האָט זיך זיי פֿאַרגלוסט אַ שטאָט אַ גרויסע אויפֿצושטעלן, און אין דער שטאָט אַ טורעם אַ גאַר הויכן. אָבער בויען אַזאַ טורעם, אַזאַ הויכן, דאַרף מען יונג און אַלט צו דער אַרבעט טרײַבן, קינד און קייט אײַנשפּאַ־נען ליים צו קנעטן, ציגל צו ברענען. איז געוואָרן אַ טאַראַראַם, אַ טרײַבע־ניש, אַ יאָגעניש, אָן אײַלעניש אָן אַ סוף. און אַז די בוי־מײַסטערס האָבן געזען וואָס מענטשן קאָנען, האָט זיך די בוי־אַמביציע צעפֿלאַקערט אין זיי און זיי האָבן געוואָלט בויען נאָך העכער און נאָך העכער, דער שפּיץ זאָל צום סאַמען הימל גרייכן. און אַז דערגרייכן אַזוי ווײַט און הויך, טאָ פֿאַרוואָס די הימלען נישט אײַנעמען?

אַז גאָט האָט געזען וואָס ס'גרייט זיך, איז אים די זאַך שטאַרק פֿאַר־דעכטיק געוואָרן: ער קען זיי גוט אָדמס אָפּשטאַמיקע! אַז זיי הייבן אָן זיך שטופּן אין דער הייך, וועלן זיי אים נאָך פֿון כּסא הכּבוד אַראָפּשטופּן. זיי וועלן געפֿינען אָן אויסרייד אים אַראָפּצוזעצן פֿון זײַן געטלעכן טראָן. דערנאָך וועלן זיי זיך ממיתן צווישן זיך, יעדערער וועט וועלן דאָס אויבער־שטע אָרט פֿאַרנעמען. מילא, וועלן זיי זיך רײַסן פֿאַר די נעז, אָבער אים, דעם אַלמעכטיקן, דראָט די געפֿאַר. דאַרף מען זיך דערוויסן וואָס זיי זענען אויסן, און אויב דער חשד אַ באַרעכטיקטער איז, דאַרף מען באַצײַטנס עפּעס אונטערנעמען!

אַלא גאָט זאָל אָט אַזוי זיך זײַנע ערדישע אונטערטאַנען זאָגן וואָס ער טראַכט, וואָלט ער קיין געטלעכער הערשער נישט געווען. האָט ער זיך גוטברודעריש געוואָנדן צו די בוי־מײַסטערס און אַ פֿרעג געטאָן: העי, בויערס, צוואָס בויט איר אַזאַ הויכן טורעם? צוואָס טויג אײַך ער זאָל אין די הימלען גרייכן?

דערהערט אַזאַ פֿאָטערלעכן טאָן, האָבן די בויערס זיך צעיאַכמערט, צעשריִען, איינע די אַנדערע האָבן געוואָלט איבערשרײַען און אויסדער־ציילן וועגן זייערע גלוסטונגען צום געטלעכן קעניגרײַך צו גרייכן, און די הימלען אײַנצונעמען.

גאָט דער האַר האָט זיך פֿון אָנהייב פֿאַרשטאָפּט די אויערן, דערנאָך אַ זעץ געגעבן מיט דער פֿויסט אין אַ וואָלקן, אַזש בליצן האָבן געפֿינקלט,

און אויסגעשריִען: שאַ, שטיל זאָל זײַן! און אַז אַלע זענען שטיל געוואָרן, האָט ער ווידער געפֿרעגט, דאָס מאָל שטרענג: ווייניק אײַך אָרט אויף דער ערד, וואָס כ'האָב זי פֿון אײַערטוועגן באַשאַפֿן? האָב איך דען אַלע גע־וויקסן און קרײַטעכצער און אַלץ וואָס אויף דער ערד און וואָס אין אירע איַנגעווייידן נישט געשטעלט צו אײַער רשות? איר קענט נאָך נישט ווי ס'באַדאַרף צו זײַן באַלעבאַטעווען אויף דער ערד און איר ווילט שוין צו די הימלען גרייכן?

און די מענטשן־קינדער האָבן אין איין קול צוריקגעענטפֿערט: וואָס ערד איז ערד און וואָס הימל איז הימל, האַרעלע־לעבן.

האָט גאָט געזען, אַז ס'איז גערעדט ווי צו דער וואַנט, אַז זיי האָבן זיך אַרײַנגענומען די זאַך אין קאָפּ, וועט ער זיי דאָס מיט קיין ווערטער נישט אַרויסשלאָגן. מע דאַרף זיי איבערקליגן מיט מעשׂים. האָט דער בורא עולם אָנגעהויבן קנייטשן דעם געטלעכן שטערן, געטראַכט און געטראַכט און צוגעטראַכט אַ פֿאַרטל זיי אָנצולערנען נישט צו קריכן, ווו מען דאַרף נישט: אַ צעמישעניש אין זייערע מײַלער האָט ער גלײַך אויף דער הייסער מינוט אַראָפּגעשיקט, און יעדערער האָט אָנגעהויבן רעדן מיט אַן אַנדער לשון. און יעדערער מיט אַנדערע ווערטער, איינע די אַנדערע האָבן מער נישט פֿאַרשטאַנען. אַז דער ראש פֿון בויפּלאַץ האָט באַפֿוילן מ'זאָל דער־לאַנגען ציגל, האָבן די ציגלדערלאַנגער אויסגעבאַלושעט די אויגן און דערנאָך דערלאַנגט ליים; האָבן איינע געזאָגט פּע, האָבן די אַנדערע געפֿרעגט: מע? און ס'איז אַרויסגעקומען פּע־מע. מיט פּע־מע האָט מען ווײַטער דעם טורעם נישט געקאָנט בויען און ס'איז געוואָרן אויס הימל־טורעם.

פֿון דעמאָלט אָן איז פֿאַרבליבן דער פּע־מע אין די כּל ערליי לשונות און מענטשן וואָס רעדן אַפֿילו אויפֿן זעלבן לשון קאָנען זיך אויך נישט תּמיד פֿאַרשטיין.

פֿאַרוואָס משה איז נישט אָנגעקומען אין צוגעזאָגטן לאַנד

זינט משה איז אַנטלאָפֿן פֿון מצרים נאָכדעם ווי ער האָט דערהרגעט דעם מיצרי, דעם רוצח, האָט ער זיך רויִק געלעבט אין מדין. פֿון דער ערשטער מינוט אָן האָט ער נושא־חן געווען בײַם פּריסטער פֿון מדין; יתרו האָט אים אויפֿגענומען ווי אַן אָנגעלייגטן גאַסט. ס'האָט נישט לאַנג גענומען און ער האָט אים געגעבן אָן איין גראָשן זײַן טאָכטער פֿאַר אַ ווײַב. און צפּורה איז געווען אַ ווײַבל צו גאָט און צו לײַט. אַקאָראַטנע אויסגעפֿירט אַלע ווײַבערישע געבאָטן. געננוי צו די 9 חדשים געבוירן משהן אַ זון. אויף קיין אומזיסטע קעסט איז משה בײַ זײַן שווער נישט געזעסן. פֿאַרקערט, ער האָט ערלעך פֿאַרדינט זײַנס און זײַן בני־בית'ס אויסקומעניש. מיט אַזוי פֿיל איבערגעגעבנקייט געפֿיטערט יתרו'ס שאָף, אַז די סטאַדעס האָבן זיך געמערט און געמערט. ס'פֿלעגט אים אַפֿילו טיילמאָל אַ טיאָכקע טאָן אין האַרץ פֿון וועגן זײַנע ברידער אין מצרים, נאָר וואָס קאָן ער העלפֿן, אַז ער איז אין גלות? בלית־ברירה האָט ער זיך אײַנגעבאַלעבאַטעוועט און געפֿירט זיך ווי אַלע מדינער.

פּרעה האָט אָבער געהאַט איבערגעצויגן דאָס שטריקל. און גאָט דער האַר פֿון דער וועלט האָט זיך אַרומגעזען, אַז די עינויים פֿון זײַן אויסדערוויילט פֿאָלק, וואָס אויס ליבשאַפֿט פּרווּט ער עס אויס מיט אַלע גרעסטע שלעק, זענען אַריבער דאָס מעסטל. שוין צײַט די בני־ישראל אַרויסצופֿירן פֿון דער מצרישער קנעכטשאַפֿט! צו געבן זיי צו פֿילן וואָס אַן אויסגעוויילט פֿאָלק מיינט — וועט ער נאָך האָבן נישט איין געלעגנהייט. אויף איצט גענוג! מ'דאַרף שיקן אין פּרעה'ס קעניגרייך אַ שליח, וואָס זאָל אַ רעד טאָן סײַ מיט פּרעה'ן, סײַ מיטן פֿאַרקנעכטיקטן פֿאָלק ישראל. טאָ וועמען שיקט מען אויב נישט משהן? דער דאָזיקער משה האָט שוין געוויזן וואָס ער קאָן.

האָט גאָט אָפּגעקוקט אַ גינסטיקע שעה, ווען משה האָט געפֿיטערט יתרו'ס שאָף, און געטראַכט עס צו מאַכן קורץ און שאַרף: אַזוי און אַזוי, איד, דײַן גאָט און דײַן האַר, טרוי דיר אָן אַ שליחות! ווי זשע פּאַסט עס

אָבער פֿאַר אַן אַלמעכטיקן אַזוי פּראָסט און פּשוט צוצוטרעטן צו דער זאַך? האָט גאָט זיך מישב געווען און פֿריִער אַראָפּגעשיקט זײַנעם אַן אַדיוטאַנט, אַ מלאך, צו וויסן צו געבן משהן, אַז ער, דער אַלמעכטיקער, וויל זיך דורכרעדן מיט אים. דערנאָך ערשט האָט זײַן געטלעכע מאַיעסטעט אַראָפּגענידערט אין אַ וואָלקן, ווי להבדיל אויף אַ קעניגלעכער קאַרעטע. אַראָפּגעשטיגן אויפֿן ברענענדיקן דאָרן און ראשית כּל באַפֿעלן משהן אויסצוטאָן די שיך, זאָל ער וויסן ווי אַזוי מ'דאַרף שטיין פֿאַרן הערשער פֿון דער וועלט. אָפּגעפֿאַרטיקט זיך מיט אַלע צערעמאָניעס, האָט גאָט דער אַלמעכטיקער אַרויסגעלייגט פֿאַר משהן שוואַרץ אויף ווײַס זײַן גאַנצן פּלאַן.

בײַ משהן איז דאָס האַרץ שיִער נישט אָפּגעשטאָרבן. ער האָט זיך שוין געהאַט אויסגעגלײַכט די בייגער און דאָ פּלוצלינג צוריק אַהין! איין קלייניקייט, גיי פֿיר זיי אַרויס פֿון קנעכטשאַפֿט! ווען ס'וואָלט אין אים באַלאַנגט געווען וואָלט ער זיי פֿון לאַנג געהאַט אַרויסגעפֿירט. נישט איין מאָל געהאַט געבורנטעוועט זיי, נאָר מ'האָט אים געהערט ווי דעם קאָטער. וועלן זיי אים איצט הערן? און רעד צו זיי, צו פּרעה'ן, אַז ער איז געהר־געט אויפֿן לשון.

און אַזוי ווי משה איז קיין גרויסהאַלטער נישט געווען, קיין כּבוד נישט געזוכט, פֿון שטופּן זיך אויבן־אָן האָט ער נישט געהאַלטן, האָט ער גערעדט מיט גאָט קלאָרע דבורים: ווער איז ער אַ זעלכער צו נעמען אויף זיך אַזאַ שליחות? צופֿיל פֿאַר זײַנע פּלייצעס. דערצו איז ער שטומפּיק אויפֿן מויל. פֿון קינדווײַז אָן אַ סעפּלעוואָטער און דאָרט דאַרף מען קאָנען אַ רעד טאָן. צו פּרעהן ווי צו פּרעהן, נאָר צום פֿאָלק ישׂראל! ער קען זיי גוט זײַנע ברידערלעך; פּרעה קאָן זיי טאָקע האַלטן אונטער דער בײַטש, אָבער מיט אים? ס'וועט זײַן ווי גערעדט צו דער וואַנט; אַ גוטן בעל־מדבר דאַרף מען צו זיי און ער סעפּלעוועט; בכלל איז ער נישט קיין מענטש פֿון וואָרט, נאָר פֿון טאַט. און אַז מע קען נישט נעמט מען זיך נישט אונטער! זאָל גאָט דער באַרעמהאַרציקער זוכן אַן אַנדערן קאַנדידאַט. ער, משה, באַשטייט צו זײַן אַ פּשוטער סאָלדאַט און נישט קיין גענעראַל. ער דאַנקט פֿאַרן כּבוד.

גאָט דער האַר איז שיִער אין גרימצאָרן נישט אַרײַנגעפֿאַלן: אים, דעם האַר פֿון דער וועלט, צו רעדן אַנטקעגן, עצות אים געבן! אָבער קיין אַנדער קאַנדידאַט זעט ער פֿאַרט נישט און דאָס פֿאָלק ישׂראל וואַרט שוין צו לאַנג. די בני־ישׂראל וועלן זיך נאָך מיאָש־זײַן און אָנהייבן ספֿקן אין

גאָטס אַלמעכטיקייט. האָט גאָט אָנגעהויבן אײַנטענען מיט משהן מיט גוטנס און בייזנס: וואָס פֿאַר אַ קענער דאַרף מען זײַן? ראשית וועט ער, גאָט גופֿא, רעדן דורך אים, אַרײַנלייגן אים גרייטס אין מויל. ער וועט אַפֿילו נישט דאַרפֿן טראַכטן, ווי להבדיל, אַ דיפּלאָמאַט, אַ מיניסטער און נאָך אַזעלכע הויכגעשטעלטע לײַט, וואָס לייענען אַרויס פֿון אַ פּאַפּירל, וואָס מע שרײַבט זיי אָן. צי דאַרף ער, גאָט, אויסרעכענען משהן וויפֿל סעפּלעוואַטע פֿאַרשוינען נעמען זיך אונטער גרויסע שליחותן? און וויפֿל אַזעלכע זענען שטומפּיק נישט נאָר אויפֿן מויל? ער, משה, איז דאָך אַ קיסר אַנטקעגן זיי.

משה האָט זיך ווידער געבוקט, פֿאַרהוילן מיט די הענט דאָס פּנים פֿון וועגן דער לײַכטנדיקער געטלעכקייט, וואָס האָט געשטראַלט אַנטקעגן אים און פֿונדעסטוועגן געהאַלטן זיך בײַ זײַנס: ער סעפּלעוועט דאָך, ווי וועט ער אויסזען מיט אַזאַ לשון.

גאָט, דער אַלמעכטיקער, האָט ווידער קוים אײַנגעהאַלטן זײַן גרימצאָרן: אַ חוצפּה פֿון אַ משהן! ער וואָלט אים גוט אָנגעלערנט, נאָר ס'איז נישט קיין צײַט דערויף. זײַן פֿאָלק ווערט דאָרט אויסגעריסן. ס'קאָן, חס־וחלילה, אַ תּל־עולם ווערן פֿון אים. איבער וועמען וועט ער הערשן? וועך וועט אים דינען?

האָט גאָט געקנייטשט און געקנייטשט דעם געטלעכן שטערן און געפֿונען אַ פֿאַרטל: ער גיט משהן צו אַ געהילף, זײַן ברודער אהרון. יענעם דאַרף מען נישט פּיקן אונטערן צינגל. משה וועט קאָנען רעדן אויף זײַן סעפּלעוואַטן לשון און פֿון אהרונס מויל וועלן אַרויסגיין אמתע פּערל. ער וועט משהס רייד וואָרט בײַ וואָרט איבערזאָגן פֿאַר פּרעה'ן און פֿאַר די בני־ישׂראל.

גאָטס אײַנפֿאַל איז משהן געפֿעלן. ער וועט מיט זײַן ברודער אהרון אַלץ געענוי באַטראַכטן. ס'וועט שוין נישט ליגן בלויז אויף זײַנע פּלייצעס און וואָס צוויי קעפּ איז נישט איין קאָפּ. אײַ, גאָט האָט געזאָגט... זאָל דען אהרון זײַן בלויז אַ הוילער הויך־שפּרעכער זײַנער? נאָר בעסער צופֿיל נישט אַרײַנטראַכטן. ראשית דאַרף מע זיך אײַלן וואָס גיכער אַרויסצופֿירן דאָס פֿאָלק פֿון דער קנעכטשאַפֿט. ער האָט דאָך נאָך אַפֿילו דעם שווער נישט צעזוויסן געגעבן, אַז ער מוז אים פֿאַרלאָזן. און ווי אַזוי קריגט מע זיך אַרויס פֿון שווערס רשות? דערציילן די גאַנצע געשיכטע טאָר מען נישט. אַ מלוכה־סוד. מאַכן ויברח אָן עפּעס צו זאָגן, פּאַסט נישט, ס'איז גראָב. ס'וואָלט געהייסן אָפּצאָלן מיט גראָבקייט פֿאַר גוטסקייט. מוז מען

עס מאכן דיפּלאָמאַטיש — אַ ליגן זאָגן אויף אַן אײדעלן, קאָרעקטן אופן.

אַזוי טראַכטנדיק האָט משה אַנגעהויבן זיך גרייטן צו דערלאַנגען אַ בקשה צו יתרו. די מדבר־זון אַ גרויסע, אַ רויט־פֿײַערדיקע איז שוין געהאַנגען נידעריק אויפֿן האָריזאָנט, ווען ער האָט צונויפֿגענומען די סטאַדעס שאָף. איידער וואָס־ווען איז זי אײַנגעזונקען אין דער ערד, די זון. זי האָט נישט די געוווינהייט דאָ אויפֿצוהאַלטן אַ בין־השמשות. משה האָט זיך געאײַלט, אַרומגעקוקט זיך ערשט דעמאָלט, ווען דער הימל דאָרט בייגט זיך אָן צו דער ערד, ווערט זי באַגאָסן מיט אַ פֿיאָלעט־ראָזער פֿאַרב, אַזאַ בלענדיק גאָלדענע ראָזיקייט, אַז ס׳כאַפּט אָן פֿאַרן האַרץ. אין אײַלע־ניש קאָן ער נישט אָפּרײַסן די אויגן פֿון גאָטס וווּנדערלעכער שיינקייט. בײַם שווער וועט אויך איצט דאָס האַרץ זײַן ווייך. אַז יתרו קוקט אויפֿן באַפֿאַרבטן הימל, קאָן מע בײַ אים אַלץ פּועלן. ער האָט אונטערגעיאָגט די פֿוילע סטאַדעס שאָף. קאָנטיק געווען, אַז ס׳גלוסט זיך זיי נישט אומצו־קערן אַהיים.

דער פּריסטער פֿון מדין איז גראָדע געשטאַנען בײַם געצעלט און ווי מיט ליכט אויסגעקוקט דעם איידעם. ער ווייסט, אַז אין אַזעלכע פֿאַרנאַכטן האָט ער ליב זיך צו פֿאַרזאָמען. ס׳ליגן אים נאָך ייִנגלישע זאַכן אין קאָפּ. רק ער קוקט אויפֿן באַפֿאַרבטן הימל. פֿאַרגעסט, אַז ער איז אַ באַווײַבטער, אַז די שאָף דאַרפֿן אָפּרוען נאָך אַזאַ סקוואַרנעם טאָג, מ׳דאַרף זיי אָנט־רינקען. דערזען אָנקומען די סטאַדעס האָט זיך זײַן פּריסטעריש פּנים צעשמייכלט. דער איידעם איז פֿאָרט איבערגעגעבן מיט לײַב און לעבן.

אַז משה האָט געזען אַז ער האָט געטראָפֿן אין אַ גוטער מינוט איז ער תיכף ומיד צוגעטראָטן צו דער זאַך: ער, משה, האָט זיך שטאַרק פֿאַרבענקט נאָך זײַנע ברידער, צו דער משפּחה וואָס איז אין מצרים. דאָס האַרץ צעגייט אים פֿון בענקעניש. זאָל דער שווער באַוויליקן ער זאָל זיי אָפּשטאַטן אַ וויזיט. דאָס ווײַב מיט די קינדער וויל ער אויך מיטנעמען, פֿאָרשטעלן פֿאַר דער משפּחה. ס׳וועט שוין איינמאָל זײַן אַ שמחה מיט זיי!

יתרו׳ן איז משהס בקשה געפֿאַלן ווי אַ שווערער שטיין אין קאָפּ. אַזוי פֿיל יאָרן איז דער איידעם געזעסן בײַ אים אויף קעסט און איצט, אַז ער איז געוואָרן זײַן רעכטע האַנט וועט ער ווערן אויס! צוגענומען אים ווי אַן אייגענעם, געגעבן אים די טאָכטער אָן אַ גראָשן געלט, פֿאַר־וואָס קומט אים אַזאַ אָפּצאָל? ווער וועט פּיטערן די סטאַדעס שאָף וואָס האָבן זיך אונטערן איידעמס אויפֿזיכט אַזוי פֿאַרמערט?

יתרו האָט שיער נישט געהאַט אָפּגעמאַכט בײַ זיך, אַז ניין און ניין!

ער האָט אָבער אויפֿגעכאַפּט די ברענענדיקע אויגן פֿון אײדעם, אײַנגעקוקט זיך אין זײַן אומעטיק־צעפּלאָמט פּנים און זיך איבערגעלייגט די זאַך: מ'קאָן דען אַ מענטשן צובינדן מיט אַ שטריק צום אָרט ווי אַ הונט צו דער בודע? ער, יתרו, וואָלט אַפֿילו געקאָנט זאָגן ניין און ניין! וואָס וועט אָבער זײַן די פּעולה דערפֿון? אַז אַך און וויי וועט זײַן צו אַזאַ שאַף־פּאַשערײַ, אַז מע וועט דאָס טאָן געצוווּנגערהייט! האָט דער פּריסטער פֿון מדין זיך אָנגענומען מיט הארץ, געמאַכט אַ גוטע מינע צו אַ שלעכט געשעפֿט און געזאָגט צו משהן: פֿאָר, מײַן אײדעם, געזונטערהייט און זײַ מצליח! נאָר געדענק, מײַן טאָכטער זאָלסטו שאָנעווען!

און אַזוי ווי יתרו האָט געזען, אַז דעם אײדעם גייט אין לעבן צו לאָזן זיך אויף דער נסיעה וואָס גיכער און וואָס פֿריִער, האָט ער אַליין אין איין טאָג דערלײדיקט אַלע רײַזע פֿאָרמאַליטעטן.

משה האָט דעם שווער גאַנץ שיין באַדאַנקט פֿאַר אַלעמען. עטלעכע מאָל זיך געבוקט פֿאַר אים, דערנאָך גענומען דאָס ווײַב מיט די קינדער און געלאָזט זיך אין פּרעה'ס קעניגרײַך. אויפֿן וועג האָט ער באַגעגנט אהרונען. דער ברודער איז אים אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן, וואָרעם דער האַר פֿון דער וועלט האָט שוין געהאַט אַרויסגעשיקט אַ געהיימען שליח זײַנעם. די ברידער זענען זיך געפֿאַלן אויפֿן האַלדז, געקושט און געהאַלדזט זיך, אויסגעפֿרעגט וועגן געזונט און גלײַך אויפֿן אָרט אָפּגעהאַלטן אַ געהיימע אַסיפֿה.

גאָט האָט אַפֿילו געקוקט קרום אויף אַזאַ אויפֿפֿירונג: וואָס האָבן זיי צו אַסיפֿהווען? זאָגט ער זיי דען נישט וואָס זיי האָבן צו טאָן? דער משה וועט אים נאָך איבערדרייען דעם גאַנצן סדר פֿון דער וועלט! דעמאָקראַטיע ליגט אים אין קאָפּ. ס'איז טאַקע אַ ייִדישע טבע, נאָר אים דעם האַר פֿון דער וועלט איז עס נישט נייטיק. מ'מוז אָבער איצט אַ ביסל אָוועקקוקן. זאָל נאָר משה אַרויספֿירן די בני־ישׂראל פֿון דער קנעכטשאַפֿט. זאָל משה זיי נאָר דערפֿירן צו אַ שטיקל דרך, דערנאָך וועט מען ווײַטער זען.

און גאָט האָט געשטאַרקט משהן פֿון וועגן זײַן אויסגעווײלט פֿאָלק און געטאָן ניסים דורך אים פֿאַר די בני־ישׂראל: אַראָפּגעשיקט אויף מצרים אַזעלכע צען מכּות, אַז פּרעה איז ווייך געוואָרן ווי צו אַ מכּה צוצולייגן. דערנאָך, דורך משהן, אַזוי קונציק געשפּאָלטן דעם ים־סוף, אַז די בני־ישׂראל זאָלן זיך אַפֿילו די קנעכל נישט אײַננעצן. און ווי גיך זיי האָבן געמאַכט אַ ויברח — צוריק געטאָן אָנטרײַבן די ים־כוואַליעס מיט אַזאַ אימפּעט אַז די מצרישע אַניאָגערס זענען אײַנגעזונקען געוואָרן אין ים.

און גאָט האָט זיך געטראַכט, אַז נאָך אַזעלכע ניסים וועט זײַן פֿאָלק טאָג און נאַכט בלויז לויבגעזאַנגען אים זינגען. נאָר ייִדן ווי ייִדן, האָבן באַלד אָנגעהויבן צו מורמלען, אַז פֿון ניסים ווערט מען נישט זאַט. פֿרײַהייט איז טאַקע אַ גוטע זאַך, אָבער צו פֿרײַהייט דאַרף מע האָבן וואָס אין מויל צו לייגן. און אַז גאָט דער האַר האָט אַראָפּגעשיקט דעם מָן און ווי גיך זיי האָבן אָפּגעטריבן דעם ערשטן הונגער, האָבן זיי ווידער, אָנגעהויבן מורמ־לען, אַז דער מָן האָט נישט קיין ייִדישן טעם, כמו שעטשקע, און זיי זענען נישט קיין בהמות, זיי זאָלן יעדן טאָג קײַען דאָס זעלבע. איי, צווישן אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט האָבן בלויז זיי געהאַט דעם זכות צו באַקומען אַזאַ שלל מיט געטלעכע דינים, האָבן זיי ווײַטער געטענהט, אַז מיט די בעסטע דינים קאָן מען נישט אָנשטאָפּן דעם מאָגן.

און גאָט האָט געזען, אַז דער משה איז צו ווייך צו אַזאַ האַרטנעקיק פֿאָלק, און זיי גענומען אַליין אין די הענט, געשטראָפּט מיט אַלע האַרבע שטראָפֿן, אויסגעפּרוווט זיי מיט וואַכטלפֿייגל, אָנגעשיקט פֿײַערדיקע שלאַנ־גען, וואָס האָבן געביסן און געריסן לעבעדיקע שטיקער, אַז דאָס פֿאָלק האָט געוויינט און געקלאָגט, און משה האָט כּסדר געמוזט זיך אײַנשטעלן פֿאַר זיי בײַ גאָט, ער זאָל אָפּרופֿן עפּעס אַ גזר־דין.

ס'איז שוין איינמאָל געווען אַ שטיקל אַרבעט! הן מיט גאָט; כּסדר צו בעטן בײַ אים אַ ביסל גענאָד פֿאַר די בני־ישׂראל, הן מיט זיי, וואָס האָבן זיך כּסדר געבונטעוועט. דאָס אויג האָט משה נישט געקאָנט פֿון זיי אַראָפּנעמען. האָט ער זיך פֿאַרזאַמט אַ וואָסערע פֿערציק טעג אין הימלדיקן קעניגרײַך — האָבן זיי זיך אײַנגעשאַפֿן אַן אַנדער גאָט, אויסגעמײַסטרע־וועט פֿון גאָלד אַ קאַלב, ס'זאָל זײַן אויף וואָס צו קוקן. און משה, נאָכדעם ווי ער האָט צעקלאַפּט דעם פֿרעמדן גאָט, האָט זיי קוים פֿון קאָפּ אַרויס־געקלאַפּט, אַז אַפֿילו אַ גאָלדענער קאַלב איז אויך נישט מער ווי אַ קאַלב. אוי, האָט ער זיך אָנגעטירחהט משה! צו זינגען און צו זאָגן האָט ער געהאַט מיט זיי. אַרויסשלעפּן זיי פֿון דער קנעכטשאַפֿט ווי דאָס אַרויס־שלעפּן, נאָר די 40 יאָר אין דער מדבר! דאָס דערשלעפּן זיך מיט זיי ביז צום צוגעזאָגטן לאַנד!

און לסוף איז ער גופֿא אַהין נישט אָנגעקומען. גאָט זײַן האַר האָט אים נישט אַרײַנגעלאָזט. פֿון לאַנג געהאַט אויף אים אַן אויג. ער, משה, וועט אים נאָך דאָרט אײַנפֿירן נײַע פֿאַראָנדקעס. דערצו אַ פֿערציק טעג און פֿערציק נעכט פֿאַרבראַכט מיט דעם בורא־עולם אין די הויכע געטלעכע ספֿערן. — קען ער צופֿיל גאָטס סודות...

און ווען משה איז אָנגעקומען אין די פּליינען פֿון לאַנד מואב און אַרויפֿגעדראַפּעט זיך אויפֿן באַרג נבו ביזן שפּיץ פּסגה, וואָס אַנטקעגן יריחו, האָט אים גאָט געוויזן דאָס גאַנצע לאַנד, וואָס ער האָט צוגעזאָגט צו אברהם, יצחק און יעקב: — קוק עס אָן מיט דײַנע אייגענע אויגן, האָט גאָט, דער האַר פֿון דער וועלט, אים אַרײַנגערוימט אין אויער — אָט דאָס האָב איך צוגעזאָגט צו די אבות און האַלט וואָרט. דו אָבער אַרײַנגיין אַהין וועסטו נישט אַרײַנגיין. וואָרעם שטאַרבן דאָ דאַרפֿסטו שטאַרבן, פֿאַרן גוטס פֿון פֿאָלק. נאָר נישט געזאָרגט, האָסט שוין אַ פֿאַרטרעטער: יהושע בן נון נעמט איבער די קאָמאַנדע!

און משה איז לויטן ווילן פֿון גאָט זײַן האַר געשטאָרבן אין לאַנד מואב און אַפֿילו זיין קבר האָט מען קיינמאָל נישט געקאָנט געפֿינען.

עסייען און סקיצן

די גײַסטיקע און קולטורעלע פֿאַרמעגנס פֿון פּוילישן ייִדנטום געהערן דעם ייִדישן פֿאָלק

עס דערגייען צו אונדז, פֿון צײַט צו צײַט, ידיעות וועגן קליינעם הײַפֿל ייִדן וואָס זענען פֿאַרבליבן אין פּוילן. ידיעות נישט קיין געהויבענע, אָפּט־מאָל האַרצרײַסנדיקע; שוין אָפּגערעדט פֿון דער אַטמאָספֿער בעת מ׳האָט געדאַרפֿט אויסקלײַבן אַ מלוכה־פּרעזידענט און דער הויפּט־קאַנדידאַט האָט זיך געקלאַפּט אין האַרץ, אַז ער איז אַ ריינער פּאָלאַק אין פֿאַרגלײַך מיט אַ צווייטן קאַנדידאַט, וואָס האָט אים איבערגעשטיגן מיט צען קעפּ, אָבער אויף וועלכן מ׳האָט געוואָרפֿן אַ חשד, אַז זײַנע אור־זיידעס האָבן פֿאַר־מאָגט אין זייערע אָדערן ייִדיש בלוט, וואָס האָט געדאַרפֿט באַטײַטן, אַז דער הויך־געשטעלטער קאַנדידאַט איז נישט קיין ריינער פּאָלאַק — אַ פֿרעמדער.

ערגער איז וואָס עס דערגייען פֿון צײַט צו צײַט בלוטדורשטיקע ידיעות. אָט האָט מיט אַ צײַט צוריק אויפֿן מאָנומענט „אומשלאַגפּלאַץ" זיך באַוויזן אַ גרויסער אויפֿשריפֿט: „אַ גוטער ייִד איז אַ טויטער ייִד". ענלעכע בלוטדורשטיקע אויפֿשריפֿטן האָבן זיך באַוויזן אויף די ווענט פֿון אַנדערע שטעט. היות ס׳איז נישטאָ קיין סך לעבעדיקע ייִדן, רעכנט מע זיך אָפּ מיט די טויטע אויף די בית־עולמס. ס׳וואָלט פֿאַרנומען צופֿיל אָרט זיך אָפּצושטעלן אויף דער גרויסער צאָל צעשטערטע בית־עולמס. וועלן מיר בלויז דערמאָנען, אַז דאָ נישט לאַנג איז אויפֿן היסטאָרישן וואַרשעווער בית־עולם צעשטערט געוואָרן אַ רייע אָנגעזעענע מצבֿות. די אויספֿאָרשונג האָט אויסגעפֿונען, אַז דאָס איז דורכגעפֿירט געוואָרן דורך יונגע ייִנגלעך. ווער האָט אָבער די 13־12 יאָריקע ייִנגעלעך געשיקט דורכ־צופֿירן די שאַנד־אַקטן? און אָט דערוויסן מיר זיך פֿון אַ היגער מאַלערין, אַן אָפּשטאַמיקע פֿון לאָדזש, אַז זי איז לעצטנס געווען אויף אַ באַזוך אין איר געבורטס־שטאָט, באַזוכט ראשית כּל דעם גרויסן ייִדישן בית־עולם און דאָס האַרץ האָט זיך איר צעקלעמט אַנטרעפֿנדיק גאַנצע רייען צע־שטערטע קבֿרים מיט צעבראָכענע, געשענדעטע מצבֿות. ווי געזאָגט, ס׳וואָלט פֿאַרנומען צופֿיל אָרט אויסצורעכענען אַלע שאַנד־אַקטן. ס׳איז

אָבער קלאָר, אַז פֿאַראַן נישט ווייניק טענדענצן אָפּצומעקן פֿולשטענדיק די שפּורן פֿון דער טויזנט יאָריקער אָנוועזנקייט פֿון ייִדן אין פּוילן. און וואָסער אָנוועזנקייט!

*

ס׳איז כּדאַי צו מאַכן כאָטש אַ קליינעם איבערבליק פֿון דער ייִדישער אָנוועזנקייט אין פּוילן. כאָטש בלויז אָנגעוואָרפֿענע שפּליטערס וואָס זאָלן אונדז נישט לאָזן פֿאַרגעסן.

ווען פּוילישע היסטאָריקער האָבן צײַטנווײַז געפּרוּווט שרײַבן וועגן ייִדישער געשיכטע אין פּוילן, האָבן זיי אונדזער געשיכטע ס׳רוב אויסגע־קרימט. גאָר ווייניק, אָדער בכלל נישט, האָט מע דערמאָנט וועגן ייִדישע אויפֿטוען אין פּוילן. און גאָר ווייניק איז באַקאַנט, בפֿרט דעם יונגן דור, וואָס דאָס פּוילישע ייִדנטום האָט פֿאַרגעשטעלט מיט זיך ווי אַ קולטורע־לער און גײַסטיקער כּח, שוין אָפּגערעדט פֿון גרויסן בײַטראָג צו אַנט־וויקלען ווירטשאַפֿטלעך דאָס לאַנד. אַ פֿערטל יאָרהונדערט נאָכן היטלע־ריסטישן מבול האָט אַ פּוילישער קאָמוניסטישער הערשער מיטן נאָמען גאָמולקאָ, אונטערגעשטיצט פֿון זײַנע שותּפֿים, דערקלערט בקול רם, אַז דאָס הײַפֿל אָפּגעראַטעוועטע ייִדן זענען אין זײַן לאַנד אַ פֿינפֿטע קאָלאָנע. דאָס האָט באַטײַט, אַז זיי זענען פֿרעמדע און שעדלעכע עלעמענטן. ס׳איז געווען דער סיגנאַל צום גרוש.

פֿון ווען און פֿון וואַנען האָבן זיך, בכן, גענומען די דאָזיקע פֿרעמדע, וואָס מ׳האָט געקאָנט מיט פֿאַרשידענע אומווירדיקע דריידלעך פֿאַרטרײַבן, ווי זיי וואָלטן קיין שום חזקה נישט געהאַט אין לאַנד?

מיר וועלן אין קורצן, ווי נאָר מעגלעך, אַ מיש טאָן היסטאָרישע דאָקומענטן: די פּוילישע מלוכישקייט שטאַמט פֿון יאָר 966, ווען פֿריִער באַזונדערע שבֿטים: פּאָליאַנען, מאַזורן, פּאָמאַראַנען און אַנדערע שבֿטים לויט זייערע געגנטן, און האָבן אָנגענומען דאָס קריסטנטום. אַז זיי האָבן זיך פֿאַראייניקט אין אַ פֿאָלק, איז אַנטשטאַנען אַ פּוילישע מלוכה. אָבער פֿון אַלע היסטאָרישע דאָקומענטן קאָן מען אַרויסדרינגען, אַז די געשיכטע פֿון ייִדן אין פּוילן איז עלטער פֿון דער פּוילישער מלוכה.

ערנסטע פֿאָרשער געפֿינען אויס אַלע מאָל ווײַטערע שפּורן פֿון ייִדן אין פּוילן. געוויסע היסטאָריקער, און צווישן זיי פּראָפֿעסאָר בער מאַרק, ווײַזן אָן, אַז ייִדישע וואַנדערער האָבן אויפֿגעשטעלט זייערע געצעלטן אויף דער פּוילישער ערד שוין אין 8טן יאָרהונדערט. מ׳איז זיך משער,

אַז די ערשטע ייִדישע אײַנוואַנדערער, דער עיקר סוחרים, זענען געקומען פֿון ביזאַנטיום, פֿון כאַזאַריע, ווו אַ דאָרטיק פֿאָלק איז איבערגעגאַנגען צום ייִדנטום, און צוזאַמען אויך פֿון ווײַטן אַמאַליקן בבל. אין די שפּעטער־דיקע יאָרהונדערטער זענען ייִדן געקומען שטראָמענווײַז פֿון מערב־און דרום־ אייראָפּעיִשע לענדער פֿון וועלכע זיי זענען אַנטלאָפֿן פֿון רדיפֿות, גזירות, שײַטערהויפֿנס. נאָכן ערשטן קרײַצצוג, אין 11טן יאָרהונדערט, איז דער שטראָם אײַנגעוואַנדערטע ייִדן שוין געווען אַ באַטײַטנדיקער. זיי אַלע האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אין פּרימיטיוון נישט אַנטוויקלטן לאַנד פֿאַרשידענע קענטענישן, וויסן פֿון העכערע אַנטוויקלטע לענ־דער. די אַמאַליקע פּוילישע פֿירשטן, און שפּעטער די קעניגן, האָבן זיי געגעבן שוץ־בריוו, אַזוי גערופֿענע סאַלוווס קאָנדוקטוס. זיי האָבן זיי אויפֿגענומען ווײַל זיי האָבן זיך גענייטיקט אין זייערע געניטע הענט, אין זייערע מוחות, איניציאַטיוון. מיט זייערע קענטענישן וואָס זיי האָבן זיך דערוואָרבן אין די לענדער מיט העכערע ציוויליזאַציעס, האָבן ייִדן געהאָלפֿן אין יענע ווײַטע צײַטן צעאַקערן און באַפֿרוכפּערן די רוי־ערד, די פּוילישע פּליינען. זיי האָבן געהאָלפֿן בויען שטעט און שטעטלעך, דערפֿאַר און דאָס אומבאַקאַנטע לאַנד געהאָלפֿן זיך פֿאַרבינדן מיט דער ברייטער וועלט, וואָס זיי האָבן געקענט.

דער בראשית פֿון ייִדן אין פּוילן איז פֿאַרבונדן מיט אָן־אַ־שיעור לעגענדעס, און אין לעגענדעס איז שטענדיק פֿאַראַן רמזים פֿון געוויסע היסטאָרישע פֿאַקטן. פֿון אָט די לעגענדעס דרינגט אַרויס, אַז ייִדן אין די גאָר אַלטע צײַטן זענען געווען גוט געזען, ווײַל זיי האָבן געהאָלפֿן אַנט־וויקלען דיווירטשאַפֿט אינעם אָפּגעשטאַנענעם לאַנד. ס'ווערט דערציילט אַז אין 9טן יאָרהונדערט נאָכן קעניג פּאָפּיאַלס טויט האָבן בכּבֿודיקע אײַנ־וווינער פֿון די מערב־פּראָווינצן זיך פֿאַרזאַמלט אין קרושוויץ אויסצוקלײַבן אַן אַנדער קעניג. זיי האָבן אָבער נישט געקאָנט קומען צו קיין טאָלק. האָבן זיי באַשלאָסן, אַז דער ערשטער וואָס וועט אינדערפֿרי אַרײַנפֿאָרן אין שטאָט, וועט באַשטימט ווערן פֿאַר אַ מלך. אין אַלע עקן שטאָט האָט מען אָוועקגעשטעלט שומרים. דער ערשטער איז אינדערפֿרי גראַד אַרײַנ־געפֿאָרן דער באַקאַנטער ייִד פּראַכאָווניק, אַ מענטש מיט גרויסער אונטער־נעמערישקייט, און די פֿאַרזאַמלטע האָבן מיט גרויס פֿײַערלעכקייט דעם באַקאַנטן ייִד אָנגעטאָן די קרוין אויפֿן קאָפּ. אברהם פּראַכאָווניק האָט אָבער געדאַנקט פֿאַרן כּבֿוד, די קרוין אַראָפּגענומען און אָנגעטאָן אײנעם פֿון דער דינאַסטיע פּיאַסטן, און דער איז פֿאַרבליבן קעניג.

אַ צווייטע לעגענדע פֿון די שפּעטערדיקע צײַטן דערציילט וועגן אַ ייִדישן מלוכה־ליפֿעראַנט, וואָס האָט געשמט מיט זײַנע אויפֿטוען פֿאַרן לאַנד, מיט זײַנע איניציאַטיוון און קלוגשאַפֿט, האָט אַ פֿירשט פֿון די ראַדזשיווילס פֿאַרגעלייגט מ׳זאָל אויסקלײַבן דעם קלוגן, איבערגעגעבענעם ייִד פֿאַר אַ קעניג.

· ווען דאָס זאָלן אַפֿילו זײַן בלויז לעגענדעס, באַווײַזט דאָס וועגן דער אָנזעעוודיקייט און נוצלעכקייט פֿון ייִדן אין פּוילן שוין אין די גאָר אַלטע צײַטן. נישט קיין צופֿאַל וואָס דער פֿירשט פֿון גרויס־פּוילן באָלעסלאַוו קאַליסקי האָט אין 1264 אַרויסגעגעבן דעם באַרימטן סטאַטוט קאַליסקי לטובת די ייִדן, בעת ער רעכנט אויס אין סטאַטוט וואָס פֿאַראַ נוצלעכער עלעמענט די אײַנגעוואַנדערטע ייִדן זענען פֿאַרן לאַנד. שפּעטער אין 14טן יאָרהונדערט, פֿאַר דער הערשאַפֿט פֿון קאַזשימיערזש דעם גרויסן, איז דער סטאַטוט גילטיק געוואָרן פֿאַרן גאַנצן לאַנד.

דאָס האָט נישט אויסגעמיטן קיין אָנפֿאַלן אויף ייִדן, קיין פּאָגראָמען, עלילת־דם־בילבולים, וואָס האָבן אין פּוילן באַגלייט די ייִדן אין אַלע צײַטן. וואָס מער די קירכע האָט זיך פֿאַרשטאַרקט, וואָס מער אײַנפֿלוס זי האָט באַקומען אויף דער באַפֿעלקערונג, אַלץ מערער זענען אויפֿגעקו־מען ייִדן־פֿאַרפֿאָלגונגען. מיר וועלן זיי דאָ אַלע נישט אויסרעכענען נאָר אונטערשטרײַכן, אַז אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן האָט געהאַט זײַן אורשפּרונג אין דער קירכע. שפּעטער האָבן דאָס איבערגענומען די מלוכה־לײַט.

✶

די גרעסטע ייִדישע אײַנוואַנדערונג אין פּוילן איז פֿאָרגעקומען פֿאַר קאַזשימיערזש דעם גרויסן, אין 14טן יאָרהונדערט. דער דעמאָלסטיקער היסטאָריקער דלוגאָש האָט געשריבן אַז קאַזשימיערזש דער גרויסער האָט אַרײַנגעלאָזט ייִדן, ווײַל ער האָט געהאַט אַ ייִדיש ווײַב, אסתרקע, אַ טאָכטער פֿון אַן אָרעמען שנײַדער פֿון אָפּאָטשנע. ער האָט געהאַט מיט איר צוויי טעכטער און צוויי זין. זענען געווען קלאַנגען, אַז די צוויי זין האָבן אָנגערייצטע פֿון קלויסטער־פֿאַנאַטיקער פֿאַרנאַרט און דערמאָרדעט, ס׳זאָל נישט זײַן קיין ייִדישע יורשים צום פּוילישן טראָן...

הגם די קירכע־אָליגאַרכיע האָט דעם קעניג געשטעקט שטעקנס אין די רעדער, האָט קאַזשימיערזש דער גרויסער זיך נישט דערשראָקן. ער איז געווען אַ מוטיקער, קלוגער און הומאַניטאַרער מענטש, און פֿאַר יעדן פּרײַז געוואָלט אַרויסציִען דאָס לאַנד פֿון אָפּגעשטאַנענקייט. ער האָט דער־

מוטיקט די ייִדן זיך צו באַזעצן אין לאַנד, געגעבן זיי פּריווילעגיעס, ווײַל ער האָט געזען אין זיי אַן אונטערנעמערישן עלעמענט, וואָס איז מסוגל צו אַנטוויקלען דאָס אָפּגעשטאַנענע לאַנד. געוויסע פּוילישע היסטאָריקער פֿעלשן די געשיכטע, אָנווײַזנדיק, אַז ערשט קאַזשימיערזש דער גרויסער האָט אַרײַנגעבראַכט ייִדן קיין פּוילן. ווי דערמאָנט אָבער, באַווײַזן היסטאָרישע דאָקומענטן, אַז מיט הונדערטער יאָרן פֿריִער האָבן ייִדן מיט זייער פּראַצע און שווייס געהאָלפֿן בויען דאָס פּוילישע לאַנד.

כּדאי דאָ צו דערמאָנען נאָך אַ לעגענדע. אַ לעגענדע וואָס דערציילט, אַז אַ ייִד אַן אַנטלאָפֿענער פֿון די שחיטות בעתן ערשטן קרײַצצוג, איז אָנקומענדיק אויף דער פּוילישער ערד, ערגעץ־ווו אַוועקגעפֿאַלן אַ מידער, דערשעפּטער און אײַנגעשלאָפֿן. אין שלאָף האָט ער דערהערט אַ בת־קול: פּה־לין! — דאָ זאָלסטו נעכטיקן. אָבער שוין דעמאָלט אין מיטן עלפֿטן יאָרהונדערט האָבן די אַנטלאָפֿענע פֿון די קרייצצוגישע שחיטות אַנגעטראָפֿן אויף דער פּוילישער ערד צעוואָרפֿענע ייִדישע קבוצים מיט אייגנאַרטיקן לעבנס־שטייגער און קולטורן. שפּעטער האָבן שטופּנווײַז די פֿאַרשידענע קולטורן־ און לעבנס־שטייגערס, די פֿון די מזרחדיקע לענדער און די פֿון די מערבדיקע און דרומדיקע לענדער, ווי פֿון דײַטשלאַנד, פֿראַנקרײַך, מאָראַוויע, נאָך שפּעטער — שפּאַניע נאָך דעם גירוש, זיך דורכגעדרונגען, צונויפֿגעשמאָלצן זיך און אייניצײַטיק אי באַפֿרוכטעט די קולטור פֿון נײַעם לאַנד, אי געבויט אַן אייגן גײַסטיק־נאַציאָנאַל לעבן. און ווי דער היסטאָריקער בער מאַרק גיט איבער אויפֿן סמך פֿון מקורים אין זײַן וואָגיקן בוך „ייִדן אין פּוילן ביזן 15טן יאָרהונדערט", זענען די ערשטע ייִדישע אײַנוואַנדערער אויף דער פּוילישער ערד נישט געווען קיין געבויגענע, שרעקעוודיקע זשידקעס; זיי זענען געריטן אויף פֿערד, געוווסט זיך צו באַגיין מיט געווער, געהאַט לאַנדווירטשאַפֿטן; נישט נאָר אַליין געקענט זיך באַגיין מיט לאַנדווירטשאַפֿט, נאָר אויך געלערנט זייערע נישט־ייִדישע שכנים בעסער צו אַקערן און זייען. ייִדן האָבן אַרײַנגעפֿירט אין פּוילן גערטנערײַ, סעדערײַ, זיי זענען געווען די ערשטע צו בויען וועבערײַוואַרשטאַטן, קירזשנערײַ, גלאָז־אויסאַרבעטונגען. ייִדישע פֿאַכלײַט האָבן אויסגעפֿלאַסטערט אַ וועג פֿאַר מאַנופֿאַקטוריע. אין יענע אַלטע צײַטן האָבן זיי מיטגעבראַכט מיט זיך נײַע פֿאָרמען פֿון אויסטויש. אין פּוילן איז נאָך אין פֿריִעם מיטלאַלטער געווען נאַטור־אויסטויש; ייִדן האָבן אײַנגעפֿירט מינצערײַ. זיי האָבן אַפֿילו געמאַכט מטבעות מיט העברעיִשע אותיות. אין אַלטע אַרכיוון זענען נאָך פֿאַרבליבן מטבעות מיטן אויפֿשריפֿט „מיעשקאָ

בלאָגאָסלאַוויאַני אי ספּראַווידליווי". ייִדישע סוחרים האָבן געהאָלפֿן אָנבינדן האַנדל־באַציִונגען מיט אַנדערע לענדער. די ערשטע ידיעה וועגן פּוילן איז דערגאַנגען צו דער מערבֿדיקער וועלט דורכן שפּאַנישן ייִד אברהם בן יעקבֿ, אַ גרויסער שפּראַך־קענער און דיפּלאָמאַט פֿון קאָרדאָווער קאַליפֿאַט. בעת זײַנער אַ נסיעה קיין דײַטשלאַנד אין יאָר 966 האָט ער זיך באַקענט מיטן לאַנד פֿון דער צווייטער זײַט אָדרע און רען און דערנאָך דערציילט און געשריבן דערוועגן ווי וועגן אַ נײַ אַנטדעקט לאַנד. אַזוי ווײַט איז פּוילן אין יענע צײַטן געווען אומבאַקאַנט.

✶

אין אַלע צײַטן האָבן ייִדן צוגעטראָגן אַ גרויסן בײַשטײַער אין אַלזײַטיקן אַנטוויקלען פֿונעם לאַנד, אויך צו דער פֿאַרטיידיקונג פֿון לאַנד. ס'איז כּדאַי צו דערמאָנען כאָטש איין עפּיזאָד. נאָך דער הערשאַפֿט פֿון די יאַגעלאָנען אין 16טן יאָרהונדערט האָט איבערגענומען דעם טראָן סטעפֿאַן באַטאָרי, אַ מענטש אַ טיכטיקער און טאָלעראַנטער. בעת ער האָט זיך געגרייט צו אַן אויפֿגעצוווּנגענער מלחמה קעגן דעם צאַריזם, האָט ער זיך אַרומגערינגלט מיט ייִדישע ראַטגעבער; פֿאַר דעם הויפּט־בויער פֿון דער מיליטערישער אויסשטאַטונג האָט ער באַשטימט דעם ייִד מענצעל און צוזאַמענגענומען אַ גאַנצן שטאַב ייִדישע שלאָסער, בריקן־לייגער, אַלערליי טעכניקער און אַנדערע באַלעמעלאָכעס, וואָס האָבן געהאָלפֿן דער פּוילישער אַרמיי צו זײַן גרייט קעגן שונא. אַגבֿ, באַטאָריס הויף־דאָקטער איז געווען דער ייִד קאַלאַכאַראַ, פֿון דער באַרימטער משפּחה קאַלאַכאַראַס, אײַנגעוואַנדערטע קיין פּוילן נאָכן גירוש שפּאַניע. זייער בײַטראָג צו פּוילן, דער עיקר אין מעדיצין, האָט שפּעטער נישט געשטערט דעם פּוילישן קלער צו מאַכן אַ ביבול אויף איינעם פֿון זיי, אַז ער האָט געשטאָכן די האָסטיע און אים פֿאַרמשפּעט צום שײַטערהויפֿן.

אין 16טן יאָרהונדערט איז דער אַנזעץ פֿון ייִדן, אײַנגעוואַנדערטע דעמאָלט אויך פֿון איטאַליע, ווין, טשעכיע, מענטשן מיט אַ סך וויסן, געווען אַזוי גרויס, אַז ס'איז זיי צוגעטיילט געוואָרן אַ געוויסע אויטאָנאָמיע, אַ מין סיים, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען **ועד ארבע הארצות**, וואָס האָט עקזיסטירט 180 יאָר ביז דער צעטיילונג פֿון פּוילן אין 1772 דורך רוסלאַנד, פּרײַסן און עסטרײַך.

ייִדן אין פּוילן במשך פֿון זייער טויזנט יאָריקער געשיכטע, זענען אויך געווען פּיאָנערן אויף אַ סך קולטור־און וויסנשאַפֿט־געביטן. זיי זענען געווען די ערשטע רומפֿולע גראַפֿיקערס, שניצערס, דרוקערס, אײַנ־

בינדערס. דאָס ערשטע בוך אין דער דרוקעריַי פֿון די פּירשטן ראַדזשיווילס האָט אילוסטרירט דער פּוילישער ייִד לייבאָוויטש. צענדליקער זײַנע גראַ־פֿישע פּאָרטרעטן פֿון אַדעל־לײַט האָבן באַצירט די פּוילישע פּאַלאַצן. דער פּיאָנער פֿון דער פּוילישער היסטאָרישער מאָלעריַי איז געווען דער ייִד אַלעקסאַנדער לעסער. ער איז געווען דער פֿאָרגייער פֿון דעם באַרימטן פּוילישן מאָלער יאַן מאַטעיקאָ פֿון 19טן יאָרהונדערט. דאָס האָט לעסער דער ערשטער פֿאַראייביקט אין דער פּוילישער מאָלעריַי די פּאַטריאָטישע אויפֿשטאַנדן קעגן דער צאַרישער טיראַניע.

דער דערפֿינדער פֿון דער ערשטער רעכן־מאַשין אין פּוילן איז געווען דער באַרימטער אברהם שטערן. דאָס איז אין אָנהייב 19טן יאָרהונדערט געווען אַזאַ אויפֿטו, אַז דער ייִד מיט דער ווײַסער פּאַטריאַכאַלישער באָרד און מיט דער יאַרמולקע אויפֿן קאָפּ, ווי מ׳קאָן אים זען אויף פֿאָטאָגראַ־פֿיעס, איז פֿאַרבעטן געוואָרן ווי אַן אויסנאַם אין דער „וואַרשעווער וויסנ־שאַפֿט־געזעלשאַפֿט״. אונדזער אַלעמען באַקאַנטער חיים זעליק סלאָנימסקי, דער גרינדער פֿון דער ערשטער העברעיִשער צײַטונג „הצפֿירה״, האָט זיך אַזוי קונה־שם געווען מיט זײַנע מאַטעמאַטישע קענטענישן, אַז מ׳האָט זיי פֿון העברעיִש איבערגעזעצט אין פּויליש. אָבער דעם אייניקל פֿון חיים זעליג סלאָנימסקי, וואָס איז אויך געווען דאָס אוראייניקל פֿון אברהם שטערן, דעם באַקאַנטן פּוילישן דיכטער אַנטאָני סלאָנימסקי, וועלכער איז אַגב געבוירן געוואָרן נאָכן שמדן זיך פֿון זײַן פֿאָטער, האָט מען אין 1968, בעת דער אַנטיסעמיטישער וואַקכאַנאַליע, געשטעמפּלט ווי אַ קאָסמאָפּאָ־ליט, וואָס האָט געמיינט צו זאָגן: אַ פֿרעמדער אין לאַנד. מ׳האָט זיך דעמאָלט אויך געמאַכט פֿאַרגעסן, אַז צענדליקער און צענדליקער קונסט־בילדער וואָס באַצירן די פּוילישע מוזעאומס, זענען געמאָלן דורכן ייִד אַלעקסאַנדער סוכאָטשעווסקי, וואָס איז נאָכן אויפֿשטאַנד אין 1863 געגאַנ־גען אויף סיביר אַ געשמידטער אין קייטן, ווײַל ער האָט געקעמפֿט פֿאַר פּוילנס פֿרײַהייט, ווי פֿיל אַנדערע ייִדן.

טראָץ דעם וואָס מ׳האָט פֿון ייִדן געצאַפּט דאָס בלוט, האָבן זיי געגעבן זייער בלוט אויף אַלע שלאַכטפֿעלדער. אויפֿן צעשטערטן פּראַגער בית־עולם, אין דער פֿאָרשטאָט פֿון וואַרשע, זענען ביז דער מלחמה געווען אײַנגעזונקענע קברים מיט אַלטע שטיינערנע מצבות פֿון ייִדישע אויפֿשטענד־לער, וואָס האָבן געקעמפֿט קעגן צאַריזם. אויפֿן בית עולם אין וואַרשע שטייען נאָך הײַנט אַלטע מצבות מיטן אויפֿשריפֿט „געפֿאַלן פֿאַר דער באַפֿרײַונג פֿון פֿאָטערלאַנד״.

שוויס און בלוט, פּראַצע און וויסן האָבן פּוילישע ייִדן מיט אַ ברייטער האַנט שטענדיק אָפּגעגעבן פֿאַר פּוילנס אויפֿבוי און רום, טאַקע אויך פֿאַר איר רום. דער אָנגעזעענסטער פֿאַרמלחמהדיקער פּוילישער היסטאָריקער מיט אַ וועלט־נאָמען איז געווען דער ייִד שמעון אשכנזי. לודוויק זאַמענ־האָף, דער גרינדער פֿון עספּעראַנטאָ, די ברידער ווירטואָזן וויעניאַווסקי, דער באַרימטער מאַטעמאַטיקער אינפֿעלד האָבן פֿאַרשאַפֿן פּוילן אָנזען אויף דער וועלט ווי פּוילישע קינסטלער און וויסנשאַפֿטלער. צו לאַנג וואָלט געווען די רשימה אויסצורעכענען די אַלע, וואָס האָבן אַריינגעטראָגן זייער חלק אין דער פּוילישער קולטור, ליטעראַטור, קונסט און וויסנשאַפֿט.

*

און די ייִדן אין פּוילן האָבן אין זייער לאַנגער געשיכטע געהאַט טאָפּלטע אויפֿטוען, אַן אייגן־ייִדישן יחוס. אין דער זעלבער צײַט וואָס זיי האָבן במשך פֿון דורות געהאָלפֿן אַנטוויקלען דאָס לאַנד, האָבן זיי אומאויפֿהערלעך געשאַפֿן אַן אייגענע, ספּעציפֿיש ייִדיש־פּוילישע, גרויסע נאַציאָנאַלע קולטור, וואָס האָט נישט געהאַט איר גלײַכן אין קיין אַנדער אָרט אין דער ייִדישער צעשפּרייטקייט, אומעטום ווו ערגעץ אַ פּוילישער ייִד האָט פֿאַר־וואַנדערט, האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט עפּעס ספּעציפֿישס אייגנס, ייִדישס פֿון דער אַלטער היים, ווי מ׳האָט געררופֿן און מע רופֿט נאָך עד היום די געוועזענע ייִדישע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן.

במשך פֿון איבער טויזנט יאָר האָבן זיך אויף דער פּוילישער ערד אָנגעזאַמלט אומגעהויערע ייִדיש־נאַציאָנאַלע ווערטן און קולטור־פֿאַרמעגנס און אַנטשטאַנען איז דאָס אין איינקלאַנג מיט י. ל. פּרצעס דערוויז אַז: דער ציל איז דער מענטש —

אַלע פֿעלקער גייען צו אים
יעדער פֿאָלק אויף זײַן וועג
און מיר ייִדן גייען צום מענטש
אויף דעם ייִדישן וועג.

אין פּוילן האָבן זיך צונויפֿגעבונדן און צונויפֿגעקנופּט אַלע פֿעדים אָנהייבנדיק פֿון אַמאָליקן ארץ־ישראל.

ייִדישע צענטראַלע ישובים זענען דאָך שטענדיק געווען אויסער דעם היסטאָרישן לאַנד. געווען אַמאָל אַ צענטער אין בבל, אין אַלעקסאַנדריע, שפּעטער אין איטאַליע, שפּאַניע, פֿראַנקרייך, דײַטשלאַנד. יעדער נײַער

מקום־מקלט האָט אַרויסגעגעבן מער אָדער ווייניקער ייִדישע ווערטן. אַלעקסאַנדריע, למשל, איז כּמעט נישט געווען געבונדן אָרגאַניש מיטן המשך פֿון ייִדישער שאַפֿונג — חוץ דעם פֿילאָזאָף פֿילאָן. דאָס מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדנטום האָט איבערגענומען די ירושות פֿון אַלע ייִדישע ישובים אין דער וועלט און דאָס צענטראַלע אָרט איז געוואָרן פּוילן. דאָס פּוילישע ייִדנטום האָט דורך פֿאַרשידענע זיגזאַגן, וועגן און פּעריפּעטיעס נישט בלויז איבערגענומען די ירושות נאָר האָט דאָס אַלץ איבערגעפֿלאַנצט, איבערגעשפּינט וואָס האָט גורם געווען, אַז די איבערגענומענע ירושות האָבן זיך צעבליט אין קאַלירפֿולע נײַע קוויטן.

דאָס פּוילישע ייִדנטום האָט אַרויסגעגעבן דורות נײַע שעפֿער אין ביידע נאַציאָנאַלע שפּראַכן. אויף דער פּוילישער ערד האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט און אַנטוויקלט אונדזער ייִדיש לשון, וואָס די פֿאַרטריבענע ייִדן פֿון די דײַטשישע געביטן האָבן מיטגעבראַכט ווי שפּליטערן פֿון הויך־דײַטש. די סלאַווישע סביבה און די קאָנצענטראַציע פֿון ייִדן דאָ איז פֿאַרן יונגן אָרעמען לשון געווען מזל ברכה. אין דער דײַטשישער אַרום־רינגלונג וואָלט דאָס נײַע לשון געבליבן אַ דײַטשישער דיאַלעקט. אין דער נײַער מיליע פֿון די פּוילישע ייִדן האָט דאָס פּרימיטיווע לשון באַקומען נישט נאָר נײַע שפּראַך־פֿאָרמען, נאָר אויך אַ נײַעם גײַסט, אַ נײַע נשמה, די נשמה פֿון פֿאָלק. אויף דער פּוילישער ערד האָט עס זיך אויספֿאָרמירט. ייִדיש לשון איז אַ גרויסע קולטור־שאַפֿונג פֿון פּוילישן ייִדנטום. ייִדן האָבן דאָס נישט באַקומען קיין גרייטס, פֿון קיינעמען קיין מתּנה, זיי האָבן דאָס גערמאַנישע איבערגעאַרבעט, פֿאַרוועבט מיט העברעיִש, צוגעפּאַסט צום אייגענעם שטייגער, צום אייגענעם גײַסט און געמיט. דאָס ייִדיש לשון וואָס דאָס פּוילישע ייִדנטום האָט אויסגעשמידט איז געוואָרן אַ מיטל אי פֿון צעמענטירן דאָס פֿאָלק, אי פֿון יצירה.

נאָך הײַנט באַוווּנדערן שפּראַך־קענער די צאינה וראינה, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן מיט קנאַפּע פֿיר הונדערט יאָר צוריק, און דאָס, נישט נאָר וויַיל דורות ייִדישע מאַמעס, ייִדישע פֿרויען האָבן געפֿונען אין איר אַ טרייסט, געקאָנט אויסגיסן דאָס האַרץ, נאָר אויך ווײַל שוין דעמאָלט האָט נאָך דאָס פּרימיטיווע פֿאָלקס־לשון אין פּוילן שוין פֿאַרמאָגט אין זיך אַ סך לירישקייט, פֿאָלקסטימלעכקייט און אויך פּאָעטישקייט, בילדע־רישקייט.

אין די שווערסטע צײַטן וואָס ייִדן האָבן אין זייער איבער טויזנט יאָריקער געשיכטע אין פּוילן איבערגעלעבט, אין צײַטן פֿון גזירות, רדיפֿות,

עלילת־דם־בילבולים, וואָס האָבן נישט געפֿעלט אין פּוילן, האָט זיך קיינ־מאָל די גאָלדענע קייט פֿון יידישער שאַפֿונג נישט איבערגעריסן. אַפֿילו נישט אין דער פֿינצטערער היטלעריסטישער נאַכט. אויך אין די געטאָס און לאַגערן, האָבן די אַנוסים געשריבן, געמאָלן, געשאַפֿן גייסטיקע און קונסט־ווערטן, וואָס איז אַ גרויסע טעמע פֿאַר זיך.

מיר גייען אָן פֿאַר אָן עם־הספר, אַ סברה ווייל מיר האָבן דער וועלט געגעבן דאָס גרעסטע ליטעראַרישע ווערק — דעם תנ"ך. דאָס פּוילישע יידנטום האָט אָבער פֿון די עלטסטע צייטן אָן אַרויסגעגעבן נעבן די פֿאַרשידנאַרטיקע ליטעראַרישע פֿאַרמעגנס, רעליגיעזע און וועלטלעכע, גרויסע נאַציאָנאַלע רייכטימער אויף אַלע געביטן פֿון מענטשלעכן שאַפֿן. פֿון די עלטסטע צייטן זענען אויף דער פּוילישער ערד אַנטשטאַנען יידישע אַרכיטעקטאָנישע און סקולפּטוראַלע ווערק אָנהייבנדיק פֿון בתי־מדרשים און דענקמעלער־מצבות אויף בית־עולמס. פֿאַראַן נאָך היינט אין קראָקע די אַזוי־גערופֿענע אַלטע שיל, וואָס איז אין 1959 רעסטאַווירט געוואָרן פֿאַר יידישע געלטער פֿון אויסלאַנד, די רמ"א שיל, די האַלב־צעשטערטע שיל אין פּיאָטרקאָוו — און אַ סך, אַ סך אַנדערע, — וואָס זענען אמתע שעדעווורן פֿון אַרכיטעקטור און אויך פֿון מאָלעריי און שניצעריי־קונסט, ווי די פּיאָטקאָווער שיל און פֿיל אַנדערע. אויף די פֿאַרבליבענע בית־עולמס אין קראָקע און אין וואַרשע זענען פֿאַראַן מצבות־קונסט־ווערק, מאָדע־לירטע דורך יידישע סקולפּטאָרן, ווי דער אוהל־פּרץ אויסגעמייסטערט פֿון סקולפּטאָר־מאַרטירער אָסטשעגאָ, די שיל אין פּיאָטרקאָוו האָט די גאַנצע מזרח־וואַנט געהאַט באַדעקט מיט הויך־קינסטלערישע שניצערייען און דאָ און דאָרט מיט אַנדערע קונסט־אָביעקטן. דורות יידישע גראַווירערס, שניצערס, גאָלדשמידן, אַנאָנימע קינסטלערס האָבן געלאָזן נאָך זיך קונסט־חפֿצים נאָך וועלכע מבינים פֿון פֿאַרשידענע לענדער האָבן זיך נאָכגעיאָגט. יידישע פֿרויען האָבן אויסגעשטיקט און אויסגעהאַפֿטן די סובטעלסטע גאָבעלינען, שטייגערישע און רעליגיעזע, וואָס האָבן באַשיינט נישט נאָר בתי־תּפֿילות און יידישע היימען, נאָר אויך יידישע און נישט־יידישע מוזעומס.

טראָץ דעם וואָס צוליב אַ רעליגיעזן דין האָט די פּלאַסטישע קונסט ביי יידן נישט געהאַט קיין ווייטע טראַדיציעס, האָט דאָס פּוילישע יידנטום, אָנהייבנדיק פֿון דער צווייטער העלפֿט ניינצנטן יאָרהונדערט אַרויסגעגעבן גרויסע מייסטערס אין דער מאָלעריי, אין סקולפּטור, גראַפֿיק, מעטאַ־לאָפּלאַסטיק, ווי מאָוריצי גאָטליב, זיין ברודער לעאָפּאָלד גאָטליב, גלי־

צענשטיין, ווײַנלעז, בוכבינדער, פּיליכאָווסקי, מאַרקאָוויטש, וואַכטעל, זאַק, קונאַ, אָסטשעגאַ און די עטלעכע הונדערט קינסטלער־מאַרטירער, וועלכע האָבן געשאַפֿן אַפֿילו אין די געטאָס איידער זייער אומקום, ווי טרעמבאַטש, קראַמשטיק, די ברידער זײַדנבײַטל, געלע זעקשטיין און פֿיל אַנדערע.

אַן אַ שיעור קונסט־ווערק האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין זייערע אַטעליעס, אין פּריוואַטע קונסט־קאָלעקציעס, דאָ און דאָרט אין ייִדישע מוזעומס בײַ די קהילות.

דער היטלעריסטישער מבול האָט צוזאַמען מיט די איבער דרײַ מיליאָן פּוילישע ייִדן אומגעבראַכט אויך דעם גרעסטן טייל ייִדישע גײַסטיקע און קולטור־פֿאַרמעגנס. פֿאַרמעגנס האָבן אָבער די היטלעריסטן אויך אויסגערויבט. נאָך דער דײַטשישער מפּלה האָט מען אין נידערשלעזיע אין שטעטל קלאָצק געפֿונען אַן אַ שיעור קאַסטנס מיט ייִדישע ביכער, ספֿרים, מאַנוסקריפּטן, פּנקסים, ווערטפֿולע סקריפּטן און קונסט־חפֿצים. דער ייִדישער רויב איז דעמאָלט איבערגעגעבן געוואָרן דעם ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע. אין ייִדישן אינסטיטוט זענען אויך צונויפֿגעזאַמלט געוואָרן די רײַכע אָפּגעראַטעוועטע זאַמלונגען פֿון וואַרשעווער סינאַגאָגע־ביבליאָטעק, פֿון דער באַקאַנטער ביבליאָטעק פֿון די פּראָפּעסיאָנעלע פֿאַראייניגן און פֿאַרבליבענע רעשטלעך פֿון צעשטערטע געזעלשאַפֿטלעכע ביבליאָטעקן און קאָלעקציעס. צווישן די אָפּגעראַטעוועטע ביכער, ספֿרים, סקריפּטן געפֿינען זיך זעלטענע אוניקאַטן פֿון 13טן און 14טן יאָרהונדערט. אין אינסטיטוט האָט מען אויך צונויפֿגעזאַמלט די גרויסע קאָלעקציעס פֿון דער רײַכער ייִדישער פּרעסע אין פּוילן, די אַרכיוון פֿון די ייִדישע קהילות, אָפּגעפֿונענע אין פֿאַרשידענע באַהעלטענישן, טאָגביכער און אַן אַ שיעור פֿאָלקס־שאַפֿונגען, וואָס די אנוסים האָבן געשריבן אין די געטאָס און צומאָל אין די לאַגערן און אויסבאַהאַלטן. צו דעם אַלעמען קומט נאָך צו דער גרויסער אוצר פֿון רינגעלבלום־אַרכיוו.

און דאָס איז נישט די איינציקע ירושה, וואָס האָט זיך אָפּגעראַטעוועט פֿון פֿאַרטיליקטן פּוילישן ייִדנטום. די הילטעריסטן האָבן אומגעבראַכט אין פּוילן בערך 300 ייִדישע פּלאַסטיקער־קינסטלער. ס׳רוב פֿון זייערע קונסט־ווערק זענען אומגעקומען. בלויז אַ טייל איז דאָ און דאָרט פֿאַרבליבן פֿאַרשטעקט אָדער צעשלעפּט. אין 1946 האָבן אייניקע לעבנגעבליבענע קינסטלער, בראש מיטן קונסט־קריטיקער יוסף סאַנדלער, ע״ה, אונטערגענומען אָפּצוזוכן, אויסצוקויפֿן די ייִדישע קונסט־ווערק און קונסט־חפֿצים. במשך דרײַ יאָר זענען מענטשן אַרומגעפֿאָרן איבערן גאַנצן לאַנד

און מיט גרויס מסירת־נפש אָפּגעזוכט, אויסגעקויפט פאַר יידיש געלט הונדערטער ווערק פון פאַרשידענע זשאַנערן, איז אין יידישן אינסטיטוט אין וואַרשע אַנטשטאַנען אַ ריזיקע זאַמלונג פון קונסט־ווערק. דער קריטיקער יוסף סאַנדלער פלעגט מיר שעהען לאַנג דערציילן אויסטערלישע געשיכטעס ווי אַזוי מ׳האָט אָפּגעפונען אָדער אויסגעקויפט ווערק. צו די צונויפגעזאַמלטע ווערק און פאַרשידענע קונסט־אַנטיקן זענען נאָך צוגעקומען די, וואָס יידישע קינסטלער האָבן פאַר זייער אומקום איבערגעגעבן אויסצובאַהאַלטן אין עונג־שבת. אין סך־הכל איז דאָס אַן אומשאַצבאַרע קאָלעקציע, וואָס באַשטייט פון הונדערטער אַקוואַרעלן, גואַשן, צייכענונגען, גראַפישע אַרבעטן, קאָסטבאַרע יידישע חפצים, אייניקע סקולפטורן און איבער טויזנט אייל־בילדער, אָנהייבנדיק פון באַרימטן מאַוריצי גאָטליב פון סוף 19טן יאָרהונדערט, ביז די קינסטלער וואָס האָבן געשאַפן אין די געטאָס.

אָפּטימיסטן האָבן געגלייבט, אַז ס׳וועט דערפון אַנטשטיין אַ יידישער מוזיי אין וואַרשע. אין קראָקע איז אין די ערשטע יאָרן אַנטשטאַנען אין דער רעסטאַוורירטער אַלטער שיל אַ באַשיידענער מוזיי פון קונסט־חפצים און אַנטיקן. אין די פיבערדיקע טעג פון זומער 1968, ווען ס׳איז אָנגעגאַנגען דער טרוקענער פאָגראָם קעגן יידן, אונטערן שלייער פון קאַמף קעגן ציוניזם, ווען כ׳האָב צום לעצטן מאָל באַזוכט דעם מוזיי אין דער קראָקעווער גרויסער שיל, האָב איך זיך געטראַכט צי וועט מען דאָס נישט פאַרפאַקן אין קאַסטנס און אַריינשטעלן אין אַ קעלער, פונקט ווי עס שטייען אין קעלערס אין וואַרשעווער און קראָקעווער מוזעומס קאַסטנס מיט יידישע אַנטיקן וואָס מ׳האָט מיר אַפילו נישט דערלויבט אָנצוקוקן?

איז דען נישט אָנגעגאַנגען במשך פון יאָרן אַ כּסדרדיק פאַרווישן און אָפּמעקן די שפורן פון איבער טויזנט יאָר יידישער געשיכטע? עס פאַרשווינדן נאָך הײַנט באַשעדיקטע בית־עולמס, די קאַרגע פאַרבליבענע בתי־מדרשים.

ווען מ׳האָט אויסגעגראָבן דעם רינגעלבלום־אַרכיוו איז אין איין בלעכן קעסטל געווען עטלעכע בילדער פון דער יונגער טאַלאַנטירטער מאַלערין געלע זעקשטיין און צו די בילדער איז בײַגעלייגט געווען אַ בריוו־צוואה, וואָס זי האָט אָנגעשריבן ווען זי האָט געוווּסט אַז זי וועט אומקומען. אין דער רירנדיקער צוואה האָט זי צווישן אַנדערן געשריבן: „מײַנע אַרבעטן

שענק איך אַוועק דעם ייִדישן מוזיי, וועלכער וועט אין דער צוקונפֿט געשאַפֿן ווערן... כ׳שענק דאָס אַוועק דעם ייִדישן פֿאָלק...״

אַזוי ווי זי, די מאָלערין געלע זעקשטיין, האָבן געטראַכט אַלע אַנדערע קינסטלער אין אָנבליק פֿון טויט, אַפֿילו ווען זיי האָבן קיין צוואה נישט געלאָזט. זיי האָבן געלאָזט זייערע אויסבאַהאַלטענע שאַפֿונגען דעם ייִדישן פֿאָלק.

אין פּוילן זענען פֿאַרבליבן גרויסע מאַטעריעלע ייִדישע רײַכטימער: הײַזער, אַנשטאַלטן. נאָך דער מלחמה האָט מען פֿאַר ייִדיש געלט פֿון אויסלאַנד אויסגעבויט ייִדישע אינסטיטוציעס. אפֿשר וועט קומען אַ צײַט פֿון אַנטשעדיקונג. דערווײַל מוז אָבער אַרויסגערוקט ווערן די פֿאָדערונג, אַז די פֿאַרבליבענע גײַסטיקע און קולטורעלע פֿאַרמעגנס זאָלן איבערגע־פֿירט ווערן אין צענטער פֿון ייִדישן פֿאָלק, דהיינו: אין מדינת ישראל. ישׂראל האָט אַלע מאָראַלישע רעכט דערויף, ווײַל די גײַסטיקע אָפּגעראַ־טעוועטע פֿאַרמעגנס פֿון פֿאַרשניטענעם פּוילישן ייִדנטום געהערן, ווי ס׳האָט אין איר צוואה געשריבן די מאָלערין מאַרטירערין, דעם ייִדישן פֿאָלק.

גירוש שפּאַניע מיט 500 יאָר צוריק

די ייִדישע וועלט צייכנט אָפּ אַ דאַטע פֿון מיט 500 יאָר צוריק — דעם גירוש שפּאַניע. אַ דאַטע וואָס האָט זיך טיף איינגעקריצט אין היסטאָרישן באַוווסטזיין ביי ייִדן פֿון דער גאַנצער וועלט. די איצטיקע קיילעכדיקע דאַטע וועט אָפּגעמערקט ווערן אויך אין שפּאַניע, און נישט בלויז דורכן ייִדישן קיבוץ.

קאָן דאָך ווער פֿרעגן: מיט וואָס האָט זיך אויסגעטיילט דער גירוש שפּאַניע פֿון אַלע אַנדערע גירושים, וואָס מען צייכנט דווקא אים אָפּ? ס'האָט דאָך אין פֿריִען מיטלאַלטער — און נישט נאָר אין פֿריען — נישט געפֿעלט קיין גירושים אין מערב־אייראָפּע. אין ענגלאַנד האָט מען פֿאַר־טריבן די ייִדן אין יאָר 1229. פֿון פֿראַנקרייך האָט דער קעניג פֿיליפּ דער שיינער אַרויסגעיאָגט די ייִדן פֿון פּאַריז און פֿון דער גאַנצער אומגעגנט אין 1306. פֿאַר אַ פֿעטער מטבע האָט ער זיי נאָך יאָרן צוריק אַריינגעלאָזט און מיט קאָרגע 100 יאָר שפּעטער, אין 1394 זענען זיי ווידער פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון גאַנץ פֿראַנקרייך. דער קעניג לואי דער הייליקער האָט נאָך אין 13טן יאָרהונדערט פֿאַראָרדנט אַז ייִדן זאָלן טראָגן אויפֿן רוקן און אויפֿן ברוסט אַ ספּעציעלן צייכן, אַ מין געלע לאַטע. זינט סוף 11טן יאָר־הונדערט האָבן די קריַיץ־צוגן אין דייטשלאַנד, און אין אַנדערע מקומות אָנגעטאָן ייִדן נישט וויניק אכזריותן פֿון פֿאַרשידענע מינים.

טאָר מען דאָס אויך נישט פֿאַרגעסן. די זאַך איז אָבער די, וואָס ייִדן אין שפּאַניע האָבן גאָר, גאָר לאַנגע צייטן געלעבט בשלום מיט די שפּאַניער און האָבן נישט געוווסט פֿון קיין פֿאַרפֿאָלגונגען. און דווקא אויף זיי איז אויסגעפֿאַלן דער שרעקלעכסטער גורל.

*

ייִדן האָבן געלעבט אין שפּאַניע פֿון די עלטסטע צייטן אָן. אַ סברא, אַז נאָך פֿאַר די רוימישע צייטן, איידער דאָס שפּאַנישע פֿאָלק האָט געהאַט אָנגענומען דאָס קריסטנטום. ווען די קריַיץ־צוגן האָבן געזייט צווישן ייִדן טויט און פֿאַרניכטונג, האָבן ייִדן אין שפּאַניע געגאָסן פֿון אַ סך שורץ פֿון די דאָרטיקע הערשער, אָנטייל גענומען אין אַלע געביטן פֿון לאַנד, ביזן

דערגיין צו מלוכישע שטעלעס. ווי אַלטע אײַנגעזעסענע זענען זיי געווען אויסערסט שעפּעריש אויף אַלע געביטן פֿון לאַנד. דער ישׂראלדיקער פֿאָר־שער און פֿילאָזאָף ירמיהו יובל שטעלט פֿעסט אין זײַן וואָגיקן בוך וועגן שפּינאָזען, אַז נאָך ארץ־ישׂראל און בבל איז דאָס אַמאָליקע ייִדישע שפּאַניע געווען דער דריטער גרויסער און אַקטיוו־שעפּערישער ייִדישער קיבוץ.

אויפֿן דרום־מערבֿדיקן האַלבן אינדזל האָבן לאַנגע יאָרהונדערטער געלעבט צוזאַמען דרײַ פֿעלקערשאַפֿטן מיט דרײַ שפּראַכן, דרײַ רעליגיעס און דרײַ קולטורן: די שפּאַנישע, אַראַבישע, און ייִדיש־העברעיִשע. און די שפּאַניער און אַראַבער האָבן אַלץ געטאָן צו האָבן די ייִדן אויף זייער זײַט, בפֿרט ווען שפּאַניע האָט געפֿירט מלחמה מיט אַלע סאָרטן מוסלמענער וואָס האָבן פֿאַרנומען דעם דרומדיקן טייל פֿון לאַנד.

*

ייִדן האָבן לאַנגע יאָרהונדערטער געקאָנט צעשפּרייטן די פֿליגל, פֿריער אויפֿן דרומדיקן טייל, דערנאָך איבערן גאַנצן לאַנד. אין פֿריען מיטל־אַלטער איז זיי אין אָט דער איינציקער צעשפּרייטונג באַשערט געווען צו האָבן אַ לאַנגן גאָלדענעם פעריאָד פֿון מאַטעריעלן ווױלזײַן און בעיקר אַ פעריאָד פֿון גײַסטיקן פֿונאַנדערבלי. די ייִדישע קהילות אין זייער צע־שפּרייטונג האָבן געבליט, בעיקר אין דרום פֿון לאַנד. ביז דער העלפֿט 13טער יאָרהונדערט איז די ייִדישע שפּאַניע אײַנגעטונקען געווען אין אַ מערקווירדיקן גײַסטיקן רענעסאַנס, וואָס מ'האָט געקרוינט מיטן נאָמען גאָלדענער פעריאָד. ס'האָבן אין יענע צײַטן געלעבט און געשאַפֿן גאַנצע פּלעיאַדעס ייִדישע גײַסט־מענטשן, גרויסע שרײַבער, דיכטער, דענקער, פֿילאָזאָפֿן, רעליגיעזע און וועלטלעכע, לויטן באַגעם פֿון יענע צײַטן, וואָס האָבן אַרײַנגעשפּינט אַ ראַציאָנאַליסטישן פֿאָדעם אין ייִדיש־רעליגיעזן געוועב, ווי דאָס האָט געטאָן דער באַרימטער רבי משה בן מימון, אָדער דער רמב"ם. אָן אַ שיעור אויסגעברייטערט און פֿאַרשידנאַרטיק איז געווען דער געדאַנקענגאַנג.

דער אַזוי גערופֿענער גאָלדענער פעריאָד איז געווען אַ מעכטיקער באַרג־אַרויף אין יענע צײַטן פֿון ייִדן אין שפּאַניע, וואָס האָבן געשעפּט גײַסטיקע שפּײַז פֿון פֿאַרשידענע קוואַלן. געווען אויך געבונדן מיט אַראַ־בישע דענקער פֿון דעם שניט, ווי ס'איז געווען אין יענער צײַט דער אַראַבישער פֿילאָזאָף אַוועראָעס, מיט וועלכן דער יונגער רמב"ם איז געווען פֿאַרחבֿרט. אַוועראָעס איז געווען אין עלטער פֿון זײַן פֿאָטער, פֿלעגט

אַרײַנגעקומען צו זיי אין שטוב און אַזוי האָט זיך פֿאַרבונדן פֿרײַנדשאַפֿט צווישן באַרימטן דענקער און דעם יונגן אויפֿגייענדיקן שטערן. ייִדן האָבן באַזיצט די אַראַבישע שפּראַך פֿון זייערע שכנים און צײַטנווײַז נעבן דער העברעיִשער שפּראַך געשריבן אין אַראַביש און געלאָזן אונדז אין דער דאָזיקער שפּראַך אַזעלכע ווערק ווי דער „מורה נבוכים", אָדער „ספֿר הכוזרי".

נאָר לאָמיר בלויז פֿאַרבײַגייענדיק דערמאָנען כאָטש אייניקע ייִדישע גײַסטמענטשן, שאַפֿערס, וואָס האָבן געלייגט זייער שטעמפּל אויף זייער צײַט, סײַ אויף שפּעטערדיקע צײַטן. אָנהייבנדיק פֿון 10טן יאָרהונדערט ביז דער העלפֿט פֿון 13טן, איז געווען אַ מעכטיקער אויפֿבלי פֿון ליטעראַ־טור, אין דער ערשטער ריי פֿון דיכטונג, געשריבן אין העברעיִש, פֿון פֿילאָזאָפֿיע און אַנדערע געביטן פֿון מענטשלעכן זשעני. אָנגעהויבן האָט זיך דער רענעסאַנס אין דרום־שפּאַניע, און שטופּנווייז זיך אויסגעשפּרייט אין טיף פֿון לאַנד. לאָמיר דערמאָנען כאָטש עטלעכע פֿון יענע שאַפֿערס, קודם דיכטערס: יהודה הלוי, ר' משה אבן עזרא, יהודה אלחריזי, בן דאָוד, אבן גבירול, משה בן יעקב, דער פֿילאָזאָף יוסף אבן צדיק, אַ מערקוויר־דיקער דענקער וואָס האָט געלעבט אין איינזאַמקייט און דערפֿאַר האָט מען אים פֿאַרגליכן צום פֿילאָזאָף פֿילאָן דעם אַלעקסאַנדריער. און לסוף, לאָמיר נאָך אַמאָל דערמאָנען דעם דערהויבנסטן דענקער — דעם רמב"ם (מיימאָנידעס), דעם מחבר פֿון „מורה נבוכים" און „משנה תורה".

דער גרעסטער דעמלטיקער דיכטער, יהודה הלוי און דער באַדײַטנדיק־סטער דענקער פֿון יענע צײַטן, דער רמב"ם, האָבן נעבן זייער פֿאַרטיפֿטער שאַפֿונג גלײַכצײַטיק געלערנט מעדעצין. מיט דעם אונטערשיד וואָס דער רמב"ם האָט זיך שפּעטער מיט לײַב און לעבן אָפּגעגעבן דער מעדיציניִשער פּראַקטיק. און בײדע האָבן זיי נישט אויסגעהויכט די נשמה אין שפּאַניע. דער רמב"ם איז אין 1204 געשטאָרבן אין עגיפּטן, ווו ער איז לאַנגע יאָרן געווען בײַם דאָרטיקן הערשער הויף־דאָקטאָר (חוץ וואָס ער פֿלעגט אָנ־נעמען קראַנקע בײַ זיך). יהודה הלוי האָט אין זײַן גרויסער בענקעניש צום לאַנד פֿון די אבות געלאָזט זיך קיין ארץ־ישׂראל, און איז וואַרשײַנלעך אומגעקומען אין ירושלים. וועגן דעם ווי אַזוי און ענוי ווו ער האָט אויס־געהויכט די נשמה איז פֿאַראַן פֿאַרשידענע סברות.

אויך נאָך זייער טויט איז זייער גורל פֿאַרשידן. דעם רמב"ם האָט מען אין קאָרדאָווע געשטעלט אַ ריירנדיקן מאָנומענט פֿאַר וועלכן כ'בין אייניקע מאָל געשטאַנען מיט פּיעטעט. נאָך יהודה הלוי איז חוץ זײַנע לידער (און

דאָס נישט אַלע) און דעם „ספר הכוזרי" קיין אַנדער אַנדענק כמעט נישט פֿאַרבליבן, הגם ער האָט געלעבט און געשאַפֿן אין קאָרדאָווע. בלויז אין יידישן קוואַרטאַל פֿון קאָרדאָווע, אין דער זײַטיקער געגנט פֿון יודעסיאַ האָב איך קוים דערבליקט זײַן נאָמען אויף אַ וואַנט.

✶

עס וויל זיך נאָך ציטירן קאַרגע ווערטער פֿון ישׂראלדיקן פֿאָרשער און פֿילאָזאָף ירמיהו יובל פֿון זעלבן אימפּאָזאַנטן בוך: „שפּאַניע איז געווען אַ גוטע העלפֿט פֿון טויזנט יאָר דער גרעסטער יידישער צענטער אין דער וועלט. זי איז געווען דאָס צירונג פֿון דער יידישער צעשפּרייטונג... אָבער איר גאָלדענער פּעריאָד האָט שוין געצאַנקט ווען די קריסטלעכע מאַכט האָט אָנגעהויבן קאָנטראָלירן דעם ווײַט גרעסטן טייל פֿון האַלבן אינדזל". יאָ, מיטן באַזיגן די אַראַבער, מיט דער אַלע מאָל גרעסערער מאַכט פֿון די קאַטוילישע הערשער און זייער בונד מיטן קלויסטער האָט זיך אָנגעהויבן דאָס צאַנקען פֿון דעם יידישן קיבוץ אין שפּאַניע. דאָס יידישע שפּאַניע האָט שטופּנווײַז זיך דערווײַטערט פֿון די צײַטן ווען יידן זענען געווען אָנגעזעענע בויערס פֿון לאַנד. זיי זענען הונדערטער יאָרן געווען גרויסע אונטערנעמער, געבויט הײַזער און נחלות, געהאָלפֿן ווירטשאַפֿט־לעך אַנטוויקלען דאָס לאַנד. אַ דאַנק זייער אונטערנעמערישקייט און אי־ניציאַטיוו, זענען אַנטשטאַנען שטעט, פּרוכטגערטנער, ווײַנגערטנער. אַ דאַנק זייערע איניציאַטיוו און אונטערנעמערישקייט האָט זיך באַרצעלאָנע אַנטוויקלט. זייער אָנזען צווישן דער שטאָטישער באַפֿעלקערונג איז געווען אַזאַ, אַז וויכטיקע שריפֿטלעכע אָפּמאַכן זענען געווען געשריבן אין לאַטיין און העברעיש.

יענע צײַטן זענען ווײַט אַוועק. דער קלויסטער האָט זיך מוראדיק פֿאַר־שטאַרקט און האָט זיך ממש צונויפֿגעבונדן מיט דער מלוכה־הערשאַפֿט. זײַנע לאָזונגען זענען געווען: „אײַנגלויביק! אַנדערשגלויביקע איז אַ פֿלעק, ערגער — אַן עבירה". אָנגעהויבן האָט זיך דאָס מיט געוואַלט־אַקטן און פֿאַרענדיקט האָט זיך מיט אַ שוידערלעכן פּאָגראָם אין 1391 אין סעווילע. ווילדע באַוואָפֿנטע באַנדעס זענען געלאָפֿן איבער די גאַסן און געשריען: „דער קרייץ אָדער דער טויט". די יידישע קרבנות זענען געווען דער ערשטער אָנזאָג פֿון גרויסע יידישע אומגליקן.

✶

די מלחמה מיט די אַראַבער האָט די קעניגלעכע קאַסע אויסגעליידיקט.

דער קלער האָט געפֿונען אַ גוטן באָדן. אין 1412 איז דערשינען אַן אָרדאָ־נאַנס וואָס האָט פֿאַרוואַנדלט די ייִדן פֿון קאַסטיליע אין פּאַריער. זיי טאָרן נישט וווינען אין שטעט, נאָר אין אָפּגעזונדערטע ערטער (כודריאָס) און דאָס דאַרף געשען במשך פֿון איין וואָך. קריסטלעכע פֿרויען איז פֿאַרבאָטן אַהין אַרײַנצוגיין. קריסטן טאָרן בכלל נישט זײַן באַפֿרײַנדעט מיט ייִדן, טאָרן נישט זײַן באַשעפֿטיקט בײַ זיי. אַ ייִד טאָר זיך נישט אָנרופֿן מיטן שפּאַנישן טיטל „דאָן", אַ ייִד טאָר אַפֿילו נישט גאָלן און שערן די באָרד, די האָר; ייִדן דאַרפֿן טראָגן לאַנגע מלבושים פֿון גראָען געוואַנד, וואָס שיידט זיי אָפּ פֿון אַ קריסט.

חוץ דעם נעמט מען אַוועק בײַ ייִדן די פּרנסות: ייִדן טאָרן נישט האַנדלען מיט ברויט, פֿלייש, ווײַן; טאָרן זיך נישט פֿאַרנעמען מיט געוויסע מלאכות, דער עיקר מיט מעדיצין, וואָס איז געווען אַ ייִדישע פּרנסה. די קהילה איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַרן דורכפֿירן די געזעצן. פֿאַרן נישט דורכ־פֿירן מוז זי באַצאָלן אַ שטראָף פֿון 2000־3000 מאַראַוועדיס, אין געוויסע פֿאַלן קומט שמיץ.

היות ייִדן האָבן אָנגעהויבן פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד, איז אַרויס אַ געזעץ קעגן ייִדישער עמיגראַציע. נו, איז ווי אַזוי וועלן זיי אויסהאַלטן אַזעלכע פֿאַרבאָטן? זיי וועלן טאַקע נישט אויסהאַלטן און דעמאָלט וועלן זיי זיך אונטערגעבן און זיך שמדן.

דעם ערגסטן גורל האָבן געהאַט רבנים. פֿון מאָל צו מאָל האָט מען זיי אַרויסגערופֿן אויף וויכּוחים וואָס איז פֿאַר זיי געווען געבונדן מיט מסירת־נפֿש. אין אַ געוויסער צײַט האָבן רבנים מיט אַ בקשה זיך געוואַנדן צום פּויפּסט צו באַפֿרײַען זיי פֿון די וויכּוחים. דער פּויפּסט האָט אָפּגע־זאָגט זייער בקשה. פֿאַרשטייט זיך אַז די וויכּוחים זענען געווען וועגן ייִדישן גלויבן און קריסטנטום. די רבנים האָבן געדאַרפֿט זײַן גײַסטיקע אַקראָבאָטן ניט אָנצורירן דעם קריסטנטום און אויך נישט צו פֿאַרלייקענען דעם ייִדישן דת. די שרעק־איבערלעבענישן פֿון די רבנים זענען געווען אָן לשער. און צוזאַמען מיט די אַלע אָנגריפֿן איז געשטיגן די אַטמאָספֿער פֿון צוואַנג־שמד. בעתן גרויסן פּאָגראָם אין סעווילי זענען געווען קלאָרע דיבורים — „קרייץ אָדער טויט". דאָס איינציקע מיטל דעמאָלט אָפּצוראַ־טעווען דאָס לעבן איז טאַקע געווען שמד.

אָבער אין גיכן האָט אויך דער שמד נישט געקאָנט פֿאַרזיכערן דאָס לעבן. אָפֿיציעל האָבן זיי געהייסן „נײַע קריסטן" און ס'איז נישט קיין צופֿאַל וואָס מ'האָט זיי אַ נאָמען געגעבן מאַראַנען, וואָס באַדייט אין

שפּאַניש חזירים. מען האָט צו זיי קיין שום צוטרוי נישט געהאַט. מאַסן שפּיאָנען האָבן נאָכגעשפּיאָנירט די געשמדטע יידן, אויף יעדן פּאַרדאַכט איז אַ מאַראַן אַרעסטירט און געפּײַניקט געוואָרן. ס׳איז גענוג געווען מ׳זאָל באַמערקן אין געהיים שבת אַן אָנגעצונדן ליכט אָדער אַ ריין העמד אָדער נישט קיין וואָכעדיקן מלבוש אויפֿן קערפּער, מ׳זאָל אַרעסטירט ווערן אויף דער אָנווייַזונג פֿון אַ שפּיאָן און פֿאַרמשפּט ווערן צו תּפֿיסה, צו אויספֿאַרשונגען מיט פּײַניקונגען. און אַז די געשמדטע מיט צוואַנג פֿירן אַ טאָפּלט לעבן, היטן אָפּ אין געהיים ייִדישקייט, האָבן זיי געהאַט גענוג מיטלען צו וויסן.

✶

גאָר שווערע צײַטן זענען פֿאַרן שפּאַנישן ייִדנטום געקומען ווען ס׳איז אויפֿן קעניגלעכן טראָן אַרויף די הערשער דער קאַטאָליק פֿערדינאַנד און די פֿרומע קעניגין איזאַבעלאַ. די הערשאַפֿט פֿון די צוויי קאַטאָליקן האָט נאָך שטאַרקער צוזאַמענגעבונדן די אַבסאָלוטע מאָנאַרכיע מיט דער קעמ־פֿנדיקער קירכע. דער דראַנג צו רעליגיעזער איינהײַט אין גאַנצן לאַנד איז מוראדיק געשטיגן.

ייִדן האָבן פֿון אָנהייב אָפּגעאָטעמט גלויבנדיק אַז מ׳וועט בײַ די נײַע הערשער געפֿינען אַ געוויסע שיץ. דער עיקר האָבן געהאָפֿט אויף דעם די מאַראַנען, מחמת פֿערדינאַנד איז געווען באַפֿרײַנדט מיט אָנגעזעענע רײַכע מאַראַנען־משפּחות אין סאַראַגאָסע. און די נײַע קעניגין איזאַבעלאַ איז דאָרט געווען אין גאָר גוטע באַציִונגען נישט נאָר מיט באַקאַנטע מאַראַ־נען, נאָר אויך מיט אמתע ייִדישע פּערזענלעכקייטן. ס׳האָט זיך אָבער גאָר גיך אַרויסגעוויזן אַז די האָפֿענונגען זענען געווען פּוסטע. פֿאַרקערט, ביידע הערשער האָבן קודם זיך געשטעלט פֿאַר אַן אויפֿגאַבע אַרײַנצו־ברענגען אָרדענונג בײַ די „נײַע קריסטן", דאָס הייסט צווישן די מאַראַנען וועלכע זענען אין געהיים פֿאַרבליבן ייִדן און זענען דאָך אַרײַן אין דער שפּאַניש־קאַטוילישער געזעלשאַפֿט. די ביז איצטיקע פֿאַרפֿאָלגונגען, פּאָגראָ־מען, האָבן נישט געמאַכט פֿון די נײַע קריסטן אויס ייִדן. צו דעם איז נײַטיק די אינקוויזיציע — האָט דער קלער געראָטן די פֿרומע הערשער, וועלכע האָבן אַ סברה, שוין געטראַכט דערוועגן. דערויף אָבער דאַרף מען האָבן די הסכמה פֿון רוים. דער פּויפּסט פּיקסטוס דער 6טער האָט די הסכמה געגעבן.

ס׳האָט אָבער גענומען אַ צײַט ביז דער פֿאַטאַלער באַשלוס איז פֿאַר־

ווירקלעכט געוואָרן, מחמת צווישן די נײַע קריסטן אָדער מאַראַנען זענען געווען מענטשן פֿון גרויסן נוצן פֿאַר דער ווירטשאַפֿט פֿונעם לאַנד. ערשט אין 1480 איז דערשינען די אינקוויזיציע אין סעוויליע. חוץ די אָפּיציעלע שפּיאָנען איז די קריסטלעכע באַפֿעלקערונג פֿאַרפֿליכטעט געווען צו שפּיאָנירן און צוטראָגן דער אינקוויזיציע ווער עס טראָגט שבת אַנדערע קליידער, בײַ וועמען עס ברענט אַ ליכט שבת און ענלעכע איינצלהייטן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתער גהינום פֿאַר די מאַראַנען. מ׳האָט זיי פֿון אַלע זײַטן נאָכגעקוקט, נאָכגעפֿאָרשט. סעווילער מאַראַנען האָבן פֿון ייִאוש זיך באַוואָפֿנט און געגרייט זיך צו הרגענען די אינקיוויזיטאָרן, זייערע צוגרייטונגען זענען אַנטדעקט געוואָרן. דערצו זענען געווען גענוג שפּיאָנען. מ׳האָט זיי אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער אינקוויזיציע־תּפֿיסה, די אַרעסטירטע זענען דורכגעגאַנגען אוממענטשלעכע פּײַניקונגען, וואָרטנדיק פֿאַרברענט צו ווערן. דאָס פֿאַרברענען זיי לעבעדיקערהייט אויף שײַטערהויפֿנס איז פֿאָרגעקומען מיט אַ קירכלעכער צערעמאָניע. די שײַטערהויפֿנס האָבן געברענט אַלע מאָל אָפֿטער. פֿון דער שחיטה־שטאָט סעוויליע האָבן מאַראַנען־משפּחות אָנגעהויבן אין געהיים אַנטלויפֿן ווו די אויגן האָבן געטראָגן.

די אינקוויזיציע און די שײַטער־הויפֿנס האָבן זיך אין גיכן צעשפּרייט איבערן לאַנד. אין דער ערשטער צײַט פֿון די אויטאָדאַפֿעס האָבן די אינקוויזיטאָרן געגעבן צו וויסן, אַז זיי וועלן זיך באַגיין מיט גענאָד מיט די מאַראַנען, וועלכע וועלן זיך מודה זײַן און טאָן תּשובֿה. פֿאַר זייערע זינד וועלן זיי דאַרפֿן אָפּגעבן אַ טייל פֿון זייער פֿאַרמעגן פֿאַר דער מלוכה־קאַסע. אַרויסגעוויזן האָט זיך אַז די בעל־תּשובֿהניקעס דאַרפֿן אויך אַרויסגעבן זייערע קרובֿים און באַקאַנטע, און די, וואָס האָבן אָפּגעזאָגט, אונטער פֿאַרשידענע תּירוצים, אַרויסצוגעבן אַנדערע, האָבן שלעכט אָפּגעשניטן.

געווען צווישן די מאַראַנען אַזעלכע מוטיקע מענטשן וואָס האָבן באַוויזן זיך דורכצוקריגן קיין רוים און אָנצוקלאַפּן אין הויכע קאַטוילישע פֿענצטער. די אַכזריות זענען דערגאַנגען צום פּויפּסט. ער האָט באַוויליקט צו אינטערווענירן בײַ פֿערדינאַנדן. דער בלוטיקער הערשער האָט זיך ווייניק וואָס איבערגענומען מיט די אינטערווענצן, בפֿרט אַלס גרויס־אינקוויזיטאָר איז נאָמינירט געוואָרן דער באַרימטער אכזר, טאָמאַס טאָרקוועמאַדע.

אַ פֿלאַקערדיקע שׂריפֿה האָט אַרומגעכאַפּט שפּאַניע. אויף די אויטאָדאַפֿעס האָבן די אינקוויזיטאָרן אַלץ אָפֿטער פֿאַרברענט לעבעדיקערהייט מע־

נער און פֿרויען. אין די תּפֿיסות פֿון דער אינקוויזיציע האָט מען געפּייַניקט טויזנטער מענטשן. די וואָס האָבן געקאָנט אין געהיים אַנטלויפֿן האָבן זיך געראַטעוועט קיין פּאָרטוגאַל, גנבֿענדיק די נאָענטסטע גרענעץ. די פֿאַרבליבענע האָבן געלעבט אין טויטשרעק, געווען אויסגעשטעלט אַז אַ בייז אויג האָט עפּעס געזען, צוגעטראָגן און דאַמאָלט קאָנען זיי אַרייַנפֿאַלן אין די הענט פֿון די אינקוויזיטאָרן. שווער אָנצוגעבן ריכטיקע ציפֿערן פֿון די פֿאַרפּייַניקטע קרבנות. צווישן פֿאַרשידנאַרטיקע סטאַטיסטיקעס האָב איך פֿאַרצייכנט העכער טויזנט פֿינעף הונדערט פֿאַרברענטע לעבעדיקערהייט, אָן עלעף טויזנט געפּייַניקטע אין די אינקוויזיציע־תּפֿיסות. הונדערטער זענען פֿאַרמשפּט געוואָרן צו פֿאַרשידענע מיתות־משונות. זייערע פֿאַרמעגנס זענען אַרייַנגעפֿאַלן אין דער קאַסע פֿון דעם בלוטיקן הערשערפּאָרל. אַ באַזונדערע אוממענטשלעכע פּייַניקונג איז געווען אַ תּשובה־צערעמאָניע און דער אַזוי־גערופֿענער „גענאַד״ וואָס דער הויפּט־אינקוויזיטאָר האָט איינגעפֿירט. אויף אַ סעסיע פֿון אינקוויזיציע־טריבונאַל איז באַוויליקט געוואָרן צו געבן די פֿאַרזינדיקטע אַ טערמין פֿון „גענאַד״ אויף דרייַסיק־פֿערציק טעג, בשעת וועלכע דער פֿאַרזינדיקטער מאַראַן. וואָס איז אין געהיים פֿאַרבליבן אַ ייִד, וועט תּשובה טאָן אויסצומייַדן די שרעקלעכסטע שטראָף פֿאַרברענט צו ווערן, און צוריק אַרייַנגענומען ווערן אין קריסטנטום. איבער די גאַסן פֿון שטעט זענען געגאַנגען שאַטנס פֿון מענטשן אין אַ „סאַנבעניטאָ״, אַזאַ מין זאַק, אָדער ער האָט אָנגענומען די שטראָף אָפּצוזיצן אַ לאַנגע צייַט אין דער אינקוויזיציע־תּפֿיסה; דערצו גיט ער אָפּ אַ גרויסן טייל פֿון זייַן פֿאַרמעגן. אָבער אויב דער באַוויליקטער צו טאָן תּשובה פֿאַרשפּעטיקט אַביסל מיטן געגעבענעם טערמין, קאָנפֿיסקירט מען דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן און ער ווערט פֿאַרמשפּט צו אייביקער תּפֿיסה. ובכן, באַרויבן די „פֿאַרשולדיקטע״ איז געווען אויפֿן טאָג־אָרדענונג.

★

ס׳איז דאָס יאָר 1492. ווי גרויס עס זענען געווען די אכזריות לגבי די מאַראַנען, האָט די אינקוויזיציע נישט באַוויזן בײַם גאַנצן מאַראַנען־פֿאָלק אַרויסצורייַסן דעם ייִדישן פֿונק. די קאַטוילישע הערשער זוכן אָבער נייַע רעסורסן. איז ווו איז דאָס אַזוי לייַכט צו באַקומען ווי דורך רויב בייַ ייִדן, בפֿרט ווען מ׳האָט אַזאַ באַהעלפֿער ווי טאָרקוועמאַדע? איז אָט לייענען מיר צווישן אַנדערן אין עדיקט פֿון גירוש:

„...מיר האָבן באַשלאָסן צו באַפֿעלן אַלע ייִדן, מענער און פֿרויען, צו

פֿאַרלאָזן אונדזער מלוכה מיט דעם, אַז זיי זאָלן קיינמאָל נישט קומען צוריק אַהער. און מיט דעם טוען מיר באַפֿעלן אַלע ייִדן, מענער און פֿרויען, פֿון אַלע עלטערס וואָס וווינען אין אונדזער מדינה, אַז נישט שפּעטער ווי סוף יולי דאָס יאָר זאָלן זיי אַוועקגיין פֿון אונדזערע קעניגלעכע מדינות און נישט דערוועגן צו קומען צוריק... אויב זיי וועלן נישט אויספֿילן דעם באַפֿעל וועט מען זיי באַשטראָפֿן מיט טויט־שטראָף און קאָנפֿיסקירן זייער גאַנץ פֿאַרמעגן אָן שום משפּט״... ווײַטער ווערט אויסגערעכנט, אַז זיי טאָרן נישט מיטנעמען נישט קיין גאָלד און זילבער און קיין שום אַזעלכע מטבעות.

ייִדן אין שפּאַניע זענען געווען פֿאַרמעגלעכע. זיי האָבן געהאַט הײַזער, פֿאַרשידענע אונטערנעמונגען, און אַ סברא טאָקע גאָלד און זילבער וואָס מען טאָר נישט מיטנעמען...

צוויי ייִדישע פּערזענלעכקייטן וואָס זענען געווען נאָענט צום קעניג־לעכן הויף, סעניאָר אברהם און ר׳ יצחק אברבנאל (אברבנאל׳ן האָט דער קעניג געהאַט פֿאַרגעלייגט אָנצופֿירן מיט די מלוכהשע פֿינאַנסן, וואָס ער האָט אָפּגעזאָגט) האָבן זיך געלאָזט צום קעניגלעכן הויף און געבעטן רחמים אָפּצורופֿן דעם עדיקט, וויסנדיק אַז דער אונטערשלאָג איז אויך געלט, האָט יצחק אברבנאל אַרויסגענומען און פֿאַרגעלייגט אַ סומע פֿון דרײַסיק טויזנט גאָלד־דוקאַטן. פֿערדינאַנדן האָבן אַפֿילו אָנגעהויבן גלאַנצן די אויגן, נאָר אין דער מינוט איז טאָרקוועמאַדע אַרײַן און אויסגעשריִען: „יהודה איש קריות האָט פֿאַרקויפֿט קריסטוסן פֿאַר דרייסיק זילבערשטיק און דו ווילסט פֿאַרקויפֿן פֿאַר דרײַסיק טויזנט״. דער קעניג האָט זיך אָפּגע־קערט פֿון די ייִדישע שליחים.

★

די טראַגעדיע איז געווען אָן לשער. הונדערטער טויזנטער ייִדן, יונג און אַלט, דאַרפֿן פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד אַזוי ווי זיי שטייען און גייען (אייניקע כראָניקעס גיבן אָן די צאָל פֿון 200.000. פֿאַרשידן זענען די צאָלן פֿאַרטריבענע וואָס מ׳גיט אָן אין דערווירקלעכקייט איז קיין ריכטיקע צאָל נישט באַקאַנט).

דאָס לאַנד וווּ זייערע עלטער־עלטער־זיידעס האָבן געשאַפֿן מאַטע־ריעלע און גײַסטיקע גיטער. די אונטערנעמונגען, וואַרשטאַטן, הײַזער, האָט מען פֿאַרקויפֿט ווי ס׳האָט זיך געלאָזט, אָבער דאָס פּאַפּיר־געלט האָט סײַ־ווי קיין גרויסן ווערט נישט געהאַט. גאָלד, זילבער און אַזעלכע מטבעות איז פֿאַרבאָטן מיטצונעמען. די פֿאַרטריבענע בלײַבן אָן אַ באָדן אונטער

די פּיס, אָן שום מעגלעכקייטן צו לעבן. דאָס האַרץ־ווייטיק איז נאָך גרע־סער געוואָרן דורך דער פּראָפּאַגאַנדע פון די אינקוויזיטאָרן, וואָס האָבן זיך געריצט מיט די פּאַרצווייפלטע יידן: „נעמט אָן קריסטנטום און איר וועט לעבן ווי מענטשן". ווייניק האָבן אָנגענומען די עצה.

✶

ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער גירוש שפּאַניע. דער רב רבי יצחק הבוהם פון טאָלעדאָ און אַ דריי צענדליק פּאַרשטייער פון פאַרשידענע קהילות האָבן זיך געלאָזט קיין פּאָרטוגאַל זיך משתדל זיין דאָרט אַריינצולאָזן די פּאַרטריבענע, און די גרויסע מאַסע האָט געוואַרט אויפן לעצטן טערמין, וואָס מ'האָט באַוויליקט צו פאַרלענגערן מיט כמעט אַ חודש. ס'האָבן פּאַר־לאָזט ווי דלפנים אַ צווי הונדערט טויזנט יידן אין פאַרשידענע עקן וועלט, כמעט אַ העלפט האָט זיך געלאָזט קיין פּאָרטוגאַל נישט פאַרשטעלנדיק זיך, אַז דאָס פייער קאָן אין עטלעכע יאָר אַרום זיך אַריבערוואַרפן איבער דער נאָענטער גרענעץ. באַזונדערע גרופּן זענען אַוועק אין די לענדער פון מאַגרעב, אין צפון־אַפריקע; אַנדערע — ווו די אויגן האָבן געטראָגן. האַרצרייסנדיק — ווי עס גיבן איבער היסטאָריקער — זענען געוועזן אין די לעצטע טעג די בילדער אויף יידישע בית־עלמינס. יידן זענען געלעגן מיט זייערע משפחות אויף די קברים פון זייערע געשטאָרבענע און באַגאָסן זיי מיט טרערן. מ'האָט מיטגענומען אַ שטיין פון אַ קבר.

✶

צוויי יאָר נאָכן גירוש שפּאַניע איז צווישן דער פּאַרטריבענער אָרעמ־שאַפט אין פּאָרטוגאַל אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע פון וועלכער ס'זענען אויסגעשטאָרבן טויזנטער נפשות. און עס האָט נישט לאַנג גענומען ווי אויך אין פּאָרטוגאַל האָט דער קלויסטער אָנגעהויבן פּרעדיקן, אַז יידן דאַרפן זיך שמדן. יידן זענען אָבער בעלי־ביטחון. ווען דער קעניג כואַן, וועלכער האָט די יידן אַריינגעלאָזט פאַר אַ שווערער מטבע און מיט דער אויסרע־כענונג צו מאַכן פון זיי קריסטן, איז אין 1495 געשטאָרבן אין דער יורש עמנואל האָט פאַרנומען דעם טראָן, האָבן יידן אָפּגעעטעמט, געגלויבט, אַז עס זענען געקומען גוטע צייטן. אַ סברא, אַז זיין הויז־אַסטראָלאָג, אַ באַ־רימטער יידישער מאַטעמאַטיקער מיטן נאָמען אברהם זכותא, אויך אַ געקו־מענער פון שפּאַניע, האָט אינספּירירט דעם געדאַנק, אַז דער קעניג עמאַ־נועל וועט זיין זייער פריינטלעך צו יידן. דער פּאָרטוגעזישער נייער קעניג האָט אָבער געוואָלט חתונה האָבן מיט דער טאָכטער פון פערדינאַנד און

איזאַבעלאַ און דאָס שפּאַנישע קעניגלעכע פּאָרל, ווי אויך די טאָכטער, זענען איינגעגאַנגען אויפן שידוך מיטן באַדינג אויב דער פּרעטענדענט וועט אַרויסטרייבן די יידן פון פּאָרטוגאַל. דער פּרייז, פאַרשטייט זיך, איז נישט געווען קיין גרויסער, כּדי צו קענען ירשענען דעם טראָן פון שפּאַניע אויך. און עמנואל האָט סוף דעצעמבער 1496 — פיר יאָר נאָכן גירוש שפּאַניע, אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז אין צען חדשים אַרום דאַרפן אַלע יידן, סיי די געקומענע פון שפּאַניע, סיי די איינגעזעסענע, פאַרלאָזן פּאָרטוגאַל, אויב נישט, פאַרלירן זיי דאָס גאַנצע פאַרמעגן און אויך דאָס לעבן.

דעם לאַנגן טערמין וואָס דער קעניג האָט געגעבן איז געווען מיט דער אויסרעכענונג, אַז אין פאַרלויף פון די צען חדשים וועט זיך אים איינגעבן אָפּצושמדן די יידן, וועלכע וויסן שוין מיט וואָס עס שמעקט אַ גירוש. אַזוי וועט ער האָבן צוויי מאָל געוווּנען: אַ געווונען פאַרן קלויסטער נייע נשמות, אַ איינהאַלטן אַ ווירטשאַפטלעכן עלעמענט, מענטשן מיט אונ־טערנעמערישקייט, אין וועלכער דאָס לאַנד האָט זיך געניייטיקט. ווען ער האָט זיך אָבער אין אַ שטיק צייט אַרום איבערצייגט, אַז יידן — אויסער אויסנאַמען — ווילן נישט קיין פאַר שום פּרייז זיך שמדן, האָט ער פאַר־אָרדנט ביי זיי מיט געוואַלד אָפּצונעמען זייערע קינדער אין עלטער פון פיר ביז צוואַנציק יאָר, אין די טעג פון פּאַסכע פון יאָר 1497. יידן האָבן אין פאַרצווייפלונג און אין איילעניש געמומען זיך גרייטן אין וועג. דער קעניג האָט זיי פאַרלאָפן דעם וועג, איבערגערוקט די דאַטע.

צווישן יידן איז אויסגעבראָכן אַ מהומה. שוידערלעכע סצענעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט ביים אַרויסרייסן די קינדער פון די עלטערן. די דערוואַק־סענע קינדער וואָס האָבן זיך געווערט, האָט מען געשלעפּט פאַר די האָר. געווען פאַלן, ווי עס גיט איבער שמעון דובנאָוו, ווען מאַמעס האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין ים צוזאַמען מיט אַ מינדעריאָריק קינד. אַנדערע, נישט קענענדיק זיך צעשיידן מיט די קינדער, האָבן זיך געלאָזט אָפּשמדן מיט זיי צוזאַמען. די נייע אנוסים האָבן געשיקט אַ פּעטיציע צום פּויפּסט אַלעקסאַנדער דעם זעקסטן.

דער פּויפּסט איז אַנטקעגנגעקומען די יידישע האַרצרייסנדיקע בקשות און עמאַנועל האָט אויף אַזוי פיל זיך אונטערגעגעבן, אַז ער האָט פאַרזי־כערט צוואַנציק זיכערע יאָרן. דאָס האָט באַדייט אַז במשך צוואַנציק יאָר וועט די אינקוויזיציע נישט האָבן קיין שום שליטה אויף די אָפּגעשמדטע

אויב זיי וועלן אַפילו אָפּהיטן ייִדישקייט. אויב אָבער נאָכן טערמין וועלן זיי פאַרראַטן דעם שמד, וועט מען קאָנפּיסקירן בײַ זיי דאָס פאַרמעגן.

✶

אין יאָר 1497 איז געקומען דער לעצטער טערמין פון גירוש פאַר די נישט־געשמדטע. אין פּאָרט פון ליסאַבאָן האָבן מיט גרויס שרעק געוואַרט, ווי עס גיבן אָן היסטאָריקער, אַ צוואַנציק טויזנט ייִדן. צי וועט מען זיי נישט אונטערשטעלן אַ פּאַסטקע? די שרעק איז נישט געווען קיין אומזיסטע. מ׳האָט אָפּגעשלעפּט דאָס לאָזן זיי אַרויפגיין אויף די שיפן ביז דער טער־מין איז אַריבער. היות דער טערמין איז אַ פאַרשפּעטיקטער האָט מען זיי, לויטן באַפעל פון קעניג, פאַרזאַמלט אין אַ ריזיקער געבײַדע און מ׳איז ווידער צוגעשטאַנען צו זיי, זיי זאָלן זיך שמדן. די וואָס האָבן אָפּגעזאָגט, האָט מען נישט געגעבן קיין שום באַשפּײַזונג. ייִדן זענען געווען גרייט צו שטאַרבן אַפילו פון הונגער. מ׳האָט זיי אָבער געשלעפּט מיט כּוח, מיט שטריק צו דער קירכע. געווען פאַלן, ווען דער און יענער (לויט דובנאָוון) האָט אויפן וועג זיך אַרײַנגעוואָרפן אין אַן אַנטרעפּנדיקן ברונעם. אַנדערע האָבן בכּיוון געלעסטערט דאָס קריסטנטום, כּדי מ׳זאָל זיי דערהרגענען. אָבער אויך די פּריווילעגיע האָט מען זיי נישט געשענקט. אין אַזאַ צושטאַנד, האָט מען אַ גרויסן טייל אָפּגעשמדט. טייל זענען אַנטלאָפן.

דער געצוווּנגענער שמד, דורכגעפירט מיט טעראָר, האָט זיך ביס־לעכווײַז אײַנגעשטילט. מ׳האָט לסוף דערלויבט די נישט־געשמדטע צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. עס האָט געדויערט כּמעט ביז סוף 1498.

דער גירוש האָט זיך אָנגעהויבן אויפסנײַ מיט אַ נײַעם גהינום. עס איז נישט גרינג געווען צו געפינען אַ מקום מקלט. די „באַפרײַטע" האָבן געוואַנדערט אין שיפן פון פּאָרט צו פּאָרט. מ׳האָט זיי נישט אַרײַנגעלאָזט קיין איטאַליע, טוניס, אַלזשעריע. אַ סך זענען אויסגעגאַנגען אין וועג פון קראַנקהייטן, הונגער. ים־פּיראַטן האָבן געווייסע וואַנדערנדיקע פאַרשלעפּט און פאַרקויפט פאַר שקלאַפן. אַ מקום מקלט האָבן די אומגליקלעכע געפונ־נען נאָר אין טערקײַ.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט אין יאָר 1498 די טראַגישע עפּאָפּייע פון די רעשטלעך שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע ייִדן. אָבער דער פולשטענדיקער טראַגישער סוף איז דאָס נאָך נישט געווען. אין 1492 האָט קאָלומבוס אַנטדעקט אַמעריקע (ווי פאַרשער שטעלן פעסט האָט ער געשטאַמט פון אַ שפּאַנישער מאַראַנען־משפּחה וואָס איז פרי אַנטלאָפן קיין איטאַליע)

אין לויף פֿון יאָרן האָבן מאַראַנעו געגלייבט, אַז אין דער אומבאַקאַנטער, ווײַטער וועלט וועלן זיי געפֿינען אַ מקום־מקלט. די הויפּט־בעלי־בתּים פֿון די דאָרטיקע אָרטשאַפֿטן זענען אָבער געווען די שפּאַניער. זענען דורך צײַטן ביז די שפּאַניער האָבן אויסשפּיאָנירט ווער עס זענען די געקומענע עמיגראַנטן־קאָלאָניסטן. און אין געוויסע אָרטשאַפֿטן אויף דער נײַ־אַנט־דעקטער ערד איז אויך אויפֿגעקומען אַן אינקוויזיציע. אָבער דאָס איז שוין אַ נײַ קאַפּיטל.

אויף די שפּורן פֿון אַמאַליקע מאַראַנען

ווען איך האָב זיך געלאָזט אויף אַ קורצן אויפֿהאַלט אויפֿן שפּאַנישן אינדזל מאַיאָרק, וואָס אויפֿן מיטללענדישן ים, האָב איך וועגן יענעם שיינעם, זוניקן ווינקל אויף אונדזער ערד געוווּסט צוויי זאַכן — אַז דאָרט האָט אַ שטיקל צײַט געלעבט די גרויסע פֿראַנצויזישע שרײַבערין זשאָרזש סאַנד צוזאַמען מיט פֿרעדעריק שאָפּען, בעת זײַן פֿאַרשטאַרקטער קראַנקייט. און אַז אויף די באַלעאַרן־אינדזלען, דער עיקר אין מאַיאָרק, זענען אַמאָל געווען געצווונגענע דורך דער אינקוויזיציע צו שמד ייִדן, צווישן זיי — אַ סך מאַראַנען. ביידע זאַכן האָבן מיך אינטערעסירט. זשאָרזש סאַנד איז אַ מאָל געווען מײַן באַליבטער שרײַבער, כ׳האָב צומאָל געהאַט געשריבן וועגן איר. וועגן איר צוזאַמענלעבן מיט שאָפּענען זענען אַרומגעגאַנגען לעגענדעס. און ווי קאָן מען זײַן גלײַכגילטיק, געפֿינענדיק זיך אויפֿן אָרט, נישט צו וועלן דערגיין וואָס ס׳איז אויף אַ פֿאַרוואָרפֿענעם ווינקל געוואָרן מיט די אַמאַליקע מאַראַנען? ובכן, ביידע זאַכן האָבן מיך געלאָקט. כ׳האָב זיך אָבער נישט פֿאַרגעשטעלט, אַז ביידע זענען טיילווײַז געבונדן, אַז איך וועל אין באַשרײַבונגען פֿון זשאָרזש סאַנד פֿונעם אינדזל זיך דערוויסן אַ סך פּרטים וועגן מאַרטירערטום פֿון די אַמאַליקע מאַראַנען און סתם וועגן די ייִדן־קאַטאָליקן.

זשאָרזש סאַנד און פֿרעדעריק שאָפּען האָבן פֿאַרבראַכט אין מאַיאָרק אין יאָר 1838. פֿון דעם העכער האַלב־יאָריקן אויפֿהאַלט האָט די שרײַבערין, די גרויסע הומאַניסטין, מיט איר שטענדיקער נייגונג צו פֿאָרשן, אָנגעשריבן דאָס בוך „אַ ווינטער אין מאַיאָרק". ווען איך האָב זיך געלאָזט אויף די שפּורן פֿון זשאָרזש סאַנד און שאָפּען, האָב איך נישט געוווּסט, אַז אַזאַ בוך איז פֿאַראַן. און פֿאַרוואָס אַזאַ בוך איז ווייניק באַקאַנט אין פֿראַנקרײַך איז אַ רעטעניש.

אַ וואָסערע 50 קילאָמעטער פֿון דער הויפּטשטאָט פּאַלמאַ, אויף צפֿון־מערב, צופֿוסנס פֿון די זילבער־בלויע בערג, וואָס הייבן זיך אויף מאַיעסטעטיש איבערן ים, ליגט דאָס קליינטשיקע, כּישופֿדיקע שטעטעלע וואַלדעמאָסאַ. דאָ געפֿינט זיך הײַנט דער שאָפּען־מוזיי און עס איז צונויפֿגעזאַמלט — אַפֿילו די אַלטע פּיאַנינע אויף וועלכער שאָפּען האָט קאָמפּאָ־

נירט — און אָפּגעהיט מיט פּיעטעט אַלץ, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט זײַן און זשאָרזש סאַנדס אויפֿהאַלט אין מאַיאָרק. אין דעם־אָ מוזיי, וואָס געפֿינט זיך אין אַ גרויסער, געוועזענער קלויסטער־געביידע, ווו זשאָרזש סאַנד און שאָפּען האָבן געוווינט אין דרײַ צימערן, האָב איך צווישן אַנדערע פֿאַרשידענע שריפֿטן און מערקווירדיקייטן געפֿונען דאָס בוך „אַ ווינטער אין מאַיאָרק", סײַ איז פֿראַנצויזיש, סײַ אין איבערזעצונגען. מיט דער נײַער אויסגאַבע וואָס איז דערשינען אין פּאַלמאַ אין 1968, האָט זיך פֿאַרנומען דער מוזיי גופֿא, און אין דער נאָטיץ פֿון אַרויסגעבער ווערט אָנגעוויזן, אַז דער טעקסט איז קאָנטראָלירט לויטן מאַנוסקריפּט פֿון זשאָרזש סאַנד. מחמת אין די פֿריערדיקע אויסגאַבעס זענען אַרײַנגעפֿאַלן אומפּינקט־לעכקייטן. פֿון דעם בלויז קאָן שוין דער לייענער דריגגען, אַז זיך צו דער־ וויסן וועגן אויפֿהאַלט פֿון זשאָרזש סאַנד און שאָפּען אין מאַיאָרק איז נישט שווער געווען. אָבער וואָס שײַך דער ווירקלעכער טעמע, וועגן די אַמאָליקע מאַראַנען, אָדער וועגן די הײַנטיקע ייִדן־קאַטאָליקן, דאָס איז שוין ווײַט נישט געווען פֿון די לײַכטע זאַכן זיך עפּעס צו דערוויסן. לײַכטער איז געווען צו געפֿינען אינפֿאָרמאַציעס וועגן דער געשיכטע פֿון ייִדן אין מאַיאָרק בכלל.

★

ייִדן האָבן געלעבט אויפֿן אינדזל פֿון די עלטסטע צײַטן אָן אונטער פֿאַרשידענע הערשאַפֿטן. מאַיאָרק האָבן אַמאָל געהאַט באַהערשט די קאַר־ טאַגינער, דערנאָך די רוימער, שפּעטער איז דאָס אינדזל 400 יאָר ביז 1229, ווען שפּאַניע האָט עס דעראָבערט, געווען אונטער דער הערשאַפֿט פֿון די אַראַבער. פֿון דער אַראַבישער עפּאָכע זענען פֿאַרבליבן געמויערטע בעדער, וואָס שטאַמען פֿון 10טן יאָרהונדערט, צווישן די־אָ בעדער אין פּאַלמאַ, איז געווען אויך אַ ייִדישע באָד, וואָרשײַנלעך — אַ מקווה. אַ צווייטער באַלערנדיקער פּרט: אין פּאַלמאַ איז במשך פֿון לאַנגע יאָר־ הונדערטער געווען אַ זון־זייגער פֿון אַן אויסטערלישן געבוי. ספּעציאַ־ ליסטן האָבן געזוכט צו דערגיין פֿון וואַנען ס'האָט זיך גענומען אַזאַ אַנטיק. האָט אַ געלערנטער, אַ קאַטוילישער טעאָלאָג, רעקטאָר פֿון אוניווערסיטעט אין פּאַלמאַ אין פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, אין איינעם פֿון זײַנע ביכער וועגן רעליגיעס פֿעסטגעשטעלט, אַז אין די צײַטן פֿון וועספּאַזיאַן, ווען ייִדן זענען, נאָכן צעשטערן ירושלים אַנטלאָפֿן פֿון דאָרט, געקומען קיין מאַיאָרק און מיטגעבראַכט מיט זיך דעם אַרויסגעראַטעוועטן זייגער. צי אַזאַ אורשפּרונג פֿונעם אויסטערלישן זייגער איז אַ ריכטיקער צי נישט, איז

מען אָבער פֿון אַזאַ השערה געניגט צו גלייבן, אַז ייִדן האָבן זיך באַזעצט אין דעם שיינעם, זוניקן מאַיאָרק אין די עלטסטע צײַטן. אָבער דאָס אַלץ גיט נאָך נישט קיין שליסל זיך צו דערוויסן וואָס מיט זיי איז געוואָרן.

פֿון אַ באַקאַנטער, אַ טוריסטין אין פּאַלמאַ, האָב איך מיך דערוווּסט, אַז ס'איז פֿאַראַן אין דער שטאָט אַן אַמאָליקע ייִדישע געגנט, ווו עס וווינט הײַנט די אָרעמשאַפֿט. די געגנט האָב איך געפֿונען אַן אָפּגעלאָזענע, אַ פֿאַרבאָרגענע, אַ שטומע. זי דערציילט גאָרנישט. קיין ייִדן זענען דאָרט נישטאָ. פֿון דער זעלבער טוריסטין האָב איך זיך אָבער אויך דערוווּסט, אַז זי האָט באַגעגנט אַ דאָרטיקן מאָלער, וועלכער האָט איר, דער ייִדישער פֿרוי, דערציילט אין קוים אַ פֿאַרשטענדלעכן פֿראַנצויזיש, אַז ער שטאַמט פֿון ייִדן און טראַכט זיך אומצוקערן צום ייִדנטום. ווו געפֿינט מען דעם דאָזיקן מענטש? זי ווייסט נישט. ווו און ווי אַזוי געפֿינט מען אַנדערע אָפּשטאַמיקע פֿון ייִדן? ווו זוכט מען סתּם ייִדן צו קאָנען זיך עפּעס דערוויסן?

צופֿאַלן העלפֿן צײַטנווייז אַרויס. מיר זענען זאַלבע דריט, נאָך אַ לאַנגן באַזוך אין דער גרויסער קאַטעדראַלע (אין די קעלערן פֿון דער קאַטעדראַלע ליגן אַ סך ייִדישע ספֿרים. מיר האָבן זיי נישט געקאָנט זען צוליב אַ רעמאָנט.) געזעסן אין דערנעבנדיקן עקזאָטישן גאָרטן אויף אַ באַנק און צוזאַמען אין פֿראַנצויזיש זיך געבראַכן דעם קאָפּ ווי אַזוי אָנצו־קומען צום אויטאָבוס, וואָס פֿירט צום שטעטעלע פֿון אונדזער אויפֿהאַלט. אַן עלטערער מאַן מיט אַ הדרת פּנים און עלעגאַנטער באָרד האָט פֿון סוף פֿון דער באַנק זיך אויסגעדרייט צו אונדז און אין אַ פּערפֿעקטן פֿראַנצוי־זיש אונדז אָנגעוויזן דעם קירצסטן וועג.

— איר זענט אַ היגער? — האָב איך געפֿרעגט.

— אַ היגער, אָבער איך שטאַם פֿון מאַראָקע.

— קענט איר גוט די שטאָט?

— זייער גוט.

האָט ער זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן און גערן באַריכות דערציילט, אַז פּאַלמאַ איז אַן אמתע קאָסמאָפּאָליטישע שטאָט. פֿאַראַן דאָ מענטשן פֿון אַלע לענדער און אַלע פֿעלקער. כ'האָב זיך דערוווּסט פֿון אים פּרטים, וועלכע כ'האָב נישט געפֿונען אין די איבער 200 זײַטן פֿון „גייד".

— און ייִדן זענען אויך פֿאַראַן אין פּאַלמאַ?

— פֿאַראַן, פֿאַראַן כ'קען אַ סך פֿון זיי. אויב איר ווילט זיי טרעפֿן, איז אײנעם געסל, ווו עס זענען פֿאַראַן בלויז ייִדישע יובילער־געשעפֿטן.

אויף צו מאָרגנס האָב איך מיך ווידער געלאָזט קיין פּאַלמאַ, דאָס מאָל אָפּצוזוכן דאָס געסל פֿון ייִדישע יובּילערן. אָבער גיי געפֿין אַ געסל, ווען אין דער האַנדלס־געגנט פֿון דער אַלטשטאָט זענען פֿאַראַן צענדליקער געסלעך, אַלע זענען זיי ענלעך צו זיך און כּמעט אומעטום זענען פֿאַראַן אובּילער־געשעפֿטן. (יובּילעריי, דער עיקר פּערל, איז איינע פֿון די אינ־דוסטריעס און קאָמערציעלע באַשעפֿטיקונגען פֿונעם אינדזל). האָב איך מיך אָנגענומען מיט כּוח, אַרײַן אויף איינער פֿון די הויפּט־האַנדלס־גאַסן אין אַ יובּילער־געשעפֿט פֿרעגן וווּ עס געפֿינט זיך דאָס געסל פֿון ייִדישע יובּילערן. דורך דער גלעזערנער טיר האָב איך געזען צוויי מענער, וועלכע האָבן זיך פֿאַרנומען מיט סאָרטירן סחורות. כ׳האָב שוין געוווּסט, אַז אין די געשעפֿטן זענען זיי צוגעוווינט צו די פֿילצאָליקע טוריסטן און מען רעדט אין אַלע שפּראַכן. כ׳האָב זיך געוואָנדן צו דעם, וועלכער האָט מיר אויסגעזען צו זײַן דער אייגנטימער.

פֿרעגט בײַ אים, ער איז אַ ייִד — האָט מיר דער מענטש געזאָגט אין אַ שטאַמלנדיקן פֿראַנצויזיש, אָנווײַזנדיק אויף דעם עלטערן מאַן, וואָס האָט אויסגעזען צו זײַן זײַן שותּף.

— איר זענט אַ ייִד? האָב איך אַ צופֿרידענע איבערגעפֿרעגט.

— ניין, ניין, איך בין נישט קיין ייִד, כ׳בין אַ קאַטאָליק — האָט ער ענערגיש אָפּגעלייקנט.

דער ערשטער שותּף האָט זיך שטיל געשטיקט פֿון געלעכטער, געווונ־קען צו מיר און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— לויט אים זענט איר אַ ייִד — האָב איך געפּרוּווט עפּעס דערגיין פֿון אים.

— מײַנע אור־עלטערן זענען געווען ייִדן, מיינט ער, אַז איך דאַרף אויך זײַן אַ ייִד. איך בין אָבער אַ קאַטאָליק. ס׳איז אַ מעשׂה, וואָס איז שוין אַלט אַ פֿינעף הונדערט יאָר. געווען אַמאָל ייִדן, הײַנט קאַטאָליקן, זינט הונדערטער יאָרן.

וואָס שייך דעם געסל פֿון ייִדישע יובּילערן, האָב איך זיך גאָרנישט דערוווּסט. האָב איך ווײַטער געוואַנדערט און געזוכט. פּלוצלינג האָב איך דערזען אַן עכט ייִדיש פּנים. דורך דער אָפֿענער טיר פֿון אַ קלייטל, האָב איך דערזען בײַ אַ וואַרשטאַט־טיש אַ זייגער־מאַכער. אַן עלטערער מענטש מיט אַ קאָפּ שוואַרץ־גרויע האָר, מיט אַ היפּשער נאָז, מיט אַ טונקל־ברוין סעמיטיש פּנים. אָנגעבויגן איבער אַ פֿונאַנדערגענומענעם וועקער, האָט ער אויסגעזען ווי אַ טיפּישער ייִדישער זייגער־מאַכער פֿון אַ ייִדיש־פּויליש

שטעטל. כ׳בין אַרײַן אין קלײטל און געפֿרעגט אויפֿן געסל פֿון ייִדישע יובילערן. דער מענטש האָט געקוקט אויף מיר מיט פֿאַרדאַכט און נערוועז געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט. ניין, ער ווייסט נישט. דערבײַ האָט זײַן פּנים באַקומען נאָך אַ מער ייִדישן אויסזען. כ׳האָב געוואָלט געווינען זײַן צוטרוי און געזאָגט:

— כ׳בין אַ ייִדישקע פֿון פֿראַנקרײַך, כ׳זוך ייִדן, מיר דוכט זיך אַז איר זענט אַ ייִד...

ער האָט אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר צעשראָקענע אויגן, אָנגעהויבן נערוועז צו פּלאָנטערן מיט דער צונג, ווי ער וואָלט געוואָלט אָפּווענדן פֿון זיך אַ בילבול:

— ניין, איך... איך... כ׳בין נישט קיין ייִד, כ׳בין אַ קאַטאָליק. כ׳ווייס נישט פֿון קיין שום געסל, כ׳בין נישט קיין ייִד.

וואָס מער ער האָט אַן איבערראַשטער, אַ דערשראָקענער זיך פֿאַרטיידיקט, אַלץ מער האָט זײַן פּנים באַקומען אַ ייִדישן אויסזען. ביז הײַנט בין איך זיכער, אַז ער איז איינער פֿון די אַ סך אָפּשטאַמיקע פֿון די אַמאָליקע ייִדן, וועלכע מ׳האָט געהאַט בײַם סוף 15טן יאָרהונדערט געצווּנגען צו שמד. ס׳איז מיר געוואָרן אַ רחמנות, קוקנדיק, ווי דערשראָקן ער איז געוואָרן און כ׳בין אַוועק.

וואַנדערנדיק ווײַטער אין אַ דערנעבנדיק געסל, האָב איך אין אַן אָפֿענער טיר פֿון אַ יובילער־קלײטל געזען אַ יונגע שוואַרץ־חנעוודיקע פֿרוי. די יובילער־סוחרים דערקענען לײַכט די טוריסטן, פֿאַרבעטן זיי אָפֿטמאָל אין געשעפֿט. די יונגע פֿרוי האָט געשמייכלט צו מיר. מיר זענען אַרײַן אין געשעפֿט, געקויפֿט אַ קלייניקייט און פֿאַרפֿירט מיט איר אַ שמועס.

— צי זענען פֿאַראַן ייִדן אין דער געגנט?

— פֿאַראַן, פֿאַראַן אַ סך.

— איר זענט אפֿשר אויך אַ ייִדישקע?

זי האָט זיך הויך, שטיפֿעריש צעלאַכט:

— איך זע דען אויס אויף אַ ייִדישקע? טוריסטן האָבן מיך שוין דאָס געפֿרעגט. ניין, איך בין נישט קיין ייִדישקע, אָבער איך קען אַ סך ייִדן.

כ׳האָב איר געגלייבט. זי איז נישט געווען דערשראָקן. געענטפֿערט פֿרײַ אויף אַלע פֿראַגן. — יאָ, אין דער געגנט זענען פֿאַראַן אַ סך ייִדן. דאָס גרויסע קליידער־געשעפֿט בײַם סוף גאַס געהערט צו אַ ייִדישן שנײַדער; יאָ, פֿאַראַן אַ געסל פֿון בלויז ייִדישע יובילערן. דאָס געסל הייסט פּלאַ־

טעריאַ. אַט שרײַבט זי אונדז אויף דעם נאָמען ס׳איז אַ 4־5 מינוט גאַנג פֿון דאַנען.

כ׳האָב נאָך אַלץ נישט געוווּסט, נישט געפֿרעגט וואָס פֿאַראַ ייִדן עס זענען דאָרט. כ׳האָב איר באַדאַנקט פֿאַר די אינפֿאָרמאַציעס און זיך געלאָזט צום מיסטעריעזן געסל. איצט איז לײַכט געווען עס צו געפֿינען, כאָטש ס׳איז פֿאַרשטעקט הינטער אַ צווייט געסל. כ׳האָב אַרומגענומען מיטן אויג די יובילער־געשעפֿטן פֿון בײדע זײַטן טראָטואַר און געטראַכט ווו איך זאָל קערעווען מײַנע ערשטע טריט. אַ מיטליאַריקע פֿרוי מיט אַ טיפּיש ייִדישן אויסזען האָט אַרויסגעקוקט פֿון אַן אָפֿענער, באַגלאָזטער טיר און מיט אַ העפֿלעכן זשעסט פֿאַרבעטן. ווען מיר זענען אַרײַן האָט זי אַ צעשמייכלטע, אָנגעהויבן אויספֿרעגן וואָס כ׳האָב חשק אײַנצוקויפֿן. כ׳האָב זיך אַנטשול־דיקט וואָס איך קום נישט אײַנקויפֿן. כ׳האָב אויף דער הייסער מינוט צו־געטראַכט אַ מעשׂה... כ׳קום דאָ זוכן אַ ייִדישע משפּחה, נאָר כ׳האָב נישט דעם נומער פֿון דער גאַס, די משפּחה הייסט קאָהען... איר קענט זיכער די ייִדן פֿון געסל...

די צעשמייכלטע פֿרוי איז געוואָרן ערנסט, בלאַס, און האָט אָנגעהויבן נערוועז רעדן:

— איך קען נישט קיין שום ייִדישע משפּחה, קיין שום ייִדן. נישט פֿאַראַן דאָ אין דער גאַס קיין ייִדן, אַלע זענען דאָ קאַטאָליקן.

— איר זענט אויך אַ קאַטוילישע?

— איך בין אויך אַ קאַטוילישע, אַלע זענען מיר דאָ קאַטאָליקן, נישטאָ דאָ קיין ייִדן.

דער מאַן, וואָס איז געזעסן בײַם טיש אויבנאָן, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט זיכער געפֿילט ווי איך האָב אויפֿגעכאַפּט זײַן איראָנישן שמייכל. ער איז געוואָרן ערנסט. אַ שווײַגנדיקער האָט ער אײַנגעגראָבן די בליקן אין טיש. בעתן שמועס האָט ער מיט קיין וואָרט זיך נישט אָפּגע־רופֿן, אָבער ס׳איז קענטיק געווען, אַז ער איז אויפֿגערודערט. כ׳האָב פֿאַר־לאָזט דאָס געשעפֿט מיטן באַשלוס גלײַך צו פּרוּוון דאָס מזל ערגעץ אַנדערש, אונטער אַן אַנדער פּרעטעקסט. מײַן באַגלייטער האָט מיך אָפּגע־רעדט. ס׳איז אַ רחמנות אויף די מענטשן. צי זע איך דען נישט, אַז זיי האָבן שרעקלעך מורא?

נאָך אַ צווייטן דורכפֿאַל אין אַ יובילער־געשעפֿט האָבן מיר לאַנגזאַם שפּאַצירט אין שמאָלן געסל און איך האָב געטראַכט צי זאָל איך שוין הײַנט אָפּלאָזן דאָס ווײַטערדיקע נאָכפֿרעגן, ווי עס עצהט מיר מײַן

באַגלייטער, צי נישט. אין דעם האָט זיך אַ טיר פֿון אַ געשעפֿט געעפֿנט און אויף דער שוועל איז געבליבן שטיין אַ הויכער יונגער מענטש מיט אַ שוואַרצן קאָפּ לאַנגע האָר און אַ געדיכטער רונדיקער באָרד. די מאָדערנע פֿריזור, דאָס אָפֿענע, סימפּאַטישע פּנים האָבן מיר אונטערגעזאָגט, אַז דאָס איז אַ פֿרײַער מענטש. כ׳האָב נישט לאַנג געטראַכט, דערנענטערט זיך צו אים און געפֿרעגט צי איך קאָן בעטן בײַ אים אויסקונפֿטן. ער האָט אונדז העפֿלעך פֿאַרבעטן אין געשעפֿט. דאָס מאָל האָב איך געשפּילט אין אָפֿענע קאָרטן: כ׳בין אַ ייִדישער שרײַבער פֿון פֿראַנקרײַך, כ׳דאַרף מאַכן אַ פֿאָרש־אַרבעט וועגן די אַמאָליקע ייִדן, מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז אין דעם געסל וווינען בלויז ייִדן.

ער האָט בליץ שנעל פֿאַרשטאַנען אין וואָס מיר גייט. יאָ, אין דער גאַס זענען אַלע אייגנטימער פֿון די געשעפֿטן, חוץ אייניעם, פֿון ייִדישער אָפּשטאַמונג. ער גופֿא אויך. זיי ווייסן דאָס אַלע גענוי, פּונקט ווי די אַנדערע אָפּשטאַמיקע פֿון ייִדן ווייסן דאָס, אָבער אַ סך פֿון זיי ווילן זיך נישט אויסגעבן. צווישן זיך באַהאַלטן דאָס נישט אויס אַפֿילו די, וואָס גייען אין קלויסטער. דער באַוווסטזײַן, אַז מ׳שטאַמט פֿון ייִדן גייט איבער פֿון דור צו דור, מען ווייסט צומאָל, אַז נישט ווײַט פֿון דאַנען, אויף פּלאַזאַ מאַיאָר, זענען מיט הונדערטער יאָרן צוריק, בעת די גרויסע רדיפֿות, פֿאָרגעקומען משפּטים פֿון דער אינקוויזיציע און אַז אויפֿן דאָזיקן גרויסן פּלאַץ האָבן אַמאָל געפֿלאַקערט די אויטאָדאַפֿעס, ווו מ׳האָט געברענט די נײַע קאַטאָליקן, וועלכע מ׳האָט חושד געווען אין אָפּהיטן אין געהיים ייִדישקייט.

— ווי זעט עס הײַנט אויס מיט די דאָזיקע מענטשן? זענען זיי ווירקלעך קאַטאָליקן?

— ס׳איז זייער פֿאַרשידן, די עלטערע מענטשן גייען, אָדער פֿון געוווינהייט, אָדער אפֿשר פֿון אַ באַדערפֿעניש, אין קלויסטער, די יוגנט נישט, פּונקט ווי איך גיי קיין מאָל נישט אין קלויסטער, ווײַל איך בין נישט רעליגיעז, אָבער אָפֿיציעל זענען מיר אַלע קאַטאָליקן. אַזוי זינט דעם סוף פֿון 15טן יאָרהונדערט. ווי איר ווייסט, זענען דעמאָלט געווען צוויי אויסוועגן — אָדער טויט, אָדער אָננעמען דעם קאַטאָליציזם.

— ווי קומט עס אָבער וואָס אַלע נישט־ייִדן ווײַזן אָן אויף אײַך ווי ייִדן, באַטראַכטן אײַך אַלע אַלס ייִדן?

— די אָפּגעשמדטע ייִדן האָבן פֿון שטענדיק אָן געלעבט צווישן זיך, אָפּגעזונדערט פֿון דער אמתער קאַטוילישער באַפֿעלקערונג, האָבן חתונה

געהאַט בלויז צווישן זיך, זיך נישט אויסגעמישט; דערצו איז דאָס אַ קליין אָרט, אַלע קענען אַלעמען און אַזוי איז דאָס פֿאַרבליבן. אפֿשר דערפֿאַר ווילן אַ סך אויסבאַהאַלטן, אַז זיי שטאַמען פֿון יידן. אַנדערע דאַקעגן ווילן דווקא יאָ וויסן פֿון וואַנען זיי שטאַמען. מיך, למשל, אינטערעסירט מײַן נאָמען. כ'הייס מיראַ, לואיז מיראַ, וויל איך גרייכן צו די וואָרצלען, איך זוך זיך צו דערוויסן צי מיראַ איז אַ יידישער נאָמען, אָדער מײַנע זיידעס האָבן אַמאָל, ווען זיי זענען געצוווּנגען געווען אָנצונעמען דעם קאַטאָליציזם, אויך אָנגענומען אַן אַנדער נאָמען.

— אויף מײַן פֿראַגע צי דער באַרימטער שפּאַנישער מאָלער יאָכאַן מיראָ איז אויך פֿון יידישער אָפּשטאַמונג (ווי וואַלעסקעז) האָט ער נישט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן. אגב האָט ער מיר אינפֿאָרמירט, אַז דער מאָלער מיראָ וווינט אין פּאַלמאַ. דאַקעגן האָט שפּעטער אַ צווייטער אינפֿאָרמאַטאָר מײַנער, נישט קיין אָפּשטאַמיקער פֿון יידן, מיר פֿאַרזיכערט, אַז דער מאָלער מיראָ שטאַמט טאַקע פֿון יידן און אַז אין טעלעפֿאָן־בוך אין פּאַלמאַ קאָן מען געפֿינען אָן אַ שיער מאָל דעם נאָמען מיראָ און אַלע די מענטשן זענען אָפּשטאַמיקע פֿון יידן.

נאָך מײַן לאַנגן שמועס מיט לואיז מיראָ האָב איך אים געפֿרעגט צי ס'וואָלט מעגלעך געווען ער זאָל מיך צונויפֿפֿירן מיט עטלעכע יידן־קאַטאָליקן פֿון דער גאַס איך זאָל קאָנען זיי שטעלן אייניקע פֿראַגן. ניין, האָט ער מיר פֿאַרזיכערט, ס'וועט זיך נישט אײַנגעבן, זיי זענען נישט פֿרײַ דערצו, זיי וועלן אַזאַ פֿאָרשלאָג נישט אָנגעמען.

דער 35־יאָריקער יונגער מענטש האָט מיר בײַם געזעגענען געגעבן זײַן קאַרטל און מסכּים געווען איך זאָל צו אים אָרײַנפֿאַלן, ווען איך וועל אים דאַרפֿן. דאָך, ווען איך בין איינמאָל געקומען און געטראָפֿן בײַ אים אַ האַלבן טוץ מענטשן, זיכער יידן־קאַטאָליקן, האָט ער מיך אָפּגערופֿן אין אַ זײַט, אַנטשולדיקט זיך און געגעבן צו וויסן, אַז אין זייער אָנוועזנהייט איז נישט מעגלעך וועגן די ענינים צו שמועסן, כ'זאָל קומען אַ צווייטן מאָל.

איך האָב אָבער באַלד דערנאָך געפֿונען נאָך אַ מער פֿרײַערן אינפֿאָרמאַטאָר, ווײַל נישט פֿון יידישער אָפּשטאַמונג, אַ דאָרטיקער אַנטיפֿאַשיסט, אַ סאָציאַליסט, וועלכער איז באַקאַנט מיט דער געשיכטע פֿון יידן אין מאַיאָרק. מיר האָבן זיך באַגעגנט אין דער האַנדלס־גאַס סינדיקאַטאַ, נישט ווײַט פֿונעם דערמאָנטן פּלאַזאַ מאַיאָר. ער האָט מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויף דער גאַס און מיר איבערגעגעבן דאָס, וואָס ער האָט זיך דערוווּסט

פֿון אַלטע אַנאַלן: „אַט דאַ, אין דער לענג פֿון דער גאַנצער גאַס, האָט זיך אין אַ מאַי־טאָג 1495 געגאָסן בלוט. אַן אויפֿגערייצטער המון האָט אַרויסגעשלעפּט ייִדן פֿון די הײַזער, פֿון די קראָמען און זיי דערמאָרדעט, ווי אַזוי עס האָט זיך נאָר געלאָזט. דערנאָך האָט מען די לעבנגעבליבענע געצוווּנגען איבערצוגיין צום קאַטאָליציזם".

אויך ער האָט גערעדט וועגן די קאַטאָליקן־ייִדן, אָדער אָפּשטאַמיקע פֿון ייִדן ווי וועגן אמתע ייִדן. פֿון אים האָב איך מיך אויך דערוווּסט, אַז פֿיל אַזעלכע, וועלכע ער באַטראַכט אַלס ייִדן, פֿאַרנעמען הויכע פּאָסטנס אין דער שטאַט־אַדמיניסטראַציע און אויף אַנדערע געביטן. דער בירגער־מייסטער פֿון פּאַלמאַ, אַ באַקאַנטער סאָציאַליסט מיטן נאָמען אַגיאָ אַלקאַלדע איז אויך אַזאַ ייִד, אַלע ווייסן דערפֿון, האָט ער מיר פֿאַרזיכערט.

אגב האָב איך אין שטאַטראַט אין פּאַלמאַ באַקומען נישט ווייניק אויסקונפֿטן. אויך וועגן אַרטיקן בית־מדרשל פֿון ייִדישע ייִדן האָב איך זיך דערוווּסט בײַ אַ סימפּאַטישן באַאַמטן אין שטאַטראַט. און ווער ווייסט צי ס׳קלאַפּט נישט אין אים אַ ייִדישער אָדער. און אַז ס׳זענען שוין דער־מאָנט ייִדישע ייִדן, איז זאָל וועגן זיי עפּעס דערציילט ווערן: כ׳האָב זיי לאַנג געזוכט און געפֿונען אַן אַדרעס טאַקע אַדאַנק דעם באַאַמטן. 14 קילאָמעטער פֿון מײַן אויפֿהאַלט־אָרט, 8 קילאָמעטער פֿון פּאַלמאַ, געפֿינט זיך דאָס שיינע שטעטעלע קאַלאַ מאַיאָר. אין אַן אָפּגעדונגענעם, לאַנגן צימער פֿון אַ גרויסן האָטעל, ווו עס שטייען אײַן אגב אַן אַ שיעור דײַטשי־שע טוריסטן (זיי זענען אומעטום דאָרט פֿול), איז אײַנגעאָרדנט לויטן אשכּנזישן נוסח אַ בית מדרש, ווו ייִדן קומען זיך צונויף פּרײַטיק אָוונט, שבת אין דער פֿרי און בעת די יום־טובים.

ווער זענען די ייִדן? דאָס זענען עלטערע מענטשן, מענער און פֿרויען, וועלכע קומען פֿון ענגלאַנד, האָלאַנד, דענעמאַרק און אַנדערע צפֿון־אייראָ־פּעיִשע לענדער פֿאַרברענגען די ווינטער־חדשים, אָדער באַזעצן זיך אין דעם מילדן, וואַרעמען קלימאַט. 60 אַזעלכע פּערזאָנען זענען מיטגלידער פֿון דעם בית־מדרשל, אָבער דורכשניטלעך קומען בלויז אַ דרײַסיק. יעדע עטלעכע חדשים קומט צו זיי אַ רב פֿון באַרצעלאָנע, וואָס געפֿינט זיך בלויז עטלעכע צענדליק קילאָמעטער פֿון מאַיאָרק. איך בין בײַגעווען אַ פּרײַטיק אין אָוונט בײַ אַזאַ צוזאַמענקונפֿט, ייִדן האָבן מיט התמדה געדאַוונט, דער בעל־תּפֿילה האָט זיך צעלאָזט אויפֿן גאַנצן קול. כ׳האָב געשמועסט מיט אַ סך פֿון זיי; בלויז איינער, אַ מאַן פֿון אַ יאָר 50, איז מיט צען יאָר צוריק געקומען פֿון האָלאַנד זיך באַזעצן אין פּאַלמאַ

געשעפּטלעך. אַ סברה, אַז ער איז נישט דער איינציקער. אַגב האָב איך מיך דורכגעשמועסט מיט אַ ייִדישער משפּחה פֿון מאַראָקע, וואָס ווייסט צומאָל נישט וועגן דעם בית־מדרשל און וואָס קלייַבט זיך ווידער אויס־צוּוואַנדערן, קיין מאַלאַגאַ, ווּ ס׳זאָל זייַן אַן אַקטיווע ייִדישע קהילה. על־כּן, ייִדן וואַנדערן... ס׳איז מיר געלעגן אויף די ליפּן אַ פֿראַגע: פֿאַרוואָס פֿאָרן נישט די אַלע קיין ישׂראל, בפֿרט די עלטערע מענטשן, וואָס האָבן מיטלען צו לעבן און זוכן בלויז אַ וואַרעמען קלימאַט? כ׳האָב נישט געפֿרעגט. דווקא, ווייַל כ׳האָב געזען זייער וואַרעמע באַציִונג צו ישׂראל.

כ׳האָב דאַקעגן אויסגעפֿרעגט צי זיי האָבן וועלכע ס׳איז קאָנטאַקטן מיט די אָפּשטאַמיקע פֿון ייִדן. ניין, כאָטש זיי ווייסן, אַז זיי זענען אין אַ גרויסער צאָל. דאָך איז אַ געוויסע צייַט געקומען אין בית המדרשל איינער אַזאַ אָפּיציעלער קאַטאָליק און זיך פֿאַרטרויט, אַז ער באַגערט זיך אומצו־קערן צום ייִדנטום, געגומען אויסקונפֿטן וועגן דער פּראָצעדור, געזאָלט פֿאָרן קיין ישׂראל אין צוזאַמענהאַנג דערמיט. וואָס מיט אים איז געוואָרן ווייסן זיי נישט. ער איז נעלם געוואָרן. ובכן, צו מיר זענען דערגאַנגען בלויז צוויי ידיעות וועגן צוויי אַזעלכע, וואָס באַגערן זיך אומצוקערן צום ייִדנטום און ס׳איז נישט זיכער צי זיי האָבן דאָס דורכגעפֿירט; כ׳מיין, אַז נישט. מעגלעך צוליב דער שווערער פּראָצעדור, און אפֿשר צוליב דער טראַגישער פֿאַרגאַנגנהייט, וואָס דריקט נאָך אויף זיי מיט אַ שווערער משׂא, ווי איך האָב דאָס געזען.

*

אָפּיציעל האָבן די טריבונאַלן פֿון דער אינקוויזיציע אויפֿגעהערט צו אַרבעטן אין אָנהייב פֿון 19טן יאָרהונדערט. אָפּיציעל, און בלויז די טריבו־נאַלן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אין פּאַלמאַ איז געווען אַ קלויסטער פֿון די דאָמיניקאַנער, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין זכּרון פֿון דורות מיט זייַנע גרויזאַמקייטן, וואָס זענען דאָרט אָפּגעטאָן געוואָרן. דאָס איז געווען אַ ריזיקע געביידע פֿון אַ זעלטענער גאָטישער אַרכיטעקטור, פֿון קונסט־אויסשטאַטונג, אַ באַצירטע מיט רייַכע, קאָלירטע מאָזאַיִקעס און סקולפּטורן. אָבער אין דער קונסט־געבייַדע האָט געפֿירט איר טייַוולאָנישע אַרבעט די אינקוויזיציע. אין דער טיף פֿונעם קלויסטער, אין די שטיינערנע קעלערן, וועמענס ווענט האָבן געהאַלטן 14 פֿיס די גרעב, איז געווען די תּפֿיסה, ווּ מענטשן האָבן זיך געפּייַניקט אין פֿינצטערע, אייַזקאַלטע איינצל־צעלן, אָן אַ שטראַל ליכט און אָן לופֿט, און וואָס שטאַרקער דער אָרגאַניזם פֿון

„פֿאַרזינדיקטן" איז געווען, אַלץ מער יאָרן האָט געדויערט זײַן פּײַן, אויב ער איז נישט פֿאַרפּײַניקט געוואָרן מיט איין מאָל דורכן פֿײַער פֿון אויטאָ־דאַפֿע. (כ׳האָב אגב געזען ענלעכע תּפֿיסה־צעלן אין גרויסאַרטיקן קונסט־פּאַלאַץ פֿון די דאָזשן אין ווענעציע און אויך אין פֿראַנקרײַך. אין באַרימטן סען מישעל, אין דער געבײַדע פֿון זעלטענער אַרכיטעקטור).

ערשט אין 1837, נאָכן אָפּשאַפֿן די אינקוויזיציע, איז לויט אַ דעקרעט פֿון שפּאַנישן ערשטן מיניסטער מענדיזאַבעל צעשטערט געוואָרן דער שרעקלעכער סימבאָל פֿון דער אינקוויזיציע. די דירעקטאָרן פֿון דער היפּשער ביבליאָטעק אין פּאַלמאַער שטאָטראָט האָט מיר אין אַן ענציקלאָ־פּעדיע אויפֿגעזוכט געוויסע פּרטים וועגן שרעק־קלויסטער און איבערגע־געבן, אַז ער האָט זיך געפֿונען אין צענטער פֿון שטאָט, נישט ווײַט פֿון שטאָטראָט, און אַז אויף יענעם אָרט געפֿינט זיך הײַנט אַ קאַזינאָ. מענטשן, וועלכע ווײַלן זיך הײַנט אין דעם־אָ קאַזינאָ ווייסן נישט, אַז פֿון די שטיינ־ערנע טיפֿענישן האָבן זיך אַמאָל במשך פֿון דורות געטראָגן פֿאַרשטיקטע פּײַן־געשרייען. און דאָ קערן מיר זיך אום צו זשאָרזש סאַנד. אין 1838 האָט זי נאָך באַגעגנט, ווי זי שרײַבט אין איר בוך „אַווינטער אין מאַיאָרק", אַ גלח פֿון פּאַלמאַ, וועלכער האָט אין זײַן יוגנט, פֿאַר אַ פֿאַר־דאַכט אין הערעטיזם, געשמאַכט 7 יאָר אין דער אונטערערדישער, שטיינ־ערנער תּפֿיסה. און נאָר אַדאַנק אַ זייער אײַנפֿלוס־רייכער דאַמע, וועלכע האָט אים גענומען אונטער איר שוץ, איז ער לעבן געבליבן און אַרויס פֿון דער אינקוויזיציע־תּפֿיסה.

פֿון די פֿילצאָליקע ייִדישע קרבנות, די פֿאַרדעכטיקטע אין אָפּהיטן אין געהיים ייִדישקייט, אָדער ווי מ׳האָט זיי גערופֿן — מאַראַנען, איז אַ ספֿק צי עמעצער איז אַרויס אַ לעבעדיקער.

די אינקוויזיציע אין פּאַלמאַ־מאַיאָרק האָט געהאַט אירע אייגענע, ספּעציפֿישע פּראָצעדורן. זשאָרזש סאַנד שרײַבט וועגן אַ פֿראַנצויזישן מחבר מיטן נאָמען גראַסע דע סען סאַוועור, וועלכער האָט אין אָנהייב פֿון 19טן יאָרהונדערט געמאַכט אַ רײַזע איבער די באַלעאַרן־אינדזלען און באַזוכט דעם־אָ קלויסטער אין פּאַלמאַ. און דעם מחבר, שטרײַכט אונטער די שרײַבערין, קאָן מען נישט חושד זײַן אין אײַנזײַטיקייט אָדער שטרענג־קייט לגבי דער אינקוויזיציע, האָט אַן אויפֿגעטרייסלטער פֿון דעם וואָס ער האָט געזען, אַזוי געשריבן: „אין קלויסטער פֿון די דאָמיניקאַנער זעט מען נאָך די אויסגעמאָלענע אימאַזשן, וואָס דערמאָנען די באַרבאַרײַ מיט וועל־כער מ׳איז זיך דאָ באַגאַנגען מיט די ייִדן. יעדער פֿון די אומגליקלעכע,

וואָס איז פֿאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט, איז פֿאַרגעשטעלט אין אַ בילד אונטער וועלכן ס׳איז אונטערגעשריבן זײַן נאָמען, זײַן פֿאַרנאָמען, זײַן עלטער און די דאַטע, ווען ער איז באַשטראָפֿט געוואָרן (ד.ה. פֿאַר־ברענט געוואָרן. ל. ב.). מ׳האָט מיר דערציילט, אַז נישט לאַנג צוריק האָבן די אָפּשטאָמיקע פֿון יענע אומגליקלעכע, וואָס בילדן הײַנט אַ באַזונדערן קלאַס צווישן די אײַנוווינער פֿון פּאַלמאַ און וועלכע מען רופֿט מיטן אָפּלאָכערישן און דערנידעריקטן נאָמען רויב־נאַכט־פֿייגל, אַז זיי, די אָפּשטאַמיקע פֿון די קרבנות, האָבן אָנגעבאָטן גרויסע סומעס געלט מ׳זאָל אָפּמעקן די גרויליקע אָנדענק־„מאָנומענטן״. גראַסע גיט צו: „ס׳איז מיר געווען שווער צו גלייבן אין דעם״. הכלל, אַז עדות נישט בלויז פֿון די שוידערלעכקייטן נאָך אויך פֿון דעם, אַז די געצוווּנגענע אָנצונעמען דעם קאַטאָליציזם זענען געווען איזאָלירט פֿון דער קאַטוילישער באַפֿעלקערונג, אויסגעלאַכט, פֿאַרהאַסט און האָבן געבילדעט אַ באַזונדערן „קלאַס״.

אָט ציטירט ווײַטער זשאָרזש סאַנד גראַסען: „כ׳וועל קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן ווי אַ געוויסן טאָג, ווען אַרומגייענדיק אין קלויסטער, באַטראַכטנ־דיק מיט ווייטיק די־אָ טרויעריקע אימאַזשן, איז אַ מאַנאַך צוגעקומען צו מיר און מיר געוויזן אויף בילדער מיט צלמים פֿון קנאָכן־ביינער. דאָס זענען, האָט ער מיר געזאָגט, פֿאַרטרעטן פֿון די, וועמענס אַש מ׳האָט אויס־געראָבן און צעשאָטן אויפֿן ווינט... דאָס בלוט איז אין מיר פֿאַרגליווערט געוואָרן, קוקנדיק דערויף. כ׳בין אַרויס פֿון יענעם אָרט דערדריקט און דערשלאָגן״.

און אָט זענען ציטאָטן פֿון גראַסע אין זשאָרזש סאַנדס בוך וועגן משפּטים פֿון דער אינקוויזיציע: „אַ צופֿאַל האָט געמאַכט, אַז ס׳איז מיר אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט אַ דאָקומענט פֿון דורכגעפֿירטע דורך דער אינקוויזיציע משפּטים, אַ דאָקומענט, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין 1755 און וואָס האָט פֿאַררעגיסטרירט בלויז אַ טייל אורטיילן אין מאַיאָרק אין די יאָרן צווישן 1645 ביז 1691. כ׳האָב דאָס געלייענט מיט שוידער. צווישן אַנדערע זענען געווען פֿיר מאַיאָרקער, צווישן זיי איין פֿרוי, וואָס זענען פֿאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט בלויז פֿאַר אַ פֿאַרדאַכט, אַז זיי האָבן ווײַטער אָפּגעהיט ייִדישקייט. צוויי און דרײַסיק אַנדערע קרבנות זענען אונטער דער זעלבער באַשולדיקונג אומגעבראַכט געוואָרן אין די לעכער פֿון דער אינקוויזיציע. פֿון דרײַ האָט מען דערנאָך אויסגעגראָבן דאָס אַש און צעשאָטן אויפֿן ווינט... פֿון זעקס פּאָרטוגעזישע פֿאַרפֿאָלגטע, צווישן זיי איין פֿרוי (זיכער אַן אַנטלאָפֿענע פֿון דער אינקוויזיציע אין

פּאָרטוגאַל ל.ב.) און 7 מאַיאָרקער אײַנוווינער אויף וועלכע ס'איז געפֿאַלן אַ פֿאַרדאַכט, אַז זיי זענען אין געהיים געבליבן ייִדן, האָט מען געמאַכט בילדער און זיי עפֿנטלעך פֿאַרברענט, ווײַל די פֿאַרדעכטיקטע איז געלונגען צו דער צײַט צו אַנטלויפֿן און זיך ראַטעווען. כ'האָב אָנגעציילט 216 אַנדערע קרבנות, מאַיאָרקער און אויסלענדער (די אויסלענדער זענען אַ סברה געווען אַנטלאָפֿענע מאַראַנען פֿון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל ל.ב.) באַשולדיקטע אין האַלטן זיך בײַ דער ייִדישער רעליגיע און אייניקע אין הערעזיע און אין איסלאַמיזם. מ'האָט זיי אַרויסגענומען פֿון די תּפֿיסה־לעכער און נאָך דעם ווי זיי האָבן עפֿנטלעך פֿאַרלייקנט זייער גלויבן און איבערגעגאַנגען אין שויס פֿון דער קאַטוילישער קירכע, האָט מען זיי געמשפּט און פֿאַרמשפּט".

און זי מאַכט לסוף אַזאַן אויספֿיר אין איר בוך: „ווען מען לייענט הײַנט אַזעלכע דאָקומענטן פֿון אַ נישט ווײַטער עפּאָכע, און ווען מען קוקט זיך צו צו דער נישט פֿאַרגאַנגענער שׂנאה נאָך 12־15 דורות, ווי די מאַיאָרקער ייִדן זענען איבערגעגאַנגען צום קריסטנטום, אַ שׂנאה, וואָס באַגלייט נאָך הײַנט די אומגליקלעכע ראַסע אין מאַיאָרק, איז מען נישט געניגט צו גלייבן, אַז דער גײַסט פֿון דער אינקוויזיציע איז געגנצלעך אויסגעלאָשן געוואָרן מיטן דעקרעט פֿון מענדיזאַבעל, ווי מ'האָט געמיינט".

דאָס איז געשריבן געוואָרן אין אומגעפֿער 1838־39. דאָס מאַכט אונדז אָבער אויך הײַנט קלאָר און פֿאַרשטענדלעך פֿאַרוואָס די אַמאָליקע געצוווּנ־גענע צו שמד ייִדן האָבן געלעבט במשך פֿון יאָרהונדערטער אָפּגעזונדערט פֿון דער באַפֿעלקערונג, זיך נישט אויסגעמישט און דערצו געלעבט אין שטענדיקער שרעק. און איך האָב, נאָך מײַנע זוכענישן און פֿאָרשונגען, אַרויסגעטראָגן דעם טיפֿן אײַנדרוק, אַז טראָץ די פֿולשטענדיק געענדערטע באַדינגונגען לעבט אין זיי טיף פֿאַרשטעקט יענע שרעק אויך הײַנט. דאָס איז עפּעס אַזאַ מין אַטאַוויזם. און ביז הײַנטיקן טאָג, ווי איך האָב דאָס געזען, באַטראַכטן זיי די נישט־ייִדן פֿאַר ייִדן, אַפֿילו די, וואָס גייען אין קלויסטער. דאַקעגן זיי גופֿא, די ייִדן־קאַטאָליקן, יעדנפֿאַלס דער גרעסטער טייל פֿון זיי, באַהאַלטן אויס, אַז זיי שטאַמען צומאָל פֿון ייִדן. דאָס זענען אין תּוך נאָך הײַנט טראַגישע מענטשן, צעריסענע מיט זיך אַליין.

שמשון אַפּטערס לעצטער ראָמאַן

(וועגן זײַן היסטאָרישן ראָמאַן „די מאַראַנען־משפּחה דאַ סילוואַ")

די טעמע וועגן די מאַראַנען אויפֿן אַמעריקאַנער קאָנטינענט איז ביז דאַ נישט לאַנג גאָר ווייניק אָרויסגעבראַכט געוואָרן אין דער ייִדישער ליטעראַטור. צומאָל אונדזערע היסטאָריקער האָבן זיך געהאַט קוים צוגע־רירט צו אָט דער גרויסער, בלוטיקער ייִדישער דראַמע. שמעון דובנאָוו, וואָס האָט אין זײַן „וועלט־געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק" אונדז געגעבן איבערזיכטן פֿונעם מאַרטירערלעבן פֿון די מאַראַנען אין שפּאַניע, פּאָרטוגאַל און אַנדערע לענדער, וועגן זייער צעשפּרייטן זיך אין דרום־אייראָפּע און אין אַנדערע מקומות, האָט יאָ געפֿאָרשט די דראַמע פֿון די אַנוסים אונטער דער אינקוויזיציע אין דער נײַער וועלט, אָבער זײַנע מעגלעכקייטן זענען דעמאָלט געווען באַגרענעצטע. שפּעטערדיקע ייִדישע היסטאָריקער האָבן אויפֿן אָרט געהאַט ברייטערע מעגלעכקייטן, ווי, למשל, דער ייִדישער היסטאָריקער פֿון אַרגענטינע באָלעסלאַוו לעווין וועמענס בוך „ייִדישע דערשבערער און מאַרטירער אין לאַטײַן־אַמעריקע" ברענגט דערשיטערנ־דיקע דאָקומענטן און שילדערונגען וועגן די מאַראַנען אין מעקסיקע. אַגב דערוויסן מיר זיך פֿון לעווינס בוך, אַז איידער נאָך דער הייליקער טריבו־נאַל פֿון דער אינקוויזיציע איז דורך פֿיליפּ דעם צווייטן אײַנגעשטעלט געוואָרן אין לאַטײַן־אַמעריקע אין יאָר 1569, זענען ייִדן־פֿאַרפֿאָלגונגען שוין דאָרט געווען, הגם מאַראַנען און אַנטלאָפֿענע פֿאַר דער אינקוויזיציע אַנוסים האָבן געהאָלפֿן דעראָבערן די לענדער און מיט זייער וויסן און קאַפּיטאַלן ברייט צוגעלייגט אַ האַנט זיי אויפֿצובויען. די שפּאַנישע און שפּעטער די פּאָרטוגעזישע מאַראַנען האָבן געזען אין דעם זוכן און אַנטדעקן אַ נײַעם קאָנטינענט, אַ מקום־מקלט פֿאַר זיך גופֿא.

ווי מיר דערוויסן זיך אויך פֿון דובנאָוון האָט, אין דער ערשטער עקס־פּעדיציע צו „מערב־אינדיע", ווי מ'האָט גערופֿן דעם נײַעם קאָנטינענט איידער זײַן אַנטדעקונג, געהאַט אַ גאָר גרויסן חלק דער רײַכער מאַראַן לואיס דע סאַנטאַנכעל, וואָס האָט אויפֿגעוויזן דער קעניגין איזאַבעלאַ וואָסערע געוואַל־טיקע רווחים ס'וועט אַרײַנברענגען אַזאַן עקספּעדיציע, און האָט זי ברייט פֿינאַנסירט. און דערפֿאַר באַלוינט געוואָרן פֿון קעניגלעכן פּאַרפֿאָלק, אַז

די אינקוויזיציע זאָל אים נישט נאָכשפּיאָנירן. צווישן דער מאַנשאַפֿט מיט קאָלומבוסן בראש זענען געווען געלערנטע מאַראַנען: ווי איבערזעצער איז געווען דער קענער פֿון אָריענטאַלישע שפּראַכן לואיס דע טאָרעס און דער שיף־דאָקטער, וואָס איז שוין געהאַט געראַטעוועט פֿון דער אינקוויזיציע, בערנאַל און אַנדערע מאַראַנען וועמענס גרויסע קענטענישן, ספּעציאַליטעטן זענען געווען ברייטיק. ווען וואַסקאָ דע גאַמאַ האָט ערב דעם גרויס־פּאָרטוגאַל, אין 1497, זיך געלאָזט מיט זײַן עקספּעדיציע, איז זײַן הויפּט־באַגלייטער געווען דער מאַראַן גאַספּאַר דע גאַלאָ און דער אָ מאַראַן האָט שפּעטער די פּאָרטוגעזן געהאָלפֿן דעראָבערן בראַזיל, וואָס שמשון אָפּטער אין זײַן בוך, ווײַזט אונדז, אונטער דער הערשאַפֿט פֿון דער אינקוויזיציע.

די פּאָרטוגעזער רעגירונג פֿלעגט פֿון אָנהייב אין דעראָבערטן בראַזיל פֿאַרשיקן אַהין פֿאַרברעכער און אויך נישט ווייניק אַנוסים, וועלכע זי האָט חושד געווען אין אָפּהיטן אין געהיים ייִדישקייט. אין נײַעם לאַנד זענען זיי אויסגעלייזט געוואָרן און אָנגעהויבן פֿרײַ אָפּהיטן זייער אמונה. אַהין האָבן געצויגן נישט נאָר מאַראַנען פֿון פּאָרטוגאַל און שפּאַניע, נאָר ס'איז אויך געקומען אַ ייִדישע אימיגראַציע פֿון האָלאַנד, בראש מיטן אַמסטער־דאַמער צו־יענער־צײַט־באַקאַנטן רב ר' יצחק אבואב דע פֿאָנעסקאָ. און אין בראַזיל האָבן זיך צעבליט ייִדישע ישובים, מיט דער גרעסטער קהילה אין דער שטאָט פּערנאַמבוקאָ רעציפֿע, וועלכע אָפּטער דערמאָנט אין זײַן ראָמאַן. צוגעשפּילט די ייִדן האָט די אַרײַנדרינגונג פֿון די האָלענדער. אין יאָר 1645 האָבן אָבער די פּאָרטוגעזן אָנגעהויבן אַ מלחמה קעגן די האָלענדער און נאָך 9 יאָר געוואָרן די זיגער פֿון לאַנד. די האָלענדישע ייִדן זענען אַוועק צוזאַמען מיט די האָלענדער. פֿאַר די פֿאַרבליבענע פּאָרטוגעזישע און שפּאַנישע מאַראַנען האָבן זיך זינט דעם 17טן יאָר־הונדערט אָנגעהויבן גרויסע רדיפֿות. דאָס נאָכשפּיאָנירן די אנוסים און סתם פֿרעמד־גלויביקע. דער הייליקער טריבונאַל פֿון דער אינקוויזיציע האָט דאָרט טיילמאָל איבערגעשטיגן די אינקוויזיציע פֿון פּאָרטוגאַל און שפּאַניע.

איז דעריבער פֿון גאָר אַ גרויסער באַדײַטונג דאָס בוך פֿון שמשון אָפּטער אויף דער טעמע „די מאַראַנען־משפּחה דאַ סילוואַ", וועמענס אונטערטיטל לויטעט: „היסטאָרישער ראָמאַן פֿון די אַנוסים אין בראַזיל אין אָנהייב 18טן יאָרהונדערט".

*

שמשון אַפּטער האָט זיך שוין געהאַט באַרימט געמאַכט מיט זײַן היסטאָרישן ראָמאַן „אין דער רוימישער געטאָ״, וואָס איז דערשינען אין 1946. צען יאָר שפּעטער איז דערשינען זײַן היסטאָרישער ראָמאַן „אין אַ נײַער וועלט״.

אַ קרעפּטיקער דערציילער, האָט ער באַהערשט אויך די קונסט פֿון קאָנסטרויִרן דעם היסטאָרישן ראָמאַן, שטיצנדיק זיך אויף רײַכן אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל, וואָס אַנטהאַלט אַ גאַנצע עפּאָכע מיט איר צײַטגײַסט, לעבנס־באַנעם, זיטן און מנהגים, מיט אַלע אירע ווידעראַנאַנדן. מיט איין וואָרט: דער לייענער באַקומט אַ ברייטן קווערשניט פֿון צײַט און אָרט מיט אַלע געראַנגלען און טיפֿע מענטשלעכע דראַמעס.

דער לעצטער היסטאָרישער ראָמאַן „די מאַראַנען־משפּחה דאַ סילוואַ״ איז אין פֿלוג די געשיכטע פֿון אַ פֿאַרצווײַגטער משפּחה, וועמענס וואָרצלען עס האָבן געשטעקט אין פּאָרטוגאַל און, ווי שוין דערמאָנט, האָבן די פֿריִערדיקע דורות געהאַפּט אויפֿן נײַ־אַנטדעקטן קאָנטינענט. אין דעם פֿאַל אויף בראַזיל, כּדי פּטור צו ווערן פֿון דער אינקוויזיציע מיט אירע שפּיאָנען. אמת, איין משפּחה, אָבער פֿאַר אונדזערע אויגן שטײַגט אויף אַ גאַנצע וועלט, אַן אָנלויפֿעניש פֿון מענטשן, פֿון פֿאַרשידענע טיפּן געקומענע פֿון פּאָרטוגאַל און שפּאַניע און אַנדערע מקומות; גיריקע סוחרים פֿירן גרויס־האַנדל מיט ווײַטע לענדער דורכן פּאָרט אין ריאָ דע זשאַניירא. אַנדערע זוכן רײַך צו ווערן פֿון די אַנטדעקטע גאָלד־און בריליאַנטן־גרובן, און פֿון די אַנדערע רײַכטימער פֿונעם לאַנד. עס אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונדז דער שקלאַפֿן־האַנדל אין זײַן גאַנצער גרויזאַמקייט און מענטשלעכער דערנידערונג. פּונקט ווי אַנדערע סחורות פֿירן שקלאַפֿן־הענדלער, אָנגעטאָן אין קורצע, לעדערנע טוניקעס, די געכאַפּטע אין די אַפֿריקאַנישע לענדער, מענער און פֿרויען, דער עיקר יונגע מיידלעך, דורכן פּאָרט ריאָ דע זשאַניירא צו פֿאַרקויפֿן אין בראַזיל, און אין אַנדערע לענדער. די באַפֿעלקערונג פֿון דער גרויסער פּאָרט־שטאָט איז אַ קאָנגלאָמעראַציע פֿון מענטשן פֿון פֿאַרשידענע פֿעלקער און פֿעלקערשאַפֿטן, מיט פֿאַרשידענע גלויבנס, זיטן און מנהגים. דער נײַער גלויבן, וואָס די קאַטוילישע קירכע וואַרפֿט זיי אָן מיט צוואַנג, איז נישט בכּוח אויסצוּוואָרצלען פֿון זייערע הערצער און געמיטער זייערע אייגענע גלויבנס און געטער. דער מוסולמענישער באַדינער, כאָטש מ'האָט אים שוין פֿון לאַנג אָפּגעטויפֿט, ווענדט נאָך זײַן געבעט צו זײַן פֿריִערדיקן גאָט אַללאַ, אָדער מישט־אויס דעם אויפֿגעצוווּנגענעם גאָט יעזוס מיט אַללאַ. די פֿאַרשקלאַפּטע באַדינערס פֿון

אַפריקע טועןּ בײַ זייערע בעלי־בתּים אין געהיים תּפילה צו אַ געטשקע וואָס זיי רופֿן עסקו און ברענגען צו איר קרבנות. און איבער דעם אַלעמען הענגט ווי די דאַמאָקלעס־שווערד די שטראָפֿערישע האַנט פֿון ברוטאַלן פּאָרטוגעזישן הערשער און פֿון דער קאַטוילישער קירכע מיט דער שטרענ־גער אויפֿזיכט פֿון דער בלוטיקער אינקוויזיציע. צווישן דעם אַנלויפֿעניש פֿון מענטשן פֿון פֿאַרשידענע מקומות שוויבלט און גריבלט מיט גלחים, מאָנאַכן, יעזואיטן, דאָמיניקאַנער, בישאָפֿן און מיט גאַנצע שטאַבן שפּיאָנען נאָכצופֿאָרשן טאָג און נאַכט די „נאָוואָ קריסטיאַנאָס״, די נייע קריסטן, אָדער — די מאַראַנען.

*

די אַקס פֿון ראָמאַן, אַרום וועלכער עס וויקלען זיך אַלע געשעענישן און פּאַרלויפֿענישן, איז דאָס פֿאַרפֿאַלק זשואַן מענדעס דאַ סילוואַ און זײַן פֿרוי דאָנאַ לאָורענסיאַ. מענדעס דאַ סילוואַ איז אַ רײַכער, באַרימטער אַדוואָקאַט און היט אָפּ אַלע קאַטוילישע מנהגים ווי דער פֿרומסטער קאַטאָ־ליק; ער לאָזט נישט דורך קיין איין מעסע אין קלויסטער, און כּדי ס׳זאָל דאָך נישט פֿאַלן אויף אים קיין חשד, אַז ער איז נישט קיין אמתדיקער קריסט, פֿאַרפֿאַסט ער הימנען צו דער קירכע, ליבע־געזאַנגען צו דער הייליקער מוטער מאַריאַ און איר יעזוסקינד. ער ווייסט גוט פֿון וואַנען ער שטאַמט און אַז די „נאָוואָ קריסטיאַנאָס״ היטן ווײַטער אָפּ ייִדישקייט. ער אָבער וויל לעבן רויִק, נישט אויסשטעלן זיך אויף געפֿאַרן.

אַנדערש איז זײַן יונגע, שיינע פֿרוי לאָורענסיאַ. זי איז מיט אַלע פֿיבערן פֿון איר האַרץ געבונדן צו איר שטאַם, צום גלויבן פֿון אירע אָבות. ווען עס ווערט געבוירן בײַ איר אַ ייִנגעלע, ווערט זי קראַנק נישט צו קאָנען גיין אין קלויסטער בײַצוזײַן בײַם טויפֿן דאָס קינד. איר גרויסער באַגער איז מלה צו זײַן דאָס קינד. דעם זעלבן באַגער האָט איר אַלטער פֿעטער, דער רײַכער צוקער־פּלאַנטאַטאָר, וואָס וווינט צוזאַמען מיט זײַן שוועס־טער מרים־מאַריאַ און איר שיינער טאָכטער גראַסיאַ. מרימס מאַן האָט שטענדיק באַגערט, אַז נאָכן שיידן זיך מיט דער וועלט זאָל ער אויסמײַדן אַ קאַטוילישע לוויה מיט אירע צערעמאָניעס. דער שיקזאַל האָט אַנדערש געמאַכט: ער רוט אויפֿן צווינטער מיט אַ קרייץ צוקאָפּנס. דערפֿאַר אָבער היטן אָפּ מרים מיט איר טאָכטער, צוזאַמען מיטן ברודער יוחנן, אָדער סענהאָר זשואַן גאָמעס, ייִדישקייט, ווי גאָט האָט געבאָטן.

דעם אַלטן, קראַנקן יוחנן־זשואַן גאָמעס גיט זיך אויך אײַן דורכצו־

פֿירן די מילה בײַם נײַ־געבוירענעם. אונטערן אויסרייד, אַז ער נעמט צו זיך אין זײַן דאָרפֿישער נחלה לאָורענסיען מיטן קינד, כּדי זי זאָל אויסרוען נאָכן קינפּעט, גרייט ער צו ווי אַזוי אין געהיים צו יידישן דאָס יינגעלע. און יוחנן האָט זײַנס דערגרייכט, דער יידישער שטאָם וועט נישט איבער־געריסן ווערן. איצט קאָן שוין יוחנן זיך שיידן מיט דער וועלט. ער וויל אָבער נישט זײַן זון דער מאַנאַך זאָל אים מאַכן אַ לוויה מיט גלחים. אַליין זיך נעמען דאָס לעבן, וויל ער אויך נישט, ווײַל ס׳איז קעגן דעם יידישן דת. שטאַרבן ווי אַ ייד איז דאָך אויך נישט לײַכט, אָבער יוחנן געפֿינט אַן עצה: ווען עס קלײַבט זיך אויף אַ רעגן, לאָזט ער זיך אויפֿן ים אין אַ שיפֿל. די כוואַליעס האָבן אים, נישט לאַנג וואַרטנדיק, אײַנגעשלונגען. זײַן געביין איז פֿאַרשוווּנדן. אַבי נישט ליגן אונטער אַ צלם. ער האָט אויך פֿריִער געטראַכט זײַן גרויס פֿאַרמעגן זאָל נישט אַרײַנפֿאַלן אין די פֿאַר־פֿאָלגערס הענט: ער האָט אַ טייל פֿאַרמעגן איבערגעשריבן מרימען און לאָורענסיאָן.

זינט דעם פֿאַרשווינדן פֿון דעם אַלטן יוחנן לעבט מרים מיט איר טאָכטער בײַ די דאַ סילוואַס. לאָורענסיאַ באַקומט איצט נאָענטע פֿאַרבינ־דעטע, זי האָט מיט וועמען צוזאַמען אָפּצוהיטן יידישקייט. ווו געפֿינט מען אָבער אַ באַשערטן פֿון אייגענעם שטאָם פֿאַר מרימס טאָכטער?

אַ זיווג פֿון אייגענעם שטאָם האָט מען דאָך געפֿונען: אין ליסאַבאָן לעבט אַ יונגער אַלמן, אַ קרוב. זײַן געשיכטע איז נישט קיין געוויינלעכע. ער האָט זיך משדך געווען מיט אַן אַנגעזעענער קאַטוילישער משפּחה, כּדי מ׳זאָל אים נישט קאָנען באַשולדיקן, אַז ער היט אין געהיים יידישקייט. זײַן קרענקלעך ווײַב האָט אים פֿאַרביטערט דאָס לעבן. איר גרעסט פֿאַר־געניגן איז געווען בײַצוזײַן בײַ אַן אויטאָדאַפֿע און דערנאָך מיט אַלע פּרטים אים אָפּמאָלן דעם ספּעקטאַקל. דואַרטע דאַ סילוואַ, וואָס האָט נאָכן ענדיקן דעם אוניווערסיטעט, זיך גענומען צו וועלט־האַנדל, האָט מער פֿאַרבראַכט אין אויסלענדישע פּאָרט־שטעט ווי בײַ זיך אין דער פֿרעמדער היים. זײַן פֿרום־קאַטוילישע ווײַב איז אָבער אינגיכן געשטאָרבן און דואַרטעס טרוים צו פֿאַרלאָזן ליסאַבאָן און צוריק זיך קאָנען פֿירן אין געהיים ווי אַ ייד, האָט זיך געקאָנט פֿאַרווירקלעכן.

דואַרטע און גראַסיאַ האָבן זיך ליב באַקומען. די צוויי טיכטיקע פֿרויען, לאָורענסיע און מרים, האָבן אויסגענוצט אַ געלעגנהייט פֿון מענדעס דאַ סילוואַס אָפּוועזנקייט און אין געהיים געפּראַוועט אַ חתונה, מיט אַ חופּה, כּדת משה וישראל. די קריסטלעכע חתונה איז באַשטימט דורכצופֿירן אין דער

שענסטער קירכע. היות ווי דאָס פּאַרליבטע פּאָרל זענען לויטן ייִדישן דין געוואָרן אַ פּאַרפּאָלק, האָבן זיי געלעבט אין געהיים ווי מאַן און ווײַב און גראַסיאַ איז שוואַנגער געוואָרן. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן פּיבערהאַפּטע באַמיונגען צוצאַיילן די קריסטלעכע חתונה.

די שרעק און די אַנגסט מײַדט אָבער נישט אויס אַפּילו אַזאַ איבער־געגעבענעם און אונטערטעניקן דער קירכע ווי דער באַרימטער אַדוואָקאַט מענדעס דאַ סילוואַ און אויך נישט זײַן בני־בית. אַט קלאַפּט אַן אין זײַן טיר אין אַ שפּעטן, פֿינצטערן אָוונט דואַרטעס שותּף, דער מאַראַן פּיליפּע, וואָס האָט דערפֿילט אַז די מחבלים פֿון דער אינקוויזיציע שפּיאָנירן אים נאָך. און ער ברענגט צום אַדוואָקאַט זײַן געלט־פֿאַרמעגן, כּדי ס'זאָל נישט אַרײַנפֿאַלן אין די הענט פֿון די אינקוויזיטאָרן אָדער פֿון זײַן פּאָרטוגעזיש אויסגעלאָסן ווײַב.

דואַרטען כאַפּט אַרום אַ טויט־שרעק. פֿון זײַן געשעפֿט בײַם פּאָרט זעט ער ווי אַ מיליטערישע וואַך פֿירט נײַ־קריסטן, און אַנדערע פֿאַרזינדיקטע וואָס דער אינקוויזיציע־טריבונאַל שיקט איבער קײַן ליסאַבאָן. ער זוכט פֿון ווײַטנס מיט צעשראָקענע אויגן זײַן שותּף פּיליפּע. ניין, פּיליפּע איז נאָך נישט אין דער אַרטיקער אינקוויזיציע, דאַקעגן האָט ער דערזען זײַן באַדינער אַבדול, אַ געבויגענעם צווישן די געטריבענע צו דער שיף. די שרעק איז געוואַקסן, אַרײַנגעדרונגען אין דעם גרויסן, שיינעם הויז. דערצו האָבן אים זײַנע אַמאָליקע אוניווערסיטעט־קאָלעגן כּסדר פֿאַרפֿאָלגט מיט אָנצוהערענישן און שטעכווערטלעך. און דאָך האָט דואַרטע זיך נאָך אָנגענומען מיט כּוח אָנצורעדן דעם דאָקטער טהאָמאַס לאַראַ אָפּצוקויפֿן בײַ זיי אַ יונגע שקלאַפֿין פֿון עטיאָפּיע, אין וועלכער זיי האָבן דערקענט אַ פֿאַלאַשן־מיידל. איז דאָך „פּדיון שבויים" אַ גרויסע מצווה...

*

שמשון אָפּטער שילדערט מיט סוגעסטיווער קראַפֿט די אַנגסטיקע שרעק, וואָס כאַפּט אַרום די מאַראַנען־משפּחה; די געפֿאַרן וואָס לויערן פֿילט מען ממש אין דער לופֿט. באַזונדער פֿילט דאָס אָפּ דואַרטע זינט זײַן שותּף פּיליפּע און זײַן דינער זענען אַרײַנגעפֿאַלן אין די נעגל פֿון דער אינקוויזיציע. ער פֿילט מיט אַלע חושים ווי עס שפּינט זיך אַרום אים אַ נעץ אין וועלכער ס'וועט אויך אַרײַנפֿאַלן זײַן גאַנצע משפּחה.

און אָפּטער שילדערט די נעץ וואָס האָט זיך אין גיכן פֿאַרוואָרפֿן איבער זיי. דואַרטע, לאָורענסיאַ און מרים ווערן אַרעסטירט און אָפּגעשיקט צום אינקוויזיציע־טריבונאַל קײַן ליסאַבאָן. דער באַרימטער אַדוואָקאַט

זשוּאַן מענדעס דאַ סילוואַ, פֿאַר וועלכן ס׳האָבן זיך איינגעשטעלט זײַנע פֿרײַנד, פֿאַרקויפֿט גלײַך דערנאָך זײַן גרויס שיין הויז, פֿאַרפּאַקט אַ באַגאַזש, נעמט מיט זיך זײַן יונגן זון און די מעוברתע גראַסיאַ און לאָזט זיך נאָך די זײַניקע קיין ליסאַבאָן. וועגן זייער גורל, דער עיקר וועגן גורל פֿון די אַרעסטירטע לאָזט אונדז דער שרײַבער אַליין זיך משער זײַן. און וואָס עס דערוואַרט די איבערגעשיקטע צו דער אינקוויזיציע קיין ליסאַבאָן איז נישט שווער זיך משער צו זײַן. שמשון אַפּטער האָט אָבער נישט אויסגעמיטן צו שילדערן די גרויזאַמקייטן אין דער טאָרטורן־קאַמער פֿון דער אינקוויזיציע און ריאָ דע זשענייראָ גופֿא, ווו דער מאַראַן פֿיליפּע ווערט, פֿאַרפּײַניקט. צו קאָנען פֿאַרלענגערן זײַנע פּיינען, כּדי עפּעס אַרויסצובאַקומען פֿון אים און צו קאָנען אים שפּעטער אַוועקשיקן צום אויטאָדאַפֿע קיין ליסאַבאָן, רופֿט מען אַרויס דעם דאָקטער קאַסטראָ לאַראַ. ווען דאָקטער לאַראַ האָט זיך אָנגעבויגן צום פֿאַרפּײַניקטן, האָט ער דערהערט אַ שטיל מורמלען פֿון ווידוי־ווערטער און דערמיט האָט זיך דאָס קלאַפּן פֿון זײַן האַרץ אָפּגעשטעלט. דער דאָקטער־מאַראַן האָט אויך נאָכן טויט פֿון פֿאַרפּײַניקטן נישט אויסגעזאָגט זײַן סוד, אים נישט פֿאַרראַטן. זײַן אויער האָט נישט אויפֿגעכאַפּט דעם שטאַרבנדיקנס ווערטער — האָט ער געזאָגט די אינקוויזיטאָרן.

★

די געשיכטע פֿון דער מאַראַנען־משפּחה דאַ סילוואַ אין בראַזיל איז אויך די געשיכטע פֿון די מאַראַנען אין אַלע אַנדערע לענדער פֿון לאַטײַן־אַמעריקע, אונטער דער הערשאַפֿט פֿון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. געווען בלויז קליינע לאָקאַלע אונטערשיידן. אין מעקסיקע, למשל, האָט מען די אויטאָדאַפֿעס געפּראַוועט אויפֿן אַרט. גאַר מאַכטיק איז געווען די אינקוויזיציע אין דער שפּאַנישער קאָלאָניע פּערו, אין דער הויפּטשטאָט לימאַ, און אַפּטערס ראָמאַן, הגם זײַן אַקציע פֿאַרלויפֿט זיך אין בראַזיל, גיט אונדז אַ ברייטע פֿאַרשטעלונג פֿון דער דאָזיקער שווערער מגיפֿה, וואָס האָט געבושעוועט אין די לאַטײַן־אַמעריקאַנער לענדער.

„די מאַראַנען־משפּחה דאַ סילוואַ״ איז אַ ראָמאַן, וואָס אַנטפּלעקט גרויסע מענטשלעכע דראַמעס, ייִדישע אומגליקן, לאַנג־דורותדיקן ייִדישן גורל און אויך טיפֿע ייִדישע אמונה, טראָץ אַלע טויטגעפֿאַרן.

שמשון אַפּטער האָט אין זײַן ראָמאַן אַנטדעקט פֿאַר אונדז אַ וועלט פֿון מענטשלעכער געפֿאַלנקייט, און צווישן דעם אַלעמען עכטע ייִדישע דערהויבנקייט.

דער גרויסער עדות פֿון יידישן חורבן

ס׳איז אַוועק אין דער אייביקייט אַן אייגנאַרטיקער עדות פֿון אומ־ברענג פֿונעם פּוילישן יידנטום, אַז עד־ראיה וואָס האָט איבערגעלעבט די פֿאַרטיליקונג און זי פֿאַרפֿיקסירט אויף אַלע אייביקייטן. זיינע גבֿיית־עדותן וועלן שטענדיק דערמאָנען, וועקן און אויפֿרודערן אונדזער געמיט, און דעם מינדסטן מענטשלעכן געוויסן.

אין עלטער פֿון 78 יאָר, איז אין וואַרשע געשטאָרבן, דעם 15טן נאָוועמ־בער 1990, דער יידיש־פּוילישער טאַלאַנטירטער שרייבער אַדאָלף רודניצקי, וואָס איז, אַ סברה, ווייניק באַקאַנט צווישן יידן. ער איז געווען אַזוי פֿאַרפּוילישט, אַזוי ווייט פֿון אַ יידישער סביבה, אַז בעת כ׳האָב אין די יאָרן 1960—1961 איבערגעזעצט אַ באַנד אויסגעוויילטע שאַפֿונגען זיינע פֿון דער חורבן־תּקופֿה און צוגעגרייט צו דעם בוך אַ גרעסער נאָכוואָרט, האָב איך בשום אופֿן נישט געקאָנט דערגיין זיין יידישן פֿאַמיליע־נאָמען, הגם ער האָט מיך נישט איין מאָל געבעטן איך זאָל אים ברענגען אַ יידישע צייטונג, אַן אַרטיקע צי אַן אויסלענדישע. און אַז כ׳האָב אים געבראַכט די ליטעראַרישע „יידישע שריפֿטן״, האָב איך דערזען אַ מאָדנעם בליץ אין זיינע אויגן.

אַן אויפֿגעקומענער טאַלאַנט ביי ספּעציפֿישע באַדינגונגען און אומ־שטענדן, איז ער געווען; אַ דערוויטערטער פֿון אַ יידישער שעפֿערישער סביבה און בכלל פֿון יידן, הגם ער האָט געשטאַמט פֿון אַ חסידישער היים. זיין פֿאָטער האָט געהאַט גרויס עגמת־נפֿש וואָס זיין יונג ייִנגל האָט אַזאַ נישט־יידישן אויסזען, ווי ער דערציילט עס אַליין אין זיין רירנדיקער דערציילונג „פּסח״, וואָס געפֿינט זיך אין אַנהייב פֿון דיקן באַנד וועגן יידישן חורבן — „דער טויטער און לעבעדיקער ים״, אַ ווערק וואָס שוידערט אונדז אויף.

★

אַדאָלף רודניצקי האָט זיך באַוויזן אין דער פּוילישער ליטעראַטור אין יאָר 1932. ער איז דעמאָלט אַלט געווען 20 יאָר, און צוגעטראָגן צו דער פּוילישער ליטעראַטור זיין ערשט בוך אונטערן טיטל: „שטשורעס״. אין די קומענדיקע פֿאַרמלחמהדיקע יאָרן, האָט ער איינס נאָכן אַנדערן

אַרויסגעגעבן: „סאָלדאַטן", געשריבן אויפֿן סמך פֿון זײַנע אייגענע דער־פֿאַרונגען אינעם מיליטער־דינסט, אין וועלכן ער ברענגט אַרויס די שינאה פֿון פּאָליאַק צום אוקראַינער, פֿון אוקראַינער צום פּאָליאַק, און די שטאַרקע שינאה פֿון זיי ביידע צום ייִד. ס׳איז אויך געווען בײַ אים אַ מין געלעגנ־הייט צו באַרירן דעם ענין אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן. אייגנציַיטיק ווײַזט ער דאָ פֿאַרטעמפּונג פֿון די יונגע מוחות וואָס דאָס מיליטערדינסט פֿאַר־שאַפֿט.

פֿון די אַנדערע פֿאַרמלחמהדיקע ביכער: די „נישט־געליבטע", „דער־פֿאַרונגען" און „זומער" איז כּדאַי צו דערמאָנען דאָס לעצטע בוך, אין וועלכן מיר דערקענען דאָס ייִדישע שטעטל קוזמיר. רודניצקי האָט טאַקע אָפּט אַרויסגעבראַכט אין זײַנע ביכער ייִדישע מאָמענטן. דאָס לעצטע אָבער פֿון די ערשטלינג־ביכער איז פֿול מיט ייִדישן אומרו. די תּפֿילות אין יום־כּיפּור רײַסן זיך מיט געוויינען צו די הימלען, פּונקט די ייִדן וואָלטן פֿאַרגעפֿילט די קומענדיקע קאַטאַסטראָפֿע. „דערפֿאַרונגען" ברענגט אַרויס אינטערעסאַנטע אָפּקלאַנגען פֿון דעמאָלטיקן לעבן אין פּוילן.

חוץ זײַן טעמאַטיק וואָס האָט געצויגן דעם אויפֿמערק, איז דער יונגער שרײַבער געקומען מיט אַ נײַעם סטיל. מ׳קאָן זאָגן אַז מיט אים איז געקו־מען אין דער פּוילישער ליטעראַטור אַ נײַע שרײַבערישע פּערזענלעכקייט. ער איז נישט געגאַנגען אין קיינעמס וועגן. אַלץ איז בײַ אים באַלד אין אָנהייב געווען אָריגינעל. דער געפּרעסטער סטיל, די אָנגעלאָדענע עמאָ־ציאָנעלקייט, די לײַדנשאַפֿטלעכקייט, די שאַרפֿע אָבסערוואַציע־קראַפֿט. איז ער באַלד אויפֿגענומען געוואָרן ווי אָן אויסערסט עמפּפֿינדלעכער אויף מענטשלעכע לײַדן. דער יונגער שרײַבער האָט שוין פֿאַרמאָגט אַ שליסל צום האַרץ פֿון געקריוודעטן מענטש, צו דער אומגליקלעכער פֿרוי, דער נישטגעליבטער; אַ שאַרפֿער אָבסערוואַטאָר, האָט ער שוין יונגערהייט דערזען די אויסקרומענישן אינעם לעבן. ס׳האָבן שוין דאָמינירט אין זײַן שאַפֿן טראַגיזם און שטילער הומאָר. דער טראַגיקער איז געווען אַ ליריקער. ער האָט זיך אויסגעטיילט צווישן די פּוילישע שרײַבער מיט זײַן רײַכער פּוילישער שפּראַך, מיט זײַנע נעאָלאָגיזמען. אויך מיט זײַנע ייִדישע מאָטיוון איז ער נישט געווען ענלעך צו וועלכן ס׳איז ייִדיש־פּוילישן שרײַבער, וואָס זענען געווען אין נישט קיין קליינער צאָל.

גאָר באַזונדער האָט ער זיך דערהויבן אין די טראַגישע צײַטן פֿון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע. בײַם אָנהייב פֿון דער מלחמה איז ער מאָביליזירט געוואָרן, אַרײַנגעפֿאַלן איז געפֿאַנגענשאַפֿט צו די היטלעריסטן,

אַנטלאָפֿן און דערגרייכט לעמבערג, אַ פֿאַרנומענע דורכן ראַטנפֿאַרבאַנד. ווען די היטלעריסטישע חילות האָבן פֿאַרנומען לעמבערג, האָט ער באַוויזן זיך אַרויסצוקריגן פֿון דאָרט און מיט וועגן־אומוועגן געקומען צוריק קיין וואַרשע און דאָ געוואָרן דער גביית־עדות פֿון דער יידישער פֿאַרטיליקונג. ער איז עטלעכע טעג געווען אין וואַרשעווער געטאָ, און זיך אַרויסבאַקומען פֿון גיהינום אַדאַנק זײַן גוייִשן אויסזען און צוליב דעם האָט ער אויך געקאָנט איבערלעבן די מלחמה אויף דער אַרישער זײַט.

אין זײַן אויבנדערמאָנטער דערציילונג „פּסח" לייענען מיר:

„...מיט אויגן פֿאַרנעפּלטע פֿון טרערן האָב איך זיך צוגעקוקט צו דער פֿאַרטיליקונג, וואָס האָט מיך אויסגעמיטן... מיט אַ האַרץ אָן אַנגעווייטיקסט ווי בײַ איובן האָב איך אָבער געהאַט אַ פּנים, פֿאַר וועלכן מ׳האָט אַמאָל געמאַכט מײַן פֿאָטער ביטערע פֿאַרוואָרפֿן וואָס ער האָט זײַן זונדעלע נישט געגעבן קיין איין מענטשלעכן שטריך. די פֿרײַנד פֿון מײַן פֿאָטער, מענטשן פֿרומע ווי ער, פֿלעגן פֿאַרן דאַוונען מיט ווידערגעפֿיל אָפּקערן פֿון מיר זייער פּנים — אַן עבירה — האָבן זיי געזאָגט — אויף אַזעלכס צו קוקן".

אָבער דאָס גוייִשע פּנים האָט אים שפּעטער פֿאַרהיט פֿון אומקום. אין דער זעלבער דערציילונג זעען מיר אים, ווען דאָס געטאָ ברענט, וואַנדערן אַרום די געטאָ־מויערן מיט פֿאַרנעפּלטע אויגן פֿון טרערן. ער האָט געוואָלט זײַן נאָענט צו די קעמפֿער און מאַרטירער. וואַנדערנדיק האָט ער איין מאָל באַגעגנט אַ יונגע, איינזאַמע פֿרוי. „מיר פֿלעגן זיך דערקענען צווישן פֿרעמדע לויט די אויגן אין וועלכע ס׳פֿלעגט פּלוצלינג אויפֿבליצן אַ היימיש וואַרעם פֿלעמל, און פֿאַרבײַגייענדיק פֿלעגן מיר אָן אַ וואָרט זיך רופֿן, קענגנזייטיק אָנווײַזנדיק איינער דעם אַנדערן אויף זייער און אונדזער גורל... די יונגע פֿרוי האָט איצט נישט נאָר געציטערט, זי האָט זיך געשטיקט מיט טרערן... — זיי קומען אום, האָט זי שטיל געמורמלט. זיי קומען אום און קיין צייכן וועט נאָך זיי נישט בלײַבן... וואָלט כאָטש עמעצער באַשריבן, אַרויסגעהויבן הויך אין הימל ס׳זאָל בלײַבן אַ צייכן פֿון זייער פֿילפֿאַרביק לעבן און זייער אוממענטשלעכן טויט. ווען ס׳וועט אַפֿילו נאָר איינער פֿאַרבלײַבן, וואָלט ער באַדאַרפֿט אין אַ בוך פֿאַרשרײַבן, כּדי מענטשן זאָלן אַמאָל פֿון הינטערן זיבעטן ים קומען אַהער... און וויינען ווי מיר הײַנט"...

זעט אויס, ווי פֿאַר רודניצקין זענען די ווערטער פֿון דער דאָזיקער פֿרוי הינטער די געטאָ־מויערן געווען ווי אַ צוואה וועלכער ער איז געטרײַ געבליבן — „כ׳האָב זיך צוגעזאָגט אַזוי צו שרײַען, אַזוי צו שרײַען וועגן זייער טויט!"

אויף זײַן אייגנאַרטיקן אופֿן, אַרויסברענגענדיק פֿאַרשידנאַרטיקע פֿראַג־מענטן פֿון דעם שוידערלעכן יידישן חורבן, פֿאַרצייכענענדיק די איבער־לעבענישן פֿון זײַנע העלדן, אָדער זײַנע אייגענע פֿאַרלויפֿעניש, ווײַזנדיק די פֿאַרשידנסטע אַספּעקטן פֿון דער פֿאַרטיליקונג, האָט רודניצקי אַרויס־געבראַכט די דײַטשישע רציחות און די יידישע עינויים אין זייער גאַנצן גרויליקן פֿאַרנעם. זײַנע דערציילונגען, נאָוועלן, סקיצן, זענען געקנאַטן פֿון היסטאָרישן שטאָף. זיי אָטעמען מיט עכטער אויטענטישקייט. דערביי שילדערט ער געשעענישן, עפּיזאָדן, מענטשלעכע דראַמעס, מיט דער פּינקטלעכקייט פֿון אַ היסטאָריקער, אַזוי אַז אָפּטמאָל זענען פֿראַגמענטן פֿון יידישן קאַטאַקליזם אַזוי פֿאַרבונדן מיט אַלגעמיינע געשעענישן, אַז מיר האָבן פֿאַר זיך בעלעטריזירטע געשיכטע פֿון יענע צײַטן, געשיכטע געשריבן מיט יידיש בלוט.

ביזן יאָר 1956 האָט רודניצקי געשטעקט אין דער חורבן־טעמע. נישט געקאָנט זיך פֿון איר באַפֿרײַען. אָבער אויך שפּעטער, וואָסער טעמע ער האָט גענומען אויף זײַן שרײַבער־וואַרשטאַט האָט ער אין איר געלאָזט הערן אָפּקלאַנגען פֿון יענע גרויליקע יאָרן. אין זײַנע דערציילונגען, סקיצן, נאָוועלן, וואָס גרענעצן זיך מיטן ראָמאַן, האָט ער אויפֿגעדעקט און אַרויסגערוקט אומבאַקאַנטע פּראָבלעמען און פּרטים. ווי אַן אַסימילירטער ייִד, האָט ער צוגעבייגט זײַן אויער צו די באַזונדערע דראַמעס פֿון די אַסימילירטע יידן, הגם מ׳קאָן זיי נישט אַרײַנוואַרפֿן אַלע אין איין זאַק. ער האָט געזען די דראַמעס פֿון די אַסימילירטע נישט בלויז שפּראַכלעך. ער האָט צומאָל אין דער נאָוועלע „דער גרויסער סטעפֿאַן קאַנעצקי״ אַרויסגערוקט אַ פּערסאָנאַזש וואָס איז נישט סתּם געווען אַן אַסימילירטער, נאָר איז אויך אַרויסגעטראָטן קעגן יידן, כּדי נושא־חן צו זײַן ביי די אַנטיסעמיטן. וואָרעם בדרך־כּלל האָבן די אַסימילירטע יידן אין געטאָ געפֿונען, אָדער לכל הפּחות דערפֿילט די גורל־געמיינשאַפֿט מיטן יידישן פֿאָלק. און אָט דער סטעפֿאַן קאַנעצקי האָט, נאָך גרויסע לײַדן, אפֿשר אויך געפֿונען די גורל־געמיינשאַפֿט מיט יידן, די שרײַבערין פֿון אָט די שורות, האָט געלייענט זײַן דראַמע מיט געמישטע געפֿילן. ווײַל הגם רודניצקי פֿאַראורטיילט שטאַרק קאַנעצקיס אַמאָליקע האַלטונג, קומט ער אָבער אַרויס ווי אַ געלײַטערטער דורך יידישע לײַדן.

רודניצקי האָט גוט געקענט די פּראָבלעמען פֿון די פֿאַרשידענע שיכטן אַסימילירטע בעת דער אָקופּאַציע. ער ברענגט טאַקע אַרויס מיט פֿיל

טאַלאַנט דאָס פּראָבלעם, מיט ווייניקער שאַרפֿקייט, אין זײַן רירנדיקער נאָוועלע „גאָלדענע פֿענצטער״. בכלל געפֿינען זיך בײַ אים באַזונדערע טיפּן דראַמעס פֿון אָפּגעפֿרעמדטן ייִד, און מיר האָט זיך צײַטנווײַז געדוכט, לייענענדיק און קענענדיק דעם מחבר, אַז ס׳איז טיילווײַז אויך זײַן דראַמע, הגם ער האָט זיך דעמאָלט געפֿילט ווי אַ גליד פֿון דער גערודפֿטער ייִדישער עדה.

אַוודאי וואָלט אינטערעסאַנט געווען זיך אָפּצושטעלן אויך אויף אַנדערע רודניצקיס שאַפֿונגען. ער האָט נישט ווייניק געשריבן אויך אין די לעצטע יאָרן, וועגן פּוילישע שרײַבער, אָבער דאָס פֿאָדערט מערער אָרט, און מ׳וועט עס לאָזן אויף אַן אַנדער מאָל.

✶

בשעת דער ווילדער אַנטיסעמיטישער כוואַליע אין פּוילן וואָס האָט אויסגעבראָכן אין אָנהייב פֿון די זעכציקער יאָרן און לאַנג אָנגעהאַלטן, האָט בעת אַ שמועס אַדאָלף רודניצקי מיר געזאָגט: „נו, מ׳וועט דאַרפֿן פּאַקן די וואַליזקעס, אָבער איר זיצט דאָך שוין פֿון לאַנגע יאָרן אויף די וואַליזקעס, וועט אײַך זײַן לײַכטער״. אים איז טאָקע נישט געווען לײַכט. ער האָט זיך דעצידירט צו פֿאַרלאָזן פּוילן ערשט אָנהייב 1970. די פֿראַנצויזישע ליטעראַטור־קריטיקערין ניקאָל זאַנד שרײַבט אין אירן אַ באַשיידענעם אַרטיקל, אין צוזאַמענהאַנג מיט רודניצקיס טויט, אַז ער האָט געלעבט אין די זיבעציקער יאָרן צווישן פֿראַנקרײַך און פּוילן. איך האָב אים געזען אָבער דאָס לעצטע מאָל אויף דער לוויה פֿונעם שרײַבער פּיאָטר ראַוויטש, און פּיאָטר ראַוויטש איז, לויט מײַן זכרון, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד שפּעטער. נאָך די זיבעציקער. נאָר היות ווי איך בין אַ ביסל צעקריגט מיט דאַטעס, האָב איך געקלונגען צו צוויי פֿרײַנד פֿון פּ. ראַוויטשן און זיי האָבן מיר באַשטעטיקט אַז פּיאָטר ראַוויטש האָט זיך גענומען דאָס לעבן אין 1982. אין דער זעלבער צײַט איז מיר אויסגעקומען אָנצוקלינגען אין פּאַריזער פֿאַרלאַג „גאַלימאַר״, און בײַ דער געלעגנהייט אַ פֿרעגגעטאָן אין דעם איבערזעצונג־אָפּטייל וועגן רודניצקי, — ווערמענס 10 ביכער זיי האָבן אַרויסגעגעבן, — האָט פֿאַרלאָזט פּאַריז. „ווער קאָן דאָס וויסן? — האָט מיר געזאָגט די פֿאַראַנטוואָרטלעכע — מיט חדשים צוריק האָב איך נאָך דאָ געהאַט מיט אים אַ שמועס, ער האָט דאָך געלעבט צווישן פּאַריז און וואַרשע״ און זי האָט צוגעגעבן: „ס׳האָט אים געטראָגן פֿון איין אָרט צום צווייטן״...

זי איז, אַ סברה, געדעכט געווען. אַדאָלף רודניצקי האָט פֿאַרלאָזט פּוילן מיט דער דעה זיך צו באַזעצן אין פֿראַנקרייך, ווו דרײַ פֿאַרלאַגן זענען איבער און גיבן אַרויס זײַנע ווערק. אָבער זײַן שאַפֿערישער אומרו האָט אים, ווײַזט אויס, נישט געלאָזט איבעררײַסן אינגאַנצן מיט פּוילן פֿון וואַנען ער האָט כּסדר געצויגן זײַן שאַפֿערישע יניקה.

דער חשבון...
(אויפֿן ראַנד פֿון בוך „אומשלאַגפּלאַץ")

מיר ייִדן האָבן, איידל געזאָגט, אַ שטיקל חשבון מיט פּוילן. עס גייט איצט נישט אין היסטאָריש־לאַנגסטיקן חשבון, נאָר אין אַ נעענטערן. צווישן ייִדן האָט מען נישט איין מאָל דערמאָנט דערוועגן, דער עיקר צווישן זיך, צײַטנווײַז עפּנטלעך. וואָרעם די אָממײַנסטן ייִדן־פֿרײַנטלעכע פּאָליאַקן האָבן אָבער אויסגעמיטן צו רעדן דערוועגן, אָדער, פּשוט, געלייקנט וואָס שײַך דער שטעלונג און האַלטונג מצד דעם רוב פּוילישער באַפֿעלקערונג צום ייִדן־מאָרד וואָס די דײַטשישע אָקופּאַנטן האָבן דורכגעפֿירט אין פּוילן.

אַפֿילו די פּוילישע נאָכמלחמהדיקע ליטעראַטור — און אויף אַ ליטעראַטור ליגט אַ הייליקער חוב אַרויסצוברענגען אין אמתן ליכט היסטאָרישע און מענטשלעכע טראַגעדיעס, בפֿרט ווען די שרײַבער זענען עדות פֿון אָט די טראַגעדיעס.

*

מ'קאָן נישט זאָגן אַז די פּוילישע ליטעראַטור האָט פֿאַרשוויגן. נאָך דער מלחמה האָבן די אָנגעזעענסטע פּוילישע שרײַבער גענומען די טעמע אויף זייער שרײַבער־וואַרשטאַט. זייער ראָל איז געווען אַ באַטײַטנדיקע. מיר וועלן זיי אַלע דאָ נישט אויסרעכענען, נאָר דערמאָנען בלויז די אָנזעעוודיקסטע ווי זאָפֿיאַ נאַלקאָווסקאַ, בראָניעווסקי, רוזשקאָוויטש, בוטשקאָווסקי, בראָשקעוויטש, בראַטנו, באַראָווסקי און אַנדערע. אַלע ייִדישפּוילישע שרײַבער ווי אַדאָלף רודניצקי, קאַזשימיערזש בראַנדיס, אַטוויינאָווסקי, קאָט, וויגאַדזקי, סאַנדויער, וואַזשיק און אַנדערע, האָבן ממש מיט בלוט געשריבן וועגן ייִדישן חורבן. אַדאָלף רודניצקי, וועלכער האָט יאָרן־לאַנג זײַן גאַנצע שאַפֿונג געווידמעט דעם ייִדישן חורבן און קאַזימיערש בראַנדיס — האָבן אויפֿן ייִדישן אומברענג אין פּוילן געקוקט מיט ייִדישע אויגן, אָבער זיך אויך נישט דערגרונטעוועט צום סאַמען טיף. דער פֿאַרשטאָרבענער אָנגעזעענער פּוילישער שרײַבער יעזשי אַנדזשעיעווסקי, וועלכער האָט דער ערשטער אין זײַן בוך „די נאַכט" באַרירט דעם פּראָבלעם פֿון באַציִונג פֿון דער פּוילישער באַפֿעלקערונג, האָט אין עטלעכע

שטריכן ווי פֿאַרבײַגײיענדיק געוויזן די סאַטיספֿאַקציע מצד געוויסע שיכטן פֿון דער פּוילישער באַפֿעלקערונג אין אַנבליק פֿון ייִדישן אומקום.

מ׳קאָן זיך משער זײַן, אַז אַזעלכע ביכער זענען דורכגעגאַנגען אַ שטרענגע צענזור. אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה האָט מען אין די „הויכע פֿענצטער" אַזעלכע ביכער געקרויגט מיטן טיטל „גרויל־ליטעראַטור". יאָרן שפּעטער איז דער אָפֿיציעלער טיטל פֿאַרשוווּנדן. די צאָל שרײַבער און ביכער געשריבענע אויף דער חורבן־טעמע איז געווען אַ באַדײַטנדיקע, די טעמע אַ דרינגנדיקע, אָבער דעם טיפֿן, אמתדיקן חשבון האָט קיין איינער פֿון די שרײַבער נישט דורכגעפֿירט און אַ סברה, אַז נישט געקענט דורכפֿירן.

ערשט אַ קאַרגן האַלב יאָרהונדערט נאָך דער פֿאַרטיליקונג פֿון פּוילישן ייִדנטום האָט אַ דרײַסטער פּוילישער שרײַבער גענומען אויף זיך די שווערע און טיף־מענטשלעכע אויפֿגאַבע צו ווײַזן מיט דאָקומענטן די באַציִונג פֿון גרעסטן טייל פּוילישער באַפֿעלקערונג צום ייִדן־מאָרד.

*

דער פּוילישער דיכטער און שרײַבער יאָראָסלאַוו מאַרעק רימקעוויטש האָט קיין עדות־ראיה פֿונעם אומקום פֿון פּוילישן ייִדנטום נישט געקאָנט זײַן. ווען זײַן בוך „אומשלאַגפּלאַץ" איז אין סוף 1988 דערשינען אין פּאַריז, גלײַכצײַטיק אין אָריגינאַל און אין דער פֿראַנצויזישער איבערזעצונג, איז ער אַלט געווען עטלעכע פֿופֿציק יאָר; שרײַבנדיק דאָס בוך איז ער אַלט געווען 51־52 יאָר (וויפֿל יאָר ער האָט געמאַכט פֿאַרשוונגען איז נישט באַקאַנט). בעת דער אָקופּאַציע פֿון פּוילן איז ער געווען אַ 6־7־יאָריק ייִנגל. איז זיך משער צו זײַן, אַז דאָס בוך איז געבוירן געוואָרן פֿון לאַנגע פֿאָרשונגען, געשטויסן פֿון אַ טיף־מענטשלעכן געוויסן, פֿון אַ פֿליכט אַרויסצוברענגען דעם אמת, דורכצופֿירן אַ גײַסטיקן חשבון (פֿאַראַן אויך אַ נײַטיקער חשבון־הנפֿש פֿון אַ פֿאָלק).

אין זײַן קליינער כּמו־הקדמה שרײַבט ער, אַז ווען נישט די מאַטעריאַלן און דאָקומענטן פֿון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע און זײַנע מיטאַרבעטער, וואָלט ער דאָס בוך נישט געקאָנט אָנשרײַבן. לייענענדיק דאָס בוך האָב איך געהאַט דעם אײַנדרוק אַז רימקעוויטש האָט געפֿאָרשט, געזוכט, גענישטערט אויך מחוץ דעם ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע, דער טיטל אַליין, און דאָס באַהאַנדלען דעם טיטל, ווײַזט אַז ער האָט געגראָבן טיף אויף פֿאַרשידענע פֿעלדער. ער איז געווען

פֿאַרווונדערט וואָס מענטשן, וועלכע האָבן זיך פֿאַרנומען מיטן אומקום פֿון וואַרשעווער ייִדנטום, האָבן נישט אויפֿגעשטעלט קיין פּלאַן פֿון „אומ־שלאַגפּלאַץ" דורך וואַנען די דײַטשן האָבן בלויז צווישן יולי און סעפּטעמ־בער 1942 אַרויסגעפֿירט צו די גאַז־קאַמערן 310,000 ייִדישע נפֿשות. אָבער ער, דער שרײַבער־פֿאַרשער, האָט זיך גענומען דעם פּלאַן פֿון דעם טײַוולאָ־נישן אָרט אויפֿצושטעלן.

*

מ'וואָלט אפֿשר געדאַרפֿט קודם־כּל באַצייכענען דעם זשאַנער פֿונעם בוך. איז דאָס אַ פֿאָרש־אַרבעט? אַ גבית־עדות? דיאַלאָגן געפֿירטע מיט אָפּגעזוכטע עדות? אפֿשר אַ ראָמאַן? ס'איז אַלץ צוזאַמען. עס קרײַזן זיך אויך דורך שפּליטערן פֿון ייִדישן לעבן פֿאַרן חורבן און נאָכן חורבן. כּדאי זיך אָפּצושטעלן אויף די שמועסן, דיאַלאָגן מיט זײַן פֿרוי. זי, די אַסימי־לירטע ייִדישקע, וואָס האָט ווי דורך אַ נס ווי אַ קינד זיך אָפּגעראַטעוועט פֿון דער פֿאַרטיליקונג ווײַל זייער פּוילישע דינסט האָט זי גענומען צו זיך, אַרומגעוויקלט איר דעם קאָפּ געלע האָר מיט אַ שוואַרץ טיכל: זי, די אַסימילירטע, קען הײַנט נישט פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס איר מאַן, דער פּאָליאַק, גריבלט זיך אין דער האַלטונג פֿון דער פּוילישער באַפֿעלקערונג, זוכט איר שולדיקייט בשעתן ייִדן־מאָרד, בעת דער ייִדן־מאָרד איז אַן ענין צווישן ייִדן און דײַטשן.

„ניין — ענטפֿערט דער מאַן, דער שרײַבער. — די דײַטשן דאַרפֿן אָפּקומען פֿאַר זייערע פֿאַרברעכנס ביזן סוף פֿון אַלע צײַטן. אָבער מיר פּאָליאַקן מוזן קענען אונדזער דעמאָלטיקע באַציִונג צום ייִדן־מאָרד. דאָס איז נייטיק פֿאַר אונדזער צוקונפֿט, פֿאַר אונדזער פּוילישער פֿאָלקס־גײַסטי־קייט. מיר לעבן דאָך נאָך אין די שטח־ראַמען פֿון דעם ייִדישן אומקום. צי ווייסן מיר, — פֿרעגט ער זײַן פֿרוי — וויפֿל ייִדן, וויפֿל ייִדישע קינדער זענען איבערגעגעבן געוואָרן די דײַטשן צו טייטן דורך דורכשניטלעכע פּאָליאַקן, דורך די „שמאַלצאָווניקעס"?

דער דיאַלאָג ציט זיך ווײַטער: די דײַטשן, שטעלט דער מחבר פֿעסט, האָבן נישט לײַכט דערקענט קיין ייִד, קיין ייִדיש קינד, אַן אַנטלאָפֿנס פֿון געטאָ. „פֿאַרן פּאָליאַק איז געווען גענוג זיך אויסצולערנען דאָס וואָרט ‚יודע'". האָט ער מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויפֿן קרבן: „יודע, יודע".

דערשיטערנדיק זענען רימקעוויטשעס רעוועלאַציעס פֿונעם פּעריאָד איידער די שוואַרצע מאַסקאַראַדע פֿון דער דײַטשישער יאַגד אויף ייִדן

האָט זיך אָנגעהויבן, פֿאַרן געטאָ־פּעריאָד. דער מחבר פֿון „אומשלאָגפּלאַץ" שטעלט פֿעסט אַז פֿון אָנהייב אָקופּאַציע, פֿאַרן געטאָ־פּעריאָד, ווען די דײַטשן האָבן נאָך נישט געהאַט אַרויסגעוויזן זייער חזיר־פּיסל, זענען אין וואַרשע געווען פֿיל אָנפֿאַלן אויף ייִדן אין די ייִדישע געגנטן פֿון באַנדעס יונגוואַרג; מ'האָט דאָס געטאָן אויף די אויגן פֿון די „געלאַסענע" דײַטשן, וועלכע האָבן זיך געשמירט דאָס האַרץ קוקנדיק אויף די פּויּלישע „העלדן".

דער שרײַבער ציטירט טשערניאַקאָווס טאָג־בוך ווי פֿון אָנהייב 1940 (דער געטאָ אין וואַרשע איז אויפֿגעקומען אין אָקטאָבער) זענען ייִדן געקומען אין יודנראַט מיט אונטערגעהאַקטע אויגן, מיט אַ צעקלאַפּטער, צעבלוטיקטער נאָז. זיי זענען געקומען נישט לעבעדיק, נישט טויט פֿון טעאַטער־פּלאַץ, וווּ זיי האָבן געפּרווט אַרויסראַטעווען אַ ייִד וועלכן די פּוילישע „העלדן" האָבן מערדערלעך געשלאָגן. אין זעלבן פּעריאָד, ווי ער ציטירט, האָט מען אויף מאַרשאַלקאָווסקע, פּאָזנאַנסקע און אַנדערע גאַסן ביז בלוט געשלאָגן פֿאַרבײַגייענדיקע ייִדן. אַ לענגערע צײַט פֿון אָנהייב אָקופּאַציע האָבן אָרגאַניזירטע פּוילישע באַנדעס געהאַקט שויבן אין ייִדישע הײַזער און באַפֿאַלן ייִדן. זיי האָבן געפּילט, אַז זייער צײַט איז געקומען. פֿאַראַן אין בוך אַ רשימה וווּ מ'האָט אויסגעהאַקט אין ייִדישע הײַזער שויבן. ס'איז געווען אַ פֿאַרשפּיל צו אַ פּאָגראָם. ס'איז דערגאַנגען דערצו אַז דער יודנראַט האָט זיך געמוזט ווענדן צו די ס.־ס. נאָך הילף, און די דערוויַליקע „פּאַרטיידיקער" האָבן צוגעזאָגט אַרויסצושיקן „אָרדענונגס־פּאָליציי".

דער פּוילישער שרײַבער רימקעוויטש ציטירט אַן אויסצוג פֿון חיים אַרן קאַפּלאַנס „בוך פֿון לעבן": „קיינמאָל איז נאָך אין דער פּוילישער הויפּט־שטאָט נישט געווען אַזעלכע שוידערלעכע עקסצעסן ווי דעם 24טן און 25טן מערץ פֿון דעם יאָר (1940 פֿאַרן געטאָ־פּעריאָד). עמעצער פֿון הינטער די קוליסן האָט אָרגאַניזירט יונגע כוליגאַנעס; ס'זענען געווען אַפֿילו צווישן זיי שילער. אַזעלכע גרופּעס, באַוואָפֿנט מיט שטעקנס און שטיינער, רינגלען אַרום עטלעכע אָדער עטלעכע צענדליק ייִדן און שלאָגן אומברחמנותדיק. ס'איז פּשוט פֿאַרגעקומען אַ יאַגד אויף ייִדן".

מאַרקעוויטש באַמערקט, אַז קאַפּלאַנס „בוך פֿון לעבן" איז געווען געדרוקט אין צוויי נומערן (45־46) אין ביולעטין פֿון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע אין יאָר 1963, אָבער אַזעלכע פֿראַגמענטן זענען באַזײַטיקט געוואָרן.

דער מחבר דיסקוטירט אָדער דיאַלאָגירט מיט די זײַניקע: „זיכער קען מען זאָגן, אַז דאָס האָבן געטאָן לאָבוזעס, כוליגאַנעס. אָבער ס׳איז דאָך זיכער געווען, אַרגומענטירט ער, אַן אַטמאָספער, אַ געוויסע אײַנשטעלונג אין וועלכע יונגע מענטשן האָבן זיך אַזוי דערצויגן, אײַנגעזאַפּט אין זיך אַזאַ פּאַרסמטן גײַסט״.

מיר ברענגען דאָ בלויז אַ קליינעם טייל פֿון די געשעענישן, סיטואַציעס פֿון אַנהייב אָקופּאַציע, וואָס רימקעוויטש שילדערט. מיר ווילן דאָך צוגעבן איין פּרט, וואָס דער פּוילישער שרײַבער שטרײַכט באַזונדערס אונטער: הינטער וואַרשע איז פֿון לאַנגע יאָרן געווען אויף דער אַזוי־גערופֿענער ליניע אַ צעוואָרפֿענע ייִדישע באַפֿעלקערונג. ווען די דײַטשן האָבן זומער 1942 אַרויסגעפֿירט די ייִדישע משפּחות צום אומברענגג, האָבן די פּוילישע שכנים, נישט וואַרטנדיק לאַנג, זיך געלאָזט אין די ייִדישע הײַזער און הײַזקעס און אויסגערויבט אַלץ וואָס איז נאָר געווען, ווי זיי וואָלטן לאַנג געוואַרט אויף דעם.

*

יאָ, מיר ווייסן אַז ס׳זענען אויך געווען פּאַליאַקן וואָס האָבן געראַטעוועט ייִדן. אויך דעם חשבון טאָר מען נישט פֿאַרגעסן, ווי נישטיק די צאָל געראַטעוועטע זאָל נישט זײַן. אָבער דער חשבון וואָס ס׳האָט דורכגעפֿירט דער פּוילישער שרײַבער הומאַניסט יאַראָסלאַוו מאַרעק רימקעוויטש, וועט אפֿשר עפֿענען די אויגן פֿון אַ סך ערלעכע פּאַליאַקן — הלוואַי זאָלן זיי נאָר קענען לייענען דאָס בוך. דעם מחבר דאַקעגן קומט מער ווי אַ יישר־כּוח. ס׳קומט אים טיפֿע אָנערקענונג פֿאַרן דורכפֿירן אַן ערלעכן חשבון.

געפּעלשטע געשיכטע אויף עקספּאָרט
(אויפֿן ראַנד פֿון אַן אויסשטעלונג וועגן יאַנוש קאָרטשאַק)

אַז אין פּוילן האָט מען געפּעלשט און מען פּעלשט ווײַטער די געשיכטע פֿונעם ייִדישן ווידערשטאַנד בעת דער אָקופּאַציע, און וועגן דער באַציִונג פֿון די פּאָליאַקן צו די גערודפֿטע ייִדן, איז קיין נײַעס נישט. זענען אָבער פּאָר די לעצטע יאָרן צוגעקומען נײַע פּעלשונגען, וואָס זענען ממש אַ חילול־השם, ווײַל ס׳גייט אין גרויסן קדוש יאַנוש קאָרטשאַק.

אַ סך יאָרן נאָך דער מלחמה איז קאָרטשאַק אין פּוילן געווען טאַבו. זײַנס אַ בוך איז געווען נישט בנמצא. איך געדענק ווי אין יאָר 1953 בין איך אין וואַרשע געגאַנגען איבער אַלע בוכהאַנדלונגען און געזוכט עפּעס־וואָס פֿון קאָרטשאַקס ביכער, ביז אַ געוויסנהאַפֿטער פּאַרוואַלטער פֿון אַ בוכהאַנדלונג האָט מיר אײַנגערוימט אויפֿן אויער: „זײַנע ביכער זענען אַרויסגעצויגן, אויפֿן אינדעקס״. און ער האָט מיט גרימצאָרן צוגעגעבן: „אַזאַ סקאַנדאַל! ס׳איז רעוואָלטירנדיק״.

ערשט נאָכן פּוילישן אָקטאָבער, אין 1958, האָט מען אָנגעהויבן באַנײַען געוויסע פֿון זײַנע שריפֿטן, אָבער לויט אַ שטרענגן אויסוואַל, ס׳זאָלן, חס וחלילה, נישט באַנײַט ווערן זײַנע נאָוועלן מיט אַ ריין ייִדישן אינהאַלט ווי „די דרײַ עקספּעדיציעס פֿון הערשעלען״ און ענלעכע, וואָס זענען אַגב ביז הײַנט נישט באַנײַט געוואָרן. ס׳געדענקט זיך אויך ווי צו דער צוואַנציקסטער יאָרצייט פֿון קאָרטשאַקס אומקום האָט מען בשום אופֿן נישט געקאָנט פּועלן אײַנצואָרדענען די אָנדענק־אַקאַדעמיע אין גרויסן זאַל פֿון קולטור־פּאַלאַץ, מ׳האָט געמוזט זיך באַנוגענען מיטן קלענסטן טעאַטער־זאַל. אַן אומזעבאַרע האַנט האָט אַלץ געהאַמעוועט. און אין דער צײַט פֿון דער גרויסער אַנטיסעמיטישער וואַקכאַנאַליע, אין די זעכציקער יאָרן, איז דער קאָרטשאַק־קאָמיטעט זיך צעפֿאַלן, די ביוראָ איז געשטאַנען פֿאַרמאַכט.

וועגן דעם אַלעמען האָט מען אין פּוילן פֿאַרגעסן. מ׳האָט זיך אַרומ־געזען, אַז קאָרטשאַק איז געוואָרן וועלט־באַרימט. האָט מען אים אויך אין פּוילן אַוועקגעשטעלט פֿון אויבן אָן: מ׳גיט אַרויס ביכער וועגן אים,

מ׳אָרדנט אײַן אויסשטעלונגען, מ׳באַשטימט ליטעראַרישע פּרעמיעס אויף זײַן נאָמען, מ׳אָרדנט אײַן קאָנפֿערענצן, קאָלאָקוויומס, אַפֿילו אינטער־נאַציאָנאַלע.

וואָלט דאָס אַלץ געווען גוט און פֿײַן און מ׳וואָלט געקאָנט מוחל זײַן די אַמאָליקע עוולות, וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן קעגן קאָרטשאַקן. איז אָבער פֿאַראַן אַן אָבער... מען מאַכט זיך אין גאַנצן פֿאַרגעסן, אַז קאָרטשאַק איז געווען אַ ייִד און איז אומגעקומען אַלס ייִד. און אויב ס׳איז ווייניק וואָס מען שטעלט אים פֿאַר ווי אַ פּאָליאַק, רייִנער אַריער, פּרוּווט מען פֿון מאָל צו מאָל אים צוטשעפּען אַ קאַטוילישע היים, צומאָל דעם קאַטוילישן גלויבן.

אין פּוילן, פֿאַרשטייט זיך, קאָן עס דורכגיין טרוקן, ס׳וועט קיינער נישט רעאַגירן, מ׳וועט נישט וואַגן. איז אָבער די מעשׂה וואָס די לעגענ־דאַרע געשטאַלט קאָרטשאַק גייט אויך אויף עקספּאָרט. אין אַ סך לענדער זעצט מען איבער זײַנע ביכער, דערציִונגס־אַנשטאַלטן און פּעדאַגאָגישע פֿאַקולטעטן אינטערעסירן זיך מיט זײַן נאָוואַטאָרישן פּעדאַגאָגישן סיסטעם. מ׳דאַרף אין אַזעלכע פֿאַלן אָנקומען צו פּוילן. און פּוילן שטעלט צו מאַטעריאַלן, אויסקונפֿטן. צו וואָס זאָל מען אָבער וויסן, אַז קאָרטשאַק איז געווען אַ ייִד?

מיט יאָרן צוריק האָט אין פּאַריז דער פּוילישער פֿאַרשטייער פֿון דער יונעסקאָ צונויפֿגערופֿן אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפֿערענץ וועגן קאָרטשאַקן. פֿון פּוילן איז געקומען דער באַקאַנטער שרײַבער איגאָר נעווערלי, אַגב קאָרטשאַקס אַמאָליקער סעקרעטאַר. ער האָט געהאַלטן אַ לאַנגן רעפֿעראַט וועגן קאָרטשאַקן, נאָר פֿאַרגעסן צו דערמאָנען, אַז ער איז געווען אַ ייִד. ס׳האָבן זיך אָבער געפֿונען פּערזאָנען, וועלכע האָבן אים דאָס דערמאָנט. וואָס שײַך נעווערלינען גופֿא, איז ער אפֿשר קיין סך נישט שולדיק געווען, ווײַל ער איז זיכער געקומען מיט אַ קאָנטראָלירטן רעפֿעראַט...

אַלע מיטלען זענען גוט פֿאַרצושטעלן פֿאַר דער וועלט קאָרטשאַקן אַלס רײַנעם פּאָליאַק. נישט לאַנג צוריק איז דערשינען אין פּוילן אַ בוך אין פֿראַנצויזיש פֿון אַ געוויסער אַליציאַ שלאָנזאַקאָווע. דאָס בוך אונטערן טיטל „יאַנוש קאָרטשאַק״ איז שיין אַרויסגעגעבן, שיין אילוסטרירט, ווי ס׳דאַרף צו זײַן אויף עקספּאָרט. שטעלט די מחברין פֿאַר פֿאַרן פֿראַנצויזישן לייענער דעם גורל פֿון קאָרטשאַקן אויף אַזאַ אופֿן: „די היטלעריסטן האָבן געצילט אומצוברענגען אין פּוילן די עליטע, די פּוילישע וויסנשאַפֿטלער,

שרײַבער, דענקער. אײנער פֿון די קרבנות פֿונעם דאָזיקן גענאָסיד איז קאָרטשאַק". קײן װאָרט נישט, אַז קאָרטשאַק איז אומגעקומען װי אַ ייִד. ס'זעט אויס װי ער װאָלט געװען אין געטאָ בלויז דערפֿאַר װײַל ער האָט נישט געװאָלט פֿאַרלאָזן די קינדער.

נאָך שרײַענדיקער זענען די פֿעלשונגען אויף אַ קאָרטשאַק־אויסשטע־לונג, װאָס איז פֿאָרגעקומען אין דער פּאַריזער פֿאַרשטאָט מאָנטרוי. די אויסשטעלונג האָט אײַנגעאָרדנט די פּוילישע אַמבאַסאַדע אין פּאַריז אין אַ שײנעם זאַל פֿון דער קאָמוניסטישער מוניציפּאַליטעט. קאָן מען זיך אויף דער אויסשטעלונג דערװיסן אַ סך זאַכן װעגן קאָרטשאַקן חוץ... חוץ דעם, אַז ער איז געװען אַ ייִד.

נאָך מער: דער צושױער האָט געקאָנט זיך גאָר דערװיסן, אַז קאָרטשאַק איז געבוירן געװאָרן אין „אַ משפּחה פֿון ייִדישער אָפּשטאַמונג, אָבער װאָס איז געװען אַ קאַטוילישע". אַזױ איז בפֿירוש געװען געשריבן אויף אַ קאַרטל, לעבן זײַנע אויסגעלײגטע ביכער װאָס גיט צו װיסן װען און װוּ קאָרטשאַק איז געבוירן געװאָרן. אויף די אַנדערע מערערע פּלאַקאַטן אויף װעלכע ס'װערט דערצײלט װעגן קאָרטשאַקן איז אויך מיט קײן װאָרט נישט דערמאָנט, אַז ער איז געװען אַ ייִד. פּונקט אַזױ װי אין דער־מאָנטן בוך אין פֿראַנצויזיש, װאָס האָט זיך געפֿונען אַגב אויף דער אויס־שטעלונג. ס'זעט אויס װי דער פּאַליאַק־אַריער קאָרטשאַק איז געװען אין געטאָ בלויז פֿון זײַן אײגענעם װילן.

ס'איז נישט מעגלעך אויסצורעכענען אַלע פֿעלשונגען, אָבער דער־מאָנען װילט זיך נאָך אַזאַ פֿראַזע: אונטער אַ גרויס בילד פֿון געטאָ איז געװען אַזאַ אונטערשריפֿט: „ער (קאָרטשאַק) האָט געקעמפֿט צו דער־האַלטן די קינדער בײַם לעבן, לײַכטער צו מאַכן פֿאַר זײ דעם קאַשמאַר פֿון געטאָ. ער האָט דערצו כּסדר באַקומען הילף פֿון דער פּוילישער װידערשטאַנד־באַװעגונג". (שקר וכזב!)

✶

כ'האָב אָפּגעזוכט די פֿאַראַנטװאָרטלעכע פֿאַר דער אויסשטעלונג מצד דער מוניציפּאַליטעט און אָנגעהויבן איר אָנצװוײַזן אויף די פֿעלשונגען. אַ צעקלעמטע האָט זי זיך כּסדר פֿאַרענטפֿערט: „דאָס אַלץ האָט אונדז דאָך צוגעשטעלט די פּוילישע אַמבאַסאַדע, פֿאַרטיקע עקספּאָנאַטן". זי האָט גלײַך אַראָפּגענומען דאָס קאַרטל אויף װעלכן ס'איז געװען אַז קאָרטשאַק שטאַמט פֿון אַ קאַטוילישער משפּחה. װאָס טוט מען אָבער מיט די אַנדערע

געפּעלשטע אָנגאָבעס ? מ׳וועט זיך באַמיִען צו ענדערן, ווען די אויסשטע־לונג וועט איבערגעפּירט ווערן אין אַנדערע מוניציפּאַליטעטן...

און היות מיר האָבן אָנגעהויבן מיט פּעלשונגען אויף עקספּאָרט איז כּדאַי צו דערציילן אַן אינטערעסאַנטע מעשׂה. פאַר מיר ליגט אַ קליין ביכל פון אַ דייטשישן פּראָפעסאָר מיטן נאָמען עריק דויצענראַט — „יאַנוש קאָרטשאַק דער וואַרשעווער פעסטאַלאָצי״. ברענגט דאָ דער מחבר, וואָס איז אַגב געווען אויף דער פּאַריזער קאָנפערענץ וועגן קאָרטשאַקן, מאַטע־ריאַלן, וואָס ער האָט באַקומען וועגן קאָרטשאַקן אין פּוילן, אין קאַטוי־לישע סביבות. אָט זענען אייניקע בלימלעך: יעזשי זאַוויעיסקי זאָל האָבן פאַרשריבן אַזאַ גבית־עדות: איין מאָל, אין אַ בין־השמשות בין איך מיט קאָרטשאַקן פאַרבײַגעגאַנגען אַ באַלויכטענע קירכע. ער האָט מיך פעסט אָנגענומען פאַרן אָרעם און פאָרגעלייגט: לאָמיר אַרײַנגיין. ווען מיר זענען אַרײַנגעגאַנגען האָט קאָרטשאַק אַנידערגעקניט, צונויפגענומען פרום די הענט און לאַנג תּפילה געטאָן״...

אַ געוויסע מאַריאַ טשאַפּסקאַ האָט געהאַט מיט יאָרן צוריק געשריבן, אַז ווען קאָרטשאַק איז געווען אין געטאָ האָט ער איר אינפאָרמירט וועגן זײַן קריסטלעכער פרומקייט בזה הלשון: „איך פאַרמאָג שוין 4 וואָכגע־ליעס... איצט בעט איך אײַך, פּרוי טשאַפּסקאַ, מיר צו שאַפן די ליטאַניע פון דער הייליקער מוטער, איך וויל אַליין צונויפשטעלן צו אונדזער אייגענעם געברויך, אַ געבעט; די קינדער דאַרפן תּפילה טאָן״.

מיר דערוויסן זיך אויך פון דעם דײַטשישן מחבר פונעם דערמאָנטן ביכל, אַז אין 1977 האָט אַ פּוילישער גלח מיטן נאָמען בערנאַרד איגנעראַ באַלייגט אויפן לובלינער קאַטוילישן אוניווערסיטעט אַ מאַגיסטער־עקזאַמען אויף דער טעמע „דאָס רעליגיעזע אין קאָרטשאַקס פּעדאַגאָגיק״. דער גלח האָט אין זײַן טעזע זיך געשטיצט צוממײַנסטן אויף אַ לאַנגן פּאַעטישן געבעט צום געקרייציקטן גאָט, וואָס קאָרטשאַק זאָל האָבן אָנגעשריבן אין צוג אויפן וועג קיין טרעבלינקע און וואָס... אַן באַן־אַרבעטער זאָל דעמאָלט דאָס האָבן באַקומען פון אַ רב און נאָך עטלעכע דרײַסיק יאָר איז עס דערגאַנגען צום גלח.

לייען איך די לאַנגע ליטאַניע און פרעג מיך: וואָס פאַרא ציל האָט מען געהאַט צונויפצושטעלן אַזעלכעס און עס צושרײַבן קאָרטשאַקן ? און אַז די גאַנצע מעשׂה איז אויסגעזויגן פון פינגער איז נישט שווער זיך צו כאַפּן. אַגב באַמערקט דער דײַטשישער פּראָפעסאָר גופא, וואָס איז אַליין אַ קאַטאָליק, אַז „די גאַנצע זאַך איז זיכער אַ צווײַפלהאַפטע״. די

פערזאָנען, וועלכע האָבן מיר איבערגעגעבן די אַלע מאַטעריאַלן האָבן מיר מיט אומרו געזאָגט, אַז „ס׳קאָן נאָך אין פוילן דערגיין דערצו, מ׳זאָל קאָרטשאַקן קאַנאָניזירן ווי אַ קאַטוילישן הייליקן" איינס איז יאָ זיכער, אַז ס׳גייט אָן אַרום דעם יידישן מאַרטירער קאָרטשאַק אַ געיעג, מצד די אָפּיציעלע קרייַזן אים פֿאַרצושטעלן ווי אַ פּאָליאַק־אַריער, דאַקעגן אין געוויסע קאַטוילישע קרייזן — צו מאַכן פֿון אים אַ קריסט „אַ מענטש מיט אַ טיפֿער קריסטלעכער נשמה, מיט קריסטלעכער ליבשאַפֿט צום קינד און מענטש", ווי עס שרייַבט אַ געוויסער יאַן פּיאַטראָווסקי.

איז דעריבער אונדזער הייליקע אויפֿגאַבע אומעטום, בײַ יעדער געלעגנהייט, צו ווייַזן קאָרטשאַקן ווי דעם ייִד. דעם נאַציאָנאַלן ייִד, אַזאַ וואָס איז עס געווען אין די יאָרן פֿאַר דער מלחמה, און פֿאַרבליבן ביזן לעצטן אָטעם־צוג.

צו דער 10־טער יאָרצייט פֿון משה שולשטיין

ווי ס'לויפֿן די יאָרן! ס'איז שוין אָפּגעלאָפֿן צען יאָר ווי ס'איז אַוועק־געריסן געוואָרן פֿון אונדז משה שולשטיין. און מיר דוכט זיך כּסדר, אַז אָט דאָ נישט לאַנג איז ער נאָך געווען צווישן אונדז, מיט אונדז.

משה שולשטיין פֿלעגט זיך נוהג זײַן אַז ס'איז געשטאָרבן אַ שרײַבער, פֿלעגט ער אים מספּיד זײַן אין אַ מאמר. בלויז אין זײַן בוך „געשטאָלטן פֿאַר מײַנע אויגן" האָט ער באַוויינט און באַזונגען 15 געשטאָרבענע און דורך רציחה אומגעבראַכטע פּען־קאָלעגן. נאָך דער פּטירה פֿון איציק מאַנגער האָט ער דעם הספּד־מאמר געשריבן אונטער אַזאַ טיטל: „אַ ליכטיקער שטערן אויף אונדזער דאַך האָט זיך אויסגעלאָשן". די־אַ ווערטער משה'ס, רײַסן זיך איצט אַרויס פֿון האַרצן, כּדי צו זאָגן מיט זיי, וועגן אים גופֿא, אַז מיט צען יאָר צוריק האָט זיך אַ ליכטיקער שטערן איבער אונדזערע קעפּ אויסגעלאָשן און פּונקט ווי זײַן משפּחה האָט ער אויפֿסנײַ פֿאַריתומט און פֿאַראָבלט אונדזער געפּרוווטע יידיש־ליטעראַטור, און פֿאַראָבלט זײַנע חברים וואָס האָבן געפֿילט אין משה'ן אַן איבערגעגעבענעם פֿרײַנד.

✶

ער איז אַוועק פֿון אונדז פֿריצײַטיק, פּלוצלינג. אַ פֿיר שעה פֿאַר זײַן טויט האָבן מיר נאָך געמיטלעך געשמועסט צווישן זיך, גערעדט וועגן זײַן נײַעם בוך, וואָס האָט געדאַרפֿט אינגיכן אַוועק אין דרוקערײַ, וועגן זײַנער אַ דראַמאַטיש־היסטאָרישער פּאָעמע, וואָס ער האָט געהאַט מיר געגעבן איבערצולייענען. וועגן זײַנע נײַע שעפֿערישע פּלענער און מיט שעפֿערישע פּלענער — שעפֿערישע אימפּולסן — איז משה שולשטיין געווען פֿול ווי אַ מילגרוים מיט קערנער. ער האָט געשפּרודלט מיט שעפֿערישקייט.

✶

משה שולשטיין האָט העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט אויסגעדיכטעט יידיש לעבן, יידישע גורלדיקייט. אויסגעזונגען דעם מענטש און דעם גאַנצן באַשאַף. ער איז געקומען פֿון דער יידישער אָרעמקייט. פֿון דער

קעלער־שטוב. אין גאַנץ יונגן עלטער געמוזט מיט זײַנע צען פֿינגער צוטראָגן אין שטוב צו דער בידנער חיונה, אָבער שוין אַלט זײַענדיק 14־15 יאָר האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט פֿולע קעשענעס פּאַפּירלעך אויף וועלכע ער האָט פֿאַרשריבן זײַנע ערשטע פֿערזן. צו 15 יאָר האָט ער באַקומען דיכטערישע סמיכה פֿון יצחק מאיר ווײַסענבערג — „דאָס ייִנגל האָט טאַלאַנט" — האָט ער געזאָגט צו שולשטיינס אַ פּראַקטעקטאָר און אָפּגעדרוקט זײַנע ייִנגלשע לידער אין זײַן צײַטונג „האָפֿינונג". אָט אין אַזאַ פֿריִען עלטער און אין דחקות האָט משה שולשטיין אָנגעהויבן זײַן דיכטערישן באַרוף און שטופּנווייז געשטיגן אַלע מאָל העכער און העכער אויפֿן לייטער פֿון דיכטונג, פֿון אַלזייטיקער שעפֿערישקייט. וואָרעם דער דיכטער איז אויך געווען אַ פּראָזאַיִקער, אַ פֿאַרבנרײַכער דערציילער, אַ פֿײַנפֿילנדיקער עסעאַיִסט און אַ געניטער איבערזעצער פֿון פֿרעמדשפּראַכיקער פּאָעזיע, וואָס ער האָט מײַסטערדיק איבערגעגאָסן אין ייִדישן, דיכטערישן לבוש.

*

משה שולשטיין האָט אויסגעדיכטעט זײַן דיכטונג אַזוי נאַטירלעך ווי ס'איז נאַטירלעך צו אָטעמען. לייענען מיר דאָך אין זײַנס אַ ליד: „איך זינג, איך זינג, ווײַל איך אָטעם, איך אָטעם ווײַל איך זינג"... הכּלל, די דיכטונג זײַנע איז זײַן לעבנס־אָטעם. און דאָס אין אַלע אומשטענדן. אַפֿילו ווען ער איז בעת דער אָקופּאַציע געזעסן אין דער תּפֿיסה „לאַ סאַנטע" און נישט געהאַט מיט וואָס און אויף וואָס צו שרײַבן, האָט ער מיט אַ שפּילקעלע, ווי ער האָט עס מיר דערציילט, אויסגעקריצט אין ייִדישע אותיות פֿערזן אויף די ברייטע ראַנדן פֿון אַלטע צײַטונגען.

*

ס'קומט מיר אָפּט אויפֿן זינען, ווען איך טראַכט וועגן מײַן פֿרײַנד משה, די ערשטע באַגעגעניש, די באַקאַנטשאַפֿט אין 1937. ביידע „גרינע" געווען, נאָר וואָס פֿאַרבלאָנקנדיקע אין פּאַריזער כּרך.

— וואָס טראַכסטו צו טאָן וועגן אויסהאַלטן זיך ? — האָב איך געפֿרעגט.

— כ'האָב נאָך נישט געהאַט ווען צו טראַכטן דערוועגן; קודם־כּל טראַכט איך ווי אַזוי איך וועל זיך קענען נעמען דאָ צום שרײַבן. אַזאַ איז פֿיל וויכטיקער געווען דער ענטפֿער.

משה האָט טאַקע קודם געטראַכט ווי אַזוי זיך צו נעמען צום שרײַבן,

נאָך איידער ער האָט געטראַכט וועגן אַ דאַך איבערן קאָפּ, וועגן אַ שטיקל חיונה.

ער איז געקומען יונג אין דער פּרעמדער וועלט, אָבער משה האָט שטענדיק מיט גרויס קינסטלערישן נײַגיר פֿון אַן עכטן הומאַניסט וואָס אים גייט אַלץ אָן, דער עיקר דאָס פּינטעלע מענטש, דאָס פּינטעלע ייִד, געקוקט, אָבסערווירט, געפּאָרשט אַרום זיך. זײַן קינסטלעריש אויג האָט אויך דאָ אין דער פּרעמד באַלד פֿון אָנהייב אויפֿגעכאַפּט אַלע צאַפּלע־נישן פֿונעם לעבן, פֿון דער נײַער רעאַליטעט, סײַ פֿון דער קעגנוואַרט, סײַ פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, וואָס פֿאַרקייטלען זיך אָפּט אין זײַן שאַפֿונג, ווינקען זיך איבער. הגם גאָר האַרט איז געווען דאָס אײַנפֿלאַנצן זיך אין דער פּרעמדער וועלט, בפֿרט פֿאַר אַזאַ עמפֿינדלעכער נאַטור, האָט ער זי ליב באַקומען, ווײַל ער האָט ליב געהאַט דעם מענטש. און געבונדן געווען מיט אַלע פֿעדעם פֿון זײַן פּילבאַר האַרץ מיטן לעבעדיקן, פּולסירנדיקן לעבן פֿון וועלכן ער האָט געצויגן זײַן שרײַבערישע יניקה. הגם ער האָט ווײַטער זיך געזען פֿאַרבונדן מיט די וואָרצלען פֿון דער אַלטער היים, האָט ער אויסגעדיכטעט ייִדישע גורלדיקייט פֿון דער נײַער היים דערבײַ אויך באַזונגען די אַלטנײַע ישׂראלדיקע היים, וועלכער ער האָט געשאָנקען אַ סך ליבשאַפֿט.

✶

מיט אַ באַזונדערער דיכטערישער קראַפֿט האָט ער פֿאַראייביקט דעם ייִדישן חורבן און אויך די פֿאַרטיליקונג פֿון ייִדישע שעפֿער דורכן סטאַלין־רעזשים. „כ׳האָב געזען אַ באַרג", „די ליאַלקע אין אוישוויץ", „בײַם פּנקס פֿון לובלין" און אויך „בלומען פֿון באַדויער" וועלן אויף אייביק פֿאַרבלײַבן הייליקע מאָנומענטן.

✶

משה שולשטיין איז פֿאַר די לעצטע עטלעכע יאָר, באַזונדער אַקטיוו־שעפֿעריש געווען. אין דער זעלבער צײַט כּמעט וואָס ער האָט געשריבן זײַן בוך מעמואַרן, האָט ער זיך מטפּל געווען מיט אַנדערע שאַפֿונגען. דאָס לעצטע בוך „דאָרט וווּ מײַן וויג איז געשטאַנען", וואָס איז דערשינען נאָך זײַן טויט אַ דאַנק די גרויסע אָנשטרענגונגען פֿון מילכה שולשטיין, האָט משה באַטראַכט ווי אַ חוב וואָס ער איז שולדיק זײַן משפּחה, די שטעטלדיקע אומגעקומענע ייִדן. מיטן בוך האָט ער זיי געשטעלט אַ מצבה.

כאָטש איינצײַטיק האָט ער איבערגעאַרבעט, איבערגעשאַפֿן אַ גרויסע

דראַמאַטיש־היסטאָרישע פּאָעמע פֿון קרוב 150 זייטן „יהודה המכבי״, אינסצעניזירט זי. האָט ער זיך אויך אונטערגענומען צוצוגרייטן אין פֿראַנ־צויזישער איבערזעצונג אַן אָפּקלייב אויסגעוויילטע דיכטונג, פֿון וועלכער אַ גרויסער טייל איז שוין געווען איבערגעזעצט. און איך בין געווען אַן עדות ווי נאָך דער אַרבעט פֿון די איבערזעצער האָט משה אין יעדער איבערזעצונג נאָך אַרײַנגעטריפֿט זײַן אייגנטימלעכן קינסטלערישן הויך.

אין לויף פֿון די יאָרן זינט משה שולשטיין איז אַוועק אין דער אייביקייט דערשיינט פֿאַר אונדז אַלע מאָל מער די גרויסע אבידה, די לידיקייט וואָס ער האָט געלאָזט. ער פֿעלט אַלע מאָל מער. אוי ווי משה פֿעלט אונדז! די איינציקע טרייסט איז זײַן איבערגעלאָזט פֿילווערטיק ווערק אין דער צאָל פֿון אַן 18 ביכער וואָס וועלן פֿאַרבלײַבן אינעם אייביקן גײַסטיקן אוצר פֿונעם ייִדישן פֿאָלק.

צו דער איצטיקער יאָרצײַט דערשײַנט אַ ביכל צונויפֿגעקליבענע לידער. — „סוד און כוונה״.

1992

צו דער פופציקסטער יאָרצייט פון ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע

מיט פופציק יאָר צוריק איז אין ווייטן פאַרשלאָפענעם אינדיע אוועק פון דער וועלט אַ מעכטיקער אַלזייטיקער שעפער; ס׳האָט אין קאַלקוטאַ אויסגעהויכט די נשמה דער וועלט־באַרימטער ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע. די וועלט איז דעמאָלט געווען צעטומלט. איבער אייראָפע האָט זיך געהאַט אַראָפּגעלאָזט אַ שוואַרצער מבול, וואָס האָט געזייט טויט און צעשטערונג — דער היטלעריסטישער מבול. האָט מען דעמאָלט ווייניק וואָס געלייגט אַכט אָדער דערמאָנט די גרויסע אבידה. היינט ווען עס ווערט 50 יאָר נאָך זיין טויט, דערמאָנט מען די גרויסע אבידה מיט אַכטונג און פאַרערונג, באַזונדער אין אינדיע, און גאָר באַזונדער אין זיין געבורט־לאַנד בענגאַליע.

אין בענגאַליע גייען אָן כמעט דאָס גאַנצע היינטיקע יאָר אָן־אַ־שיעור פייערונגען. די פאַרלאַגן און בוכהאַנדלונגען, ווי עס גיבן איבער קענערס און וויסערס, זענען אָנגעלאָדן מיט טויזנטער אויסגאַבעס, מיט עטלעכע הונדערט נייע טיטולן איבערגעזעצטע פון ענגליש (ער האָט אויך געשריבן אין בענגאַליש). דאָס גאַנצע יאָר כמעט גייט אונטערן צייכן פון ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע. די ליטעראַרישע — און קונסט־וועלט באַנייען אָפּהאַנדלונגען און הייבן אַרויס טיילווייז פון פאַרגעסנקייט, די מערקווירדיקע שעפערישע פערזענלעכקייט.

*

ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע איז געקומען אויף דער וועלט אין 1861 אין אַ קליינער אָרטשאַפט לעבן קאַלקוטאַ. ער איז געווען דאָס צוועלפטע קינד פון אַ מיטל־פאַרמעגלעכער משפחה. זיינער אַן עלטערער ברודער האָט דאָס עמפּינדלעכע און פאַרטראַכטע יינגל גענומען אונטער זיין אויפזיכט און אויך געווירקט אויף אים צו שרייבן זיינע ערשטע פאָעמעס אין יונגן עלטער. ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע איז אָבער נישט געווען בלויז אַ געבוירע־נער דיכטער נאָר אַן אַלזייטיקער שעפער. ער האָט אין זיין לעבן געשריבן פאָעמעס, ראָמאַנען, טעאַטער־פּיעסעס און אַפילו זינג־לידער, וואָס דאָס פאָלק זינגט ביזן היינטיקן טאָג. ער איז אויך געווען אַ מוזיקער

און אַ גאַר באַגאַבטער מאָלער. און אין אַלע זײַנע שאַפֿונגס־געביטן איז ער געװען אַ גרױסער הומאַניסט, אַ פֿלאַמיקער פּאַטריאָט פֿון זײַן לאַנד, װאָס איז באַהערשט געװען פֿון ענגלישן קאָלאָניאַליזם; ער איז געװען דער פֿאָרשטײער און באַזינגער פֿון פֿאָרגעשריטענע אידעאַלן, הגם געװען מיסטיש געשטימט. זײַנע װערק זענען איבערגעזעצט אין 35 שפּראַכן פֿון דער װעלט. און אין אַלע זײַנע װערק האָט ער באַגערט דערגרונטעװען צו דער מענטשלעכער נשמה.

אין 1913, װען אַ באַנד פּאָעמעס איז דערגאַנגען צו דער אָנפֿירער־שאַפֿט פֿון דער װעלט־פּרעמיע אין שטאָקהאָלם, איז אים דאָס זעלבע יאָר צוגעטײלט געװאָרן די נאָבעל־פּרעמיע. זײַן פּערזענלעכע לאַגע האָט זיך אײַנצײַטיק שטאַרק פֿאַרבעסערט. װאָרעם מיט זײַן גאַנצער ברײטער שע־פֿערישקײט האָט ער נישט געהאַט די מעגלעכקײט אױסצוהאַלטן װי געהעריק די משפּחה. װי אַ בײַשפּיל דערויף ברענגט זײַנער אַ בענגאַלישער ביאָגראַף אַזאַ געשעעניש: װען זײַן עלטסטע טאָכטער האָט געזאָלט חתונה האָבן, האָט ער בשום אופֿן נישט געקענט סילוקן דעם נדן, װאָס איז דאָרט געװען װי אַ געזעץ, און דאָס געזעץ פֿון לאַנד דאַרף מען אױספֿירן. אַ נאָענטער פֿרײַנד האָט זיך באַמיט צו שאַפֿן און אױסבאָרגן אים די סומע כּדי דער שידוך זאָל זיך נישט צעפֿאַלן. זינט דער נאָבעל־פּרעמיע האָט זיך זײַן עקאָנאָמישער מצב אַזױ װײַט געענדערט, אַז ער האָט געקאָנט אונטערנעמען פֿאַרשידענע איניציאַטיװן. אין 1921 האָט ער געגרינדעט אַן אינטערנאַציאָנאַלן אוניװערסיטעט צו שטודירן פּראָבלעמען פֿון אינ־דיאַניזם, אָבער אַלץ אין גײַסט פֿון הומאַניזם, אין גײַסט פֿון באַקעמפֿן פֿעלקער־און מענטשן־דיסקרימינאַציע; אױך צו באַקעמפֿן אָבסקוראַנטיזם. — מיט אײן װאָרט; געעפֿנט פֿאַר אינדיע אַ פֿענצטערל צו דער ברײטער װעלט.

הײַנט צו טאָג איז ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע װײניקער פּאָפּולער װי פֿאַר דער לעצטער װעלט־מלחמה. ער איז װײניקער באַקאַנט בײַם יונגן דור, איבערהױפּט אין מערב־אײראָפּע. אין מזרח־אײראָפּע איז ער שטענדיק געװען אין אױבנאָן.

ס׳דערמאָנט זיך װי אַזױ ס׳האָט אױסגעזען צװישן דער ייִדישער יוגנט אין װאַרשע, אני הקטנה, אַ 16־17־יאָריקע פּראָװינצער גימנאַזיסטקע אין װאַרשע, האָט נאָכן איבערלײענען אַ באַנד טאַגאָרעס פּאָעמעס, צוזאַמען מיט די „קאָלעזשאַנקעס" אײַנגעלײגט װעלטן, אַז אונדזער פּראָפֿעסאָר פֿון ליטעראַטור זאָל װידמענען װײניקסטנס אײן לעקציע װעגן טאַגאָרען.

דאָס זעלבע בוך איז איבערגעגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט; מ׳האָט עס פֿאַר דער לעקציע אין קלאַס באַטראַכט און אַרומגערעדט פֿון אַלע זײַטן. אַ בוך פֿון טאַגאָרען איז געווען אַן אבן־טוב.

און פֿאַרוואָס נישט דערמאָנען, אַז טאַגאָרעס אַ פּיעסע, וואָס מ׳האָט געשפּילט אין וואַרשעווער געטאָ האָט געהאַט אַן אומגעהויערן דערפֿאָלג? כ׳האָב זיך דערוועגן געהאַט דערוווּסט נאָך איידער מ׳האָט וועגן דעם מיט יאָרן שפּעטער אַ סך געשריבן. מחמת אויסגעפֿירט די פּיעסע האָט מען אין קאָרטשאַקס יתומים־הויז, און וועגן קאָרטשאַקן האָט מען געשוויגן, געמוזט שווײַגן. איז ווי אַזוי האָב איך זיך דערוועגן דערוווּסט? די מעשה שהיה כּך היה: אין 1948 בין איך געפֿאָרן אין אַ יתומים־הויז אָפּנעמען מײַן עלטערער שוועסטערס אַ דרײַצן־יאָריק ייִנגל, דער איינציק לעבן געבליבענער פֿון אַ פֿאַרצווײַגטער משפּחה. אין יתומים־הויז אין העלענוּוועק, נישט ווײַט פֿון לאָדזש, האָב איך זיך באַגעגנט מיט אַ דערציִערין, וואָס איז געווען פֿאַר מיר אַ קוואַל פֿון אויסקונפֿטן וועגן מײַן אינספּיראַטאָר יאַנוש קאָרטשאַק און זײַן יתומים־הויז אין געטאָ. צווישן אַנדערן זיך דערוווּסט וועגן אַ 16־יאָריקער יתומה, וואָס איז דורך אַ מומע אָפּגענומען געוואָרן פֿון יתומים־הויז אין די לעצטע טעג, און אַרויסגעפֿירט געוואָרן פֿון געטאָ.

כ׳האָב באַקומען דעם קאָנטאַקט פֿון וואַרשע און זי, דאָס מיידל, האָט פֿאַר מיר איבערגעחזרט מיט מער פּינקטלעכקייטן וואָס די העלענוּווקער דערציִערין האָט מיר דערציילט: אין זײַן יתומים־הויז האָט קאָרטשאַק פֿון צײַט צו צײַט אָרגאַניזירט פֿאַרשידענע קולטור־אונטערנעמונגען און צווישן זיי טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען. זומער 1942 האָט ער אויסגעקליבן צווישן אַ סך פּיעסעס טאַגאָרעס באַרימטע פּיעסע „די פּאָסט” ווו דער הויפּטהעלד איז אַ קראַנק, באַדראָט ייִנגל און לסוף נעמט ער מוטיק אויף דעם טויט. עטלעכע וואָכן פֿאַרן 5טן אויגוסט, ווען די ס.ס. האָבן אַרויסגעפֿירט קאָרטשאַקס יתומים־הויז מיט אים צוזאַמען, איז די פּיעסע, דיריגירט דורך דער טאַלאַנטירטער סטודענטין אסתרקע, אַ מיטאַרבעטערין אין יתומים־הויז, געשפּילט געוואָרן פֿון די קינדער וואָס האָבן זיך איבערגעשטיגן אין זייערע ראָלן... די געהיימע אײַנלאַדונגען צו געסט, פּערזענלעכקייטן, האָט אויף אַ קאָרטל אָנגעשריבן דער ייִדיש־פּוילישער טאַלאַנטירטער דיכטער וו. שלענגעל, וועלכער איז אומגעקומען אין געטאָ־אויפֿשטאַנד. צווישן אַנדערע לייענען מיר אַזעלכע פּערזן וועגן דער פֿאָרשטעלונג: „...עפּעס אַזעלכס וואָס איז מער ווי עמאָציע —

ווײַל ס׳איז דערשיטערונג
עפּעס אַזעלכעס וואָס איז מער
ווי אַקטיאָרן
ווייל דאָס שפּילן קינדער״.

נאָך דער פֿאָרשטעלונג וואָס האָט אַלע דערשיטערט און גלײַכצײַטיק באַגײַסטערט — האָט די געוועזענע דערציִערן־פּעדאַגאָגין כמעלניצקאַ אויף פֿיר אויגן און מיט פֿאַרשטיקטע טרערן געפֿרעגט קאָרטשאַקן צי דאַרף מען אויפֿנעמען דעם שרעקלעכן טויט אַזוי רויִק ווי טאַגאָרעס העלד ?

„יאָ, האָט ער געענטפֿערט, טאַגאָרע האָט אונדז אַ סך געלערנט. ער האָט אונדז אויך געוויזן ווי אַזוי מ׳קאָן אָן שרעק־קראַמפֿן אויפֿנעמען דעם טויט״, הגם קאָרטשאַק האָט די קינדער קיינמאָל, אין די לעצטע מינוטן אַפֿילו פֿון זייער אויסזידלונג, נישט געזאָגט וואָס עס דערוואַרט זיי, אָבער אין טאַגאָרען האָט ער געזען אַ געהילף פֿאַר די קינדער אויפֿצונעמען מיט פֿאַרלײַכטערונג דאָס ערגסטע.

און מיר האָט זיך דעמאָלט געדוכט, אַז צווישן טאַגאָרען און קאָר־טשאַקן זענען פֿאַראַן אַ סך ענלעכקייטן. און אויך שאַפֿערישע, קרובישע ענלעכקייטן זענען, אַ סברה, געווען.

דער מענטש און דער שעפֿער

(צו דער 25־טער יאָרצײַט פֿון פּראָפֿ׳ בערל מאַרק)

ס׳איז מיר באַשערט געווען קאַרגע צוויי צענדליק יאָר צו קענען בערל מאַרקן פֿון דער נאָענט, יאָרן מיטגעאַרבעט מיט אים אין דער רעדאַקציע „יידישע שריפֿטן", געהאַט געמיינזאַמעס מיט אים אין פֿאַרלאַג „יידיש בוך" געהאַט, אַ דאַנק אים, אַ צוגאַנג צו די אַלע מאַטעריאַלן פֿון היסטאָרישן אינסטיטוט, און מיט אים אָפֿטע שמועסן געהאַט אין זײַן קאַבינעט.

און פֿאַרוואָס נישט דערמאָנען, אַז מאַרק האָט אויך מיט אַן אינערלעכער רעצענזיע פֿאַרן פֿאַרלאַג „יידיש־בוך" צונישט געמאַכט די אָפּשאַצונג פֿון אַ רעצענזענט בעל־פּחדן, וואָס האָט געהאַלטן, אַז „אין סאָציאַליסטישן פּוילן קען מען נישט אַרויסגעבן אַזאַ בוך?"... און איך בין נישט געווען די איינציקע וועמען ער האָט געהאָלפֿן דורכשווימען אַ דראָענדיקע כוואַליע. הכלל, כ׳האָב געהאַט גענוג געלעגנהייטן צו דערקענען אי דעם מענטש, אי דעם פּראָקטיקן שעפֿער. כ׳האָב זיך מיט גרויס נײַגיר און באַוווּנדערונג צוגעקוקט צו זײַנע פֿילזײַטיקע שעפֿערישע באַשעפֿטיקונגען און אײנצײַטיק דערזען זײַנע זייער שווערע, ביטערע גראַנגלען, זײַן אינערלעכע צעריסנקייט וועגן וועלכער ווייניק מענטשן האָבן געוווּסט.

✶

יאָ, ער איז אין דעם אַזוי־גערופֿענעם סאָציאַליסטישן פּוילן יאָרן לאַנג געווען אַן אינערלעך צעריסענער מענטש. פּונקט ווי זײַן הויכע, גלײַכע געשטאַלט, דער פֿעסט־געבויטער קערפּער האָט פֿאַרשטעלט די שווערע קראַנקייט, וואָס האָט אים שטופֿנווײַז אָוועקגענומען דאָס ליכט פֿון די אויגן, אַזוי האָבן דאָס ענערגישע, געמיטלעכע פּנים, דער הומאָר, די שפּרודלדיקע וויצלדיקייט, פֿאַרהוילן די אינערלעכע צעריסנקייט, די אַנוואַקסנדיקע, — איבערהויפּט אין די לעצטע יאָרן — נשמה־וווּנדן.

✶

בערל מאַרק איז געבוירן געוואָרן אין 1908 (געשטאָרבן, אַלט זייענדיק בלויז 58 יאָר) אין דער שטאָט לאָמזשע, וואָס איז, אַגב, באַקאַנט פֿון

אירע ישיבות. זײַן היים איז געווען אַ ציוניסטישע, זײַן פֿאָטער צבי הערש מאַרק, אַ מזרחי־עסקן, האָט געגעבן זײַנע צוויי זין אַ סאָלידע, טיף־ייִדישע דערציִונג און אײַנצײַטיק וועלטלעכע בילדונג. ווען בערל מאַרק האָט אין 1927 אָנגעהויבן שטודירן אויפֿן וואַרשעווער אוניווערסיטעט, האָט ער שוין געהאַט אײַנגעזאַפּט אין זיך אַלע ייִדישע, גײַסטיקע, אַלטע מקורים און אויסגעבונדן געווען מיט מאָדערנער ייִדישער גײַסטיקייט. און ווען ס'האָט אָנגעקלאַפּט אין זײַן באַוווסטזײַן אַ בליצנדיקער מענטשלעכער אידעאַל, דער קאָמוניסטישער אידעאַל, האָט ער ווי אַ סך פֿון זײַן דור, ווי אַ באַוווסטזיניקער ייִד, געגלייבט אַז דער שיינער אידעאַל וועט אויך זײַן אַ לייזונג פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק. איז ווען מאַרק, דער ייִדישער היסטאָריקער מיטן וואַרעמען ייִדישן האַרץ, האָט שפּעטער און וואָס ווײַטער אַלץ מער זיך אָנגעטראָפֿן אויג אויף אויג מיט אַן אידעאָלאָגישן און פּאָליטישן כּוח, וואָס מעקט אַלע מאָל מער אָפּ, רײַסט בהדרגהדיק אויס מיטן וואָרצל אַלץ וואָס אים איז געווען טיף־אייגן און טײַער, איז די אינערלעכע צעריסנקייט געוואָרן אַלע מאָל מער פּײַנלעכער. אָבער נישט זײַן נשמה־צושטאַנד און נישט די קראַנקייט, וואָס איז שטופּנווײַז אַנגעוואַקסן, זענען מסוגל געווען אָפּצושטעלן אָדער פֿאַרפּאַמעלעכן זײַן שפּרודלדיקע שעפֿערישקייט, זײַנע פֿילזײַטיקע פֿאַראינטערעסירונגען און אַקטיוויטעטן.

פּראָפֿעסאָר בערל מאַרק איז געווען אַ טיטאַן פֿון שעפֿערישער אַרבעט און דאָס אויף פֿאַרשידענע געביטן. ער איז געווען אַ געזעלשאַפֿטלעכער און קולטור־עסקן, אַ טאַלאַנטירטער רעדנער און לעקטאָר; ביז 1949, שעף־רעדאַקטאָר פֿון דער ערשטער ייִדישער צייטונג אין נאָכמלחמהדיקן פּוילן, „דאָס נײַע לעבן"; ביזן סוף פֿון זײַן לעבן אָנגעפֿירט מיטן ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט; געווען געניטער פֿאָרשער, היסטאָריקער, שרײַבער, פּלאַמיקער עסייִסט און פּובליציסט, טיפֿזיניקער ליטעראַטור־קריטיקער, מיט איין וואָרט שאַפֿער אויף פֿאַרשידענע געביטן. שוין זייענדיק שווער קראַנק האָט ער נאָך אונטערגענומען נײַע פֿאָרשערישע און שרײַבערישע אַרבעטן. ער האָט שטענדיק געשריבן מיט אַ שנעלקייט ווי ער וואָלט צווישן די פֿינגער געהאַט אַ כּישוף־פֿעדער, ווי איך האָב דאָס באַמערקט בײַ אים אין שטוב. שוין מיט פֿאַרנעפּלטע אויגן האָט ער געשריבן אַרטיקלען, און פֿיבערדיק געגרייט זײַן לעצט בוך „מגילת אוישוויץ", צו וועלכן ער האָט אָנגעזאַמלט אַ שלל אויטענטישע דאָקומענטן. אויך אַרויסגעטראָטן מיט רעפֿעראַטן. צום 70־טן געבוירן־יאָר פֿון קדוש פּרץ מאַרקיש האָט ער אויפֿן אָבענק־אָוונט, מיט שוין כּמעט

אינגאַנצן בלינדע אויגן, דעם פּול געפּאַקטן טעאַטער־זאַל פֿאַסצינירט מיט אַן אויספּירלעכן, גײַסטרײַכן רעפּעראַט וועגן לעבן און שאַפֿן פֿון דער־מאַרדעטן דיכטער. ווען כ׳האָב אים אָראָפּגעפּירט פֿון דער בינע און מיט באַוווּנדערונג געפּרעגט, ווי אַזוי ער האָט פֿון אויסנווייניק, געקענט אַזוי געדענקען און גענוי איבערגעבן אַזוי פּיל פֿאַרשידענע פּרטים, עפּיזאָדן, דאַטעס — האָט ער מיר געענטפֿערט: „דער זכּרון דאַרף איצט אַרבעטן פֿאַר די אויגן אויך”. און ער האָט שטענדיק געהאַט אַ זעלטענעם זכּרון, וואָס האָט אים געדינט ביז די לעצטע טעג פֿון זײַן לעבן. ליגענדיק אין בעט, שוין אין אַ פֿולשטענדיקער פֿינצטערניש, האָט ער נאָך דיקטירט זײַן פּרוי פֿאַרשידענע פֿראַגמענטן צו זײַן לעצט בוך, טיילווײַז נאָך אַליין געשריבן, וואָס בלויז זײַן פּרוי, די היסטאָריקערין אסתּר מאַרק האָט נאָך זײַן טויט באַוויזן צו דעשיפֿרירן. אַגב האָט אסתּר מאַרק, ווי אַ היסטאָרי־קערין, נאָך זײַן טויט אָרגאַניזירט דעם מאַטעריאַל פֿון מאָנומענטאַלן ווערק פֿון ייִדישער פֿאַרניכטונג און גבֿורה אין אוישוויץ, געזוכט און אויסגעפֿונען אויסטײַטשונגען, אָפּגעזוכט אַ נאָמען צו די אָפּגעפֿונענע אויסגעגראָבענע דאָקומענטן פֿון די אסירים אין אוישוויץ. זי, די געניטע היסטאָריקערין, האָט דערפֿירט ביזן סוף די אַרבעט. דערנאָך פֿאַרנומען זיך מיט די איבערזעצונגען אָבער דאָס אַלץ זענען בלויז עפּיזאָדן פֿון מאַרק׳ס שטורמיש, אַקטיוו־שעפֿעריש און טראַגיש לעבן.

*

בערל מאַרק איז געווען, טראָץ זײַן נישט לאַנג לעבן, אַ גאַנצע עפּאָכע פֿון ייִדישן אויפֿגאַנג און אונטערגאַנג, פֿון דראַמאַטישע, טראַגישע געשעע־נישן, אין וועלכע ער האָט אָנטייל גענומען. האָט מיט זיי מיטגעלעבט, און טיף איבערגעלעבט דעם ייִדישן חורבן, וועמענס ערשטער היסטאָריקער ער איז געוואָרן.

זײַענדיק אין ראַטנפֿאַרבאַנד בעת דער מלחמה, ווו ער איז געווען מיטגליד פֿון ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט, האָט מאַרק אומאויפֿהער־לעך נאָכגעפֿאָלגט די דײַטשישע רציחות, בעיקר די אויסראָטונג פֿון די ייִדן אין פּוילן, און בעתן וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד נישט גערוט, טאָג און נאַכט גענומען אויף זיך די גרויסע שליחות צו פֿאַראייביקן דעם ייִדישן אומקום און אויך דעם ווידערשטאַנד, די גבֿורה פֿון די קעמפֿער. שוין אין 1944 איז אין ראַטנפֿאַרבאַנד דערשינען אין פּויליש אַ בראָשור וועגן אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און אַ בייזער גורל האָט געוואָלט,

אַז אויך דאָס ערשטע בוך אין יידיש אונטערן טיטל „דער אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ" זאָל אויך דערשייַנען אין מאָסקווע, אין פֿאַרלאַג „עמעס". מאַרק איז טאַקע געווען דער ערשטער, וואָס האָט אין די שווערסטע אומשטענדן געפֿאָרשט, געקליבן מאַטעריאַלן, גבית־עדותן כּדי באַלדיק צו ווייַזן פֿאַר דער וועלט די יידן־פֿאַרטיליקונג, דעם יידישן ווידער־שטאַנד און די יידישע גבֿורה. אָבער דאָס אַלץ האָט ער פֿון אָנהייב געמאַכט אין מאָסקווע און געמוזט מאַכן לויט דעם דאָרטיקן אייַנשטעל.

גלייַך ווי ער איז צוריקגעקומען קיין פּוילן אין 1946, האָט ער ווידער מיט לייַב און לעבן גענומען זיך צו דער חורבן־טעמע און שוין אַ יאָר שפּעטער איז דערשינען זייַן בוך געשריבן כּמעט מיט בלוט „חורבות דערציילן", וווּ ער האָט אַרויסגעבראַכט די אַטמאָספֿער און שטימונגען פֿון די געטאָ־אסירים און געוויזן דעם געטאָ־אויפֿשטאַנד, נישט בלויז ווי אַן אויפֿשטאַנד פֿון יחידים, נאָר אויך פֿון די רעשטלעך פֿון וואַרשעווער יידן.

ער האָט אומאויפֿהערלעך ווייַטער געפֿאָרשט די געשעענישן אין די געטאָס און לאַגערן. ס'זענען דערשינען זייַנע ביכער וועגן דער פֿאַרטי־ליקונג פֿון די יידישע שרייַבער און וועגן זייערע ווערק. וועגן אויפֿשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ; אַרויסגעגעבן מערערע ביכער וועגן יידישן אומקום און ווידערשטאַנד אין פּויליש אָבער די שטרויכלונגען פֿון ערשטן בוך זענען אים שפּעטער נאָכגעגאַנגען, ווי אַ געשפּענסט, הגם ער האָט זיך פֿיל מאָל צו דער טעמע „וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד" אומגעקערט מיט אַן אַנדער צוגאַנג, הגם אויך די פּוילישע צענזור איז נישט געווען קיין „מילדע". נאָך אין 1963, דרייַ יאָר פֿאַר זייַן טויט, איז דערשינען אַ נייַער באַנד, אויך מיט נייַ־אַנטדעקטע דאָקומענטן אונטערן זעלבן טיטל „דער אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ".

אין 1957 נאָכן באַרימטן פּוילישן אָקטאָבער, ווען די שרויף איז לויזער געוואָרן, האָט מאַרק אויסגענוצט די געלעגנהייט, געלאָזט זיך קיין ישׂראל, און אַקטיוו אָנטייל גענומען אין ירושלים אין קאָנגרעס פֿאַר יידישער וויסנשאַפֿט, און בעת אָן אויפֿטריט געהאַט דעם מוט עפֿנטלעך צו דערקלערן אַז אַלע טענות וואָס מ'האָט געהאַט צון אים זענען באַרעכ־טיקט געווען. געבעטן אויך מחילה אין דער פּרעסע. אָבער נישט ווייניק פֿאַרקערטע טענות האָבן געהאַט צו אים אי פֿריער, אי שפּעטער, זייַנע אייגענע חבֿרים אין פּוילן. בפֿרט אַז ער איז געקומען אַ באַגייַסטערטער פֿון ישׂראל.

בערל מאַרק האָט אין זײַן נישט לאַנגן לעבן אָנגעשריבן 39 פֿאָר־שידנאַרטיקע ביכער, היסטאָרישע און ליטעראַטור־קריטישע. ער האָט אָפּ־געדרוקט אין צײַטשריפֿטן, וויסנשאַפֿטלעכע אויסגאַבעס, עטלעכע הונדערט היסטאָרישע און ליטעראַרישע עסייען, סקיצן אויף פֿאַרשידענע טעמעס.

אין 1954 האָט ער באַקומען דעם טיטל פּראָפֿעסאָר. ס'איז געווען 12 יאָר פֿאַר זײַן טויט. אין די 12 יאָר האָט בער מאַרק געאַרבעט ווי אַ באַנומענער, געפֿאַרשט און אָנגעשריבן זײַנע וויכטיקסטע ווערק. נעבן דער חורבן־טעמע האָט ער ווי אַ יידישער היסטאָריקער מיט אַ הייס ייִדיש האַרץ פֿאַרטראַכט אָנצושרײַבן, שטיצנדיק זיך אויף נײַעסטע דאָקומענטן, די געשיכטע פֿון די ייִדן אין פּוילן פֿון באַגינען. ליידער איז דערשינען בלויז דער ערשטער דיקער באַנד ביזן סוף פֿון 15טן יאָרהונדערט.

אין צווישן צײַט האָט זיך מאַרק גענומען אויסצופֿאָרשן די אָנגעזאַמלטע דאָקומענטן וועגן אוישוויץ, און דעם ייִדישן ווידערשטאַנד אין אָט דעם גרעסטן טויט־לאַגער. אָנגעהויבן שרײַבן דאָס גרויסע ווערק האָט ער שוין אַ שווער קראַנקער, צוגעגרייט צום דרוק, ווי דערמאָנט, דאָס בוך האָט נאָך זײַן טויט זײַן פֿרוי אסתר.

ביזן לעצטן אָטעם האָט פּראָפֿעסאָר בער מאַרק אַרויסגעבראַכט פֿאַר דער וועלט דעם ייִדישן אומקום און אויך די ייִדישע גבורה אויף די סאַמע שוועלן פֿון טויט.

אין אַן אַרטיקל איז אוממעגלעך אַרויסצוברענגען דעם גאַנצן אויס־שפּרייט פֿון זײַנע אויפֿטוען און ווערק, פֿון וועלכע נישט ווייניק זענען איבערגעזעצט געוואָרן אין ענגליש, פֿראַנצויזיש, דײַטשיש, שפּאַניש, פּאָרטוגעזיש און אַנדערע שפּראַכן. פֿאַר זײַנע אויפֿטוען וועט זײַן אָנדענק אויף אייביק פֿאַרבלײַבן אין ייִדישן פֿאָלק.

איבערזעצונג — אַ בריק פֿון קולטור־פֿאַרוואַנדשאַפֿט

וועגן איבערזעצער און איבערזעצונגען — כ'מיין די קונסט פֿון איבערזעצן — רעדט מען זייער ווייניק אָדער כּמעט גאָרניט. די ליטעראַטור־קריטיק האָט דעם געביט ווי אויסגעלאָזט פֿון אויג. און פֿאַרנעמען דאָך איבערזעצונגען אַלע מאָל אַ גרעסער אָרט אין דער ליטעראַרישער וועלט. ס'איז היינט־צו־טאָג נישט פֿאַרצושטעלן זיך קיין נאַציאָנאַלע ליטעראַטור אָן איבערזעצונגען פֿון פֿרעמד־שפּראַכיקע ליטעראַרישע ווערק, פּונקט ווי ס'איז בכלל נישט פֿאַרצושטעלן זיך קיין נאַציאָנאַלע קולטור פֿון אַ פֿאָלק אָן אויסטויש און אָן פֿאַרקערשאַפֿט מיט די קולטורן פֿון אַנדערע פֿעלקער. וואָלט ווער געוואָלט אויס גאווה אָדער אויס מורא פֿאַר פֿרעמדע איינפֿלוסן זיך אָפּשליסן פֿון די קולטורן פֿון אַנדערע פֿעלקער, וואָלט עס דערפֿירט צו אַן אָנעמישן צושטאַנד, אויב נישט צו סקלעראָז פֿון דער אייגענער קולטור.

די ליטעראַרישע איבערזעצונג פֿאַרנעמט אפֿשר דאָס באַטייטנדיקסטע אָרט אין דער קולטור־פֿאַרקערשאַפֿט. ווי אַזוי וואָלטן דערגאַנגען צו אונדז די באַרימטע שאַפֿונגען פֿון אַ האָמער, דאַנטע, סערוואַנטעס, שעקספּיר, באַלזאַק, טאָלסטאָי און אַנדערע ווייטע און נאָענטע צו אונדז מייסטערס אָדער גאָר פֿון היינטצייטיקע באַרימטע שרייבער פֿון פֿאַרשיידענע לענדער אָן דער פֿאַרמיטלונג פֿון איבערזעצער?

צי איז אָבער דער איבערזעצער בלויז אַ פֿאַרמיטלער אין טעכנישן זיך פֿון וואָרט? אָדער צי איז ער אויך אַ שעפֿער? צי איז אַן איבערזעצונג אַ טעכנישע אַרבעט אָדער אַ שאַפֿונג־פּראָצעס? — די און אַנדערע פֿראַגן זענען נאָך אַלץ אינגאַנצן נישט פֿאַרענטפֿערט. ווייל אויב מיר נעמען אָן, אַז די ליטעראַרישע איבערזעצונג איז אַ שאַפֿונגס־פּראָצעס — און אַנדערש קאָן דאָס בשום אופֿן נישט זיין — איז ווי קומט עס וואָס דער איבערזעצער ווערט אָפֿט אָפֿילו נישט דערמאָנט דורך דער קריטיק, אָדער זיין נאָמען ווערט מיט קליינע אותיות פֿאַררוקט ערגעץ אין אַ ווינקל פֿון אַן אינעווייניקסטן בלעטל. ביי דער גרויסער מחנה איבערזעצער האָט

זיך טאַקע אָנגעזאַמלט אַ סך פּאַרדרוס. און דערפֿאַר האָט אַרויסגערופֿן אַ פֿאַרשטענדלעכן אינטערעס דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פֿון איבער־זעצער, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין וואַרשע מיט אַ סך יאָרן צוריק.

וואָס איז אייגנטלעך דאָס עיקר־פּראָבלעם?

דער אויפֿמערקזאַמער, אינטעליגענטער לייענער וועט לייענענדיק אַ בוך איבערזעצונג בחוש דערפֿילן, נישט פֿאַרגלייַכנדיק אַפֿילו מיטן אָרי־גינאַל, צי די איבערזעצונג איז אַ גוטע אָדער אַ שלעכטע. דאָס בעסטע ווערק קאָן אין דער איבערזעצונג אַרויסקומען מיטלמעסיק, פֿאַרלירן דעם גלאַנץ. און פֿאַרקערט, עס געשעט אַמאָל — הגם דאָס שוין זעלטע־נער — אַז אַ ליטעראַרישער טעקסט קומט אַרויס אין דער איבערזעצונג געשליפֿענער ווי אין אָריגינאַל. פֿאַראַן, פֿאַרשטייט זיך, אַ דריטער פֿאַל און מיר דוכט, אַז דער בעסטער — די געטרייַע איבערזעצונג, און איבער־זעצן געטריַי הייסט נישט איבערזעצן בוכשטעבלעך, וואָס איז איבעריקנס נישט מעגלעך.

געוויינטלעך איז אָנגענומען, אַז כּדי צו מאַכן אַ גוטע איבערזעצונג — כ׳מיין אַ ליטעראַרישע — דאַרף מען גוט באַזיצן ביידע שפּראַכן, אָדער וויניקסטנס גוט באַזיצן די שפּראַך, אויף וועלכער מען זעצט איבער. און ס׳איז זיכער דער ערשטער באַדינג צו קענען די שפּראַך פֿון וועלכער מען זעצט איבער, און נאָך בעסער די, אויף וועלכער מען זעצט איבער. צי איז דאָס אָבער גענוג? זענען דאָך פֿאַראַן מענטשן וועלכע קענען אויסגעצייכנט סיַי די פֿרעמדע סיַי די אייגענע שפּראַך און איבערזעצן קענען זיי בשום אופֿן נישט. ס׳איז באַקאַנט אַז אַ סך באַרימטע שרייַבער, ווי געטע, באָד־לער, בייַראָן, טווים און פֿיל אַנדערע, סיַי אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, סיַי הייַנט, זענען גלייַכצייַטיק איבערזעצער. צי הייסט דאָס אָבער, אַז יעדער שרייַבער, וועלכער באַזיצט אַ פֿרעמדע שפּראַך, זעצט לייַכט און גוט איבער? פֿאַראַן גוטע שרייַבער, וועלכע קענען נישט איבערזעצן.

*

איבערזעצונג איז אַ שאַפֿונג־פּראָצעס, וואָס האָט זיַין אייגנאַרט. דאָ האַנדלט זיך נישט נאָר וועגן אַ ספּעציעלער טעכניק וואָס איז אויך וויכטיק. עס האַנדלט זיך אין באַזיצן די קונסט איבערצוגיסן אַ שאַפֿונג פֿון איר אייגענער אין אַ פֿרעמדער שפּראַך. יעדע שפּראַך האָט איר אייגענע סטרוק־טור, איר בוי פֿון זאַץ, אירע אידיאָמען, איר ריטעם. אַ געניטער איבער־זעצער ווייסט, אַז ער וועט זיך אָנטרעפֿן בייַם איבערזעצן אויף שטייגע־

רישע באַגריפֿן, אויך פֿאָלקלאָר, וואָס איז אייגנאַרטיק נאָר דעם פֿאָלק, פֿון וועמענס שפּראַך ער זעצט איבער. פֿאַראַן טערמינען פֿון סאָציאַלע גרופּן, כּלים, אינסטרומענטן, וואָס זענען ספּעציפֿיש נאָר פֿאַר דעם פֿאָלק און דער שפּראַך. פֿאַראַן לאָקאַליזמען, וואָס לאָזן זיך נישט איבערזעצן און אַפֿילו נישט שטענדיק אַסימילירן. אפֿשר דערפֿאַר איז אַן עפּישע שאַפֿונג, וואָס איז געבונדן מיט לאָקאַלע באַגריפֿן שווערער איבערצוזעצן ווי אַ לירישע. מיט איין וואָרט: דער איבערזעצער מוז שאַפֿן די אַדעקוואַטע פֿאָרעם, וואָס זאָל מסוגל זײַן אַרויסצוברענגען דעם גײַסט פֿון אַן אַנדער שפּראַך, פֿון אַן אַנדער פֿאָלק. ער מוז איבערשמעלצן, איבערפֿײַלן און נישט זעלטן איבערשאַפֿן. דער שאַפֿער־איבערזעצער איז אַ שעפֿער. אַן איבערזעצער איז אויך אַ שרײַבער, אויב נישט וועט אים דאָס בילד צעשווימען צווישן די פֿינגער. דער שרײַבער טראַכט דאָך, רעדט מיט בילדער. און ס'איז נישט קיין צופֿאַל, וואָס פֿון פֿיל לענדער זענען ליטעראַרישע איבערזעצער — פֿאַראַן אויך וויסנשאַפֿטלעכע איבערזעצער, וואָס איז אַ צווייט קאַפּיטל — מיטגלידער פֿון די ליטעראַטן־פֿאַראיינען.

די ראָל פֿון איבערזעצער־שעפֿער פֿאַר דער קולטור פֿון אַ פֿאָלק איז באַטײַטנדיק. נישט נאָר ער מאַכט צוטריטלעך פֿאַרן פֿאָלק די בעסטע ווערק אין פֿרעמדע שפּראַכן, נאָר באַרײַכערט די אייגענע נאַציאָנאַלע שפּראַך. איבערזעצונגען שטויסן פֿאָרויס דעם פּראָצעס פֿון אַנטוויקלונג פֿון אַ שפּראַך, באַרײַכערן זי, באַגליקן זי אָפֿט מיט נײַע באַגריפֿן און נײַע טערמינען, ברייטערן אויס אירע גרענעצן. וואָס שײַך דעם איבערזעצן דאָס בעסטע פֿון דער אייגענער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, איז עס דאָך די געזונטע אַמביציע פֿון יעדן פֿאָלק; פּונקט ווי דער שרײַבער שטרעבט דערצו, אַז זײַן ווערק זאָל געלייענט ווערן נישט נאָר פֿון זײַנע לאַנדס־מענטשן, אַזוי שטרעבט יעדעס פֿאָלק, אַז זײַן קולטור זאָל באַקאַנט זײַן צווישן אַנדערע פֿעלקער. דער פֿראַנצויזישער געלערנטער ערנסט רעיאַן האָט אַפֿילו געהאַט געזאָגט, אַז אַ נישט איבערגעזעצט בוך איז נאָר אין העלפֿט אַן אַרויסגעגעבן בוך. ס'וועט אפֿשר זײַן באַנאַל צו זאָגן — אָבער אמתדיק — אַז די קולטור בכלל און די ליטעראַטור בפֿרט איז אין אַ געוויסן זין אַן אײַנטריטס־קאַרטע, וואָס פֿירט אַרײַן אַ פֿאָלק אין דער פֿעלקער־משפּחה. זײַן שפּיגל איז זי זיכער.

בײַ אונדז, ייִדן, איז די איבערזעצונג אין ייִדיש און פֿון ייִדיש אַ גאָר פֿאַרוואָרלאָזט פֿעלד. צי נייטיקן מיר זיך ווייניקער אין דעם ווי אַנדערע פֿעלקער? צי נייטיקט זיך אונדזער ליטעראַטור און אונדזער שפּראַך נישט

אין באַרייכערונג? קיינער טראַכט נישט וועגן דעם. אַרבעט אַפֿילו אַ ייִדישער פֿאַרלאַג וועט אים נישט אײַנפֿאַלן אַרויסצוגעבן אין ייִדיש אַ באַרימט בוך פֿון אַן אַנדער שפּראַך (דוכט מיר, אַז נאָר אין פּוילן זענען אין פֿאַרלאַג „ייִדיש בוך" דערשינען, „אין די גוטע צײַטן", זינט דער מלחמה 4 איבערזעצונגען און אין אַרגענטינע 2). פֿאַראַן מענטשן, וועלכע וואָלטן גערן איבערזעצט. ווער וועט עס אָבער אַרויסגעבן? די מיינונג, וואָס מען הערט אָפֿט, אַז ייִדן קענען לייענען אין פֿרעמדע שפּראַכן, איז דורכאויס אַ פֿאַלשע. ס'איז נישט אמת, אַז דער ייִדישער לייענער וואָלט נישט גערן גענומען אַ גוט בוך אין ייִדישער איבערזעצונג.

וואָס שײַך איבערזעצונגען פֿון ייִדישער ליטעראַטור אין פֿרעמדע שפּראַכן, איז דאָס אַ נישט-ווייניקער פֿאַרוואָרלאָזט פֿעלד. דאָ און דאָרט זענען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון צו אָרגאַניזירן אַ סיסטעמאַטישע איבער־זעצונגס-טעטיקייט פֿון ייִדיש און אין צווישנצײַט איז דאָס אײַנגעשלאָפֿן. צי איז פֿאַר אונדז ווייניקער וויכטיק ווי פֿאַר אַנדערע פֿעלקער מען זאָל קענען אונדזער ליטעראַטור — כ'מיין סײַ די ייִדישע, סײַ די העברעיִשע? דער יוגאָסלאַווישער דעלעגאַט האָט אויפֿן קאָנגרעס פֿון די איבערזעצער געזאָגט, אַז די פֿראַנצויזישע, די אַמעריקאַנישע און אַנדערע גרויסע ליטע־ראַטורן דאַרפֿן נישט קיין פֿאַרמיטלער, מען זעצט זיי אומעטום איבער. דאַקעגן די פּילשפּראַכיקע ליטעראַטור ווי פֿון יוגאָסלאַוויע און די ליטע־ראַטורן פֿון אַנדערע קליינע פֿעלקער מוזן אַליין זוכן מיטלען באַקאַנט צו ווערן.

מיר מוזן זיך אַליין דורכלייגן אַ וועג צו דער ברייטער וועלט. ס'גייט נישט, פֿאַרשטייט זיך, אין איבערזעצונג געמאַכט פֿון אַ מאַנוסקריפּט, וואָס דערשיינט נישט אין קיין אייגענעם געדרוקטן ייִדישן אות. אַ ליטעראַטור, איידער זי ווערט איבערגעזעצט מוז דאָך קענען לעבן מיט איר אייגן לעבן, דינען קודם-כּל דעם פֿאָלק, אין וועמענס שפּראַך זי איז געשריבן.

אונדזער ליטעראַטור איז ווייניק וואָס באַקאַנט אויף דער ברייטער וועלט. די דערפֿאַרונג האָט געוויזן, אַז די ווייניקע ייִדישע שרײַבער, ווי אַש, אָפּאַטאָשו, שניאור, שלום-עליכם, יצחק באַשעוויס, וועלכע זענען טיילווײַז נאָר איבערגעזעצט געוואָרן, האָבן זיך באַגעגנט מיט אַ וואַרע־מער אויפֿנאַמע בײַם פֿרעמד-שפּראַכיקן לייענער. צי וואָלט נישט כּדאַי געווען אַ טראַכט טאָן וועגן אַן איבערזעצונג פֿון ייִדיש? ס'קלאַפּט מיר דאָס האַרץ עס זאָל חלילה נישט זײַן אַ קול-קורא במדבר.

וואַרשע 1961

צום 90סטן געבוירן־יאָר
פֿון ד״ר עמנואל רינגעלבלום
(זכרונות און סך־הכּלען)

מיר ידן זענען אַ פֿאָלק מיט אַ לאַנגן זיכּרון. ווען עס גייט אָבער אין אויפֿלעבן, ביי אַ געלעגנהייט פֿון אַ געבורטסטאָג אָדער אַ יאָרצייט, אונדזערע גרויסע פּערזענלעכקייטן, אָדער גאָר יחידים, וואָס האָבן אַן עפּאָכע־מאַכנדיקע באַטייטונג, פֿאַרגעסט מען, אָדער מע פּטרט אָפּ מיט אַ סקאַרבאָוון נאָטיץ־אַרטיקעלע. אין אָט דער נישט־גוטער מידה האָב איך מיך דערמאָנט בעת כ׳האָב אָפּגעפֿונען אין מיינע אַרכיוון עטלעכע פֿאַרגעלטע בלעטלעך אין שייכות מיטן לערער ד״ר עמנואל רינגעלבלום.

ס׳ווערט הייַנטיקס יאָר 90 יאָר ווי עמנואל רינגעלבלום, דער פֿלאַ־מיקער היסטאָריקער, דער ייִנגסטער פֿון אַ פּלעיאַדע ייִדישע היסטאָריקערס פֿון זיין צייט, אויף וועלכן ס׳איז געפֿאַלן די גרויסע און שווערע שליחות צו ווערן דער היסטאָריקער־כראָניקער צו פֿאַראייביקן דעם ייִדישן חורבן, איז געקומען אויף דער וועלט.

ווייניק מענטשן פֿאַרבליבן, וואָס האָבן אים געקענט פֿון דער נאָענט. מיר דאַכט, אַז ס׳איז אַ הייליקער חוב פֿון די ווייניקע אויפֿצולעבן, אַרויס־צוברענגען אַפֿילו קליינע פּרטים, וואָס נעסטיקן נאָך אין אונדזער זיכּרון.

ער שטייט מיר איצט פֿאַר די אויגן אַזעלכער ווי איך פֿלעג אים זען אין מיין פֿריער יוגנט. אַ שלאַנקער, מיט אַ שטענדיק שמייכלדיק פּנים, מיט געלאַסענע באַוועגונגען און גוטמוטיקע רייד, ווען ער האָט געשמועסט מיט דיר. צווישן קינדער איז ער אַליין געוואָרן אַ שפּילעוודיק קינד. צווישן יוגנטלעכע איז ער אויך געוואָרן אַ לעבנס־לוסטיקער יוגנטלעכער.

נאָכן פֿאַרענדיקן דעם וואַרשעווער אוניווערסיטעט און נאָכן באַקו־מען דעם דאָקטער־טיטל אין 1927, איז ער אַ צייט געווען לערער אין ווילנע. דערנאָך 10 יאָר לערער אין דריי וואַרשעווער פּויליש־ייִדישע מיידל־גימנאַזיעס. איך, אַ גימנאַזיסטקע פֿון דער פּראָווינץ, האָב געהאַט די זכיה צו לערנען אין אַ גימנאַזיע, וווּ רינגעלבלום איז געווען לערער. לויט דעם מלוכישן פּראָגראַם האָט אַפֿיציעל דער לימוד וואָס איז באַזונ־

דער געווען אָבליגאַטאָריש אין די העכערע קלאַסן, געהייסן „רעליגיע", און איז פֿאַר מײַן 8טן קלאַס געווען ווי אַ פֿינפֿטער ראָד צום וואָגן, אָבער אָן אַ „סטאַפּיען" פֿון רעליגיע האָט מע בשום אופֿן נישט געקאָנט צוטרעטן צו די עקזאַמענס פֿון דער מאַטורע. נאָר גאָר אַנדערש האָט דער דאָזיקער לימוד אויסגעזען בײַם לערער עמנואל רינגעלבלום.

מײַן קלאַס איז צוגעפֿאַלן אַ לערערין, אַ באַיאָרטע פֿרוי פֿון דער קאַטעגאָריע, וואָס זענען געווען פּאַליאַקן פֿון משהס גלויבן. זי האָט געקנעלט מיט אונדז ייִדישע רעליגיע, דער עיקר ייִדישע דינים אַזוי, אַז נאָך דער לעקציע האָבן מיר געלאַכט אין די פֿויסטן.

בײַם פֿאַרהערן, פֿלעגן די אַכט־קלאַסיקערינס זיך אָפֿט מאָל פֿאַר־פּלאָנטערן. די לערערין איז דעמאָלט געוואָרן גרין און געל, כאָטש קיין בייזע איז זי נישט געווען, פֿאַרקערט. פֿון מײַן ווייניקייט אָבער האָט זי געשעפּט נחת, וואָרעם כ'האָב געוווּסט בײַם פֿאַרהער מער וועגן ייִדישע דינים פֿון מײַן חסידישער היים, ווי זי די לערערין האָט פֿאַר אונדז פֿיר־געבראַכט. איך פֿלעג טייל מאָל דערציילן מײַנע „קאַלעזשאַנקעס", אַז אין אַזאַ אָדער אַנדער פּרט האָט זיך אונדזער לערערין טועה געווען.

מיר האָבן דעריבער זייער מקנא געווען די צוויי נידעריקערע קלאַסן, וואָס זיי איז צוגעפֿאַלן אַ לערער ווי ד״ר רינגעלבלום. ער האָט אין זײַן לימוד רעליגיע אַרײַנגעשמוגלט ייִדישע געשיכטע נישט באַזײַטנדיק קיין דינים. מיר, די אַכטקלאַסיקערינס, פֿלעגן רינגעלבלומס שילערינס אויס־פֿרעגן וועגן זײַנע לעקציעס און שטאַרק באַדויערן וואָס מיר האָבן נישט דאָס גליק אים צו האָבן פֿאַר אַ לערער.

פֿרעמד איז ער אָבער אונדז נישט געווען, פֿאַרקערט, גאָר היימיש. מיר זענען שוין געווען דערוואַקסענע „פּאַניענקעס": ער פֿלעגט יעדער פֿון אונדז באַגריסן מיט אַ ליבלעכן שמייכל. ער איז געווען דער באַליבטס־טער לערער אין דער גימנאַזיע. מיר האָבן געוווּסט וועלכע מיידלעך עס זענען פֿאַרליבט אין אים. און אַז מיר פֿלעגן אַמאָל אַ גרופּע זיך צוזאַמענ־קומען און אַרויפֿגענומען די לערערשאַפֿט אויפֿן טיש, איז רינגעלבלום אַרויסגעקומען דער עכטער פּאָזיטיווער העלד...

עס האָט זיך מיר צווישן אַנדערע פֿאַרגעדענקט אַזאַ פּרט: די לערערין פֿון דײַטשיש, אַן אָפּשטאַמיקע פֿון דײַטשלאַנד, פֿלעגט אונדז אויף יעדער לעקציע דערמאָנען, אַז מיר דאַרפֿן לייענען דײַטשישע ביכער, כּדי צו פּערפֿעקציאָנירן די שפּראַך. כ'האָב געוואָלט איר צוליב טאָן און זוכנדיק בײַ באַקאַנטע אַ דײַטשיש בוך איז מיר אין אויג אַרײַנגעפֿאַלן אַ באַנד

פֿון גרעצן אין אָריגינאַל. נו, ס׳וועט זײַן אַ טאָפּלטער נוצן. ס׳איז געווען שפּעט אָוונט און כ׳האָב נישט באַוויזן אַרײַנצוקוקן. אויף צו מאָרגנס פֿרי האָב איך דאָס מיטגענומען צו ווײַזן דער לערערין (אַ יידישקע געווען), איז זי אָבער דעם טאָג קראַנק געווען, נישט געקומען. בעת דער לאַנגער הפּסקה, וואָס איך פֿלעג שטענדיק אויסנוצן, גענומען גרעצן, אויסגעזוכט אַ ווינקל אין גרויסן זאַל, ווײַט פֿון טומל, און גענומען בלעטערן. פּונקט איז דורכגעגאַנגען רינגעלבלום. אין זײַן שאַרפֿן בליק איז אים אַרײַנגעפֿאַלן דער טיטל פֿון שערבלאַט. ער האָט זיך פֿאַרהאַלטן לעבן מיר, אַ קוק געטאָן אויפֿן בוך און געפֿרעגט: „איר לערנט יידישע געשיכטע אין דײַטשיש?״ כ׳האָב אים דערציילט די גאַנצע מעשה מיטן בוך און צוגעגעבן: אַז מיר לערנען אין קלאַס נישט קיין יידישע געשיכטע נאָר יידישע רעליגיע, כאַפּ איך אַרײַן יידישע געשיכטע ווו ס׳לאָזט זיך. דערויף האָט מיר רינגעלבלום מיט אַ טאָן נידעריקער געזאָגט: „לויט זיי, האָבן יידן נישט קיין געשיכטע, נאָר בלויז אַ רעליגיע. איר ווייסט מסתּמא ווער עס זענען די זיי״. כ׳האָב גשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז איך ווייס.

*

ס׳איז דורכגעגאַנגען שיינע עטלעכע יאָר. ס׳איז סוף זומער 1937. דאָס יידישע פּאַריז גרייט זיך צום אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס. אויף רי מאָנמאַרט איז געווען אַ דערווײַליקע קליינע ביוראָ, ווו איך בין געווען סעקרעטאַרשע. זיץ איך מיר אַ מיטוואָך אין דער פֿרי בײַ דער שרײַבמאַשין, שרײַב איבער דיקטירטע בריוו, און מ׳קלאַפּט אין טיר און ס׳קומט אַרײַן אַ יונגער שלאַנקער מאַן. כ׳האָב פֿאַרוווּנדערט געקוקט אויף אים, אין פֿלוג נישט געגלייבט מײַנע אויגן. ער האָט מיך אָבער גיכער דערקענט ווי איך אים. ער האָט אַ צעשמייכלטער זיך דערנענטערט צו מיר, אויסגעצויגן די האַנט און אויסגערופֿן: „איר גאָר דאָ!״ כ׳האָב אָנגעהויבן צו פּלאָנטערן מיט דער צונג אויף פּויליש, כ׳האָב זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז ער רעדט יידיש (צום ערשטן מאָל געהערט אים רעדן יידיש).

— ווו איז די טרויקע?

די טרויקע איז געווען פּראָפֿעסאָר קיווילעוויטש, בן־אַדיר און ד״ר סלאָוועס, וועלכע האָבן זיך איבערגעשריבן מיט אים און וועלכע קומען אין ביוראָ בלויז שפּעט נאָך מיטאָג.

— נו, ס׳וועט נישט זײַן קיין פֿאַרלוירענע צײַט — האָט ער געזאָגט.

כ׳האָב איבערגעריסן מײַן אַרבעט בײַ דער שרײַבמאַשין. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט אַנטקעגן מיר און באַוואָרפֿן מיך מיט פֿראַגעס — וואָס טו איך דאָ אין ביוראָ? וואָס טו איך בכלל? און דערבײַ איבערגעחזרט: ווער וואָלט זיך געריכט צו טרעפֿן דאָ אַ געוועזענע שילערין פֿון גימ־נאַזיע? כ׳האָב אים באריכות געענטפֿערט אויף אַלע זײַנע פֿראַגעס, אויס־דערציילט ווי אַזוי כ׳האָב שטודירט אין בעלגיע פעדאַגאָגיק, ווי אַזוי איך אַרבעט אין דער ריכטונג.

דערוויסנדיק זיך, אַז דאַנערשטיק און זונטיק אַרבעט איך ווי אַ יידישע לערערין אין אַ צוגאָבשולע און דאָנערשטיק איז אויף צו מאָרגנס, האָט רינגעלבלום אויף ס׳נײַ מיך פֿאַרוואָרפֿן מיט פֿראַגעס: וויפֿל זענען פֿאַראַן אַזעלכע יידישע צוגאָבשולן? ווער אָרגאַניזירט זיי? און לסוף צוגעשטאַ־נען איך זאָל אים געבן דעם אַדרעס, ער וויל דורכויס באַזוכן אַזאַ שולע. כ׳האָב נישט געהאַט קיין חשק צו געבן דעם אַדרעס און געבעטן גאָט, ס׳זאָל אים מאָרגן אין דער פֿרי אונטערקומען עפּעס אַ בעסערע מציאה, מחמת די שולע, וואָס האָט זיך געפֿונען אויף בולוואַר בעלוויל, איז באַשטאַנען פֿון אַ גרויסן, אָפּגעלאָזענעם לאָקאַל. כ׳האָב דאָרטן צײַט־ווײַליק געאַרבעט, אין פֿאַרטרעטערשאַפֿט. בײַע קינדער, און אַלץ אַרום — אַז אַך און ווי. זאָג איך רינגעלבלומען, אַז איך וועל אים מיטנעמען זונטיק אין מײַן שטענדיקער שולע אין ליוורי־גאַרגאַן, דאָרט אַ וווּנדערבאַרער לאָקאַל אין דעם סאָציאַליסטישן צענטער, און קינדער מחיהדיקע, רעדן כמעט אַלע יידיש. כ׳האָב דאָרט אַ שילער, וואָס שרײַבט גוט יידיש, העלפֿט מיר אַרויס, אָנפֿירנדיק אַליין מיט דער גרופּע קלענסטע קינדער (ס׳איז געווען אַנרי בינשטאָק, וועלכער איז אין 1943 דערשאָסן געוואָרן ווי אַ פּאַרטיזאַן). דאָרט איז דאָ וואָס צו זען, דאָ איז נישט אינטערעסאַנט. אָבער, ראשית, זאָגט מיר רינגעלבלום, וועט ער זונטיק שוין דאָ נישט זײַן, ער האָט זיך אָהער אַראָפּגעכאַפּט צופֿעליק פֿון זשענעווע, וווּ ער איז געווען אויף אַ „דזשאָינט״־קאָנגרעס, מאָרגן אָוונט פֿאַרלאָזט ער פּאַריז. והשנית, איז פֿאַר אים יעדע שולע אינטערעסאַנט.

כ׳האָב אים געגעבן דעם אַדרעס און באַלד דערנאָך באַקומען אַ טרע־מע. איין קליי‌ניקייט, איך, די יונגע אָנהייב־לערערין, וועל אויפֿנעמען דעם לערער ד״ר רינגעלבלום! ביז אַ שטיק אין דער נאַכט האָב איך יענעם אָוונט געגרייט לערן־מאַטעריאַל פֿאַר איבער 40 קינדער פֿון פֿאַרשידענעם עלטער. פֿאַר דעם קליינוואַרג צוגעגרייט בויגנס פּאַפּיר מיט קאָלירטע בלײַפֿעדערס. בײַ אַזאַ באַשעפֿטיקונג זיצן זיי צום שטילסטן. כ׳טייל זיי

אײַן געװײנטלעך אין 3 גרופּעס. כ׳האָב צוגעגרייט פֿאַר די אַנדערע צװײ גרופּעס מיט האַרצקלאַפּעניש. אויף צו מאָרגנס, געקומען אין דער בעל־װילער שולע מיט אַ שעה פֿריִער צו מאַכן אַ ביסל אָרדענונג. און נאָך אַלץ געבעטן גאָט, אַז ד״ר רינגעלבלומען זאָל אונטערקומען עפּעס אַ װיכטיקער ענין. דער רבונו של עולם האָט זיך װײניק װאָס איבערגענומען מיט מײַן טרעמע. רינגעלבלום איז געקומען צו דער צײַט. די קינדער זענען אויך געקומען צו דער צײַט. אַ צען־יאָריק מײדעלע האָט, װי געװײנטלעך, פֿאַר דער האַנט מיטגעפֿירט אַ פֿינעף־יאָריק ברידערל, אַ דרײַצן־יאָריק בחורל האָט, װי געװײנטלעך, מיטגעבראַכט אַ פֿיר־יאָריק שװעסטערל. און אַזוי װײַטער. ס׳זענען געװען קינדער פֿון בעלװילער ייִדישע היים־אַרבעטער. אַ גרויסער טייל פֿון דער נײַער אימיגראַציע, װאָס האָט געשטראָמט אין דער ערשטער העלפֿט דרײַסיקער יאָרן. דאַנערשטיק, װען די פֿראַנצײזישע שולע איז נישט טעטיק, זענען די פֿאַרהאָרעװעטע עלטערן צופֿרידן געװען דאָס קלײנװאַרג זאָל זיך נישט פּלאָנטערן אין דער ענגשאַפֿט.

בײַ דרײַ לאַנגע, צעדראַפּעטע טישן זענען די קינדער אויסגעזעצט געװאָרן לויטן עלטער. ד״ר רינגעלבלום האָט זיך אַװעקגעזעצט אויף אַ שטול זײַטיק בײַ דער אַנטקעגנדיקער װאַנט. כ׳האָב געהאַט צעטײלט דעם גרויסן טאָװל אויף צװײ, כ׳האָב געהאַט אויפֿגעשריבן קאַליגראַפֿיש אַ קאַרגן צענדליק קורצע זאַצן פֿאַר די עלטסטע קינדער. פֿאַרשטײט זיך, קודם האָב איך פֿאַר זײ פֿאַרגעשטעלט דעם גאַסט. כ׳האָב אָנגעהויבן לײענען די זאַצן, װאָס זײ האָבן דערנאָך געדאַרפֿט איבערשרײַבן אין זײערע העפֿטן. חוץ דעם קלײנװאַרג, װאָס האָט זיך מחיהדיק געפּאָרעט מיט די קאָלירטע בלײַפֿעדערס אויף די אויסגעלײגטע בויגנס פּאַפּיר אויף דער לעצטער באַנק, זענען די אויגן פֿון מײַנע שילערס מער געװאָנדן געװען צום גאַסט װי צום טאָװל. כ׳האָב געפֿילט, אַז ס׳גרייט זיך מיר אַ דורכפֿאַל. פּלוצלינג האָט רינגעלבלום אַ נעם געטאָן די שטול, דיסקרעט אַװעקגעזעצט זיך אין דער זעלבער רײ װי די שילער און אָנגעהויבן אַזוי סוגעסטיװ זיך אײַנקוקן אין די זאַצן, אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ בלאָקל מיט אַ בלײַפֿעדער, אָנגעהויבן איבערשרײַבן מיט אַזאַ נײַגיר, אַז אַלע קינדער האָבן אויסגעדרייט די קעפּלעך צום טאָװל און מיט פֿלײַס איבערגעשריבן די זאַצן אין זײערע העפֿטן. דערנאָך האָבן אײניקע שילער װאָס כ׳האָב אַרויסגערופֿן, כאַפּנדיק אַ קוק אויפֿן גאַסט, מיט שטאָלץ פֿרײַ איבערגע־לײענט די זאַצן, װאָס האָבן זיך פֿאַרבונדן אין אַ פֿאַבולע.

װען די ערשטע 45 מינוט זענען דורך, האָב איך דערפֿילט װי מײַן

פּנים פֿלאַקערט. די קינדער האָבן אַרומגערינגלט רינגעלבלומען, אים איבערגעריסן די רייד, בעת ער האָט געהאַלטן ביַי זאָגן מיר ווערטער פֿון אַנערקענונג ווי אַזוי כ'האָב באַהערשט אַזאַ כאַליאַסטריע. ער האָט זיי געגלעט איבער די קעפּלעך. און זיי, די קינדער, בפֿרט די עלטערע, האָבן אים כּסדר געפֿרעגט, האַלב אין ייִדיש, האַלב אין פֿראַנצייזיש, צי ער וועט בליַיבן אין פּאַריז צו זיַין אַ לערער. רינגעלבלום האָט זיך האַרציק צעלאַכט, געענטפֿערט זיי, אַז ער מוז צוריקפֿאָרן וויַיל דאָרטן איז פֿאַראַן אַ סך, אַ סך מער ייִדישע קינדער און ער דאַרף זיַין מיט זיי. ער האָט די קינדער געשטעלט פֿאַרשידענע פֿראַגעס און זיי האָבן אַלע צוזאַמען געענטפֿערט.

די הפֿסקה האָט זיך פֿאַרלענגערט. מיר האָבן זיך געזעגנט. כ'האָב אים אָפּגעפֿירט מיטן לאַנגן אַרויסגאַנג, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט און געפֿרעגט:

— זאָגט מיר, ווי אַזוי רעדן די עלטערן מיט די קינדער אין שטוב? אַ יונגע אימיגראַציע האָט איר געזאָגט.

— זיי רעדן מיט זיי אין זייער אַ שלעכטן, צעבראָכענעם פֿראַנצייזיש, דערפֿאַר רעדן די קינדער אַזוי שלעכט ייִדיש.

— כ'האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז נישט פֿון דער גאַס. נאָר, ייִדישן חינוך, ייִדישע דערציִונג דאַרף מען אָנהייבן פֿון די עלטערן. נאָר מיר וועלן שמועסן דערוועגן ווען איך וועל זיַין אויפֿן קאָנגרעס. מיר האָבן זיך ווידער געזעגנט.

ס'איז געווען דאָס לעצטע מאָל וואָס כ'האָב געזען און גערעדט מיט רינגעלבלומען. ער איז אויפֿן קאָנגרעס נישט געקומען. געקומען איז בלויז אַן אויספֿירלעכער בריוו אין וועלכן ער האָט אָנגעגעבן די שטערונגען.

✶

עמנואל רינגעלבלום איז דעמאָלט אַלט געווען נישט קיין פֿולע 37 יאָר און דעם יונגן היסטאָריקערס שעפֿערישקייט איז שוין געווען ברייט צעצוויַיגט.

זיַין קינדשאַפֿט און יוגנט זענען זיך צונויפֿגעפֿאַלן מיט ייִדישע איבערגעוואַנדערונגען. אַ געבוירענער אין שטעטל בוטשאַטש, אין גאַליציע, אין נאָוועמבער 1900, האָט די משפּחה בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איבערגעוואַנדערט קיין קאָלאָמיי, דערנאָך אין סאַנדזש, וווּ ער האָט געענ־דיקט גימנאַזיע און אַוועק שטודירן געשיכטע אין וואַרשע. אין 1927 האָט ער אויפֿן וואַרשעווער אוניווערסיטעט באַקומען דעם טיטל דאָקטער אויפֿן

סמך פֿון זײַן דיסערטאַציע פֿון אַ פּאַרטיפּטער, אויספֿירלעכער אַרבעט וועגן דער געשיכטע פֿון ייִדן אין מיטלאַלטערלעכן וואַרשע ביז צום גירוש 1527. אַ געשיכטע־פֿאָרשער, אַ היסטאָריקער איז ער פֿאַרבליבן ביז די לעצטע טראַגישע טעג פֿון זײַן לעבן.

גלײַך נאָך דער פֿאַרענדיקטער אַרבעט וועגן ייִדן אין וואַרשע, וואָס שפּיגלט גלײַכצײַטיק אָפּ די דעמאָלטיקע אומבאַקאַנטע געשיכטע פֿון ייִדן אויף אַ ברייטער טעריטאָריע, האָט ער צוזאַמען מיטן היסטאָריקער רפֿאל מאַהלער זיך פֿאַרמאָסטן אָפּצוזוכן מקורים צו דער געשיכטע פֿון ייִדן אין פּוילן און אין מזרח־אייראָפּע, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען כמעט אַ נישט צעאַקערט פֿעלד. באַזונדער האָט ער געאַרבעט איבער געקליבענע מאַטע־ריאַלן וועגן ייִדן אין פּוילן אין 19טן יאָרהונדערט. ער האָט שוין אויך געהאַט אײַנגעפּעדעמט אַן אויספֿירלעכע אַרבעט וועגן אָנטייל פֿון ייִדן אין קאָשטשושקאָ־אויפֿשטאַנד און דערנאָך דערפֿירט די געשיכטע פֿון ייִדן אין וואַרשע ביזן סוף 18טן יאָרהונדערט. ער האָט זיך פֿאַרמאָסטן אַרויסצוברענגען אַלזײַטיק דאָס לעבן פֿון ייִדן אויפֿן גאַנצן שטח פֿון פּוילן־לאַנד: האָט אָנגעשריבן אַ באַזונדערע אַרבעט וועגן ייִדישע דאָרפֿישע עלעמענטן, ווי, למשל, קרעטשמערס, אַרענדאַרן. קיין איין ווינקל פֿון ייִדישן לעבן איז אים נישט פֿרעמד געווען.

רינגעלבלום, דער יונגער היסטאָריקער, איז געווען אַ זעלטן אָריגי־נעלער פֿאָרשער. ער האָט אומאויפֿהערלעך געקליבן, געזאַמלט מאַטע־ריאַלן, געגרייכט צו וויכטיקע, נישט אַנטדעקטע קוואַלן און פֿאַרמאָסטן זיך אויף ברייטע היסטאָרישע ווערק פֿון ייִדישן נאָענטן עבר. זײַנע פֿאָר־שערישע אַרבעטן, געדרוקטע, אָדער דערווײַל געגרייטע, האָבן אויפֿגע־דעקט פּראָצעסן פֿון ייִדישן לעבן פֿון די סאַמע וואָרצלען. זײַנע געדרוקטע ביכער זענען ס'רוב דערשינען אין פּויליש און אין ייִדיש. ס'וואָלט פֿאַרנו־מען צופֿיל אָרט אויסצורעכענען אַלע זײַנע פֿאָרש־אַרבעטן. כּדאַי אָבער צו דערמאָנען, אַז בלויז פֿאַר דער דײַטשישער „ענציקלאָפּעדיאַ יודאַיקאַ" האָט ער באַאַרבעט און צוגעשטעלט אַ דרײַסיק מאָנאָגראַפֿיעס וועגן ייִדישע קהילות אין פּוילן ; אין שייכות מיט דער תּקופֿה וועגן ייִדן אין פּוילן אין 19טן יאָרהונדערט, האָט ער באַוויזן צו פֿאַרעפֿנטלעכן 25 גרויסע עסייען.

און ד"ר עמנואל רינגעלבלום דער טיכטיקער היסטאָריקער־פֿאָרשער האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז צו געשיכטע. ס'איז געווען זעלטן צו טרעפֿן אַ וויסנשאַפֿטלער, אַן אַרײַנגעטוענער אין פֿאָרשונגען מיט לײַב און לעבן, זאָל זײַן אַזוי אַלזײַטיק, זיך פֿאַרנעמען מיט פֿאַרשידענע געביטן

— קולטורעלע, ליטעראַרישע, געזעלשאַפֿטלעכע. ער האָט מיטגעאַרבעט מיט פֿאַרשידענע פּעריאָדישע אויסגאַבעס, מיט געזעלשאַפֿטלעכע אינס־טיטוציעס, ווי „דזשיאָנט", „ציש"א", „ייִוואָ"; געווען דער פֿונדאַמענט פֿון די יונגע ייִדישע היסטאָריקער אין „ייִוואָ". און איינציַיטיק געווען אַ געזעלשאַפֿטלעכער טוער. אַלץ וואָס איז פֿאָרגעקומען אין ייִדישן לעבן איז אים אָנגעגאַנגען און ווו מ'האָט געדאַרפֿט האָט ער צוגעלייגט אַ האַנט.
די־אַ טראַדיציע האָט ער געצויגן פֿון זײַן פֿריִער יוגנט. שוין אַ יוגנטלעכער, אַן אָנגעהעריקער צו דער לינקער פּועלי־ציון־פּאַרטיי, האָט ער אין זײַן היימשטאָט אָרגאַניזירט און אַקטיוו אָנגעפֿירט מיט דער דאָרטיקער יוגנט. אַ זעלטענער פֿענאָמען פֿון אַ יונגן וויסנשאַפֿטלער וואָס האָט פֿאַראייניקט וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען מיט געזעלשאַפֿטלעכע אַקטיוויטעטן. און דער אַקטיווער, שאַפֿערישער מענטש איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיטן נאָבעלן מענטש.

✶

די מלחמה האָט אים געטראָפֿן אין ציריך, אויף אַ קאָנגרעס פֿון „דזשאָינט". ער האָט אײַנגעלייגט וועלטן זיך צוריקצוקערן קיין וואַרשע. ווען מ'האָט אָנגעהויבן צו דערקענען דעם שוואַרצן טײַוולאָנישן פּרצוף פֿון די היטלעריסטן, האָט ער זיך נאָך געקאָנט ראַטעווען. געוויסע פּערזענ־לעכקײַטן האָט מען געהאָלפֿן פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד. רינגעלבלום האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט.

ער האָט זיך גלײַך געשטעלט צום דינסט פֿון דער באַדראָטער ייִדישער באַפֿעלקערונג. ער האָט גענומען די איניציאַטיוו, געווען פֿון די, וואָס האָבן אָרגאַניזירט די אַליין־הילף, די פֿאַרשידענע סאָציאַלע געביטן אין געטאָ; געווען איינער פֿון די אַקטיווסטע אין דער נעץ פֿון קולטור־אַרבעט, אַ זײַל פֿון דער קולטור־אָרגאַניזאַציע „איקאָר". שפּעטער גלידערט ער זיך אײַן אין דער קאַמפּאַניע צו מאָביליזירן די געטאָ־אײַנוווינער צום אַקטיוון ווידערשטאַנד.

רינגעלבלום איז אָבער אַ געבוירענער היסטאָריקער. די טראַגישע צײַטן מוזן פֿאַרפֿיקסירט ווערן לדור דורות. שוין פֿאַרן געטאָ־פּעריאָד, אין אָקטאָבער 1939, האָט ער אָנגעהויבן פֿאַרצייכענען, באַשרײַבן לויפֿנדיקע געשעענישן. דאָס פֿאַרשלאָסן ווערן אין געטאָ האָט געשאַפֿן נײַע גרוי־ליקע סיטואַציעס. ס'איז שוין נישט גענוג געווען איין מענטש צו פֿאַר־פֿיקסירן די געשעענישן. און דאָקטאָר רינגעלבלום האָט געשאַפֿן דאָס,

וואָס איז אַן אוניקום אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע. אין תהום פון שוואַרצער נויט, בלוטיקע פאַרפאָלגונגען, אין אָנבליק פון די פאַר־שידנסטע טויטן, האָט ער, ווי באַקאַנט, געשאַפן אַ פאַרצווייַגטע, אונטער־ערדישע, אָרגאַניזאַציע, מ׳קאָן זאָגן אַ געהיימע באַוועגונג אונטערן פאַר־שטעלטן נאָמען „עונג־שבת״, וואָס איז באַדינט געוועז פון אַ שטאָב פון צענדליקער און צענדליקער מסירת־נפשדיקע קאָרעספּאָנדענטן, וועלכע האָבן פאַרצייכנט, באַשריבן אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען, נישט בלויז אין וואַרשעווער געטאָ, נאָר אין די געטאָס איבערן גאַנצן לאַנד. דאָס זענען געווען אין דער ערשטער ריי פּען־מענטשן, לערער, געזעלשאַפטלעכע טוער, אָבער ס׳רוב מענטשן, וואָס האָבן מיט דער פעדער פריִער נישט געהאַט צו טאָן. רינגעלבלום, אַדאַנק זייַן סאָציאַלער אַקטיוויטעט, איז געקומען אין קאָנטאַקט מיט פיל מענטשן, אָנגעזועענע און פשוטע, און געקאָנט זיי מאָביליזירן פאַר אַזאַ הייליקער, מסירת־נפשדיקער אַרבעט. די מיטגלידער פון עונג־שבת האָבן פאַרצייכנט, באַשריבן, אויך געמאַכט אָפּהאַנדלונגען וועגן אַלע געשעענישן אין געטאָ. טייל מאָל האָט רינגעל־בלום די זעלבע פאַסירונג פאַרגלייגט צוויי־דרייַ קאָרעספּאָנדענטן צו באַשרייַבן, כדי צו קענען וואָס בעסער אויסשיילן די ווירקלעכע געשעע־ניש. אַזוי זענען געבוירן געוואָרן די ריזיקע אונטערערדישע אַרכיוון.

רינגעלבלום גופא האָט געשאַפן אַ גאַנצן אַרכיוו, אויסגענוצט יעדע פרייַע שעה בייַ טאָג, יעדן אָוונט, און פאַרשריבן בייגעלעך מיט זייַן דראָבנער שריפט, אויף ביידע זייַטן. אין די ערגסטע באַדינגונגען, אין די פאַרשידנסטע באַהעלטענישן האָט רינגעלבלום אומאויפהערלעך גע־שריבן. זייַן אַרבעט איז געגאַנגען אין צוויי ריכטונגען: נאָטירט געשעע־נישן, און דאָס כמעט יעדן טאָג, מיט דער דאַטע, און אין פאָרעם פון בריוו, אָדער וואָס נעמט אָן דעם כאַראַקטער פון אַ טאָגבוך, און אָפּהאַנד־לונגען. אמת, אויף דער הייסער מינוט, און דאָך דורכגעטראַכטע און באַזירטע אויף פאַקטן ווי למשל „די דייַטשישע קריגס־סטראַטעגיע לגבי ייִדן״, „דער פּראָבלעם פון דער ייִדישער פּאָליציי און יודענראַט״, „ייִדיש־פּוילישע באַציִונג אין דער צייַט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה״, „ווי אַזוי איז אומגעקומען די שעפערישע ייִדישע אינטעליגענץ״, „פאַרוואָס האָבן ייִדן באַלד אין אָנהייב נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד?״ און ענלעכע אַרבעטן.

מ׳דאַרף דערמאָנען, אַז די מאַטעריאַלן פון אונטערערדישן אַרכיוו האָבן אויך געדינט, יעדנפאַלס געדאַרפט דינען, צו אַלאַרמירן די וועלט.

רינגעלבלום האָט באַוויזן אַרויסצושיקן אַלאַרמירנדיקע מאַטעריאַלן דורך דעם פּוילישן אונטערערד צו דער פּוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן, וואָס האָט אויך געדאַרפֿט דערגיין צו דער ייִדישער וועלט. די וועלט האָט אָבער געשוויגן. און רינגעלבלום איז נישט אָפּגעשטאַנען, מאָביליזירט געטאָ־מענטשן און פֿאַרגעזעצט די מסירת־נפֿשדיקע אַרבעט.

ד״ר עמנואל רינגעלבלום, דער געטרײַער פֿאָרשער, איז אין געטאָ געוואָרן אַ מוסטער־אָרגאַניזאַטאָר אויף אַלע געביטן. ער האָט אויך אָנגעפֿירט מיטן שטאַב קאָרעספּאָנדענטן — געגעבן גענויע אָנווײַזונגען, געצייגן די אויפֿמערקזאַמקייט אויף ספּעציעלע טעמעס, אויף געשעענישן און פּסדר אָריענטירט די מיטאַרבעטער פֿונעם „עונג־שבת״ ווו און ווי אַזוי צו פֿאָרשן. אויף געוויסע אַרבעטן, האָט ער פֿאַרגעלייגט, צוליב לעגאַלע טעמים, צו געבן אין אויבנאָן די אויפֿשריפֿט „פֿאַר אַ קאָנקורס״.

ער האָט טאָג און נאַכט געוואַכט, אַז קיין שום געשעעניש, קיין שום פּאַסירונג זאָל נישט פֿאַרלוירן גיין פֿאַר דער געשיכטע. גלײַכצײַטיק האָט ער געצילט, אַז די ידיעות וועגן די געשעענישן זאָלן כאָטש טיילווײַז באַלדיק דערגיין צו דער וועלט. אין די טראַגישע טעג פֿון דער צווייטער העלפֿט 1942, ווען די היטלעריסטן האָבן אַרויסגעריסן פֿון וואַרשעווער געטאָ איבער 300.000 מענער, פֿרויען און קינדער, און אין פֿאַרמאַכטע וואַגאָנען זיי אָוועקגעשיקט אין די גאַז־קאַמערן קיין טרעבלינקע, האָט רינגעלבלום נישט גערוט טאָג און נאַכט און פֿאַרטראַכט אַן אַזוי גערופֿענעם ראַדיאָ־ביולעטין און באַוויזן איבערצושיקן קיין לאָנדאָן. זײַנע פּילצאָליקע איניציאַטיוון, זײַן פּילפֿאַכיקע שעפֿערישקײַט (ער האָט אַפֿילו זיך געהאַט אָנגעצייכנט היסטאָרישע טעמעס ווי אַ פֿאָרזעצונג פֿון די פֿאַרמלחמהדיקע) זענען געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער גרויסער זאָרג פֿאַר דער זיכערקייט און באַלדיקע נויטן פֿון דער געטאָ־באַפֿעלקערונג. אין יענעם גיהנום, וואָס ס׳איז געווען דער וואַרשעווער געטאָ, איז דער שעפֿערישער מוח זײַנער געווען אין אייבקלאַנג מיטן טיף עמפֿינדלעכן האַרץ.

✶

אונטער רינגעלבלומס אָנפֿירערשאַפֿט האָבן זיך אָנגעזאַמלט ריזיקע מאַטעריאַלן, דאָקומענטן, אָפּהאַנדלונגען, וואָס זענען פֿאַרשטעקט געוואָרן אין מילעך־קאַנען און אין אײַזערנע קעסטלעך און, ווי מיר ווייסן, פֿאַרגראָבן געוואָרן. ס׳זענען אַפֿילו אין פֿאַרגראָבונג אָפּגעראַטעוועט געוואָרן

קונסט־ווערק, ווי די ווערק פֿון דער יונגער טאַלאַנטירטער מאָלערין געלע סעקשטיין און איר רירנדיקער בריוו. בלויז פֿאַר די מאַטעריאַלן וואָס רינגעלבלום גופֿא האָט אייגנהאַנטיק צוגעגרייט פֿון וועלכן עס זענען אַנטשטאַנען די צוויי דיקע בענדער „כּתבים פֿון געטאָ" קומט דעם יונגן היסטאָריקער אייביקער אָנדענק.

נישט אַלץ, ווי מיר ווייסן, וואָס איז פֿאַרגראָבן געוואָרן איז אָפּגע־פֿונען געוואָרן. איין טייל איז אויסגעגראָבן געוואָרן אין 1946, דער צווייטער טייל אין 1950. דער דריטער טייל איז ביז הײַנטיקן טאָג נישט אָפּגע־פֿונען געוואָרן. ס'איז זיך משער צו זײַן, ווי ס'האָט מיר געזאָגט דער היסטאָריקער בערל מאַרק, אַז געוויסע צונויפֿגעקליבענע מאַטעריאַלן האָט מען אין דער לעצטער צײַט פֿאַרן וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד נישט באַוויזן צו באַשטאַטן.

ד"ר עמנואל רינגעלבלום איז אַרײַנגעפֿאַלן אין די היטלעריסטישע הענט אַרום אָנהייב געטאָ־אויפֿשטאַנד; די היטלעריסטן האָבן אים פֿאַר־שלעפּט אין טראַווניק־לאַגער, (לעבן לובלין), ווו ער האָט זיך אָפּגע־מאַטערט עטלעכע חדשים. אַ דאַנק די באַמיִונגען פֿון זײַנע נאָענטע חברים און אויך מיט דער מיטהילף פֿונעם פּוילישן אונטערערד, האָט ער אַן איבערגעטוענער ווי אַ באַן־אַרבעטער באַוויזן זיך אַרויסצובאַקומען און צוריקקומען קיין וואַרשע. זײַן לעצטע באַהעלטעניש איז געווען אַ גרויסער בונקער אין אַ גאָרטן אויף גרויעצקע גאַס, ווו ס'האָבן זיך אויסבאַהאַלטן העכער דרײַסיק ייִדישע נפֿשות.

רינגעלבלום האָט אין יענעם לעבעדיקן קבר זיך גלײַך גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט אין אַ קורצער צײַט אָנגעשריבן אַ גרויסע מאָנאָ־גראַפֿיע וועגן טראַווניק־לאַגער. לײדער האָט מען די מאָנאָגראַפֿיע, ווי אויך אַנדערע מאַטעריאַלן, נישט אָפּגעפֿונען. פֿאַראַן אַ סברה, אַז רינגעל־בלום האָט אין בונקער אַ סך געשריבן, אָבער אָפּגעראַטעוועט געוואָרן, אַ דאַנק דער פּוילישער משפּחה מאַרטשאַק, זענען בלויז צוויי אַרבעטן: די „ייִדיש־פּוילישע באַציִונגען אין דער צײַט פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה" און אַ צאָל קליינע מאָנאָגראַפֿיעס וועגן אינטעלעקטועלע פּערזענ־לעכקייטן ווי אויך וועגן אייניקע טוער פֿון אַנטיפֿאַשיסטישן בלאָק. דורך דער משפּחה מאַרטשאַק איז דאָס אָפּגעראַטעוועטע איבערגעגעבן געוואָרן בערמאַנען, וועלכער האָט זיך געפֿונען אויף דער אַרישער זײַט.

דעם 7טן מערץ, 1944, איז דורך אַ מסירה דער בונקער אַנטדעקט געוואָרן. רינגעלבלום מיט זײַן פֿרוי און אַ 14־יאָריקן זון און איבער 30

אַנדערע ייִדן זענען איבערגעפֿירט געוואָרן אין דער טרויעריק־באַרימטער פּאַוויאַק־תּפֿיסה און דאָרט דערשאָסן געוואָרן. מיט זיי צוזאַמען זענען דערשאָסן געוואָרן זייערע נאָבעלע פּוילישע רעטערס לודמיר מאַרטשאַק און מיעטשיסלאַוו וואָלסקי, וואָס האָבן רינגעלבלומען לאַנג אויסגעהאַלטן.
ס'באַגלייט זיי אַלע אַן אייביקער כּבֿוד.

1990

לא זו הדרך...

„די צוקונפט" מאכט געווײַנטלעך דורך אַ לאַנגן וועג ביז זי קומט אָן פֿון ניו־יאָרק קיין עבר לים. דער דעצעמבער־נומער (1986) איז אין דעם פֿאַל נישט געווען קיין אויסנאַם, ער איז צו מיר דערגאַנגען מיט אַ גרויסער פֿאַרשפּעטיקונג. איז אין אָט דעם נומער „צוקונפֿט" פֿאַראַן אַן אַרטיקל פֿון לוי שאַליט, אונטערן טיטל „מיר, די אויסגעווײַלטע". שטויס איך מיר אָן, אַז דער רעדאַקציע איז דער אַרטיקל נישט געווען צום האַרצן. אַ סימן, זי גיט צו אַ צושריפֿט: „מיר ברענגען דעם דאָזיקן אַרטיקל אויפֿן סמך פֿון פֿרײַער דיסקוסיע"... און די רעדאַקציע ווענדט זיך צו לייענערס זיך אַרויסצוזאָגן וועגן די אַרויסגערוקטע פּראָבלעמען.

און די פּראָבלעמען זענען הארבע, בלוט־אייגענע, וואָס גייען יעדערן פֿון אונדז אָן. דעריבער איז גוט געשען, וואָס דער אַרטיקל איז אָפּגעדרוקט געוואָרן. בעסער אַרויסברענגען פֿאַר דער ייִדישער עפֿנטלעכקייט וואָס ס'טוט וויי, ווי שטיקן דעם ווייטיק אין זיך, בפֿרט, אַז דער חשובער לוי שאַליט איז, אַ סברה, נישט דער איינציקער, וואָס ווייטיקט אויף אַזאַ אופֿן איבער אונדזערע ווייטיקן און מאַכט אַזעלכע אויספֿירן.

אין וואָס גייט? ס'גייט אין קלאָגעדיקן מצב פֿון אונדזער ייִדיש, געבונדן מיט פֿאָלקס מצב.

„אַלע ווייסן מיר די לאַגע אין וועלכער ייִדיש געפֿינט זיך", שרײַבט לוי שאַליט. „אָבער נישט אַלע פֿאַרשטייען", שטרײַכט אונטער דער מחבר אין זײַן אַרטיקל, אַז דאָס איז נישט נאָר דער מצב פֿון אַ שפּראַך. מיטן צאַנקען פֿון ייִדיש לעשן זיך אויך אײַן די לעצטע גלימערדיקע פֿונקען פֿון אַ גרויסער תּקופֿה אין דער ייִדישער געשיכטע — די עפּאָכע פֿון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום". איז דאָס נישט קיין נײַעס. און ווי מיר פֿאַרשטייען, מיינט עס דאָך דאָס פֿאַרשווינדן פֿון דער גײַסטיקער און ספּיריטועלער ירושה פֿון אַ טויזנט יאָריקער תּקופֿה. פֿאַרוואָס? ווײַל, „עס האָט אַנדערש נישט געקאָנט זײַן — שרײַבט שאַליט — אָדער אפֿשר אַנדערש נישט געטאָרט זײַן". „וויבאַלד דאָס דאָזיקע ייִדנטום איז אומ־געבראַכט געוואָרן, קאָן אויך זײַן לשון נישט בלײַבן לעבן".

אָט דער „אפֿשר אַנדערש נישט געטאָרט זײַן" דערציטערט. אָט דער

פּאַטאַליזם, דער טאָן פון אַ גריכישער טראַגעדיע אין וועלכער ס'איז נישט פאַראַן קיין שום אויסוועג, קיין מינדסטע לייזונג, קלינגט ווי אַ גזר־דין. לוי שאַליט נעמט צו מאָל צו הילף העגעלן מיט זײַן אָביעקטיווער לאָגיק: „עס וואָלט געווען דערפאַר — לייענען מיר דאָרט — איבער די לאָגישע געזעצן פון דער נאַטור, אַז ייִדיש זאָל לעבן און לאַכן, ווען די מײַלער פון אירע ריידערס זענען פאַרשטומט געוואָרן, די אויגן פון אירע לייענערס פאַרמאַכט געוואָרן"... זענען אָבער צום גליק, אָדער על־פּי־נס, אַלע מײַלער נישט פאַרשטומט געוואָרן, אַלע ייִדישע אויגן נישט פאַרמאַכט געוואָרן. איז ווו איז דער אָביעקטיווער געזעץ און דער כּוח פון המשך? צי קאָן מען מיט איין צי מיט דער פעדער איבערשטרײַכן איבער אַלע סוביעקטיווע כּוחות אויף צו׳ען אַ געוויסן המשך?

לוי שאַליט גייט נאָך ווײַטער אין זײַנע באַגרינדונגען: עס צאַנקען נישט נאָר די לעצטע פונקען פון ייִדיש, פון אַ גרויסער תּקופה, נאָר אויך דאָס פאָלק צאַנקט אין דער צעשפּרייטקייט. גענויער — נישטאָ מער קיין ייִדיש פאָלק אין די תּפוצות. „ייִדיש, לייענען מיר, האָט אויסגעדריקט דעם כאַראַקטער און כאַראַקטעריסטיק פון דער מזרח־אייראָפּעישער עפּאָ־כע, ווו ייִדן האָבן געלעבט ווי אַ פאָלק. הײַנט לעבן נישט ייִדן ווי אַ פאָלק. אין קיין שום אָרט נישט פון גלות. במילא דאַרפן זיי אויך נישט האָבן קיין אייגן לשון. קיין אייגענער ייִדישער פאָלקס־מאַסיוו, ווי דאָס איז געווען אין מזרח־אייראָפּע, איז הײַנט נישטאָ אין קיין איין לאַנד פון גלות. אַזוינס שטעלט אויך נישט מיט זיך פאָר דער גרויסער קאָנגלאָ־מעראַט פון ייִדן אין צפון־אַמעריקע. „די ייִדישע וועלט אין גלות מאַכט אַדורך דעם זעלבן פּראָצעס וואָס דאָס ייִדישע לשון"... „די מאַטערנדיקע לאַגע פון ייִדיש איז נאָר אַ רינגעלע אין אַט דער קייט פון דעם וואָס עס איז מער נישטאָ קיין פאָלק אין גלות".

איז וואָס זענען מיר? וואָס זענען מיר, אַ שטייגער, די זיבן־אַכט הונדערט טויזנט ייִדן אין פראַנקרײַך, מיט אונדזערע פילצאָליקע קולטור־אינסטיטוציעס, דערצײַערישע און רעליגיעזע אַנשטאַלטן, מיט די פילע פאַרשטייערשאַפטן און פיל צענדליקער שעפערישע מענטשן איןביידע שפּראַכן? זענען מיר ציגײַנער? אַ סטאַדע נאָמאַדן אָן אַ פאָלקישן פּרצוף, אָן פאָלקישן אינהאַלט? וואָס זענען טאָקע די קנאַפּע פינעף מיליאָן צפון־אַמעריקאַנער ייִדן? די קבוצים ייִדן אין אַנדערע לענדער? זענען זיי נישט דאָס פאָלק? אָרגאַנישע טיילן פון ייִדישן פאָלק? אַפילו ווען

דער גרעסטער טייל רעדט אין דער לאַנדשפּראַך ? די ייִדן אין די צפֿון־אַפֿריקאַנער לענדער האָבן שטענדיק גערעדט טיילווײַז אַראַביש, טיילווײַז פֿראַנצויזיש (פֿראַנצויזיש — די העכערע שיכטן, די יוגנט, די אינטע־ליגענץ). אַ האַלבער מיליאָן פֿון זיי לעבט הײַנט אין פֿראַנקרײַך. זענען זיי נישט קיין פֿאָלקישער מאַסיוו, געבונדן מיטן ייִדישן פֿאָלק ? אַגו, פּרוווט זאָגן אַלגעריאַנער, מאַראָקאַנער, טוניסער ייִדן, אַז זיי געהערן נישט צום ייִדישן פֿאָלק ? אָדער זענען נישט קיין ייִדיש פֿאָלק ? פֿון אונדזער ווײַטער און נאָנטער געשיכטע וואָלטן מיר געקאָנט ברענגען אַן אַ שיעור ענלעכע בײַשפּילן. די ייִדן אין שפּאַניע בעת דער גאָלדענער עפּאָכע האָבן גערעדט חוץ לאַדינאָ, אַראַביש, שפּאַניש. בלויז דער העכערער שיכט האָט געקענט העברעיִש ; די גרויסע שעפֿערס, ווי דער רמב״ם, יהודה הלוי און אַנדערע האָבן געשאַפֿן נישט בלויז אין העברעיִש, נאָר אויך אין אַראַביש. זענען די דעמאָלטיקע שפּאַנישע ייִדן, טראָץ זייער פֿילשפּראַכיקייט און אַנדערשדיקן שטייגער נישט געווען קיין ייִדיש פֿאָלק ? קיין אָרגאַנישער טייל פֿון ייִדישן פֿאָלק ? געווען אַ צײַט אין אונדזער אַלטער געשיכטע, ווען דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט כּלל אויף אַ לאַנגער צײַט פֿאַרלוירן, לויטן אויסדרוק פֿון דובנאָוון, דאָס אייגענע לשון. ייִדן האָבן געהאַט איבערגע־נומען דאָס לשון פֿון די שכנים — אַראַמיש, וואָס איז דערנאָך נעבן העברעיִש געוואָרן די צווייטע פֿאַרהייליקטע שפּראַך אין וועלכער ס׳איז געשריבן דער תּלמוד בבלי, טיילווײַז דער תּלמוד ירושלמי, געוויסע תּפֿי־לות, אַ סברה, אַז אויך דעמאָלט האָבן ייִדן איבערגענומען נישט ווייניק זיטן, אפֿשר מינהגים פֿון די שכנים, נו, זענען ייִדן דעמאָלט געוואָרן אויס פֿאָלק ?

עס דערמאָנט אַ ביסל די אַמאָליקע דיסקוסיעס און קלאָץ־קשיה׳ס צווישן ייִדישע קאָמוניסטן צי ייִדן זענען אַ נאַציע. די שומרי ייִדישער ריינקייט פֿלעגן ברענגען באַווײַזן פֿון לענינס און סטאַלינס שולחן־ערוך, אַז ייִדן פֿעלט דאָס און יענץ, כּדי ראוי צו זײַן צו זײַן אַ נאַציע. הייסע קעפּ האָבן געמאַכט אַן אויספֿיר, אַז מ׳איז קיין פֿאָלק אויך נישט.

נאָר לאָמיר נישט אַראָפּגיין פֿון וועג. לוי שאַליט טרייסט אונדז:
„לאָמיר זיך אײַלן — לייענען מיר — צוצוגעבן, אַז עס איז נישט קיין געקלאָג אויף דעם וואָס דאָס ייִדישע לעבן אין די תּפֿוצות האָט אָנגענומען גאָר אַנדערע פֿאָרמען, וועלכע האָבן נישט קיין בריק און פֿאַרבינדונג מיטן גאַנצן גאַנג פֿון דער ייִדישער געשיכטע ביז איצט. עס איז אַ פּראָדוקט, אָט די בײַטונג, פֿון אַ גאַנצער רײַ כּמעט רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען

אין דער פרײַער וועלט און פון יידן אין אַט דער וועלט. עס האָט זיך געביטן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור, און די גײַסטיקע און מאָראַ־לישע פיזיאָגנאָמיע. און אונדז קומט פאָר, אַז אין אַט דער קאַרדינאַל געביטענער סטרוקטור פון דער וועלט און פון יידן אין איר, קאָן דער גײַסטיקער מצב פון יידן נישט זײַן אַנדערש ווי ער איז — און עס וועט מוזן זײַן ערגער יידישלעך, אויב די וועלט וועט זיך באַוועגן אויף דער זעלבער ליניע, ווי ביז איצט..."

אמת, מיר לעבן אין אַ וועלט, וואָס ענדערט זיך כסדר. דאָס לעבן, זיטן, מינהגים פון פעלקער, אַלץ ענדערט זיך. יידן זענען נישט קיין אויסנאַם. אָבער פאַרוואָס זאָל דאָס איבעררײַסן די בריק, די פאַרבינדונג מיטן גאַנג פון דער יידישער געשיכטע ביז איצט? זענען דען יידן אין זייער לאַנגער געשיכטע געווען פאַרגליווערט אין זייער לעבן? האָבן זיך דען אין פאַר־לויף פון דורות נישט געענדערט די עקאָנאָמישע סטרוקטור, שטייגער, זיטן? האָט עס דען איבערגעריסן די פאַרבינדונג מיט אונדזער געשיכטע? פאַרוואָס זאָלן יידן הײַנט, אין די געענדערטע באַדינגונגען, ווערן אויס פאָלק? אמת, די אַסימילאַציע רײַסט פון אונדז שטיקער. אָבער לאָמיר זיך דערמאָנען: פון די עלטסטע צײַטן אָן זענען בײַ יידן געווען צוויי פאָראַ־לעלע שטראָמען: אַ פאָלקיש נאַציאָנאַלער און אַן אַסימילאַטאָרישער. שוין די העלעניסטישע אַסימילאַציע האָט נישט וויניק צרות אָנגעטאָן. אין פוילן פאַר דער מלחמה איז נעבן דעם שטאַרקן מאַסיוו פון פאָלקישער אייניקײַט, אָנגעגאַנגען אין די גרויסע שטעט אַ כסדרדיקע אַסימילאַציע, אַפילו אַ שמד־מגיפה. ווי ציפערן גיבן איבער פלעגן יערלעך צוויי טויזנט יידישע נפשות זיך שמדן. הײַנט זענען מיר פטור פון דער שמד־מגיפה. הײַנט איז די אַסימילאַציע שטאַרקער, אָבער ס'רײַסט נישט דורכויס אָפּ פון יידישן פאָלק. ס'וואָלט, אַ סברה, געווען אַ יושר צו זוכן אַ שטאַרקערן קעגנגעוויכט. אָבער אויב מיר זאָלן אָפּפסקענען, אַז עס לעשן זיך אויס די לעצטע נאָך־גלות־מערנדיקע פונקען פון אַ יידישער וועלט, וואָס מיר, די יידיש־יידן, זענען „אירע לעצטע געדענקערס און דערמאָנערס", אויב מיר זענען שוין די „לעצטקייט", איז ווי זאָלן מיר מאַכן אָנשטרענגונגען צו שאַפן אַ קעגנגעוויכט, צו ווירקן אײַנצוהאַלטן דעם „אַרעאַל" פון אַ יידישער וועלט? אויב מ'וועט אַרויסגיין פון דער הנחה, אַז דאָס וואָס געשעט, קומט פאָר לויט אַ נאַטור־געזעץ, אַז אַנדערש קאָן נישט און טאָר אפשר נישט זײַן, איז צו וואָס פרווון ווירקן צו ראַטעווען וואָס מעגלעך?

יאָ, לוי שאָליט איז טויזנט מאָל גערעכט, ווען ער שרײַבט, אַז „ייִדיש איז נישט נאָר שפּראַך. עס איז טויזנט יאָר ייִדיש לעבן — וואָס רופֿט זיך איבער און פֿאַרבינדט זיך מיט דער גאַנצער ייִדישער געשיכטע". מ׳קאָן נאָך צוגעבן: ייִדיש איז כּולל אַ גרויסע ייִדישע ציוויליזאַציע, אַ גרויס גײַסטיק פֿאַרמעגן. און צווישן ייִדן אין דער וועלט און אַט דעם גײַסטיקן פֿאַרמעגן איז צוליב די סיבות, וואָס מיר ווייסן, אַנטשטאַנען אַ גרויסער, דראַמאַטישער ריס. ס׳איז אַן אַלגעמיין באַקאַנטע זאַך, אַז די שטאַרקסטע קנופּפֿעדים בײַ אַ פֿאָלק זענען גײַסטיקע פֿאַקטאָרן — די קולטור, די שפּראַך, היסטאָרישע בינדפֿעדים. די סאָציאַלע סטרוקטור, פּאָליטישע באַדינגונגען, זענען מסוגל צו שאַפֿן רײַבונגען, צעריסנקייט בײַם שטאַנד־האַפּטיקסטן פֿאָלק. די אַממײַנסטן צעמענטירנדיקע עלעמענטן זענען די גײַסטיקע, ספּיריטועלע. און אויך דער פֿאָלק־גורל. שוואַכן זיך אָפּ די אַ קנויפּפֿעדים, קאָן פֿאַרקומען אין שויס פֿון פֿאָלק אַ קריזיס. דאָס איז שײַך אַלע פֿעלקער און פֿעלקערשאַפֿטן. און געשען געשעט עס בײַ קליינע פֿעלקער, צעשפּרייטע, נישט זעלבסטשטענדיקע, אונטערדריקטע, אָדער בײַ נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, עטנישע גרופּעס. אָבער בעת אַ קריזיס, בעת אַ חולאת זוכט מען היילמיטלען. נאָך אַן אומגליק, בעת אַ קאַטסטראָפֿע, שטעלט מען דאַמבעס, מען טראַכט ווי אַזוי צוריק בויען.

ס׳איז אינטערעסאַנט זיך צוצוקוקן צו ענלעכע דערשײַנונגען בײַ אַנ־דערע קליינע פֿעלקער, נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, הגם אונדזער געשיכט־לעכער גאַנג איז אַן אַנדערער, ווי בײַ די אומות העולם. מיר זענען הײַנט עדות אין דער גאַנצער וועלט פֿון אַ גרויסער נאַציאָנאַלער דערוואַכונג. מיט אַן אויסערגעוויינלעכן דראַנג באַגערן הײַנט קליינע פֿעלקער, צומאָל עטנישע גרופּעס, אויפֿצולעבן און אײַנהאַלטן זייער אַמאָליק אײַנגעדרימלטע שפּראַך און קולטור, וואָס אַ הערשנדיקע שפּראַך און קולטור האָבן אַרויס־געשטויסן. ווען מ׳קוקט זיך צו צו אַזעלכע דערשײַנונגען דערזעט מען, אַז אַזוי לאַנג ווי אַ פֿאָלק, אַ פֿאָלקישער שטאַם לעבט, אָטעמט, קאָן די שפּראַך, די קולטור, וואָס די פֿריערדיקע דורות האָבן געשאַפֿן און וואָס איז פֿאַררוקט געוואָרן אין אַ ווינקל, צוריק באַלעבט ווערן. און אַזעלכע זאַכן קומען פֿאָר נישט נאָר בײַ פֿעלקער, וועלכע האָבן געלעבט אונטער אַ פֿרעמדן יאָך, ווי די אַפֿריקאַנישע, און געהאַט אויף זיך אַ הערשנדיקע, אָנגעוואָרפֿענע שפּראַך, אויך בײַ נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און עטנישע גרופּעס בלאָזט מען הײַנט אַרײַן אַ רוח־החיים אין אַן אָפּגעשטאָרבענער שפּראַך און קולטור. מ׳זעט דאָס אין שווייצאַריע, וווּ ס׳הערשן דרײַ שפּראַכן

(דײַטשיש, פֿראַנצויזיש, איטאַליעניש) בלויז איין פּראָצענט, ס׳רוב אַלטע מענטשן, האָבן גערעדט די אַלטע ראָמאַנזש־שפּראַך, וואָס איז אַראָפּ־געשווענקט געוואָרן דורך די מערהייט־שפּראַכן. הײַנט זענען פֿאַראַן שו־לעס, קורסן פֿאַר דער דאָזיקער שפּראַך, ווײַל יענע באַפֿעלקערונג פֿאָדערט דאָס. אין לאָזאַן האָט מיר אַ דאָרטיקע, יונגע לערערין פֿון אַזאַ שולע דערציילט וואָס פֿאַר אַ מוטיקן קאַמף זיי פֿירן פֿאַרן אויפֿלעבן די אַ שפּראַך. זי גופֿא האָט אויפֿן אוניווערסיטעט געגרייט איר דיפּלאָם אין דער ראָמאַנזש־שפּראַך. אין פֿראַנקרײַך האָט די גרויסע רעוואָלוציע פֿון 1789 שטופּנווײַז איבערגעשמאָלצן די פֿעלקערשאַפֿטן, כּמעט אָפּגעמעקט זייערע שפּראַכן און קולטורן. אין די דרומדיקע דעפּאַרטאַמענטן, למשל, האָט מען גערעדט די אָקציטאַנישע שפּראַך. אין איר איז געווען געשאַפֿן אַ געוויסע קולטור, ווייניקסטנס, אַ פֿאָלקלאָר. דאָס אַלץ איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורך דער הערשנדיקער פֿראַנצויזישער שפּראַך און רײַכער קולטור. מ׳האָט מיר אין דעפּאַרטאַמענט לאַנגעדאָק דערציילט, אַז פֿאַר דער מלחמה, אויב אַ קינד האָט אין דער שולע זיך באַנוצט מיט אַן אָקציטאַניש וואָרט, וואָס עס האָט געכאַפּט בײַ דער באָבע, אָדער בײַ די עלטערן, איז עס באַשטראָפֿט געוואָרן. הײַנט איז אין טולוז אויפֿן אוניווערסיטעט פֿאַראַן אַ קאַטעדרע צו שטודירן אָט די שפּראַך. וואַנדערנדיק איבער דאָרטיקע שטעטלעך האָב איך געזען אין די שויפֿענצטער פֿון געוועלבער אויפֿשריפֿטן אין יענער שפּראַך, אָדער אַזאַ אויפֿשריפֿט: דאָ רעדט מען אָקציטאַניש. די שרײַבערין פֿון אָט די שורות וואָלט געקאָנט דערציילן אינטערעסאַנטע שמועסן מיט סטודענטן אין דער היסטאָרישער שטאָט פּעזעמאַס, (ווו כ׳האָב באַזוכט אַ געוועזענעם געטאָ פֿון 14טן יאָרהונדערט. אויפֿן געמויערטן טויער איז פֿאַרבליבן דער אויסגעקריצטער אויפֿשריפֿט „געטאָ״), מיר וועלן נאָר ברענגען דערפֿון בלויז איין בײַשפּיל: במשך פֿון 40 יאָר, בעת דער הער־שאַפֿט פֿון פֿראַנקאָ, איז אין קאַטאַלאָניע אונטערדריקט געווען די קאַטאַ־לאַנישע שפּראַך. די יוגנט האָט שוין נישט געקאָנט קיין קאַטאַלאַניש, ווײַל מ׳האָט זי פֿאַריאָגט פֿון דער שולע. מיט יאָרן צוריק האָט דער באַרימטער שפּאַנישער מאָלער יאָכאַן מיראָ, געשאָנקען הונדערטער זײַנע לײַוונטן פֿאַר אַ מיראָ־מוזיי אין באַרצעלאָנע מיט דער באַוואָרעניש, אַז די אונטערשריפֿטן אונטער די בילדער זאָלן זײַן אין קאַטאַלאַניש. בײַ דער דערעפֿענונג פֿון מוזיי האָט די יוגנט, וואָס האָט נאָך נישט געקענט קיין קאַטאַלאַניש, אָפּשר ערשט אָנגעהויבן זיך לערנען די שפּראַך, געטאַנצט פֿאַרן מוזיי, באַזינגענדיק דעם פֿאַקט, וואָס די אַרויסגעשטויסענע

קאַטאַלאָנישע שפּראַך איז אָפיציעל אַרײַנגעפירט געוואָרן אין אַ באַרצעלאָ־נער מוזיי.

די אַ איינצעלנע פֿאַקטן ברענג איך נישט נאָר צו ווײַזן אַז אונדזער ייִדיש און ייִדיש־שאַפֿן זענען נישט אַרײַנגעפֿאַלן, חלילה, אין אַזאַ לעטאַר־גישן שלאָף ווי געוויסע אַנדערע שפּראַכן און קולטורן, נאָר כּדי צו אילוסט־רירן ווי לשונות און קולטורן קאָנען אויפֿגעלעבט ווערן. און מיר פֿאַר־מאָגן דאָך אָן אַ שיעור גרעסערע גײַסטיקע פֿאַרמעגנס, וואָס זענען טויזנט מאָל מער ווערט מ׳זאָל אַרײַנבלאָזן אין זיי אַ רוח־החיים. ווען מיר קוקן אויף צוריק אין נישט־ווײַטן עבר, ווען מיר מעסטן אָפּ דעם פֿאַרהעלטניש־מעסיק קורצן צײַט־אָפּשניט און אין וואָסערע שווערע באַדינגונגען, רעכט־לאָזע און עקאָנאָמישע, אונדזער לשון, אונדזער יונגע ייִדיש־ליטעראַטור, האָבן זיך צעקלונגען און צעזונגען מיט פּלעיאַדעס גרויסע שרײַבערס, אי־בערהויפּט צווישן בײדע וועלט־מלחמות, ווען מיר דערמאָנען זיך ווי ס׳האָט זיך דעמאָלט מיט אַן אימפּעט־שנעלקייט צעוואָקסן דער בוים פֿון דער ייִדישער קולטור מיט אַ פֿאַרצווײַגטן שולוועזן, פֿאַרלאַג־וועזן, טעאַטער, מיט אַ פֿונאַנדערגעשפּרייטער פּרעסע, ביבליאָטעקן, וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוטן, זעט עס אויס, אַז קיין שום פֿאָלק וואָלט אין עגלעכע שווערע אומשטענדן, אָן מלוכישער איניציאַטיוו און פֿינאַנסירונג דאָס נישט דערגרייכט; מ׳וואָלט געדאַרפֿט מסתּמא האָבן דערצו הונדערטער יאָרן וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין 50־60 יאָר. אוודאי איז דאָס אַלץ אויפֿגעקומען אין די געדיכ־טענישן פֿון פֿאָלק. ס׳איז אָבער אויך געווען אַ דאַנק דער גרויסער מסירת־נפֿשדיקייט פֿון יחידים, אַ דאַנק דעם שטאַרקן ווילן, דער טיפֿער איבער־צײַגונג, אַז דאָס איז אומבאַדינגט נייטיק. זענען אין יענע צײַטן נישט געווען קיין צווייפֿלער און קלאָגער? געווען. אין אָנהייב פֿון אונדזער יאָרהונדערט און אויך פֿריִער זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן „פֿאַר־זיכערט", אַז דער „זשאַרגאָן" וועט לאַנג נישט אָנהאַלטן. געווען צומאָל אַזעלכע קלוגע קעפּ, וואָס האָבן אויסגערעכנט, אַז ייִדיש וועט אויסהאַלטן העכסטנס אַ 50 יאָר. נאָך זייערע שוואַרצע פּראָגנאָזן האָט זיך ייִדיש צעבליט...

צי קאָן מען הײַנט, אין שווערער נידערלאַגע אויסרעכענען ווי לאַנג ייִדיש וועט נאָך אָנהאַלטן? צי טאָר מען גאָר מאַכן אַזעלכע חשבונות? אָפּפּסקענען, אַז מיר ייִדיש־ייִדן זענען הײַנט די „לעצטקייט"? צי אַנט־מוטיקט מען נישט, צי שטויסט מען נישט אָפּ יענע אָפּגעפֿרעמדטע יוגנט, וועמען מ׳דאַרף העלפֿן זיך דערנעענטערן צו אונדזער לשון און די גײַסטיקע

אוצרות? ווײַל אויב ס׳איז אַזאַ גײַסטיקייט וואָס איז פֿאַרמישפּעט אונטער־צוגיין, וואָס האַלט אָט־אָט בײַ יציאת־נשמה, צו וואָס זאָל זי זיך דער־נענטערן דערצו? און — פֿאַרקערט. הלוואי זאָלן אַזעלכע פּעסימיסטישע טענער נישט דערגיין צו די שיכטן פֿון אונדזער יונגן דור, וואָס ווײַזט אַרויס בולטע סימנים פֿון דערנענטערונג, וואָס זוכט די אייגענע אידענ־טיטעט און באַגערט צו גרייכן צו די ייִדישע וואָרצלען. די נאַציאָנאַלע דערוואַכונג וועגן וועלכער ס׳איז דערמאָנט געוואָרן, איז הײַנט נישט נאָר אייגנטימלעך דער גויישער וועלט, נאָר אויך דער ייִדישער. מיר זענען עדות ווי דאָ און דאָרט, אויף די וויסטעניש פֿון דער ייִדישער צעשפּרייט־קייט, קומען אויף נײַע, יונגע שפּראָצן. קינדער און אייניקלעך פֿון טאַטעס און זיידעס, וואָס האָבן דורכויס געוואָלט פֿאַרגעסן אַלץ פֿון ייִדישקייט, ווילן הײַנט וויסן פֿון וואַנען זיי שטאַמען, ווילן קענען זייערע וואָרצלען. נעבן דעם גרויסן, דראָענדיקן שטראָם פֿון אַסימילאַציע, שפּראַכלעכער און קולטורעלער, שלענגלט זיך שוין אַ היפּש שטראָמעלע פֿון זיך דער־נענטערנדיקע צום ייִדישן שורש, פֿון אַזעלכע אין וועמענס מײַלער עס קלינגט שוין דאָס ייִדישע לשון, אָדער — עס הייבט אָן קלינגען. בלויז פֿון פֿאַריזער דערפֿאַרונגען וואָלט מען געקאָנט אויסרעכענען אָן אַ שיעור בײַשפּילן, דערפֿרייענדיקע דערשײַנונגען, און אַזעלכע זענען, אַ סברה, פֿאַראַן אומעטום. אָט דאָס דערווײַל קליינע שטראָמל טאָר מען נישט גרינגשעצן, הגם קיין סך לייענערס פֿון אַ ייִדיש בוך האָט נאָך דאָס נײַע שטראָמל נישט געבראַכט.

לאָמיר זיך פֿרייען וואָס אין ישׂראל לערנט מען ייִדיש אין 53 שולן, דערווײַל.

✶

ייִדישע שרײַבער אויף דער גאַנצער וועלט פֿרעגן זיך טאַקע הײַנט פֿאַר וועמען זיי שרײַבן. איז לאָמיר דערמאָנען ווי דער באַקאַנטער העב־רעיִשער דיכטער יהודה לייב גאָרדאָן האָט אין אָנהייב פֿון אונדזער יאָר־הונדערט מיט יאוש געפֿרעגט: למי אני עמל?! האָט זיך גאָרדאָן דעמאָלט פֿאַרגעשטעלט, אַז העברעיִש וועט אויפֿלעבן און ווערן אַן אומגאַנג־שפּראַך? אַז ס׳וועט אין דער תנ״ך־שפּראַך אַנטשטיין אַ מאָדערנע ליטע־ראַטור? און ווער פֿון די וואָס האָבן שוין פֿיל מאָל אָפּגעזאָגט „קדיש״ נאָך ייִדיש, האָט זיך פֿאַרגעשטעלט אַז דאָס ייִדישע לשון, ייִדישע ליטע־ראַטור, וועלן אַרײַנדרינגען אין די גויִישע אוניווערסיטעטן און וועלן

צוציִען טויזנטער ייִדישע, אָפּגעפֿרעמדטע סטודענטן? איז דאָס נישט קיין דערפֿרייענדיקע דערשײַנונג, וואָס די צאָל ייִדישע קורסן, קאַטעדרעס מערן זיך אויף די אוניווערסיטעטן אין די פֿאַראייניקטע־שטאַטן, קאַנאַדע, פֿראַנקרײַך? איז דאָס ממש נישט קיין נס וואָס אין די אַסימילירטע, אָפּגעפֿרעמדטע יונגע בחורים און מיידלעך האָט זיך דערוועקט, דער־וואַכט אַ ייִדישער באַוווסטזײַן?

און צי האָט מען זיך געריכט דעמאָלט, ווען ס'האָבן געבליט דרײַ גרויסע קולטור־צענטערס — וואַרשע, ניו־יאָרק, מאָסקווע — און נאָך זייער אונטערגאַנג, אַז אין אַ נײַ אויפֿגעקומענער ייִדישער מדינה, ווו מ'האָט אַמאָל ייִדיש בפֿירוש פֿאַרשטיינערט, וועט זײַן אַ היים פֿאַר ייִדישע שרײַבערס, פֿאַר ייִדיש־שאַפֿונג? נאָך מיט יאָרן צוריק איז ייִדיש אין ישׂראל געווען אַ ממזר. הײַנט, טראָץ אַלע פֿאַרבליבענע שאָטן־זײַטן, באַקומט ייִדיש, ייִדישע ליטעראַטור, קולטור אַלע מאָל מער בירגער־רעכט. אויף אַ צוזאַמענטרעף אין דער פֿאַרוואַלטונג פֿון ליטעראַטן און זשורנאַ־ליסטן־פֿאַראיין אין פּאַריז האָט מרדכי צאַנין, דער אומדערמידלעכער קעמפֿער פֿאַר ייִדיש אין ישׂראל, זיך אויסגעדריקט, אַז אין דער קליינער ייִדישער מדינה גייט הײַנט דורכשניטלעך אַרויס מער ייִדישע ביכער ווי אין פֿאַרמלחמהדיקן פּוילן. ייִדיש הייבט אָן פּאַמעלעך אַרײַנדרינגען אין ישׂראלדיקע ליצייען. ס'איז נאָך גאַנץ ווייניק, אָבער עפּעס איז עס שוין. אין אונדזער נידערלאַגע זענען נייטיק גרויסע אָנשטרענגונגען, קאָנקרעטע מעשׂים, איניציאַטיוון, דאָ און דאָרט אַן אָנהייב. אַזאַ אָנהייב, אַן איני־ציאַטיוו, איז אויך געווען מיט יאָרן צוריק די קאָנפֿערענץ אין ירושלים, די קאָמיטעטן פֿאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור אין פֿאַרשידענע לענדער. אַלץ טראָפּנס? אַוודאי, אָבער אַ שפּריכוואָרט זאָגט, אַז אַפֿילו אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן בויערט אויך אויס אַ פֿעלדז.

✶

לוי שאַליט, ווי שוין דערמאָנט, שרײַבט אין זײַן אַרטיקל, אַז ס'וואָלט געווען איבער די לאָגישע געזעצן פֿון דער נאַטור, אַז ייִדיש זאָל לעבן צוליב די סיבות, וואָס זענען שוין אָנגעוויזן. איז זאָל נאָכאַמאָל דערמאָנט ווערן, אַז ס'איז פֿאַראַן אויך אַ ביאָלאָגישער געזעץ אויפֿן סמך פֿון וועלכן יעדער באַשעפֿעניש פּירט אָן אומאויפֿהערלעכן געראַנגל אויפֿצוהאַלטן זײַן מין, און יורשים. אָט דאָס געזעץ איז אויך גילטיק פֿאַר פֿעלקער, בפֿרט פֿאַר קליינע, בפֿרט פֿאַר אַזאַ פֿאָלק ווי דאָס ייִדישע. מיר ייִדן האָבן זיך

אויפֿגעהאַלטן, בעת אַנדערע פֿעלקער פֿון קליין־אַזיע זענען אונטערגעגאַנגען. אויב ס'איז אונדז געלונגען ממשיך צו זײַן אונדזער קיום איז דאָס געווען אַדאַנק דעם גײַסטיקן, ספּיריטועלן און מאָראַלישן כּוח. אַ דאַנק דעם גרויסן אָנשטרענג, עקשנות, סײַ פֿונעם יחיד, סײַ פֿונעם כּלל, נישט אויפֿגעלייזט צו ווערן אין פֿרעמדן אַרום.

אין זײַן לאַנגער געשיכטע האָט דאָס יידישע פֿאָלק דורכגעמאַכט אַ סך אומגליקן, פֿאָלקס־קאַטאַסטראָפֿעס, נאָך וועלכע ס'האָט נישט געפֿעלט קיין סך דאָס פֿאָלק און זײַנע גײַסטיקע פֿאַרמעגנס זאָלן אונטערגיין. מיר האָבן אַ סך קינות, איכה־פּיוטים. אָבער צוזאַמען מיטן באַוויינען האָט מען געבויט. ס'איז כּדאי אַמאָל זיך צוצוקוקן אויך צו דער ווײַטער פֿאַרגאַנגענהייט: נאָכן חורבן פֿון ערשטן בית־המקדש האָט ירמיהו הנביא באַווײנט און באַקלאָגט דאָס אומגליק ביז ער איז אויסגעגאַנגען פֿון גרויס צער. אונדזער דער־אַ גרויסער נביא האָט, אַ סברה, קיין שאָפֿערישס, בויערישס נישט געלאָזט נאָך זיך. דאַקעגן נאָכן צווייטן חורבן בית־המקדש האָט יוחנן בן זכאי, נישט ווייניקער אַ צעקלעמטער פֿונעם אומגליק, קודם געזוכט מיטלען ווי אַזוי ווײַטער צו שפּינען דאָס יידישע געוועב. נישטאָ מער ירושלים, זאָל דערווײַל זײַן יבנה, נישטאָ קיין בית המקדש, זאָל דערווײַל זײַן אַ בית הכנסת. ס'ווערט אָפּגעווישט אַ גאַנצע תּקופֿה, זאָל מען אײַנהיטן איר גײַסטיקע ירושה, כּדי צו צעמענטירן דאָס פֿאָלק, כּדי ווידער צו בויען.

איז דאָס אַ לערע אויך פֿאַר הײַנט. באַוויינען און באַקלאָגן דעם טרויעריקן מצב — נישט גענוג. אונטערגעבן זיך דעם שיקזאַל און פֿאַלן „כּורעים פֿאַר יעדער צאַנקנדיקן יידיש־פֿונק״? נײַן, לא זו הדרך.

דאָס טראַגישע לעבן פֿון חיים סוטין

ס'איז געווען אין אויגוסט 1943. פּאַריז איז געווען צעטראָטן פֿון דײַטשישע שטיוול. פּאַריז איז אָפֿיציעל געווען „יודנריין". די אייבצלנע ייִדישע משפּחות, פֿאַרבליבענע אין דער פֿראַנצויזישער הויפּטשטאָט, זענען פֿאַרשטעקט געווען אין באַהעלטענישן, אָדער אויסבאַהאַלטן זיך אויף „אַרישע פּאַפּירן". אַנדערע — און נישט קליין איז געווען זייער צאָל — זענען געווען סאָלדאַטן פֿון דער אונטערערדישער אַרמיי, וואָס האָט געפֿירט מלחמה קעגן היטלעריסטישן משחית.

אין אַ פּאַריזער קליניק האָט מען פֿון אַ דאָרף מיט דער גרעסטער פֿאַרזיכטיקייט געבראַכט צו פֿירן אַ שווער־קראַנקן אונטער אַ פֿרעמדן נאָמען. דעם געלבלאַסן פּאַציענט מיטן צעווייטיקטן גוף האָט מען אין אײַלעניש, דעם זעלבן אָוונט, האַלבע נאַכט, אָפּערירט. ס'איז געווען צו שפּעט. אויף צומאָרגנס פֿרי, זעקס שעה נאָך דער אָפּעראַציע, האָט דער 49־יעריקער פּאַציענט אויסגעהויכט די נשמה.

דאָס איז געווען דער גרויסער קינסטלער חיים סוטין.

אין דער שטיל איז אויך פֿאָרגעקומען סוטינס לוויה. בלויז עטלעכע פֿרײַנד, שרײַבערס, מאָלערס, און צווישן זיי פּיקאַסאָ, האָבן באַגלייט סוטינען צו זײַן אייביקער רו אויפֿן בית־עולם פֿון מאָנפּאַרנאַס. ווען מען האָט נאָך דער מלחמה געמאַכט דעם חשבון פֿון דער צאָל קרבנות צווישן די ייִדישע קינסטלערס אין פּאַריז, וואָס זענען דעפּאָרטירט געוואָרן און זיך נישט אומגעקערט, איז צוגערעכנט געוואָרן חיים סוטין.

*

זינט נאָך דער מלחמה האַלט מען אין איין אַנטדעקן סוטינען אויפֿסנײַ. דאָס מיינט נישט מ'זאָל אים, חס וחלילה, אין גאַנצן האָבן פֿאַרזען פֿאַרן לעבן. אייניקע קונסט־קריטיקערס, כּלערליי קונסט־מבֿינים האָבן געזען אין אים אַ זעלטענע דערשיינונג אין דער מאָלערײַ. קונסט־הענדלערס און קאָלעקציאָנערן האָבן מיט דער נאָז דערשמעקט, אַז מ'וועט אַ מאָל קאָנען אָפּלעקן אַ גוטביינדל. אין אַ געוויסן פּעריאָד האָבן זיי זיך געיאָגט נאָך זײַנע בילדער, וואָס זיי האָבן אָפּגעקויפֿט בזיל הזול. חיים סוטין האָט

זיך אָבער נישט געיאָגט אויסצושטעלן זײַנע לײַוונטן. אויך אין דעם פּרט איז ער געווען אַן אויסנאַם צווישן די קינסטלערס. ער פֿלעגט זיך קעגנ־שטעלן מ׳זאָל אים אײַנאָרדענען אַן אויסשטעלונג... צי דאָס איז געווען דערפֿאַר ווײַל ער איז אַליין געווען איבער זיך דער שטרענגסטער קריטי־קער, געפֿאָדערט פֿון זיך אַ סך און געוואָרט צו דערפֿירן זײַן מאָלערײַ צו דער העכסטער שלימותדיקייט, אָדער צוליב זײַן געמיט־צושטאַנד, ספֿקות און אומגלויבן, וואָס האָבן אים צײַטנווײַז דערפֿירט צו פֿאַרניכטן אַ סך בילדער צווישן וועלכע ס׳זענען געווען מײַסטערווערק. אַזוי צי אַזוי, פֿאַר זײַן לעבן האָט ער בלויז איין מאָל אויסגעשטעלט זײַנע בילדער.

אין די יאָרן נאָך דער מלחמה זענען די גרעסטע צאָל אויסשטעלונגען פֿון סוטינס ווערק פֿאָרגעקומען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן ווו עס געפֿינען זיך אַ היפּשע צאָל פֿון זײַנע לײַוונטן. אויף די עטלעכע אויסשטעלונגען אין פֿראַנקרײַך האָבן געפֿעלט די באַרימטסטע בילדער; די באַזיצערס — קאָלעקציאָנערן, קונסט־הענדלערס, פּריוואַטע מענטשן — האָבן אָפּגע־זאָגט זיי אויסצולײַען. איז דערנאָך געקומען אַ פֿאַרגיטיקונג. אין דעם אָפּטייל פֿון לוווּר, „אָראַנזשערי״־מוזיי האָט זיך געעפֿנט אַן אויסשטעלונג פֿון איבער הונדערט גרויסע לײַוונטן. אין פֿינעף גרויסע זאַלן זענען אויס־געשטעלט סוטינס מײַסטערווערק. און ווי עס געשעט בײַ הויכער קונסט, איז זי פֿאַר יעדער מאָל ווען מען קוקט זיך אײַן אין איר אויפֿסנײַ, אַ נײַע אַנטדעקונג, אַ נײַע אַנטפּלעקונג.

גייסט פֿון בילד צו בילד און פֿון יעדערן טויכט אויף פֿאַר דיר אויפֿברויז און שטורעם, טיפֿע טראַגיק, מענטשלעכע דראַמע און ייִדישע גורלדיקייט. צי דאָס איז אַ געשאָכטענער בעל־חי, צי אַ שטיללעבן, אַ פּייזאַזש אָדער אַ פּאָרטרעט, דערבליקסטו און דערפֿילסט מיט אַלע חושים דעם שטראָמענדיקן צער און אומעט, מיסטעריע און לײַדנשאַפֿט, טרויער און פּראָטעסט, געראַנגל און גלײַכצײַטיק דערוואַכונג. דאָס איז דער תּמצית פֿון סוטינס קונסט. זי איז אַ דינאַמישע, ברויזנדיקע און פֿול מיט דראַמאַטיזם. און דאָס אַלץ באַקומט דער קינסטלער אַרויס נישט מיט דער ליניע, פֿאָרעם, קאָמפּאָזיציע, נאָר ראשית כּל דורך דער מאָלערישער מאַ־טעריע, וואָס פֿליסט בײַ אים אומגעצוימט, דורך זײַן אייגנאַרטיקן פּענזל־פֿיר, דורך דעם ליריזם פֿון דער פֿאַרבן־סובסטאַנץ, וואָס ברויזט מיט עמאָציעס און ספּיריטועלקייט.

חיים סוטין איז אַ פֿענאָמען אין דער הײַנטצײַטיקער מאָלערײַ. ער איז צו קיינעמען נישט ענלעך, הגם ער האָט געהאַט זײַנע באַליבטע

גרויסע מאָלערס, ווי רעמבראַנדט, קאַראַ, קורבע, וואַן גאָג, סעזאַן, טולוז לאָטרעק. זײַנע געקוילעטע אָקסן האָט ער זיכער פֿאַרטראַכט אונטערן אײַנפֿלוס פֿון רעמבראַנדטס געקוילעטן אָקס, אָבער ווי אַנדערש איז סוטין פֿון האָלענדישן מײַסטער, פֿון סעזאַנען, וואַן גאָגן, פֿון וועלכע ער האָט אַ סך געלערנט. ווי אַנדערש איז ער געווען פֿון די אַלע, וואָס זענען, ווי ער, רײַף געוואָרן אונטער די זונענשטראַלן פֿון דער גרויסער פֿראַנצויזישער קונסט.

פֿון די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער, איבערהויפּט פֿון פּוילן, זענען געקומען קיין פּאַריז צענדליקער און צענדליקער יונגע יידישע מאָלערס, דורשטיקע נאָך וויסן, נאָך קענטעניש. זיי האָבן אַלע זיך צוגעאייגנט, יעדערער אויף זײַן אופֿן, עפּעס פֿון דער אַזוי גערופֿענער „פּאַריזער שול". די מאָדערנע פֿראַנצויזישע פּלאַסטישע קונסט, מיט אַלע אירע אַוואַנגאַרדישע פּעריאָדן און אומוואַנדלונגען, שטיצט זיך אין גרונט אויף דער טראַדיציע פֿון דער גריכיש־ראָמאַנישער קונסט, וואָס האָט געהאַט אירע פּרעציזע ליניעס, פֿאָרמען, פֿלאַכן און פּראָפּאָרציעס, די האַרמאָנישקייט פֿון ליניעס, אַ גראַציעזע אַרכיטעקטאָניק און דער עיקר, אַ רײַכע קאָלאָריסטיק. חוץ דער קאָלאָריסטיק, וואָס איז אויך זײַנע אַן אייגענע, אַ שטראָמיקע און שרײַענדיקע פֿון ווייטיק, האָט חיים סוטין ווייניק וואָס זיך צוגעאייגנט פֿון דעם אַלעמען. אויך דער עקספּרעסיאָניזם, וואָס וויקלט זיך דורך אין זײַן מאָלערײַ און קומט צום אויסדרוק אין דער דעפֿאָרמירונג פֿון מענטשלעכע פֿיגורן, איבערהויפּט פֿונעם פּנים און די הענט, איז נישט ענלעך צום קאָנווענציאָנעלן עקספּרעסיאָניזם. ס'איז זײַנער אַן אייגענער, וואָס האָט געשטראָמט פֿון די טיפֿענישן פֿון זײַן אייגן האַרץ.

ער איז, ווי שוין געזאָגט, אַ באַזונדערע דערשײַנונג אין דער מאָלערײַ, און דאָס נישט בלויז אין פֿראַנקרײַך. ווײַל סוטין שטייט הײַנט לעבן די גרעסטע מאָלערס אין צענטער פֿון דער וועלט־קונסט. און נישט איין קונסט־קריטיקער פֿרעגט זיך הײַנט. ווי אַזוי דאָס אַמאָליקע, אָרעמע, קרענקלעכע יינגל פֿון אַ קליין ליטוויש שטעטל, נישט באַקומענדיק פֿון זײַן היים קיין בילדונג, איז דערגאַנגען צו פֿאַרנעמען אַן אויבן־אָן אין דער וועלט־מאָלערײַ?

די רעטעניש פּרוּווט מען בדרך כּלל אויפֿקלערן מיט זײַן טראַגיש לעבן. „דער הונגער, די קראַנקייט, די שרעק, האָבן אויסגעשפּינט אַזאַ נשמה־צושטאַנד, וואָס האָט אויפֿגעשטורעמט אין זײַן מאָלערײַ..." — שרײַבט דער פֿראַנצויזישער קריטיקער האַנרי סערויאַ. אַנדערע פֿאַרגלײַכן

אים אין דעם פּרט צו קאַפקאַ און דאָסטאָיעווסקין. איז דאָס אמת, אַז סוטינס מאָלערײַ איז שטאַרק באַווירקט פֿון זײַן טראַגיש לעבן, ווי מיר וועלן דאָס ווײַטער זען. אָבער אמת איז אויך אַז דער גרויסער קינסטלער איז אַ קינד פֿון מזרח־אײראָפּעיִשן ייִדנטום, פֿון דעם ייִדישן גײַסטיקן שטורעם און דראַנג, וואָס איז אויפֿגעשטיגן אין די דאָרטיקע ייִדישע אָרעמע שטעטלעך, אין די אײַנגעהויקערטע הײַזקעס, ווו ייִדישע ייִנגלעך און מיידלעך האָבן זיך געריסן צו בילדונג, צו — אויב נישט נאָך העכער, ווי שמעטערלינגען צו ליכט.

*

חיים סוטין איז געבוירן געוואָרן אין 1893 אין אַן אָרעמער שנײַדער־משפּחה אין ליטווישן שטעטל סמילאָוויטש, וואָס איז זיכער אויף דער מאַפּע נישט אָנגעגעבן. ער איז געווען דאָס צענטע פֿון עלף קינדער בײַ טאַטע־מאַמע. אין שטוב איז געווען מער מײַלער צום עסן ווי ברויט אָנצוזעטיקן די שטענדיק הונגעריקע מײַלער. סוטין האָט דערציילט, ווי אַזוי די מאַמע האָט געהאַלטן דאָס ברויט אונטער אַ שליסל, אַז די כאַליאַסטרע קליינוואַרג זאָל זיך נישט וואַרפֿן אויף דעם. דער פֿאַרהאָרעוועטער און פֿאַרביטערטער טאַטע, דער שנײַדער, פֿלעגט דעם כּעס אויסלאָזן צו די קינדער. צום מײַנסטן קלעפּ האָט אָרײַנגעכאַפּט דאָס אומרויִקע ייִנגל חיים. ער איז געווען אומדערטרעגלעך, געמאַכט מענטשעלעך אויף וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט: אויף שטיקלעך פּאַפּיר, אויף קליידער, אויף די ווענט פֿון די הײַזקעס, האָט אָפּגעפּאַרטרעטלט אַלץ און אַלע און אַלעמען וואָס ער האָט געזען אַרום זיך און דערמיט אַרויסגעפֿירט פֿון די כּלים די שטעטלדיקע ייִדן. זײַן דראַנג צום צייכענען האָט אים דערפֿירט צו גנבֿה. ער האָט באַגנבֿעט די שטוב צו קויפֿן אַ בלײַפֿעדער... טרוקן איז אים דאָס נישט דורך; האָט באַקומען מער קלעפּ, ווי מען באַצאָלט פֿאַר אַזאַ פֿאַרברעכן.

צו צען יאָר האָבן אים די עלטערן אָפּגענומען פֿון חדר און געשיקט צו משפּחה לערנען די שנײַדערישע מלאָכה. דער קליינער חיים האָט נישט געהאַט קיין חשק צו ווערן אַ שנײַדער. האָט דער קרובֿ געפּסקנט, אַז מען פֿאַרדינט נישט דאַרף מען נישט עסן און דאָס ייִנגל האָט באַקומען אַזוי פֿיל, וואָס האָט קוים אונטערהאַלטן דאָס חיות אין אים. די מאַמע פֿלעגט אים פֿון צײַט צו צײַט צושיקן אַ לעבל ברויט מיט אַ הערינג, אָבער קיין חשק צו שנײַדערײַ האָט עס נישט צוגעגעבן.

בלית ברירה האָבן די עלטערן אים אָפּגעגעבן צו אַ פֿאָטאָגראַפֿער אין מינסק. אויך דאָ האָט ער קיין האַניק נישט געלעקט, געווען שטענדיק מיט אַ ליידיקן מאָגן, וואָס האָט אים דערפֿירט צו זײַן כראָנישער מאָגן־קראַנקייט.

אין מינסק אָבער זענען זײַנע צייכענונגען אַרײַנגעפֿאַלן צו אַ צײַכע־נונג־פּראָפֿעסאָר און ער, דער פּראָפֿעסאָר, האָט געגעבן צו פֿאַרשטיין די עלטערן, אַז דאָס ייִנגל וועט אין אַ צען יאָר אַרום קאָנען פֿאַרדינען אויף זײַן לעבן גיכער מיט צייכענונגען ווי מיט אַן אַנדער פֿאַך. דערצו האָט ער זיך אונטערגענומען צו געבן אים לעקציעס.

אין צווישן־צײַט איז אָבער געשען אַן אומגליק: זײַענדיק בײַ זיך אין שטעטל, האָט דער יונגער חיים אין געהיים געמאַכט אַ צייכענונג פֿון רב בײַם דאַווענען. דער שטעטלדיקער קצב האָט דאָס געהאַלטן נישט נאָר פֿאַר אַ חילול השם נאָר אויך פֿאַר אַ פּחיתות הכּבֿוד לגבי דעם רבֿ. כּדי אָנצולערנען איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל דעם „בעל־עבֿירה" האָט ער פֿאַר־נאַרט דאָס ייִנגל צו זיך און אַזוי אים צורעכט געמאַכט, אַז ער איז קוים אַרויס אַ לעבעדיקער פֿון זײַנע קצבישע הענט.

אָנבערעכנדיק אים מיט אַ שטעקן די ביינער האָט ער זיך אַ ביסל צופֿיל פֿאַרגאַלאָפּירט און אים צעבראָכן אַ פֿוס. מ'האָט געמוזט איבערפֿירן דאָס ייִנגל אין שפּיטאָל און דעם קצב האָט דאָס געריכט צוגעפּסקנט צו באַ־צאָלן 15 רובל אַנטשעדיקונג. די סומע האָט דערנאָך דערמעגלעכט דעם 16־יעריקן בחור צו פֿאָרן קיין ווילנע אין אַ צייכענונג־שול, ווו ער איז אין גיכן געוואָרן דער בעסטער שילער.

אין 1913 איז דער 19־יעריקער סוטין געקומען קיין פּאַריז. ווי אַלע אָרעמע, וואָגלדיקע קינסטלער איז ער אַרײַנגעטראָטן אין באַרימטן, דע־מאָלסדיקן „לאַ ריש" — דעם בינשטאָק, נישט ווײַט פֿון די שעכטהייזער אין 17טן קוואַרטאַל. דאָרט האָט ער באַגעגנט פּיקאַסאָ, מאָדיליאַני, קיקאָין, שאַגאַל און פֿיל אַנדערע שפּעטערדיקע מײַסטערס. זיי האָבן צוזאַמען געהונגערט, צוזאַמען געטרוימט וועגן בעסערע צײַטן און יעדערער האָט אויף זײַן אייגענעם אופֿן געהויבן זיך צו די הויכקייטן פֿון קונסט.

דער אויסגעדאַרטער, קרענקלעכער יונגער סוטין, מיט די אײַנגעבוי־גענע אַקסלען און גלאַנציק־אומעטיקע אויגן, האָט באַלד פֿון אָנהייב געצויגן אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט מיט זײַן באַזונדערן זשאַנער. דער פּוילישער דיכטער און באַקאַנטער קונסט־הענדלער, זבאָראָווסקי, וועלכער האָט אַרויסגעהאָלפֿן נישט איין פֿאַרהונגערטן קינסטלער פֿון „לאַ

ריש" און באַזונדערס זיך פֿאַרנומען מיט מאָדיליאַני, איז אפֿשר געווען דער ערשטער צו דערזען דעם אייגנאַרטיקן טאַלאַנט פֿון סוטינען. ער פֿלעגט איינלייגן וועלטן אָפּצושטעקן ערגעץ זיינס אַ בילד — וואָס באַטרעפֿט היינט שווערע מיליאָנען — כדי דער יונגער סוטין זאָל האָבן מיט וואָס צו שטילן דעם הונגער. נישט איין מאָל איז דער קינסטלער אַריינגעפֿאַלן צום האַרציקן זבאָראָווסקין און געבעטן דערווייל אַ פּאָר פֿראַנק איבערצוקומען עטלעכע טעג.

א צופֿאַל האָט פֿאַריאָגט די שוואַרצע נויט און גלייכצייטיק אַרויסגעפֿירט סוטינען אויף דער ברייטער וועלט. אַן אַמעריקאַנער קונסט־הענדלער האָט געזען ביי זבאָראָווסקין סוטינס עטלעכע בילדער און זיך דערקענט אויף זיי. ער האָט גלייך אויפֿן אָרט אָפּגעקויפֿט 25 ליוונטן. דאָס איז געווען ערשט אין יאָר 1925. מ׳האָט געזאָגט, אַז סוטין האָט דעמאָלט צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן עסן צו דער זעט און קליידן זיך לייטיש. ביי זיינע אַלע שפּעטערדיקע דערפֿאָלגן איז ער אָבער פֿאַרבליבן מיט אַ בלאַס אויסגעצערט פּנים, מיט איינגעבויגענע אַקסלען, ווי אַן אויסגעצערטער ישיבה־בחור. פֿאַרבליבן איז אים אויך אויפֿן גאַנצן לעבן אַ שווערע מאָגןקראַנקייט, וואָס האָט, בעת עס זענען געקומען שווערע צייטן, פֿאַרקירצט אים די יאָרן.

אין דעם שוואַכן, קרענקלעכן גוף איז אָבער געזעסן אַ שטאַרקער גייסט, אַ נשמה פֿון הוילער יצירה און אַ דורשטיקע נאָך וויסן. אין די שווערע באַדינגונגען האָט סוטין אַ סך געלערנט, געלייענט, דעראַבערט זיך שטופֿנווייז אַ ברייטע קולטור און גלייכצייטיק געאַרבעט ווי אַ טיטאַן. הונדערטער בילדער זענען אַרויס פֿון אונטער זיין פּענזל, צענדליקער האָט ער צעשניטן מיט אַ מעסער, פֿאַרברענט. ס׳פֿלעגט געשען אַז ר׳איז געקומען צו אַ קונסט־הענדלער, אַ קאָלעקציאָנער, און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן מ׳זאָל אים צוריקגעבן אַ בילד, אויסבאַהאַלטנדיק מיט וואָסער ציל ער וויל עס צוריקנעמען. ס׳פֿלעגט אויך געשען, אַז מ׳האָט אים אָפּגעזאָגט צוריקצוגעבן אַ ליוונט און שפּעטער איז סוטין דאַנקבאַר געווען, ווייל דאָס זעלבע בילד, וואָס ער האָט געהאַלטן פֿאַר אַ נישט געראָטנס און עס פֿאַרמשפּט צום אומקום, האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ מייסטערווערק.

חיים סוטין האָט געאַרבעט ווי אַ באַנומענער. פֿון איין אַרבעט־סעאַנס האָט געקאָנט געבוירן ווערן אַ בילד. צום גרעסטן טייל אָבער האָט ער זיך צוריקגעקערט מיט עקשנות צו זיינע בילדער.

צום מאָלן האָט ער געדאַרפֿט האָבן פֿאַר זיך אַ מאָדעל, אַ מאָטיוו, אַ נאַטור־סיטואַציע. ווען ער האָט געמאָלן אַ פּייזאַזש אין אַ רעגנדיקן טאָג און דאָס וועטער האָט זיך געענדערט, פֿלעגט ער דערנאָך מיט ליכט אויסקוקן אויף אַ רעגן. ער פֿלעגט מאָלן אין פֿעלד אונטער אַ גאָסרעגן, אונטער אַ ברענענדיקער זון, ווען ער איז געווען אין דרום־פֿראַנקרײַך אָדער אין די פֿראַנצויזישע פּירענייען־בערג. דאַקעגן האָט סוטין קיין מאָל נישט געמאַכט קיין אַנדערע צוגרייטונגען, קיין שום סקיצן צו אַ בילד. די צוגרייטונג איז געווען אַן אינערלעכע, אַ נשמהדיקע. דאָס איז געווען אַן אָנזאַמלונג פֿון געפֿילן, עמאָציעס, לײַדנשאַפֿטן, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך און ספּאָנטאַן זיי אויסגעגאָסן אויפֿן לייוונט. ער האָט בפֿועל ממש אויסגעגאָסן דורך די פֿאַרבן, דורך דער מאָלערישער סובסטאַנץ, אַ שלל מיט געפֿילן און מחשבות, אַרויסגעבראַכט מיסטעריעזע, כּישופֿדיקע וועלטן.

סוטין פֿלעגט מיטן פּענזל מאַכן עפּעס אַ קאָנטור, וואָס איז בלויז פֿאַר אים אַליין פֿאַרשטענדלעך געווען. די צייכענונג איז געקומען מיטן לייגן די פֿאַרבן, מיטן ראַשיקן שמיר פֿונעם פּענזל. די ליניעס און די פֿאָרעם האָבן באַקומען בלוט און פֿלייש מיטן מאָלן. מעגלעך אַז דאָס האָט געשטאַמט נאָך פֿון זײַן ערשטער פּראַקטיק, ווען ער האָט אויף די ווענט פֿון די שטעטלדיקע הײַזקעס געוואָרפֿן אַ פֿלעק, אויף גיך אַ פּיר געטאָן מיט בלײַ, מיט אַ האַלץ־קויל, וואָס איז געווען באַשטימט פֿאַרן טאַטנס פּרעסאײַזן. דערבײַ איז די טעכניק פֿון אויפֿבויען אַ בילד דערגאַנגען בײַ אים ביז דער העכסטער פֿולקומקייט.

ער האָט זיך בײַ דער אַרבעט באַנוצט מיט אַ פֿערציק פּענדזלען. יעדער פּענדזל האָט געדינט צו אַ באַזונדערן ניואַנס, צו אַן אַנדער אינטענ־סיווקייט פֿון פֿאַרבן. דאָס איז אַ מאָלערײַ, וואָס פֿאָדערט אַ נישט געוויינ־לעכע נערוון־אָנשטרענגונג. ער האָט טאַקע געמאָלן ווי אין פֿיבער, ווי אַ מיסטעריעזער, אומגעצוימטער כּוח וואָלט געפֿירט מיט זײַן האַנט, מיט זײַן פּענדזל, און געוואָרפֿן הייס־גליִענדיקע פֿאַרבן־לאַווע אויף לײַוונט. אַ קאָלירן־סטיכיע פֿלייצט און זי מאָדערלירט זיך פֿון זיך אַליין, קאָנסטרויִרט זיך. פֿאַרב און פֿאָרעם זענען איינס, נישט פֿונאַנדערצוטיילן. פּונקט ווי מאַטעריע און גײַסט זענען נישט קיין צוויי באַזונדערקייטן.

ווי פּאָול סעזאַן האָט ער פֿאַרשטאַנען אַרויסצובאַקומען אַלץ פֿון דער פֿאַרב, פֿון דער מאָלערישער סובסטאַנץ אין איר רײַכער פֿאַרשיידנאַרטי־קייט. ער איז טאַקע געווען באַגײַסטערט פֿון סעזאַנען, פּונקט ווי פֿון רעמבראַנדטן, גאָיאַ, על גרעקאָ, וואַן גאָג, און דאָך איז זײַן טעכניק געווען

אַן אייגן־פּערזענלעכע. אַזוי צום בײַשפּיל האָט מען געפּרוּווט פֿאַרגלײַכן זײַן קונסט אין איר שטורמישן ברויז צו וואַן גאָגס מאָלערײַ, אָבער אין גרונט איז עס אַנדערש. וואַן גאָג, מאָלנדיק אַפֿילו אין די ערגסט קריזיס־צײַטן פֿון שווערן שגעון, האָט אײַנגעהאַלטן אין זײַן וויברירנדיקער מאָלערײַ אַ גלײַכגעוויכט. בײַ סוטינען, דאַקעגן, איז אומעטום און שטענדיק אַ צעטרייסלעניש, ווי עפּעס אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפֿע וואָלט אַלץ פֿונדער־געטרייסלט. דער וואַלד, די ביימער, די הײַזער און הײַזקעס — אַלץ איז אין צעשטורעמטער באַוועגונג.

סוטין איז אַ מאָלער פֿון אינסטינקט, פֿון אייגענע געפֿילן און עמאָציעס. זײַן קונסט איז אַ סוביעקטיווע, מער ווי בײַ עמעצן אַנדערש. זעלטן ווען אַ קינסטלער אידענטיפֿיצירט זיך אַזוי מיט זײַן קונסט ווי סוטין. די דראַמע, וואָס ער גופֿא האָט דורכגעמאַכט, די שוואַרצע נויט, דער הונגער, די וואָגלעניש, די אַנונגען וועגן דער קאַטאַסטראָפֿע, וואָס דראָט זײַן שטאָט, האָבן טאַקע געלייגט אַ שטעמפּל אויף זײַן גאַנצער קונסט. ר'האָט שטענדיק געטראָגן אין זיך אַ גרויסן ווייטיק, אַן אַנגסטיקע שרעק; ער האָט געהאַט פֿאַר די אויגן אַ וויזיע פֿון עפּעס שרעקלעכס.

יעדער פּענדזל־פּיר איז אַ שטיק ווייטיק, אַ לײַדנשאַפֿטלעכער אויסגוס. די מאָלערישע מאַטעריע פּולסירט, ווירבלט, קנוילט זיך, ברויזט מיט אומרו, אַנגסט און מיט טראַגיק־וויזיע. די געדעמפּטקייט, אינטענסיווקייט פֿון די פֿאַרבן שאַפֿן אַ נישט געוויינלעכע דראַמאַטישע שפּאַנונג.

סוטינס קאָלירן זינגען נישט, ווי שאַגאַלס קאָלירן. זיי שרײַען, קלאָגן, שטורעמען, פּראָטעסטירן און וואָרענען. און מערקווערדיק: גלײַכצײַטיק דריקן זיי אויס אַ סך נשמה־ליבשאַפֿט. דער בלוי, גרין, געל, בלוי־שוואַרץ, דער זעלטענער ווײַס און דער עיקר דער רויט פֿאַרמאָגן אין זיך אַ מיסטישן און מאַגישן כּוח, זיי טראָגן אין זיך דעם כּישוף פֿון סודות־פֿולער יצירה.

כ'האָב געהאַט געזען אין מוזיי פֿון דער אַמאָליקער צעשטערטער שטאָט פּאָמפּיי אַן אויפֿגעלעבטן דאָרטיקן רויט, וואָס איז אייגנטימלעך געווען אין יענע צײַטן בלויז פֿאַר דער קונסט פֿון יענער שטאָט, דער באַרימטער פֿון אירע קונסט־פֿאַרמעגנס. מ'האָט גערעדט און מען דערמאָנט נאָך הײַנט וועגן רויט פֿון פּאָמפּיי. אַזוי קאָן מען אויך רעדן וועגן רויט פֿון סוטינען. אַזאַ געדעמפּטקייט, אַזאַ הייסער ברויז איז זעלטן צו זען. זײַן רויט איז לעבעדיק בלוט, וואָס פֿליסט פֿון אויפֿגעשניטענע אָדערן און דאָס בלוט זידט און קאָכט. שטייסטו פֿאַר זײַנע „אָפּגעשונדענע אָקסן", פֿאַר די גע־

שאָכטענע עופֿות, פֿילסטו, ווי דורך דער רויטער פֿאַרב ריזלט דאָס לעבע־דיקע בלוט און עס דוכט זיך דיר, אַז דאָס זענען נישט קיין טויטע ברואים, עס ראַנגלט זיך בפֿירוש דאָס לעבן מיטן טויט, עס וויל נישט אָפּטרעטן פֿאַרן טויט.

מ׳האָט דערציילט, אַז צום מאָלן דאָס ערשטע מאָל דעם „געשאָכטע־נעם אָקס” האָט סוטין געקויפֿט אַ זײַטל פֿלייש און עס אויפֿגעהאָנגען אויפֿן באַלקן, אַזוי ווי עס הענגט אין אַ שעכטהויז. כּדי עס זאָל אין דער צײַט פֿון מאָלן נישט פֿאַרלירן דעם אמתן קאָליר, האָט ער אין שכנותדיקן שעכטהויז געקויפֿט ליטערס בלוט און פֿון צײַט צו צײַט באַגאָסן דאָס פֿלייש. ס׳איז געווען זומער. דאָס זײַטל אָקס האָט אָנגעהויבן זיך צעלייגן און אַרויסגעבן נישט קיין אָנגענעמע ריחות. די שכנים האָבן סוטינען אָנגעקלאָגט אין פּאָליצײַ־קאָמיסאַריאַט. סוטין איז געווען פֿאַרצווײַפֿלט, ווען אַ פּאָליצײַ־קאָמיסאַר איז געקומען און געפֿאָדערט אַראָפּצונעמען דעם משונהדיקן מאָדעל. ער האָט ווי אַ קינד מיט טרערן אין די אויגן געבעטן זיך מ׳זאָל אים לאָזן פֿאַרענדיקן דאָס בילד. זײַן גוטער מלאך, דער אויבן־דערמאָנטער זבאָראָווסקי, איז געלאָפֿן אין אַפּטייק, געבראַכט אַ שטאַרקע דעזינפֿעקציע, וואָס האָט פֿאַרטריבן דעם גערוך און דער פּאָ־ליצײַ־קאָמיסאַר איז אײַנגעגאַנגען אַז דאָס זײַטל פֿלייש זאָל בלײַבן ביזן פֿאַרענדיקן דעם לײַוונט. ענלעכע געשעענישן פֿלעגן זיך טרעפֿן בײַם מאָלן זײַנע געקוילעטע עופֿות.

אין יעדן געקוילעטן עוף צאַפּלט לעבן. דאָס פֿלעמעלע לעבן וויל זיך נישט אונטערגעבן דעם טויט. סוטין האָט געהאַט דערציילט, אַז אַלס אַ יינגל האָט ער בײַם שוחט זיך צוגעקוקט מיט גרויס צער צום געראַנגל פֿון אַ געשאָכטענעם האָן. יענעם טראַגיזם פֿון לעבן, די מיסטעריע פֿון טויט האָט ער אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים טראַנספּאָזירט אויפֿן לײַוונט.

מ׳וואָלט געקאָנט דערציילן אַ סך עפּיזאָדן, וואָס האָבן באַגלייט סוטי־נען בײַם מאָלן. לאָמיר זיך אָבער אומקערן צו דער אויסשטעלונג.

אין אַ געוויסן זין איז זי אַ רעטראָספּעקטיוו, הגם ס׳איז אַ קלענער טייל פֿון סוטינס קונסט־פֿאַרמעגן. פֿאַראַן אָבער דאָ בילדער פֿון די ערשטע יאָרן אין פּאַריז און פֿון די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן. אָט שטייען מיר פֿאַר אַ שטיללעבן, וואָס דאַטירט פֿון 1916: אַ טעלער אויפֿן טיש און אויפֿן טעלער דרײַ מאָגערע הערינג; צוויי גאָפּלען שטרעקן זיך צו זיי הונגעריקע, גיריקע הייבן זיי אָן זיך אַרײַנשנײַדן אינעם לײַב פֿון די הערינג. דו פֿילסט דעם הונגער. מסתּמא איז דאָס אַ דערמאָנונג פֿון די

ייִנגלשע הונגער־יאָרן. און דו פּילסט אויך און הערסט ממש ווי די הערינג שרײַען מיט די אָפֿענע מײַלער, ווי דאָס איינע אויג קוקט מיט יאוש און טויט־שרעק.

און אָט איז דאָס באַקאַנטע בילד „די פֿרוי אין רויטן" פֿון 1922. נישט קיין אַלטע און נישט קיין יונגע. אַ פֿרוי מיט איר גורל. דאָס פּנים דעפֿאָר־מירט דורך אַ שמייכל־גרימאַסע. די צוזאַמענגענומענע ביינערדיקע הענט אויסגעדרייט. הענט וואָס פּראָטעסטירן קעגן בייזן גורל. דער גרויסער טונקעלער הוט הערשט איבער דעם שטויס, צעכוואַליעטער, רויטער מאַ־טעריע, אָבער דער בליק רײַסט זיך דורך צו אונדז. דאָס קאַלטע, מאָגנעב־דיקע אויג דרינגט דורך, פּונקט ווי דער אַלמנהס קליינע רויטע אויגן, וואָס זענען רויט געוואָרן פֿון וויינען. נישט מעגלעך אויך צו בלײַבן גלײַכ־גילטיק צום קוק פֿון דער אַלטער אַקטריסע. אויגן צעטראָגענע, וואָס זעען שוין גאָר נישט פֿאַר זיך; הענט דעפֿאָרמירטע, פֿול מיט מענטשלעכן צער און אומגליק.

די הענט בײַ סוטינען קאָנען זײַן אַ טעמע פֿאַר זיך. עס דערמאָנט זיך, אַז דער גרויסער פֿראַנצויזישער סקולפּטאָר, ראָדען, האָט מאָדעלירט אַ סך הענט און דאָס באַזונדערע, ער האָט דורך זיי אויסגעדריקט אַ געמיט־צושטאַנד, איבערגעגעבן שטריכן, אפֿשר אויך מענטשלעכע אייגנשאַפֿטן. סוטין אַנטבלויזט דורך די טראַגיש־דעפֿאָרמירטע, ביינערדיקע הענט דעם טיפֿסטן מענטשלעכן צער, דראַמאַטיזם, געראַנגל. אין די נאַקעטע צעדרייטע הענט פֿון דער אַלטער אַקטריסע, אָדער אין די צוזאַמענגענומענע, מיט אומגעלומפּערטער באַוועגונג, הענט פֿון דער יונגער פֿערמע־מיידל, איז אויסגעגאָסן דער ביטערער שיקזאַל, די טראַגישע אומבאַהאָלפֿנקייט און אוממעכטיקייט פֿון מענטש.

אונדזער קינסטלער האָט געהאַט אַ גרויסע שוואַכקייט צו מאָלן בעקער־ייִנגלעך, קריסטלעכע כאָר־ייִנגלעך. און אין פֿלוג דוכט זיך, אַז געוויסע אַזעלכע בילדער, געמאָלן אין שאַרלאַך־רויט און אין בלענדיקן ווײַס, זענען מער רויִקע, מער געמיטלעכע, אַפֿילו מיט די אָפּגעשטאַנענע אויערן און מיטן צעקרימטן שמייכל. אין דער אמתן וויברירט אויך אין זיי אַ פֿאַרבאָרגענער אומרו, אַ געהיימע, מיסטעריעזע אַנגסט.

און אָט הענגען זיך די אויגן אָן אין אַ בילד, וואָס פֿאַרבלענדט דיך. דער רויט שימערירט, שלענגלט זיך, קלעטערט באַרג אַרויף. וואָס איז דאָס? כ'וואָלט געזאָגט עפּעס אַזאַ לירישע טראַנסקריפּציע. רויטע טרעפּ, וואָס דראַפּען זיך אין דער הייך און אַרום זיי אַ ווינקל פֿון דער שיינער

דרומדיקער שטאָט קאַן, אײַנגעוויקלט אין דורכזיכטיקן ליכט. די טרעפּ זענען אויס ווי אַ קאַסקאַדע אין דעם פּילפּאַרביקן אַרום.

סוטין טראַנספאָרמירט, שאַפּט־איבער די נאַטור אויף פאַרשיידענע אופנים, ווי אַ מכשף. אָט איז אַ דאָרף מיט זײַן רײַכער לאַנדשאַפט אין דרום־פּראַנקרײַך. אויף דעם בילד פאַר וועלכן דו שטייסט שטײַגט אויף דאָס דאָרף אין אַן אמתער אָרגיע פון קאָלירן, וואָס קנוילן זיך, פלעכטן זיך לײַדנשאַפטלעך צוזאַמען און אין דעם אַלעמען איז פאַראַן אַ וווּנדער־לעכע האַרמאָניע. טראָץ דער אומרויִקער וויבראַציע, האָט דער קינסטלער פון די פּייזאַזשן אַ גלאַנץ געטאָן מיט אַ ברייטער נאַטע לירישע און צאַרטע קאָלירן. דער וואַלד, דאַקעגן, האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט אַרויסצו־ברענגען דאָס גרין אין זײַנע פילצאָליקע ניואַנסן און דורך זיי, דורך דער אַנגעלאָדנקייט פון דער פאַרב מער ווי דורך דער ליניע, אַרײַנצוברענגען דעם וואַלד אין אַזאַ טרייסלעניש, ווי אַ געוויטער וואָלט דורכגעגאַנגען דורך אים.

סוטין האָט אויך געמאָלן אַ סך פּאָרטרעטן, איבערהויפּט אין די לעצטע יאָרן. ס'איז נישט מעגלעך פאַרבײַצוגיין פאַר זיי און זיך נישט פאַרהאַלטן לענגער. וואָס ציט דיך צו? אַ גרויסע אַרטיסטישע רײַפקייט, אַ מײַסטער־שאַפט און זויבערקייט פון דער ליניע און אַזאַ אַנטבלויזונג פון דער אינער־לעכער וועלט פונעם מענטש. ס'איז אַ קונסט, וואָס דערגראָבט זיך צו די טיפענישן פון מענטשנס נשמה.

ס'איז כּדאַי באַזונדער צו דערמאָנען אַ בילד וואָס האָט מיך צוגע־שמידט צום אָרט. דאָס איז אַ פערד. סוטין פאַרמענטשלעכט זײַנע בעלי־חיים. דאָס פערד איז נישט נאָר פאַרמענטשלעכט, נאָר אויך דורכויס פאַר־ייִדישט. אין סוטינס בילד קאָנסטו דערזען פאַר זיך די קליאַטשע פון אונד־זער זיידן מענדעלע מוכר ספרים. אַ פערד — אַ דראַמע, אַזוי ווי דער זיידע האָט דאָס געזען: די פעל אָפּגעקראַכן, אָפּגעריבן, דער ווײדל אויסגע־צופּט, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, די אויגן קוקן מיט אומעט און טרויער. דאָס פערדישע מויל האָט צומאָל נישט קיין חשק צו פאַרזוכן פון צעבערל האָבער, וואָס שטייט פאַר אים. וויפל טראַגיק, וויפל ייִדישע גורלדיקייט איז פאַראַן אין דעם אויסגעמאַטערטן, פאַרלוירענעם פערדישן באַשעפעניש!

חיים סוטין איז דורכויס אַ ייִדישער מאָלער דורך זײַן אופן פון אויפ־פאַסן זײַן מאָלערײַ, דורך דער טראַגישער וויזיע. צו מאָלן אַזאַ סימבאָליש באַשעפעניש דאַרף מען זײַן טיף דורכגעדרונגען מיט ייִדישער גורלדיקייט און אַ סברה, אַז מען דאַרף אויך האָבן גוט געקענט דאָס ווערק פון מענדע־

לען. סוטין האָט דאָס בילד געמאָלן אַנדערש ווי אַלע אַנדערע: אין אַ גאַמע ברוין; דורך דער ניואַנסירטער וואַרעמער קאָליר גיסט דער קינסטלער אויס זײַן ליבשאַפֿט.

ס'האָט ווער געהאַט געשריבן, אַז דער סוד פֿון סוטינס קונסט ליגט אין דער ליבשאַפֿט און אין דעם טיף־מענטשלעכן, וואָס פֿליסן פֿון זײַן מאָלערײַ. דאָס איז אין דער ערשטער ריי גילטיק פֿאַרן בילד מיטן סימבאָ־לישן פֿערד. דעם לײַוונט האָט ער געמאָלן אין די דרײַסיקער יאָרן. הײַנט וואָלט סוטין זיכער געפֿונען אַן אַנדער סימבאָל אויסצודריקן זײַן צוגעבונדנ־קייט און איבערגעגעבנקייט צו זײַן פֿאָלק.

פ. ס.

איך מיין אַז ס'איז מײַן חוב צו געבן צו וויסן, אַז דער ייִדישער באַרימטער קינסטלער חיים סוטין ליגט אונטער אַ גרויסן קרײַץ. געשען איז דאָס צוליב דער געפֿאַר וואָס האָט אים געדראָט בעת די היטלעריסטן האָבן פֿאַרנומען פֿראַנקרײַך. אַ יונגע פֿראַנצויזישע פֿרוי האָט אים דעמאָלט געראַטעוועט אויסבאַהאַלטנדיק אין איר שטוב אויפֿן דאָרף. די זעלבע פֿרוי האָט אים אַ שווער קראַנקן ווי אויבן דערציילט, געבראַכט בײַנאַכט אין אַ וואָגן אין אַ פּאַריזער שפּיטאָל וווּ ער האָט עטלעכע שעה נאָך דער אָפּעראַציע אויסגעהויכט די נשמה.

אין עטלעכע יאָר אַרום איז די פֿרוי געשטאָרבן. פֿאַרן טויט האָט זי אַנגעזאָגט איר פֿאָטער און ברודער, אַז מ'זאָל זי מקבר זײַן אין זעלבן קבר ווו עס רוט סוטין. די משפּחה האָט אויסגעפֿילט איר פֿאַרלאַנג, און היות זיי זענען קאַטאָליקן, האָבן זיי אויפֿן קבר אַוועקגעשטעלט אַ היפּשן צלם.

דער שרײַבער קאַרנהענדלער ע״ה האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיט דעם ענין, באַקומען אַפֿילו אַ צוזאָג פֿון פֿאָטער אַראָפּצונעמען דעם קרײַץ. אָבער אין אַ צײַט אַרום האָט ער צוויסן געגעבן, אַז דער זון זײַנער, דאָס הייסט דער ברודער פֿון דער געשטאָרבענער, איז קעגן דעם באַזײַטיקן פֿון קרייץ.

מיר דוכט, אַז אויב אַ ייִדישע אַנגעזעענע אָרגאַניזאַציע, ווי למשל דער קריף, וואָלט אַזאַ ווענדונג געמאַכט צו דער משפּחה פֿון דער געשטאָר־בענער, וואָלט דער רעזולטאַט געווען אַ פּאָזיטיווער.

פֿון באַרג אַרויף ביז טיף באַרג אַראָפּ
(וועגן אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַנס
„אויף וועגן און אומוועגן", באַנד 2)

מיר האָבן לאַנג געוואַרט אויפֿן צווייטן באַנד פֿון אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַנס ברייט פֿאַרמאָסטן ווערק, וואָס זי האָט אונטערגענומען מיט אַ סך יאָרן צוריק אין דער פֿאָרעם פֿון מעמואַרן און אונטערן טיטל „אויף וועגן און אומוועגן". דער איצטיקער באַנד אין ייִדיש איז פֿון לאַנג שוין דערשינען אין עברית, און אויב כ'האָב קיין טעות נישט איז שוין אין ישׂראל דערשינען אין עברית, אָדער דאַרף איצט דערשײַנען, אויך דער דריטער באַנד, און טראָגן אַלע צוזאַמען דעם נאָמען „נפֿתולי דרכים". און ווי מיר איז באַקאַנט איז אויך דער פֿערטער באַנד שוין אין דער אַרבעט און וועט מסתּמא אין גיכן אָפּגעגעבן ווערן אין דרוק.

דער ערשטער באַנד פֿון „וועגן און אומוועגן" האָט אַרומגענומען דער מחבּרינס קינדער־יאָרן און די ייִדישע שטאָט טשענסטאָכאָוו, די פֿריִע יוגנט און דאָס ייִדישע לעבן אין איר געבוירן־שטאָט, שפּעטער וואַרשע, ווי אַ „צישאָ"־לערערין און אײַנצײַטיק אַקטיוו געווען אין דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ביז דעם יאָר 1926, ווען אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַן האָט זיך מיט ענטוזיאַזם געלאָזט קיין סאָוועט־רוסלאַנד. דורך דער פּריזמע פֿון איר אייגן לעבן האָבן מיר באַקומען אַ ברייטן, פֿילפֿאַרביקן פּרעסק פֿון אַ גאַנצער עפּאָכע, אַ קווערשניט פֿונעם ייִדישן לעבן פֿון יענער צײַט אין פּוילן און אויך אַ קלאָרע פֿאַרשטעלונג פֿון דעם וואָס ס'איז געווען אין יענעם פּעריאָד די פּוילישע קאָמוניסטישע באַוועגונג. דער עיקר — וועגן דעם אָרט פֿונעם ייִדישן קאָמוניסט אין דער דאָזיקער באַוועגונג.

מיר איז שוין אויסגעקומען צו שרײַבן וועגן ערשטן באַנד און צו אַנאַליזירן דעם באַזונדער אינטערעסאַנטן זשאַנער פֿון אָט די מעמואַרן. וועל איך בלויז צוגעבן, אַז דער צווייטער באַנד מעמואַרן איז אַזוי גוט ווי דער ערשטער אַ באַנד געשיכטע, פֿאַרשפּינט צוזאַמען מיט קינסטלערישער שילדערונג. די מחבּרין ברענגט אַרויס געשעענישן, סיטואַציעס,

פֿאַקטן, עפּיזאָדן מיט דער פֿינקטלעכקייט פֿון אַ היסטאָריקער, מעסטנדיק זיי מיט אַ וויסנשאַפֿטלעכער מאָס, מיט אַ וויסנשאַפֿטלעכן צוגאַנג און דאָס וווּנדערט מיך נישט, ווײַל אסתר ראָזענטאַל־שנײַדערמאַן איז לויט איר פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאָרמאַציע אַ וויסנשאַפֿטלערין; זי האָט אַ סך יאָרן געאַרבעט ווי אַזעלכע אין אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור אין קיעוו. די מעמואַרן זענען אָבער ווײַט פֿון טרוקענער „היסטאָרישקייט", פֿון באַ־ריכטמעסיקייט. די סיטואַציעס, צומאָל גרויסע היסטאָרישע געשעענישן, די פּערסאָנאַזשן, די מענטשלעכע דראַמעס זענען געשילדערט מיט אַ סך קינסטלערישער עמפּינדלעכקייט, דאָ און דאָרט מיט דינעם הומאָר, וואָס די פּראָנצויזן רופֿן שוואַרצער הומאָר. היסטאָרישע פֿינקטלעכקייט און קינסטלערישע בילדערישקייט, דראַמאַטישע שפּאַנונג, טראַגיזם און הומאָר פֿאַרפֿלעכטן זיך צוזאַמען און שאַפֿן אַ ברייטן, קאָלירפֿולן פֿרעסק פֿון אַ גאַנצן היסטאָרישן פּעריאָד מיט זײַן באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ, מיט זײַנע דערהויבנקייטן און געפֿאַלנקייטן, מיט ליכטיקע אויפֿגאַנגען און פֿינצטערע אונטערגאַנגען.

אַלע בענד צוזאַמען וועלן אַרומנעמען כּמעט דרײַ פֿערטל יאָרהונ־דערט פֿון געשיכטלעכן ברויז, פֿון ייִדישע שווערע ראַנגלענישן. דער איצטיקער באַנד איז דער קיִעווער פּעריאָד, דער צײַט־אָפּשניט אָנהייבנדיק פֿון 1926, ווען אסתר ראָזענטאַל־שנײַדערמאַן, אַ יונגע ענטוזיאַסטישע קאָמוניסטקע, איז געקומען אַהער לערנען און אַרבעטן און דער עיקר העלפֿן... בויען דעם סאָציאַליזם; די געשעענישן ציִען זיך כּמעט ביז דער מלחמה, און עס דערגייען שוין צו אונדז אויך אָפּקלאַנגען פֿונעם ייִדישן חורבן אין לאַנד פֿון די האָפֿענונגען פֿון נאָך דער מלחמה. אויף קאַרגע 400 זײַטן שפּרייטן זיך אויס פֿאַר אונדז בילדער, אימאַזשן פֿון אויפֿבלי און פֿאַרניכטונג. עס דערשײַנען פֿאַר אונדז צענדליקער און צענדליקער געשטאַלטן מיט זייערע אויטענטישע נעמען, היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן מיט זייערע טוּונגען און טראַכטונגען, אין זייערע דראַמאַטישע ראַנגלע־נישן, און אין זייער טראַגישן אומקום אָדער אין בעסטן פֿאַל אַראָפּגעוואָרפֿן אויפֿן ראַנד פֿון לעבן. די טראַגיש־פֿאַרשניטענע איז געווידמעט דער איצ־טיקער באַנד, ממש אַ מצבֿה אויף זייערע אומבאַקאַנטע קבֿרים. „מײַן בוך — לייענען מיר אין אַ קורצער הקדמה — איז אַ פּרוּוו פֿון אַ באַשיידענעם נר־תּמיד פֿאַר די לערערס, וויסנשאַפֿטלערס, קינסטלערס, און אַלע אַנדערע, וועלכע האָבן מיט מסירת נפֿש געבויט די ייִדיש־סאָוועטישע קולטור, זײַענדיק איבערצײַגט, אַז זיי דינען דעם אייגענעם פֿיל־געליטענעם פֿאָלק.

און זענען צוזאַמען מיט אַלע זייערע אויפֿטוען בהדרגה פֿאַרטיליקט גע־וואָרן דורך דער סאָוועטישער מאַכט.״

✶

אסתר ראָזענטאַל־שנײַדערמאַן איז באַשערט געווען צו זײַן אַן אַקטיװ מיטבאַטייליקטע אין דער בויונג פֿון דער ייִדיש־סאָוועטישער קולטור און אַן עדות פֿון איר פֿאַרניכטונג. זי האָט דאָרט געלעבט 32 יאָר און דאָס רוב יאָרן געלערנט און געאַרבעט אין קיִעוו, אין דעם גרויסן ייִדישן צענטער, ווו עס זענען אין יענע אָנהייב־יאָרן אַנטשטאַנען אַ נעץ ייִדישע שולן, ביבליאָטעקן, קלובן און דער איינציקער אין זײַן מין „אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור״ צו וועלכן ס׳האָבן געצויגן וויסנשאַפֿטלער, פֿאָר־שער, סתּם דורשטיקע נאָך וויסן פֿון גאַנצן לאַנד. ניין, נישט אַלץ איז אויך אין יענע יאָרן געגאַנגען גלאַטיק. די מחברין דערציילט ווי אַזוי בײַ אירע ערשטע טריט אויף דער סאָוועטישער ערד האָט זי זיך כּסדר אויס־געגליטשט, באַנוצנדיק נישט פּאַסנדיקע ווערטער, דערציילנדיק אויף פֿאַר־זאַמלונגען נישט נייטיקע זאַכן, און גיך האָט זיך די יונגע ענטוזיאַסטקע געכאַפּט, אַז מען טראַכט אַנדערש און מען רעדט אַנדערש, און אַוודאי שוין שרײַבט מען אַנדערש ווי מען רעדט אין דער שטיל. משה ליטוואַקאָוו, למשל, האָט אין זײַן פֿאַרמאַכטן ביוראָ אַרויסגעוויזן פֿאַר איר אַ וואַרעמע, פּאָזיטיווע באַציִונג צו די „צישאַ״־שולן אין פּוילן, אָבער דאָס אַרטיקל וואָס זי האָט אָנגעשריבן פֿאַר זײַן צײַטונג האָט ער אַזוי צוגעפּראַוועט אַז איר וויסן, אַז די ייִדישע שול־באַוועגונג זאָל אַרויסקומען געמאָלן אין די שוואַרצסטע פֿאַרבן.

אָבער וואָס פֿאַר אַ באַדײַטונג האָט דאָס אַלץ, ווען עס עפֿנט זיך פֿאַר דיר אַ נײַע וועלט מיט ברייטע מעגלעכקייטן צו שאַפֿן, צו בויען, צו אַרבעטן פֿאַר דער אויפֿלעבונג פֿון אייגענעם פֿאָלק און זײַן קולטור? וואָס פֿאַר אַ באַדײַטונג האָבן די צײַטווײַליקע גרילצן אין אָרקעסטער, אַז דער אָרקעסטער שפּילט פֿאָרט אויס אַ נײַע, נאָך נישט געהערטע, פֿאַרכאַפּנדיקע סימפֿאָניע? די נײַע סימפֿאָניע איז געווען די ברייט־פֿאַרמאָסטענע און וואַקסנדיקע ייִדישע קולטור־בויונג אין וועלכער ס׳האָבן זיך מיט לײַב און לעבן אַרײַנגעוואָרפֿן ייִדישע לערערס, שרײַבערס, וויסנ־שאַפֿטלערס, פֿאָרשערס און קולטור־טוערס. מיט לײַב און לעבן האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן דעם פֿונאַנדערבוי פֿון אַ נעץ שולן, ביבליאָטעקן, טעאַטער, פֿאַרשאַנשטאַלטן און אַנדערע קולטור־געביטן. שוין אין יאָר 1926, ווי

עס גיט איבער די מחברין, האָבן 53 פּראָצענט יידישע קינדער פון אוקראַינע געלערנט אין יידישע שולן און אין ווײַס־רוסלאַנד האָט אין יענעם יאָר דאָס יידישע שול־וועזן אַרײַנגענומען 64% פון די יידישע קינדער. אין אַ סך צענדליקער פאַך־שולן איז די אונטערריכט־שפּראַך געווען יידיש. אין די יאָרן 1933־34 האָבן אין לאַנד פונקציאָנירט 18 יידישע טעאַטערס — אַלע מלוכישע — בראש מיטן מאָסקוער יידישן מלוכה־טעאַטער אונטער מיכאָעלסעס אָנפירונג. פינעף מלוכישע טעאַטער־סטודיעס האָבן געשולט יידישע אַקטיאָרן און רעזשיסאָרן פאַר דער יידישער בינע. היינט די אויסשפּרייטונג פון דער יידישער פּרעסע איבערן גאַנצן לאַנד. היינט דער פונאַנדערוווקס פון אײַנציקן אין זײַן מין יידישן אינס־טיטוט אין קיִעוו מיט זײַנע פיל אָפּטיילונגען פאַר פאָרשן און לערנען און מיט די פיל צענדליקער וויסנשאַפטלעכע מיטאַרבעטערס, צווישן וועלכע ס׳האָט זיך אויך געפונען אסתר ראָזענטאַל־שנײַדערמאַן.

יאָ, מ׳האָט געבודקט ס׳זאָל זיך אַמאָל נישט אַרײַנכאַפּן קיין „נאַציאָ־נאַליסטישער" פּסול, אָבער דער נײַער אויפבלי, דער שוווּנג האָט אָנגע־שטעקט מיט ענטוזיאַזם און גלויבן, און יידישע שעפערישע מענטשן האָבן מיט אַלע כוחות געלייגט אַ ציגל צו אַ ציגל צום נײַעם יידישן קולטור־בנין. יאָ, ס׳האָט דאָ און דאָרט געגרילצט עפּעס אינעם געבוי, אָבער אַנדערש בויען האָט מען נישט געקאָנט, זאָגט די מחברין.

דער אומפּאַרטייאישער מאַקס עריק, דער אומדערמידלעכער וויסנ־שאַפטלעכער מיטאַרבעטער און בויער פון אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור, דער פאָרשער און פּראָפעסאָר, האָט געיובלט ווען אין אינסטיטוט איז געשאַפן געוואָרן אַן אַספּיראַנטור פאַר יונגע יידישע שרײַבערס. „גיט נאָר אַ טראַכט — האָט ער געזאָגט — צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק נעמט זיך אונטער אַ מלוכה אויף איר אייגענעם חשבון צו העכערן די נאַציאָנאַלע קוואַליטעט פון דער יידישער ליטעראַטור. זאָגט וואָס איר ווילט, אָבער דאָס איז מעגלעך בלויז און נאָר אין אַ סאָציאָ־ליסטיש לאַנד." און מאַקס עריק, וועלכער איז געקומען פון אַ יידישן קולטור־צענטער אין פּוילן, פון ווילנע, האָט ערשט דאָ צעשפּרייט זײַנע שעפערישע פליגל, נישט גערוט טאָג און נאַכט, ווי מיר דערוויסן זיך דאָס פון „אויף וועגן און אומוועגן". האָט ער געקאָנט זיך פאָרשטעלן אַז אַלץ וואָס ער בויט וועט אָפּגעמעקט ווערן? האָט ער געקאָנט אָנען, אַז מ׳וועט אַלץ אומברענגען צוזאַמען מיט אים? און אפשר האָט מען געדאַרפט פילן, אַז מ׳בויט אויף זאַמד...

דער געשיכטע פֿון אינסטיטוט פֿאַר יידישער קולטור אין קיִעוו, וואָס איז געווען דאָס שיינדל פֿון דער קולטור־בויונג, גיט די מחברין אָפּ פֿיל אָרט. מיר זעען אים אין אַלע פֿאַזן פֿון פֿונאַנדערבלי — און אויך שפּע־טער אין זיין פֿאַרניכטונג. אַרום אים האָבן זיך גרופּירט די צוממיינסטן גייסטרייכע יידישע פּערזענלעכקייטן, ווי מאיר ווינער, פּראָפֿ. ליבער־בערג, נחום ספּיוואַק און פֿיל אַנדערע. נישט איינעם פֿון זיי האָט געשטאָכן דאָס בייזע אויג, וואָס האָט געוואַכט איבער דער קאָמוניסטישער כשרות; דער גרעסטער טייל זענען נאָך אין יענע צייטן געווען קאָמוניסטן, אָבער „איינציייטיק אויך הייסע יידן", ווי די מחברין שרייבט און ס׳איז זיך משער צו זיין, אַז ביי אַזעלכע איז דער ריס אין האַרץ געווען נישט קיין קליינער.

און דאָך... דאָך האָט מען געגלייבט. מען האָט אויך געגלייבט אַז עס עפֿנט זיך „אַ נייער צענטער פֿון סאָציאַליסטישער יידישער קולטור" אין בירא־בידזשאַן. מיט גלויבן און ענטוזיאַזם זענען פֿון אַנהייב געפֿאָרן פּראָפֿ. יוסף ליבערבערג, דער איבערגעגעבענער קולטור־בויער ברוך הו־בערמאַן, און די מחברין פֿון בוך. און אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַן דער־ציילט ווי דאָס האַרץ איז איר צעגאַנגען פֿון נחת ווען דער פֿאַרשטייער פֿון אוקראַינישן צענטראַל קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי, ביים איבערגעבן איר די מיסיע צו פֿאָרן בויען די יידישע קולטור אין בירא־בידזשאַן, האָט גערעדט צו איר בזה הלשון: „סוף כל סוף האָט געשלאָגן די שעה אַז דיין יידיש פֿאָלק זאָל נאָך צוויי טויזנט יאָר גלות זיך אויסבויען אַן אייגענע היים"...

כּמעט אין דער זעלבער צייט ווען מ׳האָט אָוועקגעשיקט די אַנפֿירנ־דיקע פּערזאָנען קיין בירא־בידזשאַן האָבן זיך אָנגעהויבן די באַגרענע־צונגען, דערנאָך דאָס אַריינשטופּן אין אַ סדום־בעטל דעם אינסטיטוט פֿאַר יידישער קולטור. אין גיכן האָט מען אָנגעהויבן אַלץ אונטערצוגראָבן. דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן פֿריִער ווי מען שטעלט זיך פֿאָר. אין אַפּריל 1936 ווערט פּלוצלינג אַרעסטירט מאַקס עריק צוזאַמען מיט דריי אַנפֿירערס פֿון אינסטיטוט (גרשון גאַראַכאָוו, מיכאל לעוויטאַן און יונה כינטשין). ס׳האָט נישט לאַנג גענומען און עס ווערן אויך אַרעסטירט די שליחים קיין בירא־בידזשאַן, פּראָפֿעסאָרן ליבערבערג און הובערמאַן. מאַקס עריק וויל נישט וואַרטן אויפֿן תּליין און שניידט זיך איבער די אָדערן פֿון ביידע הענט. אַן אָפּגעראַטעוועטער מאַטערט ער זיך נאָך ביזן יאָר 1937.

דער טויט איז געקומען אין עלטער פֿון נישט קיין גאַנצע 39 יאָר. די אַנדערע זענען אומגעקומען פֿון אַ קויל אין קאָפּ.

צו די קרבנות פֿון די תּפֿיסות און לאַגערן פֿון יענעם פּעריאָד איז אין אַנהייב מלחמה צוגעקומען דער בלוטיקער שניט אויפֿן פֿראָנט. ווי באַקאַנט זענען דעמאָלט געפֿאַלן פּערציק ייִדישע שרײַבערס. דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז נאָך נישט אויסגעפֿאָרשט געוואָרן, שטרײַכט אונטער די מחברין. אָט האָט זיך דער פֿאָרשער און שרײַבער מאיר ווינער אַנגאַזשירט אין עלטער פֿון 48 יאָר, אַ העכערע עלטער ווי ס׳האָט געפֿאָדערט דער מאָבי־ליזאַציע־דעקרעט. טראָץ דעם וואָס ער איז כּלל נישט צוגעגרייט געווען צו מיליטער, האָט מען אים גלײַך געשיקט אויפֿן פֿראָנט. מיט אים צוזאַמען איז געפֿאַלן פּראָפּ. אהרון גורשטיין, וועלכער איז באַקאַנט געווען פֿון זײַן שוואַכן פֿיזישן צושטאַנד; מ׳האָט אָנגעטאָן אין מיליטער־קליידער און געשיקט אויפֿן פֿראָנט דעם כּמעט בלינדן דיכטער כאַשטשעוואַצקי, דעם 51־יאָריקן ראָסין, דעם 48־יאָריקן גאָדינער און אַנדערע נישט־צו־געגרייטע צו מיליטער ייִדישע שעפֿערס, בעת נישט־ייִדישע שרײַבערס זענען געשיצט געווען פֿון ליטעראַטן־פֿאַראיין נישט אויסגעשטעלט צו זײַן אויף אַ סכּנה. מיט רעכט שטרײַכט אונטער די מחברין אַז ס׳האָט געשטעקט דערבײַ אַ בייזע האַנט און אַז די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון סאָוועטישן שרײַבער־פֿאַרבאַנד איז נאָך פֿאַרהוילן.

✶

פּאַראַלעל צום בלוטיקן פּאָגראָם קעגן ייִדישע שעפֿערישע מענטשן איז כּסדר אָנגעגאַנגען דאָס פּאָגראָמירן די ייִדישע קולטור, פֿון אומברענגען דאָס ייִדישע וואָרט. אינעם בוך איז פֿאַראַן אַ לאַנג קאַפּיטל אונטערן קעפּל: „דער באַבי־יאַר פֿון ייִדישן וואָרט״. דערשײַנט פֿאַר אונדז אַ טייוולאָניש, שוידערלעך בילד פֿון אויסראָטונג פֿון אַלץ וואָס איז געשריבן מיט ייִדישע אותיות. נאָכן ליקווידירן אין קיִעוו אַלע ייִדישע ביבליאָטעקן, האָט מען זיך צוזאַמגענומען צו די איבערזעצונגען פֿון די ייִדישע קלאַ־סיקערס אין רוסיש און אוקראַיניש. טויזנטער ייִדישע שולביכער פֿאַר קינדער, לערן־ביכער פֿאַר סטודענטן האָט מען אַרײַנגעוואָרפֿן אין די קעלערן פֿון „גלאַווליט״. צענדליקער טויזנטער ייִדישע ביכער האָט מען, ווי פֿאַרבאָטענע סחורה, אַרײַנגעשטופּט אין פֿינצטערע קאַמערן, דערנאָך זיי אַרויסגעפֿירט אין לאַסטוואָגנס. עס זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען אַז מ׳האָט ייִדישע ביכער געברענט, נאָר נישט עפֿנטלעך, ווי דאָס האָבן געטאָן

די היטלעריסטן, נאָר אין געהיים. מ׳האָט יידישע ביכער איבערגעגעבן אין די גרויסע שפּייז־מאַגאַזינען, ווו מ׳האָט צוליב דוחק אין פּאַפּיר די אָרויס־געריסענע בלעטער גענוצט צום פּאַקן.

אסתר ראָזענטאַל־שנײַדערמאַן גיט אונדז אָן איבערבליק פֿון די גרויסע וואָרט־אוצרות וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין קיִעווער יידישן אינסטיטוט. פּראָפֿ. יוסף ליבערבערג האָט געהאַט אונטערגענומען צו־נויפֿצוזאַמלען יידישע גײַסטיקע ווערטן פֿון אַלע תּקופֿות, פֿון אַלע וועלט־טיילן און אין אַלע שפּראַכן. אין אַלע שטעט און שטעטלעך האָבן יידישע מענטשן מיט גרויס מסירת נפֿש געזאַמלט ביכער, ספֿרים, מאַנוסקריפּטן, וואָס זענען פֿאַרבליבן אויף הפֿקר די ערשטע יאָרן פֿון דער רעוואָלוציע און זיי איבערגעשיקט אין אינסטיטוט. אין יאָר 1934 פֿאַרמאָגט שוין די ביבליאָטעק פֿון אינסטיטוט אַ פֿערטל מיליאָן בענד וועגן יידן און טויזנט ווערטפֿולע מאַנוסקריפּטן אָנהייבנדיק פֿון 13טן יאָרהונדערט. די ביבליאָטעק איז געשאַצט געוואָרן פֿאַר דער צווייטער אין דער וועלט לויט איר ביכער־פֿאַרמעג וועגן יודאַיִק.

בײַם אינסטיטוט איז אויך געווען אַ זעלטן רײַכער פּרעסע־אַרכיוו. אין די בלי־יאָרן פֿלעגן אָנקומען פֿאַרן אַרכיוו צײַטונגען און זשורנאַלן פֿון 40 לענדער, פֿון אַלע קאָנטינענטן. די רײַכע זאַמלונגען פּרעסע, וואָס האָבן פּונקט ווי די ביבליאָטעק צוגעצויגן שעפֿערישע מענטשן פֿון גאַנצן לאַנד, האָבן זיך געמערט ביז דעם יאָר 1935, דאָס יאָר ווען מען האָט דערלאָזט צום אינסטיטוט בלויז קאָמוניסטישע פּרעסע פֿון אויסלאַנד. גאָר אין גיכן האָט מען אויך אַרויפֿגעלייגט אַ פֿאַרבאָט אויף אויסלענדישע קאָמוניסטישע פּרעסע, באַלד דערנאָך האָט די נ.ק.וו.ד. אַרויפֿגעלייגט איר בלוטיקע האַנט אויף די שוין פֿאַראַנענע זאַמלונגען. ווו דער פּרעסע־אַרכיוו איז אַהינגעקומען ווייסט מען נישט גענוי. דאַקעגן איז באַקאַנט דער גורל וואָס האָט געטראָפֿן דער רײַכער ביבליאָטעק פֿון אינסטיטוט, פּונקט ווי די אַנדערע יידישע ביבליאָטעקן.

אסתר ראָזענטאַל־שנײַדערמאַן שרײַבט, אַז עס זענען געווען איין פֿאַשיסטישער און דרײַ סאָוועטישע שאַנדאַקטן איבער יידישע וואָרט־אוצרות. דער ערשטער שאַנדאַקט איז פֿאָרגעקומען אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע, ווען מ׳האָט אומגעבראַכט בתּי־מדרשים, חדרים, ישיבות, פֿאַרשידענע רעליגיעזע און וועלטלעכע אַנשטאַלטן און מ׳האָט אויסגעפּלינדערט אָדער געלאָזט אויף הפֿקר זייערע פֿאַרמעגנס. דער

אינסטיטוט אין קיִעוו, ווי דערמאָנט, האָט דערנאָך אַ סך וואָרט־פֿאַר־מעגנס באַוויזן צונויפֿצוזאַמלען.

דער צווייטער באַרבאַרישער אַקט פֿון פֿאַרניכטונג האָט זיך אָנגעהויבן אין 1936. אַ סך פֿון די ביבליאָטעקן און ביכער־זאַמלונגען האָט די נ.ק.וו.ד. פֿאַרשטעקט אין פֿינצטערע קאַמערן. בעת דער מלחמה האָבן די דײַטשע פֿאַשיסטן אַנטדעקט אַ טייל פֿאַרשטעקטע ביכער און זיי אַרויסגעפֿירט קיין דײַטשלאַנד. נאָך דער מלחמה זענען אַלע פֿאַרבליבענע יידישע וואָרט־אוצרות אַרויסגעפֿירט געוואָרן אויף לאַסטוואָגנס, איבערגעדעקטע מיט ברעזענטענע פּלאַכטעס, אין די קאַטאַקאָמבעס פֿון אַן אַלטער מיטלאַלטער־לעכער געביידע און אין די טיפֿע היילן אויף פּיעטשערסק. אין יענע קאַטאַקאָמבעס און היילן האָבן די סאָוועטישע רעגירער אַרײַנגעוואָרפֿן אויף שטענדיק ריזיקע אוצרות פֿון יידישער וואָרט־שאַפֿונג. בעתן און נאָך דעם 20טן קאָנגרעס פֿון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין 1956, האָבן יידן אין סאָוועטרוסלאַנד געהאָפֿט, אַז ס׳וועט אַ סוף נעמען צום דאָזיקן באַרבאַריזם, אַז ס׳וועלן קומען אויך ענדערונגען אין באַצוג צו יידן. מ׳האָט זיך גיך אַרומגעזען, באַמערקט די מחברין, אַז די אָנגעזאָגטע ענדערונגען האָבן נישט קיין שייכות צו יידן.

✶

מען פֿאַרמאַכט דאָס בוך און מען קאָן זיך פֿון דעם נישט אָפּרײַסן. פֿאַר אונדזערע אויגן הייבן ווידער אָן דורכשוועבן צענדליקער יידישע גײַסטמענטשן, שעפֿערס אין זייער מיפֿולן דראַנג צו שאַפֿן און בויען און אין דער אַכזריותדיקער פֿאַרניכטונג. אין אונדזער דמיון שטײַגט ווידער אויף דער טײַוולאַנישער מעכאַניזם, וואָס האָט סיסטעמאַטיש צעריבן, צעמאַלן יידישע קולטור־אוצרות און באַרויבט דאָס יידישע פֿאָלק פֿון זײַנע גײַסטמענטשן. מיט וואָסער ציל? צי נישט דערפֿאַר ווײַל דאָס גײַסטיקע און קולטורעלע איז בײַ אַ פֿאָלק זײַן רוקנביין און בילדעט זײַן שטאַנדהאַפֿטיקייט? צי נישט דערפֿאַר ווײַל מ׳האָט געוואָלט צעברעכן בײַם יידישן פֿאָלק דעם רוקנביין און אויסהוילן אים פֿון יעטוועדער שטאַנדהאַפֿטיקייט?

נאָך מוראדיקער און רישעותדיקער דערשײַנט דאָס געשילדערטע דורך אסתר ראָזענטאַל־שנײַדערמאַן, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז אין יענע צײַטן פֿון דער צווייטער העלפֿט דרײַסיקער יאָרן האָט דער נאַציזם אין דײַטשלאַנד זיך געגרייט און אָפֿן אָנגעזאָגט די פֿאַרניכטונג פֿון יידישן

פֿאָלק, און אַז די צווייטע פֿאַזע פֿון אומברענגען אין סאָוועט־רוסלאַנד ייִדישע שעפֿערישע מענטשן און ייִדישע גייסטיקע אוצרות איז שוין פֿאָרגעקומען אין די יאָרן נאָכן גרויסן חורבן, וואָס די היטלעריסטן האָבן געבראַכט אויפֿן ייִדישן פֿאָלק. איז ווי זאָל מען נישט ציִען קיין פּאַראַלעל ?...

גערא͏ַנגל פֿון אויפֿגא͏ַנג און אונטערגא͏ַנג*
(וועגן אסתר רא͏ָזענטא͏ַל־שנײַדערמא͏ַנס
„אויף וועגן און אומוועגן״, בא͏ַנד 3)

בעת כ׳הא͏ָב געלייענט און דערנא͏ָך געשריבן וועגן ערשטן און צווייטן בא͏ַנד פֿון אסתר רא͏ָזענטא͏ַל־שנײַדערמא͏ַנס מעמוארן, הא͏ָט זיך מיר טייל־מא͏ָל געדוכט, א͏ַז א͏ַרײַנפֿירנדיק אונדז אין סא͏ַמען תּוך פֿון די דרא͏ַמא͏ַטישע געשעענישן, הא͏ָט די מחברין שוין אויפֿגעדעקט פֿא͏ַר אונדז דעם גא͏ַנצן תּהום פֿון גרויסן בייז. איז א͏ָט דערשײַנען דער דריטער בא͏ַנד, וווּ ברענגט א͏ַרויס נײַע א͏ַספּעקטן און פֿילצא͏ָליקע עפּיזא͏ָדן, נײַע דרא͏ַמא͏ַטישע געשעענישן און מענטשלעכע דרא͏ַמעס. אסתר רא͏ָזענטא͏ַל־שנײַדערמא͏ַן איז בעת די 32 יא͏ָר פֿון איר אויפֿהא͏ַלט אין סא͏ָוויעטרוסלא͏ַנד נישט נא͏ָר געווען א͏ַן עדות, נא͏ָר א͏ַ דירעקטע בא͏ַטייליקטע אין דעם גרויסן גערא͏ַנגל צו בויען א͏ַ ייִדיש־סא͏ָוויעטישע קולטור, און ווי א͏ַן א͏ַבסערווא͏ַטא͏ָר פֿון דער פּא͏ַרטיי־ליקונג הא͏ָט זי אין איר בא͏ַוווּסטזײַן, אין איר זכּרון, אײַנגעזא͏ַמלט א͏ַזוי פֿיל געשעענישן, א͏ַז יעדער נײַע גבֿית־עדות וואָס זי ברענגט א͏ַרויס, א͏ַפֿילו ווען ס׳איז שוין געהא͏ָט דערגא͏ַנגען צו אונדז, שווידערט אונדז אויף אויפֿסנײַ.

די מחברין קערט זיך א͏ָפּטמא͏ָל אום מיט שרײַבערישער געניטקייט, און אין איר זא͏ַפֿטיקן ייִדיש, צו דער צווייטער העלפֿט צווא͏ַנציקער יא͏ָרן, צו די יא͏ָרן ווען זי איז נא͏ָך געווען א͏ַ גרינע דא͏ָרט. נא͏ָך הײַנט מיינען א͏ַ סך מענטשן, א͏ַז די צווא͏ַנציקער יא͏ָרן זענען געווען די הא͏ָניק־יא͏ָרן פֿון דער רעוואָלוציע, בפֿרט אין שײַכות מיט ייִדישע פּרא͏ָבלעמען; אין שײַכות מיטן בויען א͏ַ נײַע ייִדישע קולטור און א͏ַנטוויקלען א͏ַ נײַע ייִדישע וויסנ־שא͏ַפֿט. אסתר רא͏ָזענטא͏ַל דערמא͏ַנט, א͏ַז ווען זי איז א͏ָנגעקומען אין נײַעם לא͏ַנד איז שוין געווען נא͏ָך דער ליקווידא͏ַציע פֿון א͏ַלע פֿריערדיקע

---

* די צוויי א͏ַרײַנגעגעבענע אין דעם בא͏ַנד א͏ָפּהא͏ַנדלונגען וועגן אסתר־רא͏ָזענ־טא͏ַל־שנײַדערמא͏ַנס ביכער, בא͏ַטרא͏ַכט איך ווי א͏ַ נר־תּמיד וואָס איך שטעל מײַן עלטערער הא͏ַרציקער פֿרײַנדין, מיט וועלכער ס׳הא͏ָט מיך געבונדן א͏ַ סך נא͏ָענטקייט און פֿרײַנדשא͏ַפֿט.

ייִדישע אינסטיטוציעס, נישט נאָר רעליגיעזע ווי חדרים, תלמוד־תורות, בתּי־כּנסת, נאָר אויך וועלטלעכע ייִדישע אינסטיטוציעס, וואָס דאָס רוסישע ייִדנטום האָט פֿאַרמאָגט אין אַ באַדײַטנדיקער צאָל. געלאָזט האָט מען דאָך דרײַ אָנגעזעענע קולטור־ און וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס פֿון גרויסער באַדײַטונג. דאָס זענען געווען די „חברה מפיצי השׂכּלה", וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן מיט גרויסער מי נאָך אין די זעכציקער יאָרן פֿון פֿאַר־גאַנגענעם יאָרהונדערט און געטראָגן וויסן און אויפֿקלערונג צווישן ייִדן, די „ייִדישע היסטאָריש־עטנאָגראַפֿישע געזעלשאַפֿט", וואָס האָט עקזיס־טירט זינט 1908 אין פּעטערבורג, און וואָס האָט אַרויסגעגעבן די באַרימטע פֿערטליאָר שריפֿט „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ" פֿון וועלכער שמעון דובנאָוו איז געווען הויפּט־רעדאַקטאָר; די דאָזיקע אינסטיטוציע האָט אויפֿגעטאָן גרויסע זאַכן, געפֿירט פֿאַרשאַרבעטן און באַרימט געווען נישט נאָר צווישן ייִדן, נאָר אויך צווישן נישט־ייִדישע קולטור־מענטשן און פֿאָרשער. די דריטע אינסטיטוציע; דאָס איז געווען די „גאַלאַנט־קאָמיסיע", אַ געביט פֿון אַ קלענערן פֿאַרנעם, אָבער פֿון גרויסער וויכטיקייט. וואָרעם די אַ קאָמיסיע האָט זיך פֿאַרנומען מיט קלײַבן און פֿאָרשן אַרכיוו־מאַטעריאַלן וועגן דער געשיכטע פֿון ייִדן אין אוקראַינע. צוליב זייער באַרימקייט זענען זיי נישט ליקווידירט געוואָרן, בעת ס'איז אין דער ערשטער העלפֿט צוואַנציקער יאָרן אָנגעגאַנגען די גרויסע ליקווידאַציע פֿון אַלץ, וואָס איז געווען ייִדיש. ס'איז געקומען די צווייטע העלפֿט צוואַנציקער יאָרן, דווקא און די יאָרן ווען מ'האָט טרומייטערט וועגן גרויסן אויפֿבוי פֿון דער ייִדישער קולטור, ייִדישער וויסנשאַפֿט האָט מען מיט איין פֿעדער־שטריך, לויט אַ באַפֿעל פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אומגעבראַכט אַלע דרײַ אויבנדערמאָנטע וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס. מיט וואָס האָבן זיי זיך פֿאַרזינדיקט? זיי זענען פּשוט געשטעמפּלט געוואָרן ווי ייִדיש־נאַציאָנאַ־ליסטישע קערפּערשאַפֿטן. זייער אמתע זינד איז אָבער געווען דאָס, וואָס זיי זענען געווען ייִדישע וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס, און געדינט דעם ייִדישן פֿאָלק. דאָס סאַמע טרויעריקסטע פֿון דעם איז, וואָס ייִדישע הענט, ווי עס ווײַזט אָן אסתּר ראָזענטאַל, ייִדישע קאָמוניסטישע וויסנשאַפֿטלער האָבן צוגעלייגט אַ האַנט זיי אַראָפּצורוימען און איבערצונעמען זייערע אינוועטאַרן, כּדי אויף די רויִנען פֿון דער ייִדיש־נאַציאָנאַליסטישער וויסנשאַפֿט צו בויען אַ נײַע ייִדיש־סאָציאַליסטישע וויסנשאַפֿט, וואָס זאָל זײַן, לויט דער אַבסורדאַלער און אָפּנאַרערישער פֿאָרמולע נאַציאָנאַל לויט דער פֿאָרעם און סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט.

לאַנג און שווער איז געווען דער וועג, זאָגט די מחברין מיט אַ טאָן פֿון חשבון־הנפֿש, ביז מ׳איז געקומען צו דער איבערצייַגונג, אַז אין תּוך איז די־אַ שווינדלערישע פֿאָרמולע אַנטי־פֿאָלקיש, אַז דאָס איז קעגן יעטוועדער נאַציאָנאַלער קולטור און אַוודאי קעגן דער ייִדישער, קעגן ייִדישער גייַסטיקייט. מ׳האָט זיך שפּעט געכאַפּט, אַז אין גרונט איז אַזאַ שטעלונג געלעגן אינעם גרויס־רוסישן שאָוויניזם, וואָס האָט געצילט אונטערצוגראָבן די דורותדיקע, נאַציאָנאַלע רייַכטימער פֿון יעדן פֿאָלק, און גאָר באַזונדער אויסצורייַסן די וואָרצלען פֿון ייִדיש־נאַציאָנאַלע שאַפֿונגען. צו ליקווידירן, צעברעכן דעם גייַסטיקן רוקנביין פֿון ייִדישן פֿאָלק, וואָס האָט במשך פֿון לאַנגע דורות, בעת די גרעסטע היסטאָרישע שטורעמס און ייִדישע קאַטאַסטראָפֿעס, דורך זייַן גייַסטיקייט געשטאַרקט און צעמענטירט דאָס ייִדנטום אומעטום ווו ס׳האָט געלעבט און געליטן.

צי זענען אַלע ייִדישע וויסנשאַפֿטלער און קולטור־בויער גוטוויליק געגאַנגען אין שפּאַן? ניין, נישט אַלע. אַפֿילו נישט אַלע פּאַרטייאישע האָבן מיט אַ לייַכט האַרץ אָנגענומען די פּאַרטייאישע פֿאָרמולע צו בויען ייִדישע קולטור, צו אַנטוויקלען לויט אַ דיקטאַט ייִדישע וויסנשאַפֿטן. אָבער אַנדערש פֿאַרזיכערט אסתר ראָזענטאַל, האָט מען בשום אופֿן נישט געקאָנט. דאָס אויג פֿון דער פּאַרטיי האָט אומעטום געוואַכט. און געבויט און געשאַפֿן האָט מען דאָך איבער אַ צענדליק יאָר. פֿון דער קאַטעדרע פֿאַר ייִדישער קולטור אין קיִעוו איז אויסגעוואַקסן דער אינסטיטוט מיט אַ ברייטן פֿאַרנעם, וואָס האָט געצויגן צו זיך שעפֿערישע מענטשן פֿון אַלע עקן לאַנד, אויך פֿון אויסלאַנד. אין די אַכט וויסנשאַפֿטלעכע סעקציעס פֿונעם אינסטיטוט — ליטעראַרישע, פּעדאַגאָגישע, עטנאָגראַפֿישע, היסטאָרישע, פֿילאָלאָגישע, ביבליאָגראַפֿישע, סאָציאַל־עקאָנאָמישע און שפּעטער אויך אַ סעקציע פֿאַר ביראָ־בידזשאַן־קענטעניש — האָבן שטודירט, געפֿאָרשט, געאַרבעט גאַנצע שטאַבן וויסנשאַפֿטלער און ליטעראַטן סײַ מיט אַן אַלטן סטאַזש, סײַ יונגע, וואָס האָבן גלײַכצײַטיק געלערנט, געגרייט אַן אַספּיראַנטור. די מחברין דערמאָנט אַזעלכע ליטעראַטור־פֿאָרשער ווי מאיר ווינער, מאַקס עריק, נחום אויסלענדער, מיכאל לעוויטאַן, גורשטיין, קלמן מאַרמאָר, וועלכער איז אויף עטלעכע יאָר געקומען פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן אין דעם דעמאָלט פֿליסנדיקן שטראָם פֿון נייַער ייִדישער קולטור און וויסנשאַפֿט, וואָס איז געווען אויסגעהאַלטן פֿון דער מלוכה. האָבן דאָך מיט איבערגעגעבנקייט געאַרבעט אַזעלכע פֿילאָלאָגן ווי נחום שטיף, אליהו ספּיוואַק, זאַרעצקי, פֿאַלקאָוויטש,

סלוצקי, טעאָרעטיקער פֿון פּעדאַגאָגיק, אַזעלכע ווי יאָשע רעזניק, גרשון גראַנכאָוו און פֿיל אַנדערע אָנגעזעענע פֿאַרשער.

און ווידער שטעלט די מחברין צוזאַמען מיט אונדז די זעלבע פֿראַגע: צי האָבן דערפֿאַרענע מענטשן פֿון וויסן זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז אַלץ איז אַרײַנגעקוועטשט אין אַ סדום־בעטל? אַז מ'קוקט זיי אויף די פֿינגער? יאָ — ענטפֿערט די מחברין — אַלע האָבן געפֿילט, און זי בתוכם, דאָס וואַכנדיקע אויג אויף זיך, און דאָס נישט בלויז פֿון דרויסן נאָר אויך פֿון אינעווייניק, מצד די פֿאַנאַטיזירטע קאָמוניסטן, די „פֿריקרע פֿאַרשוינען", ווי די מחברין רופֿט זיי. מ'האָט שטאַרק געפֿילט דעם דרוק און דאָך שטילערהייט, אין געהיים זיך געווערט קעגן סדום־בעטל. אַלס בײַשפּיל ווי אַזוי ס'האָט אויסגעזען די באַגרענעצונג פֿון יידישע לימודים ברענגט אסתּר ראָזענטאַל אַ לערן־פּראָגראַם פֿאַר די סעמינאַרן. אין דער אַלגעמיינער צאָל פֿון 104 לערן־שעהען האָט פֿאַרנומען דער לימוד פֿון העברעיִש צוויי שעה און די געשיכטע פֿון יידן, נישט חס וחלילה יידישע געשיכטע, נאָר געשיכטע פֿון יידן, אָדער אין פֿאַרקריפּלונג: יידן־געשיכטע, בלויז 6 שעה.

וואָס האָבן געטאָן יידישע פּראָפֿעסאָרן מיט אַ יידיש האַרץ און מיט געוואַגטקייט? מ'האָט אין געהיים קונציק אָפּגעשפּאָרט שעהען פֿון פּאַרטיי־געשיכטע און אַרײַנגעגנבעט מער צײַט אויף יידישע לימודים. דער הויפּט־אָנפֿירער פֿון אינסטיטוט, פּראָפֿעסאָר ליבערבערג האָט אויסגעצייכנט געוווּסט ווען די מאַכינאַציעס און נישט נאָר פֿאַרמאַכט די אויגן, נאָר האָט געדעקט די קאָנטערבאַנדע.

אין געדרוקטן יידישן וואָרט האָט מען שוין קיין שום קאָנטערבאַנדע נישט געקאָנט דורכפֿירן. די באַגרענעצונגען, די קאָנטראָלן האָבן אויסגעלאָשן יעטוועדן פֿרײַען געדאַנק. יעטוועדער מאַנוסקריפּט איז דורכגעזיפּט געוואָרן. צו אַלע אַלגעמיינע באַגרענעצונגען איז בײַ אַ יידישן טעקסט צוגעקומען די שטרענגע אויפֿזיכט ס'זאָל זיך נישט אַרײַנכאַפּן קיין „יידישער נאַציאָנאַליזם".

ווי אַזוי האָבן יידישע קאָמוניסטן, ערלעכע מענטשן, אויפֿגענומען דעם צוגעשניטענעם פּראָגראַם, אָדער דאָס אויסהוילן יידישע פּראָבלעמען, יידישע ווִיסנשאַפֿטן פֿון זייער יידישן אינהאַלט? צי זענען זיי בלינד געווען אָדער סתּם מסכּים געווען מיט אַלץ, וואָס די פּאַרטיי האָט פֿאַראָרדנט?

אסתּר ראָזענטאַל־שנײַדערמאַן ענטפֿערט דערויף, אַז די־אַ קאָמוניסטן

האָבן געזען אין דער פּאַרטיי דעם איינציקן פֿרײַנד פֿון אַלע אונטערדריקטע, אויך פֿון ייִדישן פֿאָלק. איז דער דאָזיקער „פֿרײַנד" פֿאַרשטייט נישט געוויסע זאַכן, מוז מען פֿאַרקוקן.

ס'זעט מיר אויס צו זײַן נאָר אַ טיילווײַזע אויפֿקלערונג. נישט קיין קליינע ראָלע האָט דאָ, אַ סברה, געשפּילט פֿאַרבלענדקייט — און פֿאַראַן נאָך הײַנט אַזאַ פֿאַרבלענדקייט — בלינדער גלויבן, אַז אַלץ וואָס די פּאַרטיי טוט איז נישט אָפּצופֿרעגן. דער קאָמוניזם האָט געווירקט אויף זײַנע אָנהענגער ווי אַ רעליגיעזער פֿאַנאַטיזם אויף די גלויביקע. אַ פֿאַנאַטיקער טראַכט נישט אַרײַן אין דעם וואָס די רעליגיע לייגט אַרויף אויף אים, טיפֿט זיך נישט אַרײַן אין אירע ריטואַלן; פֿאַר אים, פֿאַר דעם גלויביקן, איז אַלץ הייליק.

אַוודאי האָט אויך געווירקט די שרעק, און די מחברין ווײַזט אָן ווי די מורא האָט זיך פֿאַרנעסטעט אין הערצער פֿון מענטשן, און דאָס — אַ סך פֿריִער ווי מ'האָט זיך פֿאַרגעשטעלט. מיר דערוויסן זיך דאָ ווי אין אַלע זײַנע טואונגען איז דער מענטש שטענדיק און אומעטום באַגלייט געוועז פֿון אַ פּחד וואָס האָט געהאָנגען איבער אים ווי אַ דאַמאָקלעס־שווערד.

טראָץ דעם אַלעמען, מיט אַלע באַגרענעצונגען און פֿאַרקריפּלונגען, איז במשך פֿון איבער אַ צענדליק יאָר אין אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קול־טור, ווו די מחברין האָט געמאַכט איר אַספּיראַנטור, דערנאָך דאָרט גע־אַרבעט ווי אַ וויסנשאַפֿטלערין, פֿאַר אירע אויגן אויפֿגעבויט געוואָרן גרויסע פֿאַרמעגנס. מיר איז שוין אויסגעקומען צו שרײַבן, בעת כ'האָב באַהאַנדלט דעם צווייטן באַנד וועגן די גרויסע אוצרות, וואָס דער אינס־טיטוט האָט צונויפֿגעזאַמלט.

איבער דעם אַלעמען האָט מען אָבער אין געהיים רעגלמעסיק דורכ־געפֿירט פּאָגראָמען און פֿון דעם אַלעם איז געוואָרן אַ באַרג אַש. ביז הײַנטיקן טאָג ווייסט מען נישט וואָס ס'איז געוואָרן מיט דער גרויסער, אוניקאַלער ביבליאָטעק, מיט די ווערטפֿולע סקריפּטן, מיט די זעלטענע יקר־המציאותן, וואָס דער אינסטיטוט האָט מיט גרויס מי צונויפֿגעזאַמלט און — איז אין געהיים אַרויסגעפֿירט געוואָרן אין פֿינצטערע קעלערס און לעכער. און צוזאַמען מיט די קולטור־אוצרות זענען פֿאַרלענדט געוואָרן זייערע שאַפֿערס, סײַ דער עלטערער דור, סײַ דער ייִנגערער.

אסתר ראָזענטאַל־שנײַדערמאַן הייבט אָן דעם דריטן באַנד מיטן פּראָפֿעסאָר יוסף ליבערבערג צו וועלכן זי קערט זיך פֿיל מאָל אום. וואָס

פֿאַרא פֿאַרבנרײַכע פערזענלעכקייט! וואָס פֿאַרא שטאַרקער, שאַפֿערישער מוח! וואָס פֿאַרא דינאַמישער שאַפֿער און גאָטגעבענטשטער אָרגאַניזאַטאָר! אַ היסטאָריקער פֿון באַרוף איז אים אויך נישט פֿרעמד געווען אַלע אַנדערע וויסנשאַפֿט־געביטן. גאָר יונג איז ער געוואָרן אַ מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פֿון דער אַלאוקראַיִנישער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע. דאָס איז ער געווען דער גרינדער פֿון דער ייִדישער אַקאַדעמיע און שפּעטער פֿון וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור.

ווען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז אויסגעבראָכן איז יוסף ליבערבערג אַלט געווען 18 יאָר. מיט זײַן גאַנצן ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט האָט ער זיך איבערגעגעבן דער זאַך פֿון דער רעוואָלוציע. די פּאַרטיי האָט אים געשיקט אויף אַלע געפֿערלעכע פֿראָנטן. ער האָט איבערגעריסן דאָס שטודירן אין אוניווערסיטעט און געוואָרן אַ שלאַכטמאַן אין דער רויטער אַרמיי. 6 יאָר האָט ער ווי אַן אָפֿיציר אָנגעפֿירט מיט די שלאַכטן קעגן פּעטליורעס און דעניקינס באַנדעס, און גלײַכצײַטיק זיך פֿאַרנומען מיט זשורנאַליסטיק.

נאָכן פֿאַרענדיקן דעם קיִעווער אוניווערסיטעט נעמט ער זיך צו פֿאָרש־אַרבעטן; עס דערשײַנען איינס נאָכן אַנדערן זײַנע ביכער. און דער וויסנשאַפֿטלער־פֿאָרשער איז דערבײַ אַ טאַלאַנטירטער רעדנער. אין די יאָרן פֿון עקזיסטענץ פֿונעם אינסטיטוט איז ער דאָס האַרץ און די נשמה פֿון דער דאָזיקע אינסטיטוציע.

פֿאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז אַזאַ ייִד געוואָרן צו פֿיל אָנגעזען, צו פֿיל שעפֿעריש. שיקט מען איך אָוועק קיין ביראָבידזשאַן אין יאָר 1936. ווו ער ווערט פֿאָרזיצער פֿון אויספֿירקאָם פֿון דער כלומרשט ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. אַ יאָר שפּעטער רופֿט מען אים אַרויס קיין מאָסקווע, כלומרשט אין אַ שליחות. ס׳איז אָבער געווען אַ פּאַסטקע, ער ווערט אַרעסטירט. אין 1937 ווערט ער דערשאָסן. פֿאַרוואָס? אַן שום פֿאַרוואָס, מ׳האָט געדאַרפֿט אים ליקווידירן ווי אַ ייִדישע אָנפֿירנדיקע פערזענלעכקייט. אַלע שפּורן פֿון אים זענען פֿאַרשוווּנדן. דער זעלבער גורל האָט געטראָפֿן אַלע אַנדערע אָנפֿירער, פֿאָרשער, פּראָפֿעסאָרן, אַספּיראַנטן פֿון אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור.

צו אילוסטרירן וואָסערע געטרײַע קאָמוניסטן ס׳זענען אומגעבראַכט געוואָרן, נאָר דערפֿאַר ווײַל זיי זענען געווען ייִדן, ייִדישע שאַפֿערס, איז כדאי זיך אָפּצושטעלן, ווי דאָס טוט ברייט די מחברין אויפֿן ייִדיש־סאָוויעטישן ליטעראַטור־קריטיקער און פּראָזאיקער אברהם אַבטשוק.

דער יונגער אַבטשוק איז, ווי פֿיל אַנדערע יונגע קאָמוניסטן אַנטלאָפֿן קיין סאָוויעט־רוסלאַנד פֿון אַ קליין וואָלינער שטעטל, וווּ ער האָט מיט מסירת־נפֿש אָנגעפֿירט מיט קאָמוניסטישער טעטיקייט, פֿאַר וועלכער ס׳האָט אים געדראָט אַרעסטירט צו ווערן. האָט ער געשוואַרצט די גרע־נעץ זיך אַפּצוראַטעווען פֿון אַ פּוילישער תּפֿיסה. אין קיִעוו איז ער געוואָרן אַ לערער אין אַ ייִדישער שולע און ס׳האָט אים צוגעשפּילט דאָס גליק גלײַך אָנגענומען צו ווערן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. הײַנט ווי גליקלעך איז ער געווען ווען ס׳האָט זיך פֿאַרווירקלעכט זײַן חלום צו קענען שטודירן — ער איז געוואָרן אַ סטודענט אין דער אַספּיראַנטור פֿון דער ליטעראַרישער סעקציע, אין וועלכער ער איז דערנאָך געוואָרן אַ וויסנשאַפֿטלעכער מיטאַרבעטער. גלײַכצײַטיק האָט ער זיך געוואָרפֿן צו ליטעראַטור־קריטיק. און בײַ אַלע זײַנע באַשעפֿטיקונגען איז ער געווען דער שטרענגסטער אַפּהיטער פֿון פּאַרטייאישער כּשרות. שרײַבער האָבן געהאַט פֿון אים צו זינגען און צו זאָגן. ס׳איז באַקאַנט געווען זײַנער אַן אַרטיקל „אויף פֿרעמדע וועגן״, אין וועלכן ער האָט בײַ אַ היפּשער צאָל שרײַבער געפֿונען געפֿערלעכן ליבעראַליזם. מיט איין וואָרט: ער איז געוואָרן דער געטרײַסטער פּאַרטייאישער אויפֿזעער איבער דער ייִדיש־סאָוויעטישער ליטעראַטור. אברהם אַבטשוק איז געווען אַ קאָמוניסט, וואָס האָט אָפּגעהיט דעם קאָמוניסטישן שולחן־ערוך מיט דער גרעסטער אײַפֿערי־קייט. אויב ס׳רוב פֿון די ייִדישע קולטור־טוער און שאַפֿערס האָבן צוליב די פּענטעס וואָס די פּאַרטיי האָט אַרויפֿגעלייגט אויף זייערע טווּנגען, געפֿירט אַ טאָפּלט לעבן, אין געהיים געפּרווּט די פּענטעס לײַכטער מאַכן, אָדער פּשוט געלעבט אין ליגנס, געטראַכט אַנדערש ווי זיי האָבן געטאָן, האָט אַבטשוק מיט פֿאַרגעניגן די פּענטעס געטראָגן און געווען אין אָרדענונג אי מיט דער פּאַרטיי, אי מיט זיך גופֿא.

אַבטשוקן איז אָבער באַשערט געווען צו ווערן אַ פּראָזאַיִקער און דאָ קאָן דער פֿאָרזיכטיקסטער מענטש זיך אויסגליטשן. אין זײַן דערציי־לונג „הערשל שאַמיי״ האָט ער זײַנע פּערסאָנאַזשן געוויזן אַזוי ווי זיי זענען און נישט אַזוי ווי זיי דאַרפֿן זײַן. ער האָט זיך אָבער גיך געכאַפּט וואָס ער האָט אָפּגעטאָן און אין דער צווייטער טייל דערציילונג, וואָס איז דערשינען אין 1934, זענען שוין אַלע העלדן גאָר־גאָר פּאָזיטיוו. דער זעלבער הערשל שאַמיי, וואָס האָט פֿריִער קריטיקירט, פּראָטעסטירט קעגן די שלעכטע פּאַראַנדקעס אין אַ פֿאַבריק, איז ווי מיט אַ כּישוף־שטעקעלע געוואָרן אַ באַוווסטזיניקער פּראָלעטאַריער, אַ מוסטערהאַפֿטער

בויער פֿון סאָציאַליזם. דאָס זעלבע קומט פֿאָר מיט אַלע אַנדערע פֿער־סאָנאַזשן.

צי האָט דאָס דעם ייִדישן שרײַבער אָפּגעראַטעוועט?

בלויז אויף אַ שטיקעלע צײַט. אַבטשוק האָט זיך אויך פֿאַרנומען מיט פֿאַרשאַרבעט, מיט לײַב און לעבן זיך אָפּגעגעבן צוצוגרייטן אונטער דער אויפֿזיכט פֿון מאַקס עריק אַ בוך ליטעראַטור־פֿאָרשונג, וואָס איז אַגב דערשינען אונטערן טיטל „עטיודן". דערווײַל זענען אונטערגעקומען די שוואַרצע יאָרן, 1936־1937, די פּראָצעסן קעגן זינאָוויעוו, קאַמענעוו און אַנדערע. ס'האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ שדים־טאַנץ אַרום קאָנטררעוואָלוציאָ־נערן טראָצקיזם. אויך אין דער ליטעראַטור, אין דער וויסנשאַפֿט האָט מען געזוכט טראָצקיזם. מ'האָט זיך דערמאָנט אין אַבטשוקס „הערשל שאַמיי". מ'האָט אָנגעהויבן זוכן קאָנטררעוואָלוציאָנערע קאָנטרעבאַנדע אין זײַן בוך „עטיודן" און אַז די נ.ק.וו.ד. זוכט, געפֿינט זי. באַלד איז זײַן נאָמען דערמאָנט געוואָרן אין „מינסקער שטערן" צוזאַמען מיט אַן ענלעכן „פֿאַרברעכער".

אַברהם אַבטשוק, דער שטרענגער, איבערגעגעבענער קאָמוניסט, איז מיט איין מאָל געוואָרן אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערער פֿאַרברעכער. ער האָט זיך דערפֿילט ווי אַ געיאָגטע חיה בעת אַ יאגד. וואָס טוט מען נישט אַרײַנצופֿאַלן אין דער נעץ? אויפֿן פֿאַרלאַנג פֿון זײַן פֿרוי איז ער אין געהיים אַוועק אין אַ קוראָרט, אין קרים. אפֿשר וועט דער שטורעם דורך? אבי דערווײַל זיי אַראָפּגיין פֿון די אויגן. אָבער די נ.ק.וו.ד. האָט אים אויך דאָרט באַלד געפֿונען און אַלע שפּורן פֿון אַבטשוקן זענען פֿאַרשוווּנדן ביז הײַנטיקן טאָג.

קעגן אברהם אַבטשוקן האָט מען כאָטש פֿריִער אַרויסגערוקט אַ „קאָנקרעטע" באַשולדיקונג, כּדי אים צו אַרעסטירן און אומברענגען. שפּעטער האָט מען זיך אין אַזעלכע פֿאָרמאַליטעטן נישט געשפּילט. דער אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור איז אין 1936 ליקווידירט געוואָרן, אַלע פֿאַראַנטוואָרטלעכע פֿאַרן אינסטיטוט, די פּראָפֿעסאָרן, פֿאָרשער, אַספּי־ראַנטן האָבן געטיילט דעם גורל פֿון אַבטשוקן. אסתר ראָזענטאַל־שנײַדער־מאַן שטעלט זיי אין אירע ביכער־מעמוארן אַ ווירדיקע מצבה.

בי̇כער פֿון דער זעלבער מחברין:

1) עסייען און סקיצן (ליטעראַטור־קריטיק)
פֿאַרלאַג „יידיש־בוך", וואַרשע, 1965

2) פֿון היינט און נעכטן (נאָוועלן),
פֿאַרלאַג „יידיש־בוך", וואַרשע, 1965

3) נאָכן מבול (ראָמאַן), פּרעמירט דורכן „יעקב־פֿישמאַן־פֿאָנד פֿאַר ליטעראַטור, קונסט און יידישער מחשבה" אין אויסטראַליע
פֿאַרלאַג „יידיש־בוך", וואַרשע, 1967

4) **אָפּגעריסענע צווייגן (נאָוועלן), פּאַריז, 1970**

5) צווישן שטורעמס (ראָמאַן), **פֿאַרלאַג „פֿריינדשאַפֿט", בוענאָס־איירעס, 1974**

6) אין גאַנג פֿון צייט. עסייען. (שאַפֿערס און שאַפֿונג) **באַקומען גאַנאַ־פּאָלסקי ערן־פּרייז, פּאַריז, 1976**

7) פֿון ווייט און נאָענט (נאָוועלן און דראַמאַטורגישע סקיצע וועגן יאַנוש קאָרטשאַק). — פּרעמירט דורכן „פֿערנאַנדאַ־כענאַ־פֿאָנד" אין מעקסיקע, **פּאַריז, 1978**

8) נישט פֿאַרענדיקטע בלעטלעך (ראָמאַן), פּרעמירט דורכן יידישן פּען־קלוב אין ניו־יאָרק, **פֿאַרלאַג „ישראל־בוך", תל־אָביב, 1982**

9) אויף די כוואַליעס פֿון גורל (נאָוועלן, דערציילונגען, עסייען). **באַקומען** די „יידל־קאָרמאַן פּרעמיע" אין פּאַריז, 1986

10) **געשטאַלטן און פּאַסירונגען (נאָוועלן, דערציילונגען, עסייען) פּאַריז, 1991**

11) **עכאָס פֿון אַ ווייטן נעכטן, דערציילונגען, חומש־מעשהלעך, עסייען** **און סקיצן.** פֿאַרלאַג „ישראל־בוך", **תל־אביב, 1993.**

דער מעקסיקאַנער יידישער קאָמיטעט אויפֿן נאָמען פֿון „פֿערנאַנדאַ כענאַ" האָט אין לעצטן חודש פֿון היינטיקס יאָר צוגעטיילט אַ ליטעראַרישע פּרעמיע דעם בוך „געשטאַלטן און פּאַסירונגען".

✶

12) **איבערזעצונג פֿון פֿראַנצויזיש:**
בריוו פֿון טויטן־הויז.
פֿאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע 1953

13) איבערזעצונג פֿון פּויליש:
דער וועג צום הימל (אויסגעוויילטע ווערק פֿון אַדאָלף רודניצקי
פֿאַרזען מיט אַ גרעסערער אָפּהאַנדלונג וועגן דער שאַפֿונג פֿונעם
שרײַבער). פֿאַרלאַג „יידיש בוך‟, וואַרשע 1962

אין דער פּוילישער שפּראַך:

14) דאָס וויעטנאַמישע פֿאָלק אין קאַמף (עסייען, סקיצן)
פֿאַרלאַג „קשאַנזשקאַ אי וויעדזאַ‟, וואַרשע, 1954
15) יידישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין פֿראַנקרײַך (עסיי)
פֿאַרלאַג „קשאַנזשקאַ אי וויעדזאַ‟, וואַרשע, 1959
16) אין לויף פֿון צײַט (דערציילונגען, נאָוועלן, עסייען)
(דאָס זעלבע אין יידיש) פּאַריז, 1988

אין פֿראַנצויזיש:

17) Korczak un homme, un symbole
Editions "Magnard", Paris, 1900

חוץ די דאָ דערמאָנטע פּרעמיעס, באַקומען די פּרעמיע פֿון יידישן שרײַבער און ליטעראַטן־פֿאַראיין אין פֿראַנקרייך פֿאַרן יאָר 1987, פֿאַר איר גאַנצער שאַפֿונג.

אינהאַלט

דערציילונגען

צוליב צוויי קליינע זאַצן 7
דער וועג צום לעבן 13
דער לעצטער טאָג 22
די לעצטע נאַכט 31
די פּאַפּירענע אותיות 40
דער ויכּוח צווישן פּאַפּיר און אותיות (אַ מעשׂהלע) . . 47
דאָס אינדזל פּאַלאַפּאַלופּולו 50
דער לערער זאַמינסקי און זיין שילערין רבקהלע . . 57

חומש־מעשׂהלעך

אַלץ צוליבן ווייב, אָדער — דער ערשטער סיכסוך
צווישן מענטש און גאָט 71
אדם און חוה מאַכן אַן אַפּעלאַציע צו גאָט . . . 75
קין און הבל, אָדער — די אומשולדיקע שולד . . . 77
ווי אַזוי אברהם אבינו האָט געוואָלט ראַטעווען סדום . . 84
די זינד פון דור הפלגה 87
פאַרוואָס משה איז נישט אַנגעקומען אין
צוגעזאָגטן לאַנד 90

עסייען און סקיצן

די גייסטיקע און קולטורעלע פאַרמעגנס
פון פּוילישן יידנטום 99
גירוש שפּאַניע — מיט 500 יאָר צוריק 112
אויף די שפּורן פון די אַמאָליקע מאַראַנען . . . 125
שמשון אַפּטערס לעצטער ראָמאַן 138
דער חשבון (אויפן ראַנד פון בוך „אומשלאַגפּלאַץ") . 151
געפּעלשטע געשיכטע אויף עקספּאָרט 156
צו דער 10טער יאָרצייט פון משה שולשטיין . . . 161

צו דער 50סטער יאָרצײַט פון ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע . 165

דער מענטש און דער שעפער (צו דער 25סטער

י״צ פון פראָפ׳ בער מאַרק 169

איבערזעצונג — אַ בריק פון קולטור־פאַרוואַנדשאַפט . 174

צום 90סטן געבוירן־יאָר פון ד״ר עמנואל רינגעלבלום . 178

לא זו הדרך 190

דאָס טראַגישע לעבן פון חיים סוטין 200

געראַנגל פון אויפגאַנג און אונטערגאַנג 221